This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

8

1989

היימלאַנד



עס טרעטן ארויס די זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון פון קיִעוו, טשערנאָוויץ,
גאָרקי און באַקו

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע

8
אויגוסט
1989

אינהאַלט

יאנקל יאָסאדע. איציק וויטנבערג (טראגע־דיע אין צוויי אקטן) 4
יאנקעוו שטערנבערג. ניט־פובליקירטע לידער 44
דערינערונגען וועגן יאנקעוו שטערנבערגן. מאָטל פּאָליאנסקי. מײַן גאסט אין טשערנאָוויץ 50
מאניע לאנדמאן. מיט די אויגן פון א מאַ־שיניסטקע 52
שאָלעם־אלייכעם. דער בלוטיקער שפּאס (ראָ־מאַן. פֿאָרזעצונג) 54
ייִדישע קולטור־נײַעס 74
באָריס מאָגילנער. זעונג (ליד) 75
הערשל פּאָליאנקער. אין יענע שווערע יאָרן (פֿאָרזעצונג) 76
צו אונדזער מעמאָריאַל. דאָס לעבן און שאַפונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שריפטשטעלער — קאָר־באַנעס פונעם סטאַלין־טעראָר. ה. בריל (1901 — 1937), כאיִם גילדין (1884 — 1944), זאָרעך גרינבערג (1887 — ?) 110
אין היסטאָרישן אספּעקט... וועגן דעם פּערזאָנען־קולט און זײַנע פֿאָלגן 114
וועג־נאָטיצן. אנדריי אָסטאָלסקי. זיבן טעג אין ייִסראָעל 131
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. זאלמען ליבינ־זאָן א פֿאָרשער, א קריטיקער, א קעמפער 137
ליטעראַטור־געשיכטע. אושער ספּעקטאָר. איסאַק באַבעל. עטוואָס וועגן דער געשיכטע פון זײַנע לעצטע ווערק 145
קורצע רעצענזיעס. מוישע מאַרגאָלין. שע־פֿערישע רײַכקייט 149
שימען סאנדלער. א וויכטיקער רעכטצײַ־טיקער אופטו 152
הירש רעלעס. אָריגינעל און טאלאַנטפול . . 154
א בריוו פון קעשענעוו. סערגאָ בענגעלס־דאָרף. דער אָנהייב פונעם וועג 159
ייִדישע געשיכטע. נ. מ. ניקאָלסקי. דאָס אוראַלטע פֿאָלק ייִסראָעל 162
רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפֿאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי, ב. מאָגילנער,
כ. מעלאַמוד, ב. סאַנדלער,
ג. עסטרײַך (פֿאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער, י. שרײַבמאַן

צו די געזעלשאַפטן, קלובן, צענטערס און אַסאָציִאַציעס פון דער ייִדישער קולטור,
צו די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״,
צו אַלע ליבהאָבער פונעם ייִדישן קינסט־לערישן וואָרט.

אין קומענדיקן יאָר וועלן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאַרעפנטלעכט ווערן אייניקע אוניקאַלע ווערק, וועלכע זײַנען ביז איצט ניט באַוווּסט דעם ברייטן לייענער:

די ייִדישע אגאָדעס, וועלכע ס'האָט זײַנערצײַט צונויפגע־זאַמלט און איבערגעזעצט אויף ייִדיש דער גרויסער ייִדיש־העברעיִשער דיכטער כאַיִם־נאַכמען ביאַליק צוזאַמען מיט זײַן פרײַנט און מיטאַרבעטער יאָשוע־כאָנע ראַווניצקי;

אינעם אָפּטייל „ייִדישע גע־שיכטע״—די פאָרזעצונג פונעם כראָנאָלאָגישן קורס לויט די ווערק פון שימען דובנאָוו און אַנדערע ייִדישע היסטאָריקער.

עס וועט אײַנגעפירט ווערן א נײַער אָפּ־טייל—„אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער זינגליד״ (מאַרק וואַרשאַווסקי, מאָרדכע געבירטיג, פּאָפּולערע פאָלקסלידער).

„סאָוועטיש היימלאַנד״ וועט עפענען א ווינקל אַף צו טיילן זיך מיט דער דער־פאַרונג פון לערנען ייִדיש און א ספּעציִעלן אָפּטייל „נײַס פון ייִדישער קולטור־טעטי־קײַט״.

אין דער ביכער־בײַלאַגע צו „סאָוועטיש היימלאַנד״ וועט פאַרגעזעצט ווערן דאָס „זשורנאַלעכל אין זשורנאַל״—„יונגוואַלד״.

דאָס מאַמאָשעסדיקע, וואָס אין דער אַבאָנירקאַמפּאַניע אַפן 1990 יאָר קאָנט איר אָפּטאָן לטובֿת דעם ווײַטערדיקן קיִעם פון דער ייִדישער קולטור, איז—צו־ציִען נײַע לייענער פונעם זשורנאַל „סאָ־וועטיש היימלאַנד״.

גיט אונדז צו וויסן וועגן די דערגריי־כונגען אין אָט דעם פּראַט.



יאנקל יאָסאדע

איציק וויטנבערג

טראגעדיע אין צוויי אקטן

פּערזאָנען:

איציק וויטנבערג
מיריאם
קאַרפל
מאָזעס
וווּלף
טערעסע
טינאָווסקי
יוסעף
אײַזיק
מילענאס
גײַסטלעכער

ווילנער געטאָ, 1943

ערשטער אקט

בילד 1

א גרויסער האלב־פינצטערער קעלער אונטער א צווייסטאָקיקן מויער אפן פּאָדערפלאַן — א לאַנ־גער טיש און עטלעכע טאבורעטקעס. איבערן טיש הענגט אף א שנור א שוואך לײַכטנדיק עלעקטריש לעמפּל. פון רעכטס און פון לינקס, אונטער אַרקעס — נישעס, אין וועלכע עס שטייען אײַזערנע בעט־לעך. אין דער הינטערשטער וואנט, זייער נידעריק — עטלעכע פארגראטעוועטע פענצטערלעך. פון פאָרנט, בא א קליין טישל, זיצט באם ראַדיאָ־אפּאראט אײַזיק.

וויטנבערג קומט ארײַן.

וויטנבערג. גוט־מאָרגן, אַראקול. נו, לייגט ארויס אײַערע נײַס.

אײַזיק. מאָסקווע ציילט נאָך אלץ אירע טראָפּייען.

וויטנבערג. בערלין?

אײַזיק. גיסט טרערן.

וויטנבערג. און לאָנדאָן?

אײַזיק. ווי איר שטייגער, ווארט. דער כיטרינקער טשערטשיל זאָל דערקלערן, ווער האָט פּאולױסן געלייגט אף די לאָפּאטקעס — די רויטע ארמיי, אָדער דער רוסישער ווינטער?

וויטנבערג. און ווי, אַראקול, מיינט איר?

אײַזיק. ס'איז געשען א נעס.

וויטנבערג. ניט שוין זשע גלייבט איר נאָך אין ניסים?

אײַזיק. קאָמענדאנט, דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס א ייִדן איז נאָך פארבליבן.

וויטנבערג. אויב אזוי, אײַזיק, וועל איך אײַך דערציילן, וואָס איך האָב אָקאָרשט געזען הינטערן פענצטער.

אײַזיק. א גרויע צעקרישלטע וואנט.

וויטנבערג. א פארגאָסענע פון זונענשײַן!

אײַזיק. האליוצינאציעס, קאָמענדאנט. הײַנט איז א כמורנער טאָג.

וויטנבערג. זײַט איר בלינד.

אײַזיק. אָבער ניט טויב.

וויטנבערג. אויב אזוי, שליסט איַין אײַער קעסטל.

אײַזיק (שליסט אײַן די ראַדיאָ, פּרוּווט פארשיידענע סטאנציעס). א!..

א שטים דורכן רופאַר: דרײַצנטער אינדזל! הערט אונדז! דאָ רעדט אײַער צענטער. הײַנט, אכט נול־נול איז צו אײַך ארויס אונדזער פארבינדלער. באגעגנט זי אין אָפּגערעדטן אָרט. מיר באגריסן אײַך מיטן גרויסן זיג. היטלערס סאָף איז נאָענט, גרייט זיך! מיט אנטיפאשיסטישע גרוסן און ברידערלעכע ווונטשן...

וויטנבערג (רופט). היי! מיריאם! מאָזעס!.. קומט אהער!.. גיכער!

אײַליק קומען ארײַן מאָזעס, מיריאם און קארפּל.

פרײַנט מײַנע, א פריידיקע ידיעה. ענדלעך איז די פארבינדלערן ארויס.

קארפּל. א דאנק דיר, ריבוינעשעלוילעם.

מיריאם. קארפל, ניט אײַער גאָט דאנקט, נאָר סטאלינגראד.

וויטנבערג. איצט טאָרן מיר ניט פארלירן קיין איין מינוט. (רופט). וואָלף!

וואָלף קומט ארײַן.

די פארבינדלערן איז שוין אין וועג. נעמט צונויף די גרופּע און טיילט פאנאנדער געווער און קוילן. מאָזעס! גייט מיט וואָלפן. נעמט איבער די אָנפירונג.

מאָזעס. איך?

מיריאם. אזוי ווי ס'איז באשלאָסן.

מ אָ ז ע ס. איך האָב אײַך שוין ניט איין מאָל געזאָגט, אז אין וואלד וועל איך ניט גיין. איך וועל ניט קעמפן זײַט בא זײַט מיט ליטווינער, פאָליאַקן אָדער רוסן. איך טרוי זיי ניט. זייער סינע צו מיר איז גרעסער ווי זייער סינע צו די דײַטשן און זיי וועלן מיר שיסן אין רוקן.

מ י ר י א ם. אָט אזוי רעדט א פּאַכדן.

ו י ט נ ב ע ר ג (שטרענג). מיריאם!

מ אָ ז ע ס. רעגט זיך ניט אוף, מײַנע הערן. מײַן פּאַכדאָנעס האָב איך דערשטיקט אין זיך אין יענער רעגע, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אריבער די שוועל פון געטאָ. דאַן האָב איך פארשטאנען, אז איך בין פארמישפּעט צום טויט און מײַן לעבן איז ניט ווערט קיין גראָשן.

ו י ט נ ב ע ר ג. טאקע דערפאר, מאָזעס, זײַט איר דער פּאסיקסטער קאנדידאט איבערצונעמען די גרופּע.

מ אָ ז ע ס. איך כאזער איבער: מײַן אָרט איז דאָ, אין געטאָ, צוזאמען מיט אלע ייִדן.

מ י ר י א ם. איך לייג פאָר מאָזעסן צו באזײַטיקן פון שטאב פארן ברעכן די דיסציפּלין פון אונדזער אָרגאַניזאציע.

ו ו ל ף. קאָמענדאנט, וואָס בעט איר זיך בא אים? צווינגט אים אײַך צו פאָלגן. נעמט ארויס אײַער שפּײַער.

ו י ט נ ב ע ר ג. אָט דאָס איז די זאך, טײַערער וואָלף, וואָס דאָס קאָן איך ניט טאָן. דערווײַל געפינען מיר זיך אין געטאָ און ניט אָפ אונדזער פארטיזאנער־באזע. דאָ האָב איך רעכט (ווײַזט אָף מאָזעסן) אים צו איבערצײַגן, צו בעטן, צו דערווײַזן, אין לעצטן פאל, הייסן, וועט ער וועלן, וועט ער מיר פאָלגן, וועט ער ניט וועלן, זאָגט ער אונדז „א גוטן" און ווײַזט אונדז דעם רוקן. לײַדער...

מ י ר י א ם (שלאָגט איבער). נו, איצט האָבן מיר קיין צײַט ניט זיך צו אמפּערן. באַשטימט א צווייטן אָף זײַן אָרט.

ו י ט נ ב ע ר ג. לאָמיר באטראכטן... איך לייג פאָר וואָלפן.

ק א ר פּ ל. ער פּאסט. האיאדאיים יאָדעי אייסעוו[1].

מ י ר י א ם. איך בין פאר.

מ אָ ז ע ס. מאסקים.

מ י ר י א ם. אָבער, באוויירים, מאָזעסעס איניען טאָרן מיר אזוי ניט איבערלאָזן, איך לייג פאָר אים צו באהאנדלען...

ווער איז געווען איציק וויטענבערג[2]

איציק וויטענבערג

דער אָרגאניזאטאָר און באגײַסטערער פון דער פארטיזאני־שער אָרגאניזאציע אין געטאָ, איר קאָמאנדיר איז געווען איציק וויטענבערג, געבוירן אין 1907 אין ווילנע, אין אן ארבעטער־מישפּאָכע. ער האָט געענדיקט א ייִדישע פאָלקס־שול און אוועק זיך לערנען שטעפּערײַ. אין די אָוונטן, ווי עס דערציילן זײַנע כאווירים, האָט ער א סאך געלייענט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פּילזײַטיקע אינטערעסן.

גאנץ יונג האָט ער גענומען ארבעטן אין דער פּראָפעסיאָ־נעלער באוועגונג. ער האָט געהערט צו דער פּוילישער קאָ־מוניסטישער פּארטיי. ער האָט באקומען די אלגעמיינע סימפּא־טיע פון די ארבעטער. אין 1936 האָט מען אים אויסגעקליבן אלס פּאָרזיצער פון פּראָפעסיאָנעלן פאריין פון לעדער־ארבע־טער, וועלכן עס פלעגט אָפט אויסקומען צו ארבעטן אין אומ־לעגאלע באדינגונגען. ער איז אויך געווען א מיטגליד פונעם ראט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען אין ווילנע.

סאָף אָקטיאבער 1939 האָט ער זיך, אין שײַכעס מיט דער נײַער פּאָליטישער סיטואציע, באזעצט אין ווײַסרוסישן שטעטל דאָקשיץ, ווו ער האָט זיך פארנומען מיט פּאָליטישער און קולטורעלער ארבעט. אין יאָר 1940, נאָך דער אויסבילדונג פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק איז ער צוריקגעקומען קיין ווילנע. ער איז געוואָרן דער פּאָרזיצער פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאריין פון די לעצער־ארבעטער. באם אויסברוך פון דער סאָוועטיש־דײַטשישער מילכאָמע האָט וויטענבערג ניט באוויזן זיך צו עוואקויִרן פון ווילנע.

---

[1] הענט — אייסעווס הענט (בערײשיס 22:27); דאָ: ער פּאסט, כאָטש ער זעט אויס אנדערש.
[2] אין יאנקל יאָסאדעס פּיעסע — וויטנבערג.

וויטנבערג (שלאָגט איבער). נאָר ניט היינט. מיר שיקן ארויס אונדזערע יאטן אין וואלד, דאָס מאָל — אויסגעשולטע, באוואָפנטע, דארפן מיר אָפּמערקן די פריידיקע געשעענישן. זאָל זיין יאָמטעוו... ווער פון אייך נעמט זיך אָן צו אָרגאניזירן א פלאש מאשקע?

אייזיק. מאשקע וועט זיין!.. (מיט א ניגון):

און אז דער רעבע עלימיילעך
איז געוואָרן לוסטיק פריילעך,
איז געוואָרן לוסטיק פריילעך ע־לי־מיי־לעך...

יוסעף קומט אריין.

יוסעף. טאטע! איך האָב דיר וואָס צו זאָגן. זייער וויכטיקס!

וויטנבערג זאָג.

יוסעף. אויבן ווארט טינאָווסקי.

אלע (דערשטוינטע). טי־נאָוו־סקי?!

וויטנבערג. ער איינער?

יוסעף. איינער.

מיריאם. עמעצער האָט ארויסגעגעבן אונדזער מאלינע!

יוסעף. ער וויל ריידן נאָר מיט דיר. דער איניען, זאָגט ער, איז זייער אײַליק.

מיריאם. האָסטו אים געדארפט זאָגן, אז דו קענסט ניט קיין וויטנבערגן.

יוסעף. טאטע, ער האָט געבעטן דיר איבערגעבן, אז דיין לעבן שטייט אין געפאר און ס'איז טייער יעדע מינוט.

די שטאביסטן שווייגן.

וואָלף. קאָמענדאנט, דעדרלויבט מיר. איך וועל ארויסגיין צו אים. איך וועל זאָגן, אז איך בין וויטנבערג.

וויטנבערג. גלייכער זאָל גיין מאָזעס.

מאָזעס גייט.

וואָלף. היי! ווארט! איר האָט מיט זיך אײַער שפייער?

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאר אים א שווערע צייט. מע האָט אים געזוכט ווי א קאָמוניסטישן טוער. ארבעטן אין א דײַטשישער אונטערנעמונג איז ער ניט געגאנגען, און דאָס האָט נאָך מער געשטעלט זיין לעבן אין סאקאָנע. דאָ, אין די זיבן בלוטיקע געסלעך, האָט אים פארכאפּט בלויז איין געדאנק: צו־גרייטן א באוואָפנטן ווידערשטאנד קעגן דעם דײַטשישן אָקופּאנט. דער סעקרעטאר פון דער אונטערערדי־שער קאָמוניסטישער פארטיי־אָרגאניזאציע אין שטאָט, איינער פון די אקטיוויסטע פ.פ.אָ.־קעמפער בערל שערעשניעווסקי, האָט מיר געזאָגט וועגן וויטענבערגן: „ער איז געווען א פּאָליטיש געשול־טער מענטש. אין די שווערסטע סיטואציעס פון אונדזער קאמף אין געטאָ האָט ער געפונען אן אויס־וועג. ער איז געווען דרייסט און קלוג. יעדער סיטואציע פלעגט ער באטראכטן רויִק מיט זיין כאראק־טעריסטישער קאלטקייט". אבא קאָוונער, וויטענבערגס פארטרעטער, גיט צו: „ער איז געווען איינער פון די אופריכטיקסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען־ניט־איז געזען אין לעבן. דעריקער האָט מיך באַ־גײַסטערט זיין פּאָשעטע און אָביעקטיווע באהאנדלונג פון פּראָבלעמען".

וויטענבערג, און זיין מיינונג האָט אָנגענומען דער שטאב, האָט געהאלטן: דער ציל פון דער פּאר־טיזאנישער אָרגאניזאציע אין געטאָ דארף זיין פארטיידיקן די באפעלקערונג פון געטאָ אין געטאָ גופא. אויב די אָרגאניזאציע זאָל אוועקגיין פון געטאָ, וועט עס הייסן, אז מיר לאָזן איבער אף טויט די אומבאוואָפנטע באפעלקערונג.

ווען עס האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן פאראייניקן זיך מיט דער פּארטיזאנישער באוועגונג אין וואלד, האָט זיך וויטענבערג געהאלטן בא דער מיינונג: ווען מיר וועלן זיך דערוויסן, אז מע פארמעסט זיך אומצוברענגען די געטאָ, וועלן מיר רופן די באפעלקערונג אונטער דער שוץ פון אונדזער געווער דורכרײַסן די טויערן און אוועקגיין אין וואלד. אגעוו, איז בא וויטענבערגן געווען א פּלאן: באם פארלאָזן די שטאָט אונטערצוצינדן אלע מיליטערישע אָביעקטן. דער דאָזיקער פּלאן וויטענבערגס האָט געגאָלטן ווי א שטעלונג פון דער פ.פ.אָ. ביזן 16־טן יול 1943.

דעם 9־טן יול 1943 זיינען ארעסטירט געוואָרן אייניקע מיטגלידער פונעם שטאָטישן פּארטיי־קאָמיטעט. אף מאָרגן איז קיטעל געקומען אין געטאָ און געפאָדערט וויטענבערגן.

ווי א באווײַז, אז וויטענבערגן דארף מען בלויז אויספאָרשן, האָט קיטעל פריִער ארעסטירט איינעם אן אווערבוך און נאָך דער אויספאָרשונג אים גלײַך באפרײַט. זאָל קומען אויך וויטענבערג, וועט

ק א ר פ ל. צו וואָס? דאָס איז ניט נייטיק.

מ י ר י א ם. ווײַל דער ייִדישער דין דערלויבט ניט?

ק א ר פ ל. מיריאַם, דער ייִדישער דין הייסט אין אַלע פאַלן האָבן א קאָפּ אױף די פּלייצעס.

ו י ט נ ב ע ר ג. איז נעמט מיט בײדע זאַכן.

מאָזעס און יוסעף אָפּ.

מ י ר י א ם. כאַוויירים, צווישן אונדז געפינט זיך א פאַרעטער.

ק א ר פ ל. ווו — צווישן אונדז? אין שטאַב?

מ י ר י א ם. אַזוי זאָגט דער גראַדער סייכל.

ו י ט נ ב ע ר ג. טשיקאַווע, מיריאַם, אַז דאַפקע איר, די פאַרשטייערן פונעם שיינעם מין, האַלט פון סייכל מער ווי מיר, מענער.

מ י ר י א ם. ענדלעך, כאַווער וויטנבערג, האָט איר אַנטפּלעקט, אַז איך געהער צום שיינעם מין. א גרויסן דאַנק אײַך.

ו י ט נ ב ע ר ג. איז אַנטפּלעקט אונדז דעם סאָד, ווּעמען זײַט איר כוישעד?

מיריאַם שווײַגט.

ו ו ל ף. מיך?

מ י ר י א ם. יעדן איינעם.

ו ו ל ף. אַפילע אונדזער קאָמענדאַנט?

מ י ר י א ם. אָ, ניין, כאַווער וויטנבערג, אײַך טרוי איך הונדערטפּראָצענטיק און נאָך מער.

ו י ט נ ב ע ר ג. כאַ־כאַ... און זיך, טשיקאַווע, טרויט איר?

מאָזעס קומט צוריק.

מ אָ ז ע ס. דער פּאַרזיצער פון יודנראַט לאָזט זיך ניט פירן פאַר דער נאָז. ער טײַנעט, אַז ניט איך בין וויטנבערג.

ו י ט נ ב ע ר ג (שמעלט זיך אויף). ווער וויל מיך באַגלייטן?

מ י ר י א ם. איך! (נעמט אַרויס איר רעוואָלווער און לאָדט אים אָן).

וויטנבערג און מיריאַם גייען אַוועק.

ב י ל ד 2

א קיך־צימערל. אין ווינקל שטייט אַן אײַזערן בעטל, דערבײַ — א טישל מיט א טאַבורעטקע. דורכן פענצטער זעט זיך א גרויע צעקרישלטע וואַנט. טינאַווסקי וואַרט. וויטנבערג קומט אַרײַן.

ו י ט נ ב ע ר ג. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין געטאָ איז ניטאָ אַזאַ מאַלינע, וווּ מע זאָל קאָנען זיך באַהאַלטן פון אײַך.

מען אים אויך אויספאָרשן און באַפרײַען. אױף קיטעלס שפּיצל האָט מען זיך אָבער פאַרשטאַנען. מע האָט געמאָלדן, אַז וויטענבערג איז געשטאָרבן און באַוויזן קיטעלן א פאַלשע שײַן פונעם שפּיטאָל אין געטאָ. קיטעל האָט זיך אָבער ניט באַרויקט. ער האָט אַרײַנגעצויגן אין זײַן שפּיל דעם ייִדישן פּאָליציי־שעף פון געטאָ, דעם פאַרעטער דעסלער, וואָס איז געווען אין געטאָ קיטעלס א געהיימער אַגענט. דעם 15־טן יול 1943, איינס באַנאַכט, איז אױף א באַראַטונג, אין יודנראַט, ווו עס איז בײַגעווען וויטענבערג, געקומען פּאָליציי, אַרעסטירט וויטענבערגן און אים געשמידט אין קייטן. באַם טויער פון געטאָ האָט זיך אָבער וויטענבערג מיט דער הילף פון עטלעכע פּאַרטיזאַנער אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן. עס איז דערקלערט געוואָרן א מאָביליזאַציע פון אַלע פּאַרטיזאַנער אין געטאָ.

דעם 16־טן יול באַגינען איז אין געטאָ אָנגעקומען אַן אולטימאַטום: אויב ביז זעקס אָוונט וועט מען ניט אַרויסגעבן וויטענבערגן, וועלן פון קאָוונע קומען עראָפּלאַנען און מיט באָמבעס פאַרברענען די געטאָ. דערבײַ אָבער האָט קיטעל פאַרזיכערט, אַז אויב וויטענבערג וועט קומען אין געסטאַפּאָ, וועט ער אים נאָך דער אויספאָרשונג באַפרײַען.

צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן א טראַגישער געראַנגל. איין טייל האָט געהאַלטן: זיך קעגנשטעלן און פאַרטיידיקן וויטענבערגן, דער אַנדערער טייל האָט געהעצט די באַפעלקערונג, אַז די געטאָ איז ניט מעכוּיעװ אומצוקומען צוליב איין מענטשן. א מיִעסע ראָל האָט דערבײַ געשפּילט די אונטערוועלט, וואָס האָט זיך א לאָז געטאָן צו כאַפּן וויטענבערגן. דער אָרגאַניזירער פון אָט די פינצטערע קוּנצעס איז געווען דער דערמאָנטער דעסלער.

וויטענבערג איז געזעסן אױף אָשמענער געסל, נום. 3, ווו מע האָט אויפגעשטעלט די צענומענע קוילנוואַרפערס, און האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן, וויאַזוי צו פירן דעם קאַמף, ווען די דײַטשן וועלן אַהער אַרײַנקומען. ער האָט ניט געגלייבט, אַז די געטאָ וועט מען פאַרוואַרפן מיט באָמבעס. עס איז בלויז קיטעלס א דראָונג, כאָטש אונדז איז גוט באַקאַנט געווען, אַז פיל געטאָס האָט מען יאָ פאַר־

ט י נ אָ ו ו ס ק י. דאָס איז נאַטירלעך, הער וויטנבערג. א גוטער באַלעבאָס ווייסט גוט זײַן באַלעבאַטישקייט.

ו ו י ט נ ב ע ר ג. בייזע צינגער טײַנען, אַז דער עמעסער באַלעבאָס פון געטאָ איז ניט דער פּאַרזיצער פון יודנראַט טינאָווסקי, נאָר שטורמבאַנפיורער געקע.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ער האָט מיך היינט אינדערפרי אַרויסגערופן צו זיך און געהייסן...

ו ו י ט נ ב ע ר ג (שלאָגט איבער). ...אין צייכן פון טרויער אַרויסהענגען אין אונדזערע זיבן געסלעך שוואַרצע פאָנען?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ...ברענגען איציק וויטנבערגן אין געסטאַפּאָ.

ו ו י ט נ ב ע ר ג. מיך?.. גאָר?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. געקע דאַרף אײַך וועגן זייער א וויכטיקן עניען.

ו ו י ט נ ב ע ר ג. איז גייט אַוועק און זאָגט אים, אַז א ייִד מיט אַזאַ נאָמען האָט ניט קיין שפּײַז־צעטל און איז אין געטאָ ניטאָ.

מיריאַם גייט אַרײַן.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. הער וויטנבערג, איך וויל אײַך וואָרענען, אַז שטורמבאַנפיורער געקע שפּאַסט ניט. דעריבער וואָלט איך אײַך ניט ראַטן... (דערזעט מיריאַמען מיטן רעוואָלווער אין האַנט און ווערט אַנשוויגן).

מ י ר י א ם. ווער האָט אײַך געזאָגט, ווו וויטנבערג געפינט זיך?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. געשעצטע פרײַלן, באַהאַלט אײַער רעוואָלווער.

מ י ר י א ם. ענטפערט אויף מײַן פראַגע! (טינאָווסקי שווײַגט). קאַלזמאַן איר וועט אונדז ניט זאָגן, פון וועמען און וויאַזוי איר האָט זיך דערוווּסט וועגן וויטנבערגן, וועט איר פונדאַנען ניט אַרויס.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. הער וויטנבערג, איך בעט אײַך, הייסט דער פרײַלן, זי זאָל אונדז ניט שטערן.

ו ו י ט נ ב ע ר ג. מיר וואַרטן אויף אײַער ענטפער.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. איז ווי שטעלט איר זיך פאָר, מײַנע הערן, — אַז דער פּאַרזיצער פון יודנ־ראַט איז א טיפּעש און האָט זיך אַנטשלאָסן גיין צו אײַך, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס פאַר א געפאַר

וואַרפן מיט באָמבעס. אַזוי איז געשען אין גלובאָק. וואָלאָזשין און בייס דעם אופשטאַנד אין וואַרשע.

די פאַניק בא דער באַפעלקערונג איז אַלץ מער געשטיגן. דער שטאַב האָט באַשלאָסן, אַז וויטענ־בערג זאָל אַריבערגיין אין אַן אַנדער אָרט, ווו קיינער ווייסט ניט. דעמלט האָט דער שטאַב אין געטאָ אָפּגעהאַלטן א זיצונג. דער גרעסטער טייל אָנטיילנעמער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מע קאָן ניט קעמפן קעגן די אייגענע ברידער אפילע דעמלט, ווען זיי זײַנען ניט גערעכט און פאַרשטייען ניט, אַז דאָס פאָדערן וויטענבערגן איז נאָר א מיטל לײַכטער אומצוברענגען די געטאָ.

וויטענבערג האָט געהאַלטן, מע זאָל קיטעלן ניט נאָכגעבן, ווען אפילע מע וועט אין היינטיקן קאַמף ניט מיטציִען די גאַנצע באַפעלקערונג. אויב אָבער די אָרגאַניזאַציע איז מיט אים ניט מאַסקים, וועט ער באַגיין זעלבסטמאָרד. נאָר דאָס באַגיין זעלבסטמאָרד האָט ניט געקאָנט ראַטעווען די לאַגע. קיטעל האָט געפאָדערט א לעבעדיקן וויטענבערגן.

וויטענבערג האָט זיך געזעגנט מיט זײַנע כאַווײרים, באַשטימט אויף זײַן אָרט דעם שטאַב־מיטגליד אַבע קאָוונער און איז אַוועק צום טויער.

דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף אים קיטעל. ער האָט אים אַרײַנגענומען אין אויטאָ און אַוועקגעפירט אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ.

אין געסטאַפּאָ האָט מען אים גלײַך איבערגעגעבן אין די הענט פון מאַקס גראָס, דעם ספּעציִעלן אויספאָרשער פון פּאַרטיזאַנישע איניאָנים.

אויף מאָרגן האָט מען דעם קאָמאַנדיר געפונען אין די קאָרידאָרן פון געסטאַפּאָ. זײַנע האָר זײַנען געווען פאַרברענט. די אויגן — אויסגעשטאָכן, און די פאַרבונדענע הענט — צעבראָכן.

(לויט אַווראָם סוצקעווערס בוך „פון ווילנער געטאָ״)

עס דראָט אים. מיט איין וואָרט, געקע ווייסט, אז אין שטאָט איז טעטיק א קאָמוניסטישער שטאב, אן אזויגערופענער צענטער, מיט וועמען איר האָט פארבינדונגען.

מ י ר י א ם. פון וועמען ווייסט ער עס? ווער האָט אים אינפאָרמירט? סײַדן איר!

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ניין, געשעצטע פרײַלן. איך, פארקערט, בין פארינטערעסירט אײַך אויסצוהיטן. אײַך און אײַער אָרגאניזאציע. ניט געקוקט, וואָס איך ווייס, אז איר האָט גראנאטעס, און ביקסן, און אפילע עטלעכע קוילנוואָרפערס. אלץ ווייס איך וועגן אײַך, נאָר איך שווײַג. ווײַל דער גורל פון געטאָ איז דעם פאָרזיצער פון יודנראט אזוי טײַער, ווי אײַך.

ו י ט נ ב ע ר ג. אויב אזוי... זאָגט, צו וואָס דארף מיר געקע האָבן?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ער וויל... איר זאָלט אים העלפן.

ו י ט נ ב ע ר ג. איך — אים? איר שפּאסט.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ער נייטיקט זיך אין געוויסע יעדיעס וועגן קאָמוניסטישן צענטער אין ווילנע. פאר אײַער מי, זאָגט ער צו, וועט ער אָפּצאָלן דער געטאָ.

מ י ר י א ם. און איר האָט זיך אָנגענומען צו קומען צו אונדז מיט אזא געמיינעם פאָרשלאָג... פארעטער!

ט י נ אָ ו ו ס ק י. איך... איך ווייס, אז אף יעדן גאס־ווינקל טײַטלט מען אף מיר: אָט גייט ער, דער פארעטער. און איך ווייס, אז אלע, גרויס און קליין, פארורטיילן מיך, האסן מיך און מײַדן מיך אויס. ווי א קרעציקן... פון מיר קערן זיך אָפּ אפילע די, וועלכע איך ראטעווע פון טויט... איז זאָלן זיי. איך האָב ניט קיין אנדער ברירע, ווי ווידער גיין צו געקען מיט א נײַער רעשימע. אים געבן הונדערט יידן, כּדי צו ראטעווען טויזנט. ניין! אים געבן טויזנט, כּדי צו ראטעווען נאָר הונדערט. דאָס איז שענדלעך, און געמיין, איך פארשטיי עס. דעריבער עקלט מיך פון זיך. איז זאָל עקלען, אבי נאָר א טייל יידן זאָלן בלײַבן לעבן. זאָלן בלײַבן הונדערט! צוואנציק! צען יידן! און זאָלן זיי דערנאָך דערציילן זייערע קינדער און קינדס־קינדער, אז אין געטאָ האָט געוועלטיקט א פארעטער טינאָווסקי. טאקע צוליב דעם, זיי זאָלן דערלעבן עס צו דערציילן, בין איך גרייט צו געבן געקען נאָך רעשימעס און... פארשאָלטן ווערן לעדאָר־דוירעס.

מ י ר י א ם. און כּוץ דעם, פארשטייט זיך, ראטעווען די אייגענע פעל.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. דאָס וויל איך ראטעווען מײַן פעל? (צו וויטנבערגן). איך, אָדער איר? זאָגט, ווער שטעלט איצט אין סאקאָנע דאָס לעבן פון צוואנציק טויזנט יידן? און דאפקע נאָך היטלערס מאפּאָלע בא סטאלינגראד, ווען געקע וועט זיך נאָך מער נייטיקן אין יידישע ארבעטס־הענט... אָ, ווי איך האָב געוואָרט אפן דאָזיקן טאָג, ווען איך וועל קאָנען פארוואנדלען אונדזערע אומגליקלעכע זיבן געסלעך אין א רויִקן ארבעטס־לאגער... ווו מיר וועלן זיך נאָר דארפן סטארען. דערווײַזן מיט אונדזער פראצע און שווייס, אז... אדעראבע, הער וויטנבערג, זאָגט, וואָס לוינט בעסער — צאָלן געקען מיט שווייס, אָדער מיט בלוט?

ו י ט נ ב ע ר ג. מיר דארפן אים ניט צאָלן. מיר זײַנען אים קיין זאך ניט שולדיק.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ניין?.. איז גייט אוועק און זאָגט עס אים... דערקלערט אים, אז די נירנבערגער געזעצן זײַנען פאר ווילנער יידן ניט כּאל.

ו י ט נ ב ע ר ג. זיי זײַנען געשריבן נאָר פאר די יעניקע, וועלכע אנערקענען זיי און וואָרפן זיך זיי אונטער.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. און פאר די יעניקע, הער וויטנבערג, וועלכע אנערקענען זיי ניט, אָבער זײַנען געצוווּנגען זיי זיך אונטערצוּוואָרפן. געקע האָט געוואָרנט, אז ער וועט וואַרטן נאָר צוויי מעסלעס. אויב איר וועט ניט קומען צו דער צײַט, וועט ער אָפּמעקן אונדזערע זיבן געסלעך, אז קיין זייכער וועט ניט בלײַבן פון זיי.

מ י ר י א ם. גייט און זאָגט אים דאָס, וואָס מיר הייסן.

ט י נ אָ ו ו ס ק י (נאָך א קורצן שווײַגן). און פונדעסטוועגן, הער וויטנבערג, בין איך פאָרט זיכער, אז אין אײַך קלאפּט א יידיש הארץ. בעשום־אויפן קען עס ניט געמאָלט זײַן, אז עטלעכע פארשוינען פון א קאָמוניסטישן צענטער זײַנען אײַך טײַערער, ווי דאָס לעבן פון צוואנציק טויזנט יידן.

מ י ר י א ם. גייט!

ט י נ אָ ו ו ס ק י. הער וויטנבערג, איך זע, איר האָט זיך פארטראכט, איך פארשטיי, בא אײַך האָבן זיך דערוועקט ספייקעס. איר האָט מוירע, אז געקע וועט אײַך נאָך אײַער שמועס ניט אָפּלאָזן אהיים? ריכטיק, איר האָט א גרונט אים ניט צו טרויען. דעריבער האָב איך צוגעגרייט... (נעמט ארויס פון קעשענע א זעקעלע). דאָ איז פאראן...

מ י ר י א ם. טפילן!

ט י נ אָ ו ו ס ק י. גאָלד!

מ י ר י א ם. נו, זײַט איר דאָך אן עכטער שײַלאָק!

טינאָווסקי. שיילאָק איז געקע, ניט איך, געשעצטע פרײַלן. ער ווייסט גוט די ווערט פּו־נעם געלן מעטאַל! קורץ און קונציק, אויב עס וועט זײַן נייטיק, וועל איך אײַך אויסקויפן.

וויטנבערג (בײַסיק). איר וועט מיך ניט אָפּנאַרן?

טינאָווסקי. איך זע, אַז איר גלייבט מיר ניט. לאָז איך אײַך איבער דאָס זעקעלע אַ מאַשקן.

מיריאַם. גיט אַהער!

טינאָווסקי דערלאַנגט מיריאַמען דאָס זעקעלע.

וויטנבערג. ניין, ניין! גיט אים אָפּ צוריק! (מיריאַם גיט אָפּ צוריק דאָס זעקעלע). איז אָט וואָס, פאַרזיצער פון יודנראַט. פון הײַנט זײַט איר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מײַן לעבן. אויב מיט מיר וועט וואָס־עס־איז פּאַסירן, באַצאָלט איר מיט אײַער קאָפּ.

טינאָווסקי. געקע האָט געזאָגט...

וויטנבערג (באַפעלעריש). גייט!

טינאָווסקי גייט אַוועק.

וויטנבערג (נאָך אַ שווײַגן). נו, מיריאַם, ווי געפעלט עס אײַך?

מיריאַם. קלאָר: אַ פּראָוואָקאַציע. קוידעמקאָל מוזן מיר טייקעף אינפאָרמירן דעם צענטער.

וויטנבערג. דאָס וועלן מיר בעמיילע טאָן.

מיריאַם. צווייטנס... נעמט זיך ניט צום האַרצן, איך בעט אײַך, קאָמענדאַנט. איך פאַר־זיכער אײַך, קיין בייז וועט מיט אײַך ניט געשען.

בייגט זיך צו צו וויטנבערגן און, אומגעלומפּערט, גיט זי אים אַ קוש אין באַק.

וויטנבערג (איבעראַשט). נו, מיריאַם!.. אױף דעם האָב איך זיך ניט געריכט.

מיריאַם. מיר וועלן אײַך קיינעם ניט אָפּגעבן, כאַווער וויטנבערג!

וויטנבערג. גייט, גייט, מיריאַם. איך וויל נאָך עפּעס זאָגן יויסעפן. (רופט). יויסעף! (מיריאַם גייט אַוועק, יויסעף קומט אַרײַן). הער זיך צו, זון מײַנער. באַלד דאַרף צו אונדז קומען אַ פאַרבינדלער פון צענטער, זי וועט טראָגן אָפן קאָפּ אַ גרין טיכל. גיי אַוועק צו אונדזער טיר און באַגעגן זי. אַהאַ, און נאָך עפּעס. ווי נאָר דו וועסט זי ברענגען צו פירן אַהער, וועסטו זאָגן וואָלפן, ער זאָל דיך באַזאָרגן מיט אַלץ, וואָס איז נייטיק. באַנאַכט וועסטו אַרויס מיט דער גרופּע אין וואַלד.

יויסעף. טאַטע, וואָס האָט מיטאַמאָל פּאַסירט? נעכטן, וויפל איך האָב זיך באַ דיר געבעטן, האָסטו אַפילע הערן ניט געוואָלט וועגן דעם.

וויטנבערג. הײַנט דערלויב איך דיר.

יויסעף. וואָס האָט דער אויסוואורף געוואָלט?

וויטנבערג. יויסעף, דאָס, וואָס דו ביסט מײַן זון, גיט דיר נאָך ניט קיין רעכט צו וויסן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין שטאַב.

יויסעף. זאָג מיר, וואָס האָט דער אויסוואורף געוואָלט פון דיר?

וויטנבערג. ניט פון מיר, פון שטאַב... נו, איך אײַל זיך.

יויסעף. איך האָב געהערט אײַער געשפּרעך.

וויטנבערג. הינטערן ווענטל? (יויסעף שווײַגט). נו בעעמעס, איך ווייס ניט, וויאַזוי דיך צו באַשטראָפן... (באַפעלעריש). גיי און זאָג וואָלפן...

יויסעף (שלאָגט איבער). שיק מיך ניט אַוועק פון זיך! איך בעט דיך, טאַטע, איך וויל זײַן מיט דיר.

וויטנבערג. דערווידער מיר ניט!

יויסעף. איך פאַרשטיי... אַלצדינג, טאַטע, פאַרשטיי איך. דו צווייפלסט, צי אַ פּופּצניאַריק יינגל... פאַרזיכער איך דיר... איך שווער דיר, טאַטע, אַז... איך בין אַזוי שטאַרק, ווי דו!

וויטנבערג (נאָך אַ קורצן זיך שלאָגן מיט דער דייע). גוט, פאַרבלײַב. (אײַליק אָפּ).

בילד 3

אין קעלער. וויטנבערג, מיריאַם, מאָזעס, קאַרפּל און וואָלף זעצן פאַר זייער באַראַטונג. באַם ראַדיאָ־אַפּאַראַט — אײַזיק.

וויטנבערג (צו קאַרפּלען). איצט איז אײַער ריי. ביטע!

קאַרפּל. אין אונדזערע הייליקע ספאָרים איז פאַרשריבן: ווען די אַנדערשגלויביקע וועלן אײַך זאָגן: גיט אונדז אָפּ איינעם פון אײַך, אויב איר וועט עס ניט טאָן, האַרגענען מיר אײַך אַלעמען — איז זאָל מען האַרגענען אַלעמען, אָבער ניט אַרויסגעבן איין נעפעש פון יִיסראָעל.

וויטנבערג (נאָך אַ קורצן שווײַגן). דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט אונדז צו זאָגן?

קארפל. איך בין א פּאַשעטער ייִד, קאָן איך ניט אָפּנעמען אָדער צוגעבן אפילו איין אָס צו דעם, וואָס אונדזערע כאַכאָמים האָבן געזאָגט.

וויטנבערג. הער מאָזעס, אײַער וואָרט, ביטע.

מאָזעס. אין אָנבליק פון דער נײַ־געשאַפענער סיטואַציע, לייג איך פאָר דערווײַל ניט שיקן אונדזער גרופּע אין וואַלד.

מיריאַם. ניין, מאָזעס, וועגן דעם קאָן אפילו קיין רייד ניט זײַן.

מאָזעס. איצט טאָרן מיר ניט אָפּשוואַכן אונדזער קויעך. אין קעגנטייל, מיר מוזן אים פארפעסטיקן: מאָביליזירן אונדזער גאַנצע אָרגאַניזאַציע.

וויטנבערג. דאָס איז א ריזיקאַלישער שריט. ווי נאָר די געטאָ וועט זיך דערוויסן וועגן דעם, וועט אויסברעכן אַן אומגעהײַערע פּאַניק.

מאָזעס. און ווי אויב געקע וועט זיך פון זײַן פאָדערונג ניט אָפּזאָגן?

מיריאַם. כאַווײרים, ס'האָט נאָך ניט געטראָפן — אין ערגעץ און קיינמאָל ניט — אז קעמפער זאָלן ארויסגעבן זייער עלטסטן דעם סוינע.

מאָזעס. איר מיינט מיט דעם צו זאָגן, אז דער צענטער וועט נעמען וויטנבערגן אונטער זײַן אַלמעכטיקער שוץ?

מיריאַם. געוויס!

מאָזעס. איך צווייפל אין דעם. מיט ייִדן שלאָגט מען שטענדיק קאַפּאָרעס.

וויטנבערג. אויב אזוי, לייג איך פאָר צו שיקן אין צענטער א שאַלִיעך. זאָל ער אונדז קאָנקרעט אָנווײַזן, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

מיריאַם. און דערווײַל אָפּהאַלטן די גרופּע?

וויטנבערג. דאָס וועט דויערן מערסטנס איין מעסלעס.

מיריאַם. איך בין קעגן.

מאָזעס. איך בין פאר. גלײַכצײַטיק וועלן מיר בעטן מענטשן און געווער.

מיריאַם. צו וואָס?

מאָזעס. בײַס א געפאר העלפט דער שטאַרקער דעם שוואַכערן, אזוי פירט זיך פון אייביק אָן.

וויטנבערג. מאָזעס, בײַס א געפאר לייגט מען אָפּ אַלע כעזשבוינעס אין א זײַט, און אַלע, פּלייצע דו פּלייצע, הייבן זיך אוף אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען סוינע. וואָס מיינט איר, פרײַנט מײַנע, אז דער צענטער זיצט איצט מיט פארלייגטע הענט און וואַרט? געוויס גרייט ער עפּעס אזוינס, וואָס...

יויסעף קומט ארײַן.

יויסעף. טאַטע, איך האָב געבראַכט צו פירן די פאַרבינדלערן. זי וואַרט אויבן.

וויטנבערג. פיר זי אַראָפּ אַהער. (יויסעף אָפּ). ווער פאַרבלײַבט מיט מיר? (צו מיריאַמען). איר! (מאָזעס, קארפל און וואָלף אָפּ). איר ווייסט, וואָס פאַר א געדאַנק מיר איז אַקאָרשט געקומען אין קאָפּ? אויסצוניצן די פאַרבינדלערן. מיר וועלן זי שיקן אין צענטער.

מיריאַם. לאַגיש.

יויסעף און די פאַרבינדלערן קומען ארײַן.

וויטנבערג (קוקט זי אָן דערשטוינט). דו?.. ניט שוין זשע דו?..

טערעסע. באַרעמהאַרציקער יעזוס! (לויפט צו צו וויטנבערגן און פאַלט אָף זײַנע אַקסלען). א לעבעדיקער!.. עס לעבט, עס לעבט מײַן שוואַרצבּרעמיקער!..

וויטנבערג. טערעסע... די זעלביקע. פונוואַנען? וויִאַזוי?.. גאָר א קעמפערן?

טערעסע. ניט א הונדערטפּראָצענטיקע, נאָר... דו וווּנדערסט זיך?

וויטנבערג. הם... איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אז פּאַפּאַס צעפּעסטעטע טעכטערל...

טערעסע. ענדלעך!.. ענדלעך האָב איך דיך געפונען!..

יויסעף אָפּ.

מיריאַם (קאַלט). ניט שוין זשע האָט איר אים ספּעציעל געזוכט?

טערעסע. פונעם ערשטן טאָג ווי די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן.

מיריאַם. איז ווער האָט אײַך געזאָגט, וווּ אײַער געזוכטער געפינט זיך?

טערעסע ווײַזט אָף איר הארצן.

מיריאַם. איך פרעג אײַך ערנסט.

ט ע ר ע ס ע (צו וויטנבערגן). אף יעדן ראַג, ווו נאָר איך פלעג גיין, האָט זיך מיר קעסיידער געדוכט, אז דו גייסט מיר אנטקעגן.

וו י ט נ ב ע ר ג. טערעסע, געוויס ביסטו הונגעריק... (צו מיריאמען). באמיט זיך, געפינט עפּ־שער פאר אונדזער גאסט עפּעס־וואָס אָנבײַסן.

מיריאם אָפּ.

ט ע ר ע ס ע. פריִער פאר אלץ, איציק, וויל איך וויסן...

וו י ט נ ב ע ר ג. ניין, פריִער פאר אלץ דארפסטו שטילן דײַן הונגער, זיך אָפּרוען. נאָכדעם וועסטו זיך אלצדינג דערוויסן.

ט ע ר ע ס ע. איך האָב ווייניק צײַט.

וו י ט נ ב ע ר ג. דאָס זאָל דיך ניט קימערן. בא אונדז גייט די צײַט אנדערש ווי בא אײַך. לויט גאָר אן אנדער כעזשבן.

ט ע ר ע ס ע. אײַער גרופּע מוז איך ארויספירן ניט שפּעטער ווי אין צוויי שאָ ארום.

וו י ט נ ב ע ר ג. ליידער וועסטו הײַנט דאָס ניט קאָנען טאָן.

ט ע ר ע ס ע. ניין? איך האָב א באפעל.

וו י ט נ ב ע ר ג. צוליב ניט קיין פאָרויסגעזעענע סיבעס.

ט ע ר ע ס ע. איציק, איך האָב א שטרענגן באפעל.

וו י ט נ ב ע ר ג (האלב אין שפּאס, האלב ערנסט). אין געטאָ בין איך דײַן באפעלער...

ט ע ר ע ס ע (א דערפרייטע לויפט זי צו צו וויטנבערגן). ער, ווי לאנג איך האָב געוואַרט אפן דאָזיקן טאָג!

מיריאם קומט ארײַן.

ב י ל ד 4

אין קיך. טערעסע ליגט אפן בעטל. מע קלאפּט אין טיר.

ט ע ר ע ס ע. איציק, דו?

וויטנבערג קומט ארײַן.

וו י ט נ ב ע ר ג (קוקט אפן זייגער). נו, טערעסע, איך מיין, אז דו האָסט זיך שוין אָפּגערוט. דײַן אופגאבע איז דיר קלאָר... דו ביסט גרייט?

ט ע ר ע ס ע. זעץ זיך. (וויטנבערג זעצט זיך אפן בענקל). ניין, נעענטער. (ווײַזט אפן בעטל). דאָ.

וו י ט נ ב ע ר ג (מאכט זיך ניט הערנדיק). אונדז איז זייער וויכטיק, דו זאָלסט ארויס וואָס פריִער, קעדיי וואָס שנעלער צו קומען צוריק.

ט ע ר ע ס ע. און איך בעט דיך זיך זעצן נעענטער. דאָ... נו!.. אָדער עפּשער שעמט זיך פאר מיר מײַן שווארצבערעמיקער?

וו י ט נ ב ע ר ג (רעאגירט ניט). איך מיין, אז איך דארף ניט דערקלערן אף וויפל דײַן שליכעס איז וויכטיק און זייער אײַליק.

ט ע ר ע ס ע. און איך האָב באשלאָסן ניט צו גיין. שיקט אן אנדערן.

וו י ט נ ב ע ר ג. טערעסע, איך האָב דיר שוין, דוכט זיך, דערקלערט, פארוואָס דער שטאב האָט באשלאָסן צו שיקן דאפקע דיך.

ט ע ר ע ס ע. אײַער שטאב איז אף מיר קיין באלעבאָס ניט.

וו י ט נ ב ע ר ג. אָבער פארשטיי: אין ווילנע קומען פאָר ארעסטן. דו ביסט א שטאָטישע. אין פאל פון א געפאר וועט א ליטווינקע זיך גיכער אַריִנטירן, איידער א ייִד פון געטאָ.

טערעסע הייבט זיך אוף פון בעטל און נעמט צונויפקלײַבן אירע זאכן.

וו י ט נ ב ע ר ג. כוץ אלעמען, וועסטו זאָגן דעם צענטער, אז...

ט ע ר ע ס ע (פּלוצעם היסטעריש). ניין! איכ׳ל ניט גיין! בעשום־איפן ניט! קוים האָבן מיר זיך שוין יאָ געטראָפן און האָבן א מעגלעכקײַט זײַן צוזאמען א טאָג אָדער צוויי... איציק, פארוואָס ביסטו אזוי שלעכט צו מיר? און צו זיך?

וו י ט נ ב ע ר ג. נו וואָס קאָן איך דיר ענטפערן אף דעם?.. נאָר דאָס, אז ס׳איז מילכאָמע.

ט ע ר ע ס ע. דאפקע ווײַל עס איז מילכאָמע... האָב איך דיך אומעטום געזוכט... ביז איך

האָב דיך געפונען... און אז איך האָב דיך שוין יאָ געפונען... אייגנטלעך, זאָג מיר, ווו איז דײַן פרוי? פאַרוואָס באַקענסטו מיך ניט מיט איר? דוכט זיך, ראָכל הייסט זי?

װ י ט נ ב ע ר ג. מײַן פרוי האָט מען דערשאָסן.

ביידע שווײַגן.

ט ע ר ע ס ע. נו, וואָס קאָן איך דיר זאָגן, איציק? דאָס זעלביקע: ס׳איז מילכאָמע.

װ י ט נ ב ע ר ג. ראָכל האָט מיט קיינעם ניט מילכאָמע געהאַלטן. זי איז געווען נאָר א ווײַב און נאָר א מאמע. שטורמבאַנפיורער געקע האָט זי דערשאָסן נאָר דערפאַר, ווײַל זי איז געווען א ייִדישקע.

ט ע ר ע ס ע. מיט צוויי טעג צוריק האָבן עסעסאָווצעס צונויפגעטריבן אַף דער ברייטער גאַס עטלעכע צענדליק פאַרבײַגייער, זיי ארײַנגעשלעפּט אין לאַסט־אווטאָס און...

װ י ט נ ב ע ר ג. אָן קיין שום סיבע?

ט ע ר ע ס ע. אין א דערבײַיִקן הויף האָט מען געפונען א דערהאַרגעטן דײַטשישן סאָלדאַט.

װ י ט נ ב ע ר ג. הייסט עס, אז א סיבע איז געווען.

ט ע ר ע ס ע. מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן נאָר צופעליק.

װ י ט נ ב ע ר ג. מיט ראָכלען האָט ניט געקאָנט זײַן קיינע צופעליקײַטן.

ט ע ר ע ס ע. איך האָב זיך געראַטעוועט נאָר דערפאַר, ווײַל איך האָב זיך שנעל אָריִענטירט.

װ י ט נ ב ע ר ג. ראָכלען האָט ניט געקאָנט העלפן די בעסטע אָריִענטאַציע.

ט ע ר ע ס ע. יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי...

װ י ט נ ב ע ר ג. איך צווייפל, צי דו פאַרשטייסט.

ט ע ר ע ס ע. פאַרוואָס מיינסטו, אז איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין?

װ י ט נ ב ע ר ג (שאַרף). ווײַל דאָס איז בכלל אומפאַרשטענדלעך.

ט ע ר ע ס ע. איציק, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך?

װ י ט נ ב ע ר ג (אויפגערעגט). ניין, צוערשט זאָג מיר דו, וואָס דו פאַרשטייסט?

ט ע ר ע ס ע. איך פאַרשטיי, אז... ס׳איז גוט, וואָס איך האָב דיך סאָפקאָלסאָף געטראָפן.

װ י ט נ ב ע ר ג. דערקלער מיר... אָט וואָס, דערקלער מיר, טערעסע. וואָס באַטײַטן דײַנע אָנצוהערענישן? און דײַן מאָדנע אויפירונג? איך געדענק, אז דײַן ליבע צו מיר איז פאַרשוווּנדן אין זעלבן טאָג, ווען איך האָב דיר פאָרגעלייגט כאַסענע צו האָבן.

ט ע ר ע ס ע. דאָס איז דער פאַפּאַ שולדיק. בא דיר איז ניט קיין ליבע, האָט ער צו מיר געטײַנעט, נאָר מיטלײַד צו אָן אָרעמען סטודענט.

װ י ט נ ב ע ר ג. איך בין געווען זײַן פעיִקסטער סטודענט.

ט ע ר ע ס ע. אָבער פון ייִדישער אָפּשטאַמונג... פלעגט זאָגן דער פאַפּאַ. און ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דײַנע אָנשוויונגען און ער האָט מיר פאַרבאָטן...

װ י ט נ ב ע ר ג. מיך צו ליבן?

ט ע ר ע ס ע. איציק, זײַ ניט שטרענג צו מײַן פאָטער. דאָס לעבן האָט אים שוין אַזוי אויך שווער באַשטראָפט. איצט זיצט ער א פאַרלוירענער פאַרשפּאַרט אין זײַן קאַבינעט און גייט אין ערגעץ ניט אַרויס.

װ י ט נ ב ע ר ג. פון דעמלט זײַנען פאַרלאָפן א סאַך יאָרן.

ט ע ר ע ס ע. אָבער ווי נאָר ס׳איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־דערשיסונגען, האָב איך דיך גענומען זוכן.

װ י ט נ ב ע ר ג. בא דיר האָט זיך דערוועקט מיטלײַד צו איין ייִדן?

ט ע ר ע ס ע. בא מיר האָט זיך דערוועקט... אַזוינס, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען פאַרלאָשן. (קוקט וויטנבערגן אין די אויגן).

װ י ט נ ב ע ר ג. דאָס איז געווען אָן אילוזיע.

ט ע ר ע ס ע. ניט איך האָב זי צעבראָכן — דער פאַפּאַ... (מילד). נו, שוואַרצבברעמיקער, זײַ ניט בייז אַף מיר, אויב איך האָב דיר פאַרשאַפט ליידן.

װ י ט נ ב ע ר ג (פּלוצעם אָן איבערגעביטענער). טערעסע! דו הערסט? דאָס לויפט די צײַט!.. אפילע אין געטאָ, ווו זי איז פאַרגליווערט, לויפט זי... מיר יאָגן זי.

ט ע ר ע ס ע. ווער — מיר?

װ י ט נ ב ע ר ג. ייִדן. (טערעסע, א דערשטוינטע, קוקט אַף וויטנבערגן און שווײַגט). דערײַ־בער בעט איך דיר — גיי! טערעסע נעמט אַרויס פון איר וואַליזע א פלאַש בראַנפן). ניין־ניין, ניט נייטיק. דאָס איז אינגאַנצן איבעריק. מיר וועלן ניט טרינקען. בעשום־אויפן ניט!

ט ע ר ע ס ע. לאָמיר זיך איבערבעטן... שוואַרצבברעמיקער, דו געדענקסט ווי מיר פלעגן זיך

שפּילן (זינגט): **לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן, זײַ זשע ניט קיין נאַר...** (עפֿנט די פֿלאַש און גיסט אָן צוויי קווערטלעך). **פֿאַר אונדזער באַגעגעניש.**

וויטנבערג (הייבט אויף זײַן קווערטל). **פֿאַר איין טאָג לעבן, גוט, טערעסע? לאָמיר אויסטרינקען נאָר פֿאַרן הײַנטיקן טאָג.**

טערעסע. איך וויל מערער. דו ווייסט וויפֿל? אַלע טעג און אַלע נעכט, וואָס מיר קומט.

וויטנבערג. פֿאַרוואָס מיינסטו, אַז דיר קומט מערער ווי מיר?

טערעסע. איך זאָג ניט, אַז מיר קומט מערער.

וויטנבערג. טערעסע, אַקאָרשט האָסטו געזאָגט... איך בעט דיר, גיי, עס ווערט שפּעט... אָט גיב א קוק דורכן פֿענצטער. (טערעסע קוקט). **וואָס זעסטו?**

טערעסע. א גרויע וואַנט.

וויטנבערג. הינטער איר שטייט... דו ווייסט ווער?

טערעסע. ווער?

וויטנבערג. אַן עקלדיקע בריה.

טערעסע. איך זע קיינעם ניט.

וויטנבערג. ער וואַרט... אָט!... דו הערסט — טריט? זיי דערנעענטערן זיך! ער קומט!

טערעסע. ווער?

וויטנבערג. שאַ! הער זיך צו!

טערעסע. דיר דוכט זיך עס.

וויטנבערג (פּלוצעם שרײַט). **באַהאַלט מיך!** (לויפֿט צו צו טערעסען און באַהאַלט זיך הינטער איר פּלייצע. היסטעריש). **ראַ־טע־ווע מיך!!!**

טערעסע (כאַפּט אים אין די אָרעמס). **טײַערער מײַנער, באַרויק זיך...**

וויטנבערג. ראַכל האָט געשריִען ניט מיט איר קאָל פֿאַר וואָס? **איך וויל וויסן** פֿאַר וואָס?

טערעסע (קושט אים). **אָ, מײַן שוואַרצבערעמיקער...**

בילד 5

נאָך האַלבער נאַכט. טערעסע שלײַכט זיך אַרויס פֿון טויער, שטויסט זיך אָן אָף יוסעפֿן.

טערעסע. הם... ווילסט מיך באַגלייטן?

יוסעף. דו!... צוויג! איך וואַרן דיך!

טערעסע. זײַ ניט אין כּעס אָף מיר.

יוסעף. אויב דו ווילסט זיך דאָ באַווײַזן נאָך איין מאָל...

טערעסע. און זײַ ניט אין כּעס אָף דײַן פֿאָטער.

יוסעף. דו הער, וואָס איך זאָג דיר: דײַן פֿוס זאָל דאָ מער אין געטאָ ניט זײַן!

טערעסע. אָ, ניין, יוסעף, איך מוז קומען צוריק.

יוסעף. צו באַשמוצן דעם אָנדענק פֿון מײַן געשאָסענער מאַמען?

טערעסע. קעדיי צו ראַטעווען דיך און דײַן פֿאָטער.

יוסעף. גאָיִם ראַטעווען ניט קיין ייִדן — הארגענען זיי!

טערעסע. איך ליב אים.

יוסעף. ווי א הור!

טערעסע. ניין, יוסעף, ווי א פֿרוי... ווי א מאַמע... ווי דו!

יוסעף. אויב דו ווילסט זיך ניט אָפּטראָגן אָף שטענדיק...

טערעסע. איך מוז קומען צוריק! איך וועל דיר זײַן א מאַמע.

יוסעף (גיפֿטיק). **מיך עקלט פֿון דיר.**

טערעסע. און דו ווילסט מיר זײַן א זון!

יוסעף (אומגעריכט מיט א געבראָכענער שטים). **טערעסע, איך בעט אײַך, לאָזט אונדז צורו. גייט אוועק... גייט אוועק און קומט קיינמאָל ניט צוריק.**

ביידע פֿאַרשווינדן אין דער פֿינצטערניש.

בילד 6

אין קעלער. אײַזיק הערט ראַדיאָ. וויטנבערג, מיריאַם, מאָזעס און קאַרפּל וואַרטן אָף יעדיעס. יוסעף גייט אַרײַן.

וויטנבערג. יוסעף! גיי נאָכאַמאָל אוועק צו אונדזער טיר. פּונקט צוועלף וועט זיך דאָרטן באַווײַזן איינער מיט א דײַטשישער צײַטונג אין דער לינקער האַנט. ברענג אים צו פֿירן אַהער.

יויסעף אָפּ.

נו, אַראַקול, וואָס זאָגט הײַנט לאָנדאָן?

אײַזיק. היטלער באַקומט קלעפּ, אָבער די מיסע־מעשונע האָט ער נאָך פאָרט ניט אײַנגענומען.

וויטנבערג. און וואָס גיבן זיי איבער וועגן אופשטאַנד אין ווײַסרוסלאַנד?

אײַזיק. זיי דערמאָנען ניט. אפילע מיט קיין איין וואָרט ניט.

מאָזעס. מיסטאַמע ווידער אַ קאַטשקע.

וויטנבערג. גיכער פון אַלץ איז נאָך די ידיעה צו לאָנדאָן ניט דערגאַנגען. און די דײַטשן, פאַרשטייט זיך, מעלדן ניט, ווײַל זיי זײַנען פאַרינטערעסירט אַזאַ אינפאָרמאַציע צו פאַרשווײַגן. נישקאָשע, סײַוויסײַ ברענט שוין די ערד אונטער זייערע פיס.

ווּלף קומט אַרײַן.

ווּלף. קאָמענדאַנט, דערלויבט מיר צו מעלדן!

וויטנבערג. וואַרט אויף... (צו אײַזיקן). און ווי איז די לאַגע אויף די פראָנטן?

אײַזיק. די רויטע אַרמיי שפּאַנט פאָרויס.

וויטנבערג. איר הערט, שפּאַנט נאָך אַלץ פאָרויס!.. פרײַנט מײַנע, עס קומען פאַר גראַנדיעזע געשעענישן, איז פאַרוואָס זײַנען אײַערע פּנימער אַזוי פאַרזויערט?

ווּלף. קאָמענדאַנט, איך האָב אײַך געבראַכט אַן אײַליקע ידיעה.

וויטנבערג. און איך האָב אײַך געבעטן וואַרטן... וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט?.. נו, מײַלע. (צו ווּלפן). וואָס האָט איר מיר צו זאָגן?

ווּלף. אין געטאָ איז אַ בהלה. משונהדיקע קלאַנגען. אויף באַנאַכט גרייט זיך אַן אַקציע. טינאַווסקי האָט צונויפגערופן אַלע ייִדן אויף אַן אסיפה. קינד און קייט ציִען צום שול־הויף.

וויטנבערג. אַזוי גאָר?.. אויב אַזוי... מאָזעס! נעמט אַ צענדליק יאַטן און הײַדאַ צום שול־הויף! זאָגט אַלעמען וועגן די ניצחונות פון דער רויטער אַרמיי, וועגן געקעס פּראָוואָקאַציע, וועגן דעם, אַז אין ווײַסרוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן... אָדער הייבט זיך אָן אַן אופשטאַנד. דערקלערט אַלעמען, אַז... ס'נעענטערט זיך היטלערס סאָף.

מאָזעס. אָבער... קאָמענדאַנט, דאָס אַלץ איז ניט קאָנקרעט. איך מיין, אַז איצט איז דער פּאַסיקסטער מאָמענט אָנצוהייבן אַן אופשטאַנד.

וויטנבערג. ניין, צו דעם זײַנען מיר לײַדער ניט גרייט. דערווײַל קענען מיר נאָר... אָדער אפשער... נו, גוט, מאָזעס, איר וועט זיך אָריענטירן אויפן אָרט. לויפט! (מאָזעס אָפּ). אײַזיק! איר האָט מיר געזאָגט, אַז באַנאַכט האָט מען דײַטליך איבערגעגעבן וועגן אַן אופשטאַנד אין ווײַסרוסלאַנד... ווער האָט מיטגעטיילט און פונוואַנען? כאָטש איבער, וואָס האָט איר געהערט?

אײַזיק. לײַדער האָט דער אַפּאַראַט שטאַרק גערוישט.

מיריאַם. אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך האָט מען גערעדט?

אײַזיק. דוכט זיך, אויף ענגליש.

וויטנבערג. דוכט זיך?

מיריאַם. וועמען דוכט זיך?

וויטנבערג. קעסיידער דוכט זיך אײַך. (אײַזיק שווײַגט). אַראַקול! איך וואָרן אײַך! נאָכאַמאָל וואָרן איך אײַך!

קאַרפּל. איציק, פאַרוואָס שרײַסטו אויף אים?

וויטנבערג. שוין ניט צום ערשטן מאָל... אײַזיק, זײַט מיר מוחל.

יויסעף פירט אַרײַן מילענאַסן און גייט אַרויס.

מילענאַס (שטעלט זיך פאָר). מילענאַס. מיטגליד פון פּאַטריאָטישן ראַט.

מיריאַם. ביטע, זעצט זיך.

אַלע זעצן זיך אַרום טיש.

קאַרפּל. מיר דאַנקען אײַך זייער, וואָס איר האָט זיך אַזוי גיך אָפּגערופן אויף אונדזער בריוו.

מילענאַס. מיר דאַנקען אײַך פאַרן אַרויסגעוויזענעם צוטרוי.

קאַרפּל. מיר צווייפלען ניט, אַז איר פאַרשטייט גוט, אויף וויפל דער איניען איז ערנסט.

מ י ל ע נ א ס. אײדער מיר הײבן אָן אונדזער געשפּרעך, װאָלט איך געװאָלט װיסן, װער פֿון אײַך איז דאָ הער װיטנבערג?

די פֿראַגע איז אָן אומגעריכטע, די שטאַביסטן שװײַגן.

מײַנע הערן, איך בעט אײַך, פֿאַרשטײט מיך ניט פֿאַלש. קוים װעט דאָ זײַן די רײד װעגן זײַז פּערזאָן, מײן איך, אַז זײַן בײַזײַן קאָן אונדז נאָר שטערן... אויב, פֿאַרשטײט זיך, מיר װילן, באַהאַנדלען זײַנע איניען זאַכלעך און קומען צו אַ פּראַקטישן באַשלוס.

מ י ר י א ם (נאָך אַ קורצן שװײַגן, צו װולפֿן). קאָלעגאַ! װי איר זעט, װעט אײַך לײדער אויסקומען אויף אַ געװיסער צײַט אונדז צו פֿאַרלאָזן. ביטע!

װ י ט נ ב ע ר ג (צו װולפֿן). מיר בעטן בײַ אײַך אַנטשולדיקונג.

װולף אָפּ.

מ י ל ע נ א ס. אַ דאַנק.

ק אַ ר פּ ל. מיר זײַנען גרײט אײַך אויסצוהערן, הער מילענאַס.

מ י ל ע נ א ס. דאָס בעסטע, מײן איך, איז אָנהײבן פֿון דעם, װאָס... אײַער ברױו האָט אונדז איבעראַשט. איר האָט אונדז איבערצײַגט, אַז, אויך אָפּגעזונדערטע פֿון דער דרויסנדיקער װעלט, קלײַבט איר זיך גוט פֿאַנאַנדער אין דער נײַ־געשאַפֿענער סיטואַציע און פֿאַרשטײט דעם איקער: אַז װיבאַלד סטאַלינגראַד איז פֿאַר היטלערן אַ טויט־קלאַפּ און ס'איז קלאָר געװאָרן, אַז דײַטשלאַנד פֿאַרשפּילט די מילכאָמע, װעט אונדזער ראַט בײַטן זײַן פּאָליטישע ליניע.

װ י ט נ ב ע ר ג. ריכטיק. דערפֿאַר האָבן מיר זיך צו אײַך געװענדט.

מ י ל ע נ א ס. נעכטן האָבן מיר אויף אַ ספּעציעלער זיצונג באַשלאָסן אָנהײבן צו שטיצן אַלע פּאָליטישע אַקציעס קעגן די דײַטשן.

מ י ר י א ם. דאָס איז פֿאַר אונדז זײער אַ פֿרײדיקע נײַס.

װ י ט נ ב ע ר ג. מיר באַגריסן אײַער באַשלוס.

ק אַ ר פּ ל. פֿון טיפֿן האַרצן. אין נאָמען פֿון אַלע ייִדן פֿון געטאָ. גיט עס איבער אײַער כאַשעװן ראַט.

װ י ט נ ב ע ר ג. מיר זײַנען זיכער, הער מילענאַס, אַז די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון לאַנד, אָן נאַציאָנאַלן אונטערשײד, װעלן אויפֿנעמען אײַער באַשלוס מיט גרויס צופֿרידנקײַט און אײַך שטיצן.

מ י ל ע נ א ס. מיר האָפֿן אויך אויף דעם.

ק אַ ר פּ ל. נו, און פֿון דעם בעט זיך אָן אויספֿיר, אַז איר האָט אויך געביטן אײַער שטעלונג לעגאַבע ייִדן?

מ י ל ע נ א ס. די מילכאָמע האָט אונדז אַ סאַך געלערנט. איך מײן, אַז אויך פֿאַר אײַך איז זי געװען זײער אַן ערנסטער אורעק.

װ י ט נ ב ע ר ג. אַ בלוטיקער אורעק.

מ י ל ע נ א ס. אויף דער זעלביקער זיצונג האָבן מיר באַהאַנדלט אײַער ביטע... מיר איז װײטיקדיק אײַך מיטצוטײלן... אָבער... צום באַדויערן, האָבן מיר זי אָפּגעװאָרפֿן.

די שטאַביסטן שװײַגן.

ק אַ ר פּ ל. דאָס באַטײַט... װי דאַרפֿן מיר עס פֿאַרשטײן? אַז איר האָט ניט קײן פֿאַרבינדונג מיט קײן אײנעם פֿון די דײַטשישע אַנשטאַלטן, װאָס פֿירן אָן מיט די איניאָנים פֿון געטאָ?

מ י ל ע נ א ס. מײַנע הערן, דאָ איז ניט קײן פֿראַגע פֿון פֿאַרבינדונג.

װ י ט נ ב ע ר ג. איז, אַנטשולדיקט, פֿון װאָס?

מ י ל ע נ א ס. פֿון פּרינציפּ.

מ י ר י א ם. פּאַשעטער געזאָגט: איר װילט זיך פֿאַר װיטנבערגן ניט אײַנשטעלן?

מ י ל ע נ א ס. אָ, נײן, פּערזענלעך צו װיטנבערגן האָבן מיר קײן זאַך ניט. אַדרעבאַ, מיר װאָלטן אים זײער געװאָלט העלפֿן...

ק אַ ר פּ ל. איז װאָס איז דער אָפּהאַלט?

װ י ט נ ב ע ר ג. דאָס, װאָס ער איז אַ ייִד?

מ י ל ע נ א ס. נײן.

מ י ר י א ם. איז װאָס דען? דער גראַדער סײכל זאָגט, אַז אײַער נײַע פּאָזיציע לעגאַבע די דײַטשן דיקטירט דאַפֿקע אים צו העלפֿן.

װ י ט נ ב ע ר ג. בפֿראַט, אַז װיטנבערג איז ניט אַבי־װער, נאָר...

מ י ל ע נ א ס (שלאָגט איבער). מיר װײסן גוט, װער װיטנבערג איז.

מ י ר י א ם. פֿונװאַנען? טשיקאַװע, װאָס װײסט איר װעגן אים?

מ י ל ע נ א ס. אַז ער איז דער אָנפֿירער פֿון דער פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

די שטאביסטן, איבעראשטע, שווײַגן.

מיריאם. הער מילענאס, עפשער קאָנט איר אונדז זאָגן... אונדז איז זייער וויכטיק צו וויסן, ווער... פון וועמען האָט איר באקומען אזא אינפארמאציע?

מילענאס שווײַגט.

פון געקען?

מילענאס שווײַגט.

וויטנבערג. הער מילענאס, מיר בעטן אײַך זייער, דערקלערט אונדז: אויב וויטנבערג קאָן ברענגען גרויסע נוצן דעם קאמף קעגן אונדזער געמיינזאמען סוינע, איז פארוואָס ווילט איר זיך ניט אײַנשטעלן פאר אים?

מילענאס. מײַנע הערן, אונדזער ראט איז איבערצײַגט, אז וויטנבערג קאָן נאָר ברענגען שאָדן.

מיריאם. שאָדן גאָר?

מילענאס. אונדז און אײַך. דעריבער לייגן מיר אײַך פאָר... מאכן אזוי, ער זאָל אוועק־גיין אין געסטאפּאָ.

מיריאם שפּרינגט אוף פון אָרט.

וויטנבערג. רויק, פרײַלן, זעצט זיך.

מילענאס. מײַנע הערן, גלייבט מיר, אז מיר איז זייער שווער צו קומען צו אײַך מיט אזא פאָרשלאָג. איך האָב פון פאָרויס געוווּסט, וויאזוי איר וועט רעאגירן... אז אונדזער פאָרשלאָג וועט אײַך אויסזען מעשונעדיק, ניט אָנעמבאר און וועט אײַך אפילע באליידיקן... צום אָנהייב. אזוי איז טאקע געשען. איר זײַט באליידיקט. בעט איך בא אײַך אנטשולדיקונג... אָבער גלײַכצײַטיק מוז איך צוגעבן, אז דאפקע אײַער דאָזיקע רעאקציע באווײַזט, אז אונדזער פאָרשלאָג איז א ריכ־טיקער.

מיריאם. ניין! נישט נאָר ניט קיין ריכטיקער, נאָר...

מילענאס. א ריכטיקער, געשעצטע פרײַלן!

קארפל. אָ, איצט איז צו מיר דערגאנגען: איר לייגט פאָר ארויסצוגעבן וויטנבערגן דער געסטאפּאָ, ווײַל איר האָט א מעגלעכקײַט אים פון דאָרטן צו באפרײַען?

מילענאס. מײַן הער, איר זײַט זיכער, אז דאָס איז נייטיק?

מיריאם. אים באפרײַען?

מילענאס. ניט נייטיק.

מיריאם (שפּרינגט ווידער אוף פון אָרט). וויאזוי ניט נייטיק? פארוואָס ניט נייטיק?

וויטנבערג. אדרעבע, דערקלערט אונדז.

מילענאס. אז איר לאָזט מיך ניט ריידן.

וויטנבערג. פרײַנט מײַנע, זעצט זיך.

מיריאם. ניין! זאָל ער צוערשט זאָגן, צו וואָס ער איז אהער געקומען? אָפּשפּעטן פון אונדז? (צו מילענאסן). נאָך ניט גענוג, וואָס אײַער שאָוויניסטישער ראט איז אײַנגעטונקט אין אונדזער בלוט און...

וויטנבערג (באפעלעריש, שלאָגט איבער). מויד! ווערט פארשטומט!

אלע שווײַגן.

מילענאס. מײַנע הערן! מיינט ניט, אז מיר גיבן זיך ניט אָפּ קיין דין־וחשבון אין דעם, וואָס איז געשען. איך רייד וועגן די שיסונגען... און מיינט ניט, אז מיר נעמען אראָפּ פון זיך די פאראנטוואָרטלעכקײַט. ניין, מײַנע הערן, מיר לייקענען ניט, אז די מאסן־מאָרדן זײַנען פאָרגעקומען מיטן וויסן פונעם ראט. טיילווײַז אפילע לויט זײַן איניציאטיוו. איך שטרײַך אונטער, טיילווײַז... זײַנען מיר שולדיק אין די שוידערלעכע פארברעכנס. צו אונדזער גרויסער כארפּע. און מיר גיבן זיך אָפּ א כעזשבן, אז דער שאנדפלעק וועט קיינמאָל פון אונדז ניט אָפּגעווישט ווערן. אָבער צום באדויערן, איז אלץ קלאָר געוואָרן צו שפּעט — נאָך דעם, ווי דער אומגליק איז געשען. ערשט דעמלט האָבן מיר פארשטאנען, צו וואָס עס קאָן דערפירן... אידעאָלאָגישער עקסטרעמיזם! צו דעם, אז דער פינצטערער האמוין זאָל ארויסכלינען אָף דער גאס און... איז אָט: איך בין געקומען אײַך זאָגן, אז מיר האָבן זיך פון אונדזער עקסטרעמיזם אָפּגעזאָגט.

קארפל. איר האָט ריכטיק געטאָן.

מילענאס. און איר — דערלויבט צו פרעגן?

וויטנבערג. וואָס — מיר?

מילענאס. אונדזער ראט האָט געמאכט דעם געהעריקן אויספיר פון דעם, וואָס איז געשען, ווילן מיר וויסן, צי איר האָט אזא אויספיר אויך געמאכט?

מיריאם. הער מילענאס, אונדז איז שוין לאנג באוווּסט, אז שאָוויניזם, אונטער וואָס פאר א דעקמאנטל ער זאָל זיך ניט מאסקירן, שפּרייט סינע און טויט ווו נאָר ער באקומט די מאכט.

מילענאס. און קאָמוניזם? דאָס זעלביקע, געשעצטע פריַילן, טוט אויך קאָמוניזם. ביידע גייען צו זייערע ציִלן, אָנווענדנדיק עקסטרעמיסטישע מיטלען.

וויטנבערג. הער מילענאס, לאָמיר עפּשער איבערלאָזן אלע טעאָרעטישע פראגעס אף א גינסטיקערער צײַט און דערווײַל...

מילענאס. די פראגע איז ניט נאָר א טעאָרעטישע. יידן זײַנען די פארשפּרייטער פון קאָמוניזם איבער דער גאָרער וועלט. דאָס איז אן אלגעמיין באוווּסטער פאקט. איז נאטירלעך, וואָס אונדזער ראט זאָרגט זיך וועגן דעם, ווי ליטווינער און יידן וועלן הויזן אונטער איין דאך נאָך היטלערס מאפּאָלע.

וויטנבערג. איך קאָן אײַך בארויִקן, הער מילענאס: וויטנבערג איז ניט קיין קאָמוניסט.

מילענאס. ניין?.. ניין, זאָגט איר? הם... דערלויבט מיר אײַך ניט צו גלייבן, מײַן הער: ביז איצט האָבן געפירט דעם קאמף קעגן די אָקופּאנטן דעריקער קאָמוניסטן.

וויטנבערג. הער מילענאס, איך בין ניט קיין קאָמוניסט.

מילענאס (דערשטוינט). איר?!

וויטנבערג. יאָ, איך.

מילענאס. הייסט עס, אז איר האָט מיך אָפּגענארט?.. עך, פארשאָלטענע!.. אייביק נארט איר אונדז און באשווינדלט. אנדערש קענט איר ניט, דאָס ליגט אין אײַער בלוט... און ווען מע באשטראָפט אײַך דערפאר, הייבט איר אוף א גוואלד. איר ווילט בעשום־אויפן ניט פארשטיין, אז מיט אײַערע ליגנס און שווינדלערײַען ברענגט איר שאָדן ניט נאָר אנדערע, נאָר אויך זיך. זיך נאָך מער ווי אנדערע. (שטעלט זיך אוף). אָט האָט איר איצט צוגענומען פון זיך די מעגלעכקײַט צו אונטערהאנדלען מיט מיר וועגן ראטעווען אײַער געטאָ.

קארפל. וויטנבערגס בײַזײַן שטערט אונדז ניט.

מילענאס. ווידער זאָגט איר דאָך ליגן... וועמען — מיר אָדער זיך? אָט דאָס איז די זאך, וואָס מיר אין זיך. (ווײַזט אף וויטנבערגן). אויב דער דאָזיקער פארשוין איז אף אן עמעס וויטנבערג — אין וואָס איך צווייפל נאָך! — און ער איז אײַער עלטסטער, און איר — זײַנע אונטערטעניקע, — קענט איר אָביעקטיוו ניט באהאנדלען אין זײַן אָנוועזנהײַט די פראגע וועגן זײַן לעבן און טויט.

קארפל. הער מילענאס, אין אונדזער הייליקער טוירע איז געשריבן... (דערזעט מילענאסעס סארקאסטישן שמייכל און דערזאָגט ניט).

מילענאס. ווער וועט מיך ארויספירן פון געטאָ?

וויטנבערג. ניין, הער מילענאס, פארבלײַבט. ביטע!.. פרײַנט מײַנע, איך גיי ארויס. (שטעלט זיך אוף).

מיריאם. ניין! איר בלײַבט דאָ!

קארפל. בלײַב, איציק, מיר ווילן פון דיר קיין זאך ניט באהאלטן. מיר טאָרן פון דיר קיין זאך ניט באהאלטן.

וויטנבערג זעצט זיך.

מילענאס (צו מיריאמען און קארפלען). אָט איבערצײַגט איר זיך איצט ווידער, ווי פעסט ער האלט אײַך פארקוועטשט אין זײַן פויסט! (צו וויטנבערגן). און אָקאָרשט האָט איר מיר נאָך געוואָלט אײַנרעדן, אז איר זײַט ניט קיין קאָמוניסט.

וויטנבערג. הער מילענאס, לאָמיר בעסער ריידן צו דער זאך... מיר ווילן אײַך אויסהערן ביזן סאָף.

מילענאס. מײַנע הערן! די היסטאָרישע דערפארונג האָט באוויזן, אז יידן האָבן אונדז שטענדיק אָנגעשטעקט מיט זייער גײַסט פון אומרו און אומצופרידנקײַט. איר זײַט עס שטענדיק געווען די יעניקע, וועלכע האָבן אײַנגעוואָרצלט אין אונדז געשמאקן און געוווינהײַטן, וואָס זײַנען קעגן אונדזער נאציִאָנאלן כאראקטער. נאָך מער, איר זײַט געווען די יעניקע, וועלכע האָבן אקשאָנעסדיק זיך פארמאָסטן איבערצואנדערשן אונדזער לעבן־סיידער און קעגן אונדזער ווילן ארײַנטראָגן אין אונדזער קולטור פרעמדע עלעמענטן. פארשטייט מיך ניט פאלש, כאָשעווע הערן. מיר זײַנען ניט קעגן אײַערע געשמאקן און געוווינהײַטן. אָבער פאר אונדז טויגן זיי ניט. מיר ווילן ניט קוקן אף דער וועלט דורך אײַערע ברילן און לעבן לויט אייער סייכל. און ווען אפילע מיר וואָלטן עס

גװאַלט, װאָלטן מיר ניט געקענט. גייט אַרײַן אין אונדזער לאַגע און פֿאַרשטייט אונדז. טאַקע צוליב דעם בין איך געקומען צו אײַך... אײַך זאָגן: באַקלערט אײַער באַגאַנגענעם פֿעלער און גיט אַרויס אײַער קאָמוניסטישן פֿירער דער געסטאַפּאָ... װעט איר אונדז מיט דעם ענדלעך איבערצײַגן, אַז מער װעט איר זיך ניט שטעקן אין אונדזערע איניאַנים... אַװדאי, ער איז אײַערער אַ כאַװער און איז אײַך זייער טײַער, מיר פֿאַרשטייען עס... װעט עס פֿאַר אונדז זײַן נאָך אַ מער בוילעטער באַ־װײַז, אַז... ניין... מיר פֿאָדערן ניט פֿון אײַך, גאָט באַהיט, מיר בעטן נאָר... טוט עס פֿאַר אײַערט־װעגן, דערװײַזט ניט נאָר אונדז, נאָר זיך, אַז איר האָט געענדיקט מיט אײַער עקסטרעמיזם. גיט אונדז אַ מעגלעכקייט צו האָפֿן, אַז אין דער צוקונפֿט װעט איר זײַן לאָיאַל צו אונדז, און איר װעט אַכטן אונדזערע נאַציאָנאַלע געפֿילן.

די שטאַביסטן שװײַגן.

איר שװײַגט, כאָשעװע הערן? איך פֿאַרשטיי אײַך, איצט דאַרפֿט איר זיך באַראַטן.

ו י ט נ ב ע ר ג. יאָ.

מ י ל ע נ א ס (גייט צו דער טיר, שטעלט זיך אָפּ). הער װיטנבערג, דערלויבט מיר זיך װענדן דירעקט צו אײַך. איך האָב דעם אײַנדרוק, אַז איר פֿאַרשטייט בעסער פֿון זיי דעם זין פֿון אונדזער פֿאָרשלאָג, איז דערקלערט זיי װי נייטװענדיק ער איז. נעמט זיך אָן מיט מוט, הער װיטנבערג... און איך, פֿון מײַן זײַט, פֿאַרזיכער אײַך נאָכאַמאָל אין נאָמען פֿון אונדזער ראַט, אַז צו אײַך פּערזענלעך האָבן מיר קיין זאַך ניט... איך װינטש אײַך אַלדאָס גוטס. (אָפּ).

מיריאַם באַגלייט אים. אַלע שװײַגן ביז זי קומט אַרײַן צוריק.

מ י ר י א ם. יויסעף װעט דעם אויסװורף אַװעקפֿירן צום טיר.

אַלע שװײַגן.

כאַװיירים, איך צװײפֿל ניט, אַז איצט איז אײַך אינגאַנצן קלאָר: ער איז צו אונדז געקומען מיט געקעס װיסן.

ק א ר פ ל. ניט שוין זשע?

ו י ט נ ב ע ר ג. איך סאָפֿעק אין דעם.

ק א ר פ ל. ראַבויסײַ, װי עס זאָל ניט זײַן, איז אין זײַנע רייד פֿאַראַן אַ טיילװײַזער עמעס.

מ י ר י א ם. ניט עמעס, נאָר װילדע סינע. און פֿאַראַכטונג. ער האָט אונדז געשפּיגן אין פּאָנעם, און איר, הער קאַרפּל... שעמט זיך! צי דען פֿאַרשטייט איר ניט, אַז אַלץ, װאָס ער האָט דאָ געזאָגט, איז הוילע דעמאַגאָגיע?

ו י ט נ ב ע ר ג. און איך האָב דעם אײַנדרוק... אַז צו אונדז האָט אים געבראַכט פֿאַרצװייפֿלונג. אין ס'קאָן אַפֿילע זײַן, געװיסנביסן, כאַראָטע. די אומשולדיק אומגעבראַכטע קאָרבאָנעס לאָזן זיי ניט צורו, פֿאַרפֿאָלגן זיי, װילן זיי איצט אויסקויפֿן זייער זינד און כאָטש עטװאָס זיך ריינװאַשן אין די אויגן פֿון זייער פֿאָלק.

מ י ר י א ם. נו, כאַװער װיטנבערג, איך װוּנדער זיך מאַמעש, מיט װאָס פֿאַר אַ מיטגעפֿיל איר רעדט װעגן מערדער.

ו י ט נ ב ע ר ג. פֿרײַנט מײַנע, איר װייסט, װאָס איך האָב געטראַכט, װען ער האָט אַרויס־געלייגט זײַנע טײַנעס צו אונדז? אַז מיר לעבן אין אַ צײַט, װען עס האָט זיך געענדיקט איין היסטאָרישע עפּאָכע און עס הייבט זיך אָן אַ נײַע. דאָס איז געשען בײַ סטאַלינגראַד. דאָרט האָט עס געפּלאַצט דער נאַציאָנאַליסטישער געשװיר אויפֿן קערפּער פֿון דער מענטשהײַט. פֿון איצט װעט שוין איינער מער ניט לײַדן פֿון דער פּעסט, װאָס האָט אין מעשעך פֿון טויזנטער יאָרן געסאַמט מענטשנס מויכעס און נעשאָמעס.

ס'װעט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדזער הײַנט,
און דער נעכטן װעט פֿאַרשװינדן מיטן פֿײַנט...

איך האָב געהערט, װי מילענאַס האָט זיך בײַ אונדז געבעטן: האָט אַף מיר ראַכמאָנעס, איך בין אָנגעשטעקט פֿון אַ געפֿערלעכער קרענק. ניט נאָר איך, אויך איר. אַלע לײַדן אַף איר, איז לאָמיר אַרויסהעלפֿן איינער דעם צװייטן. מויכל זײַן איינער דעם צװייטן אודזערע זינד און שאָלעם מאַכן.

א ײַ ז י ק (מיט ניט באַהאַלטענער איראָניע). אַזוי װי ס'איז געשריבן: אַ װאָלף װעט הויזן מיט אַ שעפּס, און אַ זויגקינד װעט זיך שפּילן מיט אַ שלאַנג...

ק א ר פ ל. ניין, אײַזיק. די שאָ פֿון יעכעזקל האַנאָװיס זעונג האָט נאָך ניט געשלאָגן.

מ י ר י א ם. קאָל האמינים פאשיסטן און ראסיסטן פארשטייען נאָר אָט די דאָזיקע שפּראַך! (באַווײַזט איר פּויסט).

ו י ט נ ב ע ר ג. איז וואָס ווארט איר? אַראַקול, שליסט אײַן דאָס קעסטעלע!

א ײַ ז י ק (שליסט אײַן). שטיל ווי אין א קייווער... (איבעראַשט) אָ!..

א ש ט י ם ד ו ר כ ן ר ו פ אָ ר: דרײַצנטער אינדזל! דרײַצנטער אינדזל! פאַרוואָס ענטפערט איר אונדז ניט? עס רעדט דער צענטער! איר הערט אונדז, אָדער ניט? ווו איז אײַער גרופּע? פאַרוואָס איז זי ניט ארויס? זײַט וויסן: די פאַראנטוואָרטלעכקײַט פאלט אינגאנצן אויף אײַך!..

מ י ר י א ם. איך האָב דאָס אַלץ פאָרויסגעזען.

ו י ט נ ב ע ר ג. ניט עמעס! קיינער האָט ניט פאָרויסגעזען גאָר א פּראָוואָקאַציע.

מ י ר י א ם. אָבער איך האָב געוואָרנט, אז וואָס עס זאָל ניט פאסירן, מוזן אונדזערע יאטן ארויס אין וואלד.

ו י ט נ ב ע ר ג. מיריאם, דעם באשלוס זיי צו פארהאלטן האָבן מיר אָנגענומען איינשטימיק.

מ י ר י א ם. ווי דען אנדערש? אזוי איז שוין בא אונדז אין שטאב אײַנגעפירט: מיר שטימען אײַן מיט אַלץ, וואָס אונדזער קאָמענדאנט לייגט פאָר.

ו י ט נ ב ע ר ג. נו, מיריאם... איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט געצוווּנגען. וועמען־וועמען, נאָר מיר האָט איר ניט קיין גרונט פירצוווארפן דיקטאט.

מ י ר י א ם. כאַווער וויטנבערג, איך מאַך אײַך ניט קיין פאָרוווּרף. פאַרקערט, איך בין איבער־צײַגט, אז דאָס איז אײַערער ניט קיין כיסאָרן, נאָר א מײַלע.

ו י ט נ ב ע ר ג. וואָס איז א מײַלע?

מיריאם שווײַגט.

איך פרעג אײַך, וואָס נאָך פאר א מײַלע האָט איר געפונען אין מיר?.. איז אָט וואָס, מיריאם, איך בעט אײַך, הערט אויף צו זוכן און געפינען אין מיר אַלץ נײַע מײַלעס.

מ י ר י א ם. זײַט מיר מויכל, קאָמענדאנט. שולדיק זײַנען מײַנע נערוון.

ו י ט נ ב ע ר ג. אָט דאָס טאַקע איז איצט דאָס וויכטיקסטע: האַמעווען די נערוון. ניט פאַרלירן דעם קאָפּ. מעסטן און וועגן יעדן טריט, און יעדעס וואָרט. מיר שײַנט, אז דערווײַל האָבן מיר נאָך קיין פעלערן ניט געמאכט.

אלע שווײַגן.

הא? געמאכט?

מ י ר י א ם. איין־איינציקן... דאָס, וואָס אונדזער שאָליעך איז צו שפּעט ארויס אין צענטער.

ו י ט נ ב ע ר ג. פאַרוואָס צו שפּעט?.. פונוואנען ווייסט איר, אז צו שפּעט? עך, דו!..

ק א ר פּ ל. איציק, באַליידיק זי ניט.

ו י ט נ ב ע ר ג. זי דערלויבט זיך צופיל! קיינער האָט ניט קיין רעכט זיך צו שטעקן אין מײַן פערזענלעכן לעבן.

ק א ר פּ ל. דו ביסט ניט גערעכט, איציק. א שאָליעך ציבור געהערט ניט נאָר צו זיך.

מאָזעס קומט ארײַן. קענטיק — אין א געהויבענער שטימונג.

מ אָ ז ע ס. הײַנט האָב איך דערזען דאָס עמעסע פּאָנעם פון מײַן פאָלק.

מ י ר י א ם (סארקאסטיש). אפן שול־הויף?

מ אָ ז ע ס. שטאָלצע ייִדן מיט גלײַכגעשטעלטע רוקנס. ווי נאָר טינאָווסקי האָט זיך געווענדט צום אוילעם...

ט י נ אָ ו ו ס ק י ס ש ט י ם ד ו ר כ ן ר ו פ אָ ר: — ייִדן! ברידער! טײַערע ברידער! ווידער האָט אונדז געטראָפן אן אומגליק! הײַנט אינדערפרי האָט מיר ארויסגערופן געקע און געמאָלדן: אין געטאָ געפינט זיך איינער אן איציק וויטנבערג, ער פירט אָן מיט די פארטיזאנער אין געטאָ. ברענג אים אין געסטאַפּאָ. אויב דו וועסט אים ניט ברענגען ביז... ייִדן, איר הערט?!..

ק ו י ל ע ס ד ו ר כ ן ר ו פ אָ ר (פארהילכן טינאָווסקיס שטים): וויטנבערג איז אונדזער באַשיצער! ניט ארויסגעבן! גענוג אונדז צו שעכטן ווי שאָף! זיך ניט לאָזן! גיי און זאָג עס דעם רע־צייעך! אויכער ייִסראָעל! קעמפן! זיך קעגנשטעלן די מערדער! אלע צו וויטנבערגן!

ו י ט נ ב ע ר ג. איז פאַרוואָס שווײַגט איר, פרײַנט מײַנע? וואָס שטייט איר פאַרלוירענע ווי אווילים? ניט שוין זשע פארשטייט איר ניט, אז ס'האָט געשלאָגן אונדזער שאָ?

מ י ר י א ם. כאַווער וויטנבערג, קוידעמקאָל דאַרפן מיר זיך בעראַטן.

וואָלף קומט ארײַן.

וו ו ל ף. קאָמענדאַנט! דער הויף איז פול מיט ייִדן! זיי וואַרטן! אַלע ווילן ריידן נאָר מיט אײַך!

וויטנבערג. מאַזעס, קומט מיט מיר!

בילד 7

אין קעלער. וויטנבערג, מיריאַם, מאַזעס, קאַרפּל און וואָלף. בא דער ראַדיאָ — אײַזיק.

וויטנבערג. מיריאַם בלײַבט אין שטאַב מיט מיר. (צו קאַרפּלען). אײַך איז קלאָר אײַער אופגאַבע?

קאַרפּל. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גראָבן בונקערס אין די הויפן און צוגרייטן מאַ־לינעס פאַר פרויען און קינדער.

וויטנבערג (צו וואָלפן). כאַזערט איבער אײַער אופגאַבע!

וואָלף. מײַנע יאַטן באַפאַלן דעם יודנראַט, אַנטוואָפענען זײַנע פּאָליציאַנטן און פאַרכאַפּן די טעלעפאָנישע פאַרבינדונג מיט דער שטאָט.

וויטנבערג (צו מאַזעסן). און וואָס דאַרפט איר טאָן?

מאַזעס. אָרגאַניזירן פאַרטיידיקונגס־גרופּעס, פאַנאַנדערשטעלן אויסשפּירער אויף די גאַס־ווינקלען און פאַרפעסטיקן אַ קוילנוואַרפער קעגן דעם געטאָ־טויער.

וויטנבערג. גייט! אין אַ מאַזלדיקער שאָ!

מיריאַם. איצט? נאָך איידער אונדזער שאַליעך האָט זיך צוריקגעקערט פון צענטער?

וויטנבערג. מיר טאָרן ניט פאַרלירן קיין איין מינוט!

מאַזעס (צו די איבעריקע). איר האָט דעם קאָמענדאַנטס באַפעל — איז קומט!

מיריאַם (פאַרלויפט דעם וועג). ניט פון אָרט! ניט דער קאָמענדאַנט קאָן אײַך באַפוילן, נאָר דער צענטער. דאָס דאַרף זײַן זײַן איניציאַטיוו. ערשט דאַן, ווען סע וועט זיך אומקערן אונד־זער שאַליעך...

וואָלף. (שלאָגט איבער). נו, ס׳קלעקט! רוק זיך אָפּ! (פּרוּווט זי אַוועקשטופּן).

מיריאַם. מיט קויעך? און איר, קאָמענדאַנט, דערלויבט עס?

וויטנבערג (שטרענג). וואָלף!.. נו, איך בעט אײַך, מיריאַם, פאַרשטייט, מער טאָרן מיר ניט און קענען ניט וואַרטן. היטלער פאַרשפּילט די מילכאָמע. די באַפעלקערונג האָט זיך באַפרײַט פון זײַן אַפּאַטיע און איז באַהערשט פון אַ ווילן צו קעמפן. וואָלט מאַמעש געווען אַ זינד עס ניט אויסצוניצן. דער צענטער וועט אונדז נאָר דאַנקען פאַר אונדזער איניציאַטיוו.

מיריאַם. כאַווער וויטנבערג, זײַט ערלעך מיטן שטאַב... וואָס מיינט איר, אַז איך בין אַ בעהיימעלע און פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס איר אײַלט אונדז? (ווײַזט אויף די איבעריקע). און זיי זײַנען אויך ניט קיין טיפּשים, זיי פאַרשטייען אַלץ! איר טרויט אונדז ניט — אָט וואָס איז די סיבע פון אײַער אײַלעניש! איר זײַט כוישעד, אַז מיר, אײַערע כאַווירים, וועלן אײַך...

קאַרפּל. פאַרמאַך דײַן שמוציק מויל! ,

וויטנבערג. בעעמעס, מיריאַם, מיר איז ווייטיקדיק צו הערן אײַער פּלוידעריי.

מיריאַם. פּלוידעריי?.. נו, פאַרוואָס באַליידיקט איר מיך?.. כאַווער וויטנבערג, ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי מיר איז שווער... אויב אַזוי... קאָן איך מער ניט! איך זאָג זיך אָפּ! מער בין איך אין שטאַב ניטאָ!.. (גייט).

וויטנבערג. וואַרט אויף!.. וווּהין?

מיריאַם. אין צענטער. און פון דאָרטן, אין וואַלד. אָדער ווו מע וועט מיך שיקן. (גייט).

וויטנבערג. איך דערלויב ניט!

מאַזעס. לאָזט איר. זאָל זי גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

וויטנבערג (באַפעלעריש). איך דערלויב ניט!

מיריאַם קערט זיך אום אויף איר אָרט.

אָט אַזוי... און איצט לאָמיר וואַרטן אויפן שאַליעך.

די שטאַביסטן גייען זיך פאַנאַנדער אין באַזונדערע ווינקלען.
אַ לענגער שווײַגן ביז אײַזיק הייבט אָן זינגען:

זאָגט ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג. . .

און די איבעריקע האַלטן אים אונטער:

הימלען בלײַענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שאָ, —
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט, מיר זײַנען דאָ.

פון גרינעם פאלמען־לאנד ביז וויַטן לאנד פון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיַין, מיט אונדזער וויי,
און ווו געפאלן איז א שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גוורע, אונדזער מוט.

ס׳וועט די מאָרגן־זון באגילדן אונדזער הײַנט,
און דער נעכטן וועט פארשווינדן מיטן פיַינט.
און אויב פארזאמען וועט די זון און דער קאיאָר,
ווי א פּאראָל זאָל גיין די ליד פון דאָר צו דאָר.

די ליד געשריבן איז מיט בלוט און אויך מיט בליַי,
ס׳איז ניט קיין לידל פון א פויגל אף דער פריַי.
עס האָט א פאָלק צווישן פאלנדיקע ווענט
די ליד געזונגען מיט נאגאנען אין די הענט.
טאָ זאָג ניט קיינמאָל...

די שטאביסטן זינגען אלץ שטילער. אין קעלער ווערט טינקעלער, ביז אלץ ווערט פארהילט אין א שטאָק־פינצטערניש. נאָר פון אויבן שיַינט שוואך דאָס עלעקטריש לעמפּל.
און ווידער ווערט ליכטיק. אלע זיצן אף זייערע פריִערדיקע ערטער.

וו ו ל ף. צו אלדי שווארצע יאָר! וויפל איז דער שיר צו ווארטן?

וו י ט נ ב ע ר ג. שוין פיר שאָ...

מ אָ ז ע ס (בייַסיק). אייביק ווארטן מיר.

א יַ ז י ק. אף א נעס.

ק א ר פ ל. ייִדן ווארטן אף מאָשיִעכן.

מ אָ ז ע ס. ניין, הער קארפל, ער וועט ניט קומען, ביז מיר וועלן אים ניט ברענגען צו שלעפּן איבער געוואלט.

ק א ר פ ל. ער וועט קומען דעמלט, ווען עס וועט ריַיף ווערן די שאָ. האָט געדולד, ראבויסיַי.

מ אָ ז ע ס. און ווידער אייַצעט איר ייִדן האָבן געדולד! א וועלט האָט זיך אָנגעזועצט אף אונדז און ענדיקט אונדז אויקער מין האשוירעש זיַין, און איר זאָגט אונדז רויִק: האָט געדולד. האָט נאָך אלץ געדולד! ער, ברידער מיַינע, ווי איך האָב אייַך פיַינט פאר אייַער אקשאָנעסדיקן געדולד... וועלכן איר האָט פארוואנדלט אין א גלויבן... פון דערנידעריקטע און באשפּיגענע גאָלעס־ייִדן!..

וו י ט נ ב ע ר ג. ניט ריכטיק, מאָזעס. מיר זיַינען דאָס אומגעדולדיקסטע פאָלק פון אלע פעל־קער. און דאפקע פאר אונדזער אומגעדולד, באווייַזט די געשיכטע, האָבן מיר באצאָלט מיט טיַיכן בלוט.

מ אָ ז ע ס. בלוט האָבן מיר געצאָלט פאר אונדזער הינטישן שרעק. שוין צוויי טויזנט יאָר ווי מיר שרעקן און בוקן זיך פאר דער גאנצער וועלט. ווּעמען נאָר עס גלוסט זיך, שלאָגט אונדז און דערנידעריקט.

מ י ר י א ם. ס׳איז פאראן אן אנדער וועג — זיך קעגנשטעלן. זיך אייַנגלידערן אין אלגעמיי־נעם קאמף.

וו י ט נ ב ע ר ג. און פון איצט, מאָזעס, איך פארזיכער אייַך, וועט אזוי זיַין.

א יַ ז י ק. וויִאזוי? ס׳וועט געשען א נעס?

מ י ר י א ם. אפן פראָנט איז ער שוין געשען. (צו מאָזעסן). און אף וויפל מיר און אייַך און אלעמען איז באוווסט — מיטן אקטיוון אָנטייל פון ייִדן. פון אייַערע אזויגערופענע פּאכדאָנישע ייִדן. מיר האָבן שוין דערוויזן — און ניט איין מאָל — אז פאר א גערעכטער זאך זיַינען מיר מעסוגל צו קעמפן דרייסט און העלדיש. ס׳איז ניטאָ א רעוואָליוציע, אין וועלכער ייִדן זאָלן ניט האָבן אָנטייל־גענומען.

וו י ט נ ב ע ר ג. ריכטיק, מיריאם. און איצט האָט געשלאָגן די שאָ צו פארווירקלעכן דעם נעס אין ווילנער געטאָ! דאפקע דאָ! איר ווילט וויסן פארוואָס?..

יויסעף פירט אריַין טערעסען.

טערעסע!.. אָ, ווי גוט! מיר וואַרטן דאָך אף דיר אזוי אומגעדולדיק!

ט ע ר ע ס ע (צו אלעמען). איך דארף ריידן מיט וויטנבערגן אויג אף אויג.

וו י ט נ ב ע ר ג. ניין, טערעסע, אלץ, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן, זאָג אלעמען. איך באַ־האלט פון מיַין שטאב קיין זאך ניט.

ט ע ר ע ס ע. אין שטאָט קומען פאָר ארעסטן. עס זיַינען דורכגעפאלן כאווער פּעטראס און

אנדערע. דער צענטער האָט געמוזט בײַטן זײַן וווינאָרט. זיי האָבן מיר געבעטן איבערגעבן, אז אלע אײַערע יאטן, וועלכע האָבן געוויער, זאָלן ארויסגיין אין וואלד.

מ י ר י א ם. ווען?

ט ע ר ע ס ע. הײַנט. פיר און צוואנציק נול־נול מוזן מיר זײַן אױף דער פארטיזאנער־באזע.

מ י ר י א ם. נו, סאָפקאָלסאָף איז אלץ קלאָר געוואָרן.

וו י ט נ ב ע ר ג. וואָס האָבן זיי נאָך איבערגעגעבן?

טערעסע שווײַגט.

וועגן מיר?

ט ע ר ע ס ע. דו זאָלסט אויך ארויס אין וואלד.

די שטאביסטן, דערשטוינטע, שווײַגן.

מ אָ ז ע ס (סארקאסטיש). וואָס פארשטייט איר דאָ ניט? אלץ איז לויט מארקסן. כאַווײרים אינטערנאציאָנאליסטן, לאָמיר זיך פארייניקן, — אייצעט אונדז דער ברייטהארציקער צענטער. — און וואָס אָנבאלאנגט אײַערע צוואנציק טויזנט פארשטונקענע ייִדן, איז לאָזט זיי אין געטאָ אױף העפקער!

מ י ר י א ם. מאָזעס, רעדט ניט קיין דעמאגאָגישע רייד! זאָגט: דער רויטארמייער, ווען ער גייט אוועק אפן פראָנט, לאָזט אויך איבער זײַן טאטע־מאמע און פרוי און קינדער אױף העפקער? ניין, ער גייט זיי שיצן און ראטעווען פון טויט!

וו י ט נ ב ע ר ג (קאָן ניט באהאלטן זײַן אנטוישונג). נו, פרײַנט מײַנע, אױף אלץ האָב איך זיך געריכט, נאָר ניט אױף דעם...

ט ע ר ע ס ע. זיי האָבן מיר געהייסן אײַך זאָגן, אז איר זאָלט קיין זאך ניט טאָן אָן זייער וויסן און צושטימונג.

וו י ט נ ב ע ר ג. איך לייג פאָר זיך צו בעראטן.

טערעסע און יויסעף אָפּ.

מ אָ ז ע ס. איך וויל א וואָרט.

ק א ר פ ל. אנטשולדיקט, צוערשט לאָזט מיך זאָגן... לאָמיר גאָר שיקן א שאַליעך צום וויל־דער ביסקופּ, ס׳קאָן זײַן, אז זיי האָבן דאָרטן פארבינדונגען אין די הויכע פענצטער, עפשער קאָנען זיי עפּעס טאָן פאר אונדז?

מ אָ ז ע ס. און מיר דאָ וועלן ווײַטער זיצן מיט פארלייגטע הענט און וואַרטן?

וו י ט נ ב ע ר ג. ניין, פרײַנט מײַנע, מער וואַרטן טאָרן מיר ניט. און צווייטנס... איך נעם ביכלאל צווייפלען, צי דער צענטער אָריענטירט זיך ווי געהעריק אין דער נײַ־געשאפענער סיטוא־ציע. אין דײַטשישן רײַך זײַנען אויסגעהאנגען שווארצע פאָנען, די רויטע ארמיי דערלאנגט טויט־קלעפּ, אין היטלערס שטאב הערשט פּאניק... איז ווען, אויב ניט איצט, איז דער פּאסיקסטער מאָ־מענט צו שלאָגן דעם סוינע אין רוקן? אָבער מאָדנע, מיר הערן ניט, אז ערגעץ־ווּ זאָל מען אָרגאַ־ניזירן אן אופשטאנד, איז פרעגט זיך, מיט וואָס פארנעמט זיך דער צענטער? ניט שוין זשע זיצן זיי דאָרטן מיט פארלייגטע הענט און וואַרטן? איז אױף וואָס וואַרטן זיי?

מ י ר י א ם. איך בעט א וואָרט.

וו י ט נ ב ע ר ג (הערט זי ניט). אָט פארוואָס, פרײַנט מײַנע, בא מיר דערוועקט זיך א כשאד, אז מיר דאָ שאצן אָפּ די לאגע ריכטיקער ווי זיי דאָרטן.

מ י ר י א ם. הינטערן צוים? אָפּגעזונדערטע פון דער דרויסנדיקער וועלט און אָפּגעריסענע פון אלע אינפאָרמאציע־קוואלן?

וו י ט נ ב ע ר ג. דאפקע דערפאר! מיר געפינען זיך אין סוינעס לאפּעס, פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט אים — קאָן ער פון אונדז ניט באהאלטן זײַן כײַיִשן מעהוס. מיר ווייסן שוין דעם גאנצן עמעס, ווײַל נאָר קעגן אונדז איז זײַן אויסראָטונגס־מאשין אוועקגעלאָזט אין פולן גאנג. אויב פאר אלע פעלקער איז גענאָציד א דראָענדיקע געפאר, איז עס פאר ייִדן — בלוטיקעווירקלעכקײַט.

מ י ר י א ם. אָבער פון דעם, כאַווער וויטנבערג, איז נאָך ניט געדרונגען, אז מיר מעגן איג־נאָרירן אונדזער צענטער און ניט קאָאָרדינירן אונדזערע מײַסים מיט אים.

וו י ט נ ב ע ר ג. מיריאם, וויבאלד מיר זעען בעסער ווי דער צענטער די געפאר, וואָס דראָט אלעמען, דארף ער קאָאָרדינירן זײַנע מײַסים מיט אונדז.

וו ו ל ף. ריכטיק, קאָמענדאנט!

וו י ט נ ב ע ר ג. און וויבאלד ער טוט עס ניט, מוזן מיר איבערנעמען די איניציאַטיוו.

וו ו ל ף. איז אױף וואָס וואַרטן מיר, צו אלדי שווארצע יאָר?

ווי טנבערג. איך האָב א פּלאַן! ער וועט אייַך עפּשער אויסזען... אָבער ער איז דער אייַנציקער! דער איינציק מעגלעכער. מיר האָבן ניט קיין אנדער אויסוועג, ווי צונויפנעמען באנאכט אונדזער גאנצע באפעלקערונג, אלטווארג און קינדער, באם טויער, פּלוצעם אים אויסברעכן, ארויסכּלינען אף יענער זייַט און זיך אוועקטראָגן ווי א לאווינע צו דער גרינער בריק!

מאַזעס. טשיקאווע, און פון דאָרטן וווהין?

וויטנבערג. די מענער — אין וואלד, און די פרויען מיט די קינדער — אין די ארומיקע דערפער.

מאַזעס. קעדיי די פויערים זאָלן זיי אויסכאפּן ווי מייַז און צונויפטרייַבן אפן מארק־פּלאַץ?

וויטנבערג. ניין, מאַזעס. אזוי וועט עס שוין איצט ניט געשען.

מאַזעס. ווייַל איר ווילט ניט?

וויטנבערג. ווייַל אונדזער אנטלויפן פון געטאָ וועט זייַן אן אָנהייב. מיר וועלן אָנצינדן דעם ערשטן פונק. ער וועט זיך אויגנבליקלעך פאנאנדערטראָגן איבער דער גאנצער געגנט און זיך צעפלאקערן אין א פלאם־פייַער. דאן וועט דער צענטער שוין זייַן געצוווּנגען איבערצונעמען די איניציאַטיוו.

מאַזעס. אָבער נאָך איידער דאָס וועט געשען, וועלן פארכאסמעטע עשעלאָנען שוין פירן אונדזערע טאטעס, מאמעס און קינדער קיין אָשווענטשים.

קארפּל. און דו ווייסט שוין אפילע וווהין? ווער האָט עס דיר געזאָגט? ווייַזט זיך ארויס, אז דו ביסט דער איינציקער, וואָס ווייסט עס. אפילע דער אלוועלטלעכער „רויטער קרייץ" ווייסט וועגן דעם ניט. ניין, מאַזעס, איך גלייב ניט די ווילדע קלאַנגען, אז מע פארברענט הונדערטער טויזנטער מענטשן אין גאַז־אויוונס. אויב אזעלכע גרוילטאטן וואָלטן פאָרגעקומען, וואָלט מען עס ניט געקענט אויסבאהאלטן פון דער וועלט. זי וואָלט געוווּסט פון דעם.

מיריאם. זי ווייסט.

מאַזעס. און שווייַגט!

קארפּל. ניין, זי וואָלט ניט געשוויגן. זי וואָלט ניט געבליבן גלייַכגילטיק. אזוי נידעריק איז נאָך דער מענטש ניט געפאלן... דעריבער האלט איך, אז וויטנבערגס פּלאן איז א ריכטיקער. די פויערים וועלן זיך דערבארעמען אף אונדזערע פרויען און קינדער און זיי געבן א דאך איבערן קאָפּ און א ביסן ברויט. אנדערש קאָן עס ניט זייַן. ראבויסיי, אלע מענטשן, סיי אנדערשגלויביקע, סיי יידן, האָט גאָט באשאפן אין זייַן געשטאלט.

וויטנבערג. איז לאָמיר צוגיין צום איניען... וווּלף! איר וועט אָנפירן מיטן אופברעכן דעם טויער. איר, מאַזעס... ניין, פריִער איר, קארפּל. איר וועט גיין פון שטוב צו שטוב און דערקלערן, אז מיט זיך דארף מען מיטנעמען נאָר דאָס נייטיקסטע. מיריאם, אייַער אופגאבע וועט זייַן...

א שטים דורכן רופאָר: באקאנטמאכונג! אכטונג, יידן! די געטאָ איז באלאגערט פון דער דייַטשישער ווערמאכט! דער טויער איז געשלאָסן! ארייַנגיין און ארויסגיין איז שטרענג פארבאָטן! מע טאָר ניט ארייַנפירן שפּייַז און אנדערע זאכן. דער פארקער אף די גאסן איז דערלויבט פון אכט אינדערפרי ביז פינף פארנאכט. פאר יעדן פרווו ניט צו פאָלגן מייַן באפעל — שיסן אפן אָרט. שטורמבאנפיורער געקע.

וויטנבערג (פארצווייפלט, כאפּט זיך פארן קאָפּ). מיר האָבן פארשפּעטיקט! אוי, ווי שרעקלעך, פרייַנט מייַנע, מיר האָבן פאר־שפּע־טיקט!

קארפּל. שמע ייִסראָעל, אדוינוי עלויהיינו, אדוינוי עכאָד... אונדזער גאָט איז דער איינציקער מעכטיקער גאָט!

אייַזיק. ס׳ברענט, ברידערלעך, אונדזער היימשטאָט ווילנע ברענט...

פאָרהאנג

צווייטער אקט

בילד 1

אין קעלער. אלע זיצן אף זייערע פריִערדיקע ערטער.

די שטים דורכן רופאָר: דער טויער איז געשלאָסן! ארייַנגיין און ארויסגיין איז שטרענג פארבאָטן! מע טאָר ניט ארייַנפירן קיין שפּייַז! דער פארקער איז דערלויבט פון אכט פרי ביז פינף פארנאכט. פאר ניט פאָלגן מייַן באפעל — שיסן אפן אָרט!

מ י ר י א ם. דאָס באַטײַט, אַז זיי האָבן אונדז געגומען אין קלעם.

ק א ר פ ל. גאַטעניו טײַערער, צי דען ווילסטו אונדז פּאַרטיליקן ביזן לעצטן, קיין סאַריד אופּאַ־ליט זאָל פון אונדז ניט פאַרבלײַבן? זאָג מיר, ריבוינעשעלוילעם, פאַר וואָס שטראָפסטו אונדז?

ווי ט נ ב ע ר ג. איך פרעג אויך פאַר וואָס? זאָגט מיר, מענטשן, פאַר וואָס... האָט ראָכל געשריִען ניט מיט איר קאָל.

די שטאַביסטן, אין פאַרלעגנהײַט, קוקן זיך איבער.

ק א ר פ ל. אל כעט שעכאטאַנו לעפאַנעכאַ...

מ אָ ז ע ס (היסטעריש). וואָס זיצט איר פאַרלוירענע מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט? איציק, באַ־פעלט! זאָל זײַן מאסאדע! קוים זײַנען מיר שוין יאָ פאַרורטיילט, איז לאָמיר שטאַרבן מיט אופגע־הויבענע קעפּ, העלדיש, ווי עס זײַנען אומגעקומען אונדזערע מאַקאַבייער.

אַלע שווײַגן.

ק א ר פ ל. און גאָט האָט געהייסן אַווראָם אָווינו נעמען זײַן איינציקן, וועמען ער האָט ליב געהאַט, ייִצכאָקן, און אים ברענגען צו דער אַקיידע...

מ אָ ז ע ס. איך בין ניט ייִצכאָק! איך וועל זיך ניט לייגן ווי אַ קאַלב אונטערן כאַלעף. אַזוי האָט געקאָנט זײַן מיט טויזנטער יאָרן צוריק. נאָך דעם זײַנען ייִדן דורכגעגאַנגען אַ לײַדנספּולן דערנער־וועג און געגעבן דער וועלט אומצײַלבאַרע גײַסטיקע ווערטן... מעגן מיר זיך דערלויבן צו שטאַרבן ווירדיק, מיטן באַוווסטזײַן, אַז מיר האָבן דערפילט אונדזער היסטאָרישע מיסיִע.

ווו ל ף. איז וואָס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, מאָלסטו מיט דער צונג? זאָג סאַפּקאַלסאָף, וואָס מיר דאַרפן טאָן?

מ אָ ז ע ס. זיך ראַנגלען! מיט האַק און מעסער, מיט וויטריאָל און אײַזן, מיט ציין און נעגל. זאָל אונדזער דאַם־סוינע באַצאָלן פאַר אונדזערע לעבנס די פולע פרײַז!

ווו ל ף. מאָזעס, איך בין מיט דיר!

מ י ר י א ם. מאָזעס, אונדזער גאַנצע אָרגאַניזאַציע איז מיט אײַך. און צו אונדז, קאָן זײַן, וועלן זיך אָנשליסן נאָך הונדערט ייִדן פון געטאָ. פינף הונדערט. אָבער ווי באַווירקט מען די איבע־ריקע? ווי קאָנען מיר איבערצײַגן טויזנטער מענטשן מיט ווײַבער און קינדער, זיי זאָלן וועלן אומ־קומען אין אַן אומזיניקן קאַמף?

ווו ל ף. זיי דאַרף מען קיין זאַך ניט זאָגן.

מ י ר י א ם. באַהאַלטן דעם עמעס? כאַווער וויטנבערג, איר מיינט אויך אַזוי? אַז מיר האָבן רעכט אין געהיים צו באַשליסן פאַר צוואַנציק טויזנט מענטשן: קומט אום?

אײַ ז י ק. געקע האָט עס שוין בעמיילע באַשלאָסן.

ק א ר פ ל (קוקט אַפּן זייגער). נאָך ניט.

ווי ט נ ב ע ר ג. וויפל איז נאָך פאַרבליבן... צײַט? פרײַנט מײַנע, איין מאָל פאַר אַלע מאָל לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלײַבן... אין איקער: וווהין לויפט זי, די מעשונעדיק פאַרגליווערטע צײַט?

די שטאַביסטן, אין פאַרלעגנהײַט, קוקן זיך איבער.

מ י ר י א ם. כאַווײרים, ס'איז ניטאָ אַזאַ סיטואַציע, פון וועלכער עס זאָל ניט זײַן קיין אויסוועג.

ווי ט נ ב ע ר ג. ווײַזט אויס, אַז מיר זײַנען באַגאַנגען אַ פעלער. ווען? ווו?

ק א ר פ ל. הערט מיך אויס, ראַבויסײַ!.. איך... האָב אַן אויסוועג! איך וועל אוועק אָנשטאָט איציקן צום רעצייער.

ווי ט נ ב ע ר ג (דערשטוינט). קאַרפּל! וואָס רעדט איר?!

ק א ר פ ל. לאָז מיך, איציק! דו ביסט יונג, געבילדעט, אַלע האָבן צוטרוי צו דיר, ביסטו נייטיק דאָ... (צו די אַנדערע) לאָזט מיך האָבן דעם זכוס פון מעקײַעם זײַן די מיצווע פון גיין אַף קידעש האַשעם.

אַלע שווײַגן.

מ י ר י א ם. כאַווער וויטנבערג, לאָמיר זיך באַראַטן. ווײַבאַלד כאַווער קאַרפּל באַט זיך אַן פרײַוויליק...

ק א ר פ ל. ראַבויסײַ, ניט קיין אַנדערער — איך דאַרף גיין. איך!

ווי ט נ ב ע ר ג. פאַרוואָס עפּעס איר?

ק א ר פ ל. ווײַל איך... איך... בין אַ זינדיקער און מוז אויסקויפן מײַן גרויסן כעט.

ווי ט נ ב ע ר ג. איך פאַרזיכער אײַך, קאַרפּל, אַז דאָ צווישן אונדז איז ניטאָ קיין איינער, וועלכער זאָל זײַן ריין פון זינד.

ק א ר פ ל. אָבער מײַן כעס איז דער שווערסטער.

ו י ט נ ב ע ר ג. ניט שוין זשע האָט איר געהארגעט א מענטשן?

ק א ר פ ל. אין מיר האָט זיך פארגאנוועט א סאָפעק...

מ י ר י א ם. אין אײַער גאָט?

ק א ר פ ל. צוליב זײַן גרויזאמען מישפּעט איבער זײַן פאָלק יִשׂראָעל. מיך הערט ניט אוף צו עגבערן דער געדאנק, אז אויב ס'איז פאראן א גאָט אין הימל... ניין, ניין, ווידער זינדיק איך! ער איז פאראן! ער איז פאראן און איז גערעכטיק און אייביק... דעריבער, טײַערע, מוז איך גיין... איך וועל אוועק און איר וועט מאמשעך זײַן דעם קאמף קעגן סוינע.

ו י ט נ ב ע ר ג. טײַערער קארפל, זאָגט מיר...

ק א ר פ ל (שלאָגט איבער). איז ווי, ראבויסיי — איר לאָזט מיך?

ו י ט נ ב ע ר ג. אייגנטלעך, ווער זײַט איר?

ק א ר פ ל. א ייִד. א פּאָשעטער ייִד.

ו י ט נ ב ע ר ג. פונוואנען?

ק א ר פ ל. א ווילנער.

ו י ט נ ב ע ר ג. ניין, איר האָט ניט פארשטאנען מײַן פראגע. איך פרעג, פונוואנען נעמט זיך בא אײַך אזא קויעך?

ק א ר פ ל. פון גלויבן אין גערעכטיקײַט.

וויטנבערג נעמט ארום קארפלען און קושט אים.

איצט, קינדערלעך, זאָגט מיר, ווי איך דארף זיך אופירן... דאַרטן... ווען איך וועל ארײַן צו אים? וואָס דארף איך דעם רעצייעך זאָגן?

ו י ט נ ב ע ר ג. דעם עמעס, טײַערער קארפל. געקען וועט איר ניט אָפּנארן. ווי נאָר איר וועט אריבערטרעטן זײַן שוועל, וועט ער פארשטיין, אז איר זײַט ניט וויטנבערג.

ק א ר פ ל. איציק, פארלאָז זיך אױף מיר.

ו י ט נ ב ע ר ג. איר זײַט ניט ענלעך אױף מיר. דאָס הייסט, פארקערט: איך בין ניט ענלעך אױף אײַך, טײַערער קארפל. ליידער...

יוסעף קומט אײַליק ארײַן.

י ו ס ע ף. טאטע! אױף די גאסן ווילדעוועט א צעיושעטער האמוין. אונטערוועלטניקעס נישטערן אין אלע הויפן! אלע זוכן...

ק ו י ל ע ס ד ו ר כ ן ר ו פ אָ ר (פארהילכן יוסעפס שטים): ווו באהאלט זיך וויטנבערג? שלעפּט אים ארויס אױף דער ליכטיקער שײַן! קאָהאָל טאָר ניט אומקומען צוליב איין קאָמוניסט! וויטנבערג — אין געסטאפּאָ! געפינט דעם אויסוואורף!

די קוילעס דערנעענטערן זיך.

מ י ר י א ם. שלעכט. כאוויירים, די מאסן זײַנען קעגן אונדז.

די קוילעס דערנעענטערן זיך נאָך מער, דרינגען דורך די ווענט און פילן אָן דעם קעלער. עס דערטראָגט זיך א טראסקערײַ פון געשלײַדערטע שטיינער. די שטאביסטן, דערשיטערטע, זיצן

אײַנגעקאָרטשעטע אין א געדריקטן שווײַגן.

יוסעף כאפּט ארויס זײַן רעוואָלווער. שנעל אָפּ.

ק א ר פ ל. שמא יִשׂראָעל... היט אונדז, גאָטעניו, פונעם זינדיקן האמוין, איבער וועמען די סיטרע ארכע האָט גענומען די אויבערהאנט.

ו ו ל ף. קאָמענדאנט, דערלויבט מיר ארויסשטעלן א וואך.

ו י ט נ ב ע ר ג. צו וואָס? ווו? וועמען וועט זי היטן?

ו ו ל ף. אונדז.

ו י ט נ ב ע ר ג. פרײַנט מײַנע, איך בעט אײַך, לאָמיר זײַן אופריכטיק און זאָגן איינער דעם צווייטן דעם גאנצן עמעס: קיינעמס לעבן שטייט ניט אין געפאר — נאָר מײַנס.

ק א ר פ ל. דו האָסט א טאָעס. אין געפאר שטייט דאָס לעבן פון אלע ייִדן אין געטאָ.

ו י ט נ ב ע ר ג. עס האנדלט זיך נאָר וועגן מיר... פארשטיי איך ניט, וועמען וועט די וואך היטן? קעגן וועמען ווילט איר ארויסשטעלן א וואך — קעגן אײַערע לײַבלעכע ברידער?.. סאָפקאָל־סאָף מוזן מיר זיך דאָך פאנאנדערקלײַבן... איז פארוואָס העלפט איר מיר ניט? ניט איר העלפט מיר, נאָר פארקערט, איר טוט אלצדינג...

דער געטומל דערוויטערט זיך. יויסעף קומט אריין.

יויסעף. טאטע, ווידער איז דאָ טינאָווסקי.

וואָלף (כאַפּט אַרויס זײַן רעוואָלווער). קאָמענדאַנט, דאָס מאָל לאָזט שוין מיר!

מיריאַם. עפּשער לאָזט אים טאַקע. זאָל ער...

קאַרפּל. אָן אַ מישפּעט?

מיריאַם. ער האָט אַרויסגעגעבן אונדזער עלטסטן.

מאָזעס (ווײַטנבערגן). גיכער פון אַלץ האָט אײַך אַרויסגעגעבן ניט טינאָווסקי, נאָר עמעצער פון אײַערע גוטע כאַווײרים אין צענטער.

וואָלף לאָדט אָן זײַן רעוואָלווער און גייט.

ווײַטנבערג. וואַרט אויף!.. לאָמיר זיך צוערשט מעיאַשעוו זײַן. אָדער פּאַשעטער, לאָמיר אָפּשטימען: ווער איז פאַר דעם, מיר זאָלן אים?..

וואָלף, מיריאַם און מאָזעס הייבן אויף די הענט.

ווער איז קעגן?

קאַרפּל הייבט אויף די האַנט.

מיריאַם (דערשטוינט). און איר, כאַווער ווײַטנבערג? פאַרוואָס שטימט איר ניט?

ווײַטנבערג. איך וועל זאָגן מײַן וואָרט נאָך דעם, ווי איך וועל אים אויסהערן... יויסעף, קום!..

וואָלף. קאָמענדאַנט, דערלויבט מיר אײַך צו באַגלייטן.

ווײַטנבערג. אָ, ניין, פאַרבלײַבט דאָ.

בילד 2

אין קיך. טינאָווסקי זיצט אַף אַ טאַבורעטקע.

אַ שטים דורכן רופּאָר: מעלדונג! אַכטונג, ייִדן פון ווילנער געטאָ! אײַך איז פאַרבליבן נאָר זעקס שאָ! איך וואָרן אײַך צום לעצטן מאָל! אויב איר ווילט זיך ראַטעווען פון טויט, גיט אַרויס דעם קאָמוניסט איציק ווײַטנבערג! אײַך איז פאַרבליבן נאָר זעקס שאָ!

ווײַטנבערג קומט אַרײַן אין דער באַגלייטונג פון יויסעפן, וועלכער בלײַבט שטיין בײַ דער טיר.

טינאָווסקי. איר האָט געהערט, וואָס זיי גיבן איבער דורך זייערע הילכערס?

ווײַטנבערג. וואָס פאַר אַ טײַוול האָט אײַך ווידער געבראַכט אַהער? זאָגט, צו וואָס זײַט איר געקומען?

טינאָווסקי. זיך דערוויסן, וואָס איר האָט באַשלאָסן? שטורמבאַנפיורער געקע האָט מיך נאָכאַמאָל אַרויסגערופן און געוואָרנט, אַז אויב איר וועט זיך ניט יאַווען צו דער צײַט, מעקט ער אָפּ אונדזערע זיבן געסלעך, אַז אַ שטיין אַף אַ שטיין וועט ניט בלײַבן.

ווײַטנבערג. וואָס האָט איר אים געענטפערט?

טינאָווסקי. הער ווײַטנבערג, מיר דוכט, אַז איר באַגרײַפט נאָך אַלץ ניט, וואָס פאַר אַ טראַגישע שאָ אונדזער געטאָ לעבט איבער. אין קאָן שטייט דאָס לעבן פון צוואַנציק טויזנט ייִדן... איז טוט זיך אָן און קומט, איך וועל אײַך באַגלייטן.

ווײַטנבערג. יו־דאַ!

טינאָווסקי. קענער פון היסטאָריע זאָגן, אַז נאָר אַדאַנק יודאַס מעסירע איז יעזוס קריסטוס געוואָרן דאָס, וואָס ער איז געוואָרן. ניט קיין אַנדערער ווי יודאַ האָט געשאָנקען דער וועלט זייער אויסגעטראַכטן גאָט.

ווײַטנבערג. איך זע, אַז אײַך געפעלט זײַן ראָל. מיר אָבער, יעזוסעס, געפעלט ניט.

טינאָווסקי. אַוואַדע. אים איז ניט לײַכט געווען צו שלעפּן זײַן קרייץ צו דער טליִע, אָבער ווי נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט זײַן טויט וועט ער ראַטעווען די מענטשהײַט, האָט ער שאָלעם געמאַכט מיט זײַן גוירל.

ווײַטנבערג. ער איז געווען פאַרכאַפּט פון אַן אידיי. איך... לײדער...

טינאָווסקי (ווײַזט אַף ווײַטנבערגס האַרץ). דאָרט איז פּוסט? אַ וויסטעניש? זײַט זיך מוידע! ווי בײַ מיר, כאַ־כאַ!.. איז פאַרוואָס, אויב אַזוי, קימערט אײַך אַזוי שטאַרק דאָס לעבן פון עטלעכע גאָיִם און איר ווילט זיי ניט אַרויסגעבן געסטאַפּאָ?

ווײַטנבערג. הער טינאָווסקי, איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין מאָסער.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. איך ראַט אײַך ניט אָפּצולייגן ביז דער לעצטער רגע. אין גע̈טאָ קאָכט ווי אין אַ קעסל, אַלע זײַנען פאַרכאַפּט פון אַ שרעקלעכער פּאַניק.

ו י ט נ ב ע ר ג. זעקס שאָ... דאָס איז זייער ווייניק. אָבער עס קאָן דאָך טרעפן, אַז אין דער דאָזיקער קורצער צײַט זאָל זיך עמעצער פאַרמעסטן אויף היטלערס לעבן. אָדער ס'וועט זיך אָנהייבן אַן אויפשטאַנד אין הינטערלאַנד. אָדער די דײַטשישע אַרמיי וועט באַקומען אַ טויטקלאַפּ...

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ריכטיק, דאָס אַלץ קאָן געשען, אָבער אונדזערע זיבן געסעלעך וועט עס שוין לײדער ניט העלפן.

ו י ט נ ב ע ר ג. מער האָט איר מיר גאָרניט וואָס צו זאָגן?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ווי איך פאַרשטיי וועט איר צו געקען ניט גיין?

ו י ט נ ב ע ר ג. איך האָב נאָך ניט באַשלאָסן.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. הער וויטנבערג, אײַער באַשלוס ווייס איך שוין פון פאָרויס.

ו י ט נ ב ע ר ג. טשיקאַווע?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. איר וועט זיכער ניט גיין.

ו י ט נ ב ע ר ג. ווײַל איר אויף מײַן אָרט וואָלט אויך ניט געגאַנגען?

ט י נ אָ ו ו ס ק י.ביידע זײַנען מיר געקנאָטן פונעם זעלבן טייג. מיר געהערן צו די שטאַרקע, איך זע, אַז בײַ אײַך, ווי בײַ מיר, קאָכט די זעלבע יויך.

ו י ט נ ב ע ר ג. איר שפּירט, האַ? ווי עס רוישט אין די אָדערן?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. האָב איך פאַר אײַך אַ פאָרשלאָג. (נעמט אַרויס פון קעשענע דאָס זעקעלע).

ו י ט נ ב ע ר ג. ווידער?.. דאָס מאָל שוין באַשטימט טפילין!

ט י נ אָ ו ו ס ק י. אויף דער וועלט הערשט גאָלד און פויסט. נאָך פון אוראַלטע צײַטן. און אַזוי וועט אייביק זײַן. איך האָב גאָלד, איר האָט פויסט... פאַרשטאַנען?

ו י ט נ ב ע ר ג. נאָך ניט.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. נעמט אײַערע אַ פינף באַוואָפנטע יאַטן און... הײַדאַ!

ו י ט נ ב ע ר ג. וווּהין?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. איך האָב אַ זיכערע באַהעלטעניש.

ו י ט נ ב ע ר ג. איך פרעג — וווּהין?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. צוערשט זאָגט מיר, צי איר נעמט אָן מײַן פאָרשלאָג?

ו י ט נ ב ע ר ג. ער איז ניט רעאַל. קוים איז די גע̈טאָ באַלאַגערט, קאָנען מיר זיך סײַווי‑סײַ ניט אַרויסבאַקומען אויף יענער זײַט.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. הער וויטנבערג, מירן אַרויסגיין דורך אײַער געהיימניספולן טירל.

ו י ט נ ב ע ר ג (דערשטוינט). וועגן אונדזער טירל ווייסט איר שוין אויך?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. איך האָב אײַך שוין, דוכט זיך, איינמאָל געזאָגט, אַז אַ גוטער באַלעבאָס...

ו י ט נ ב ע ר ג. איר ווייסט צופיל, פאָרזיצער פון יודנראַט. (טינאָווסקי שמייכלט). טינאָווסקי, איר ווייסט צופיל און דאָס איז ניט גוט! (פון טינאָווסקיס פּנים פאַרשווינדט דער שמייכל). יויסעף! זײַ אַזוי גוט און רוף אַרײַן וואָלפן. (יויסעף גייט). וואַרט, יויסעף, מע דאַרף ניט!.. פאָרזיצער פון יודנראַט, איך נעם אָן אײַער פאָרשלאָג.

י ו י ס ע ף (דערשיטערט). טאַטע!

ו י ט נ ב ע ר ג. דו שטעק זיך ניט, ווען דײַן טאַטע רעדט מיט אַ מענטשן. גיי אַרויס! (יויסעף אָפּ). אַלזאָ, איך שטים אײַן... אויב איר וועט מיר אויסזאָגן, ווער עס האָט מיך געמאָסערט?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. אײַערער אַ כאַווער פון צענטער. איינער אַ פעטראַס.

ו י ט נ ב ע ר ג. אַ ליגן! איך האָב ניט קיינע כאַווײרים אין קיינע צענטערס.

ט י נ אָ ו ו ס ק י. לײדער איז עס אַזוי.

ו י ט נ ב ע ר ג. ווי קאָנט איר מיר דערווײַזן, אַז איר נאַרט מיך ניט?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. דאָס קאָן אײַך דערווײַזן נאָר געקע.

ו י ט נ ב ע ר ג. געקע? וויאַזוי?

ט י נ אָ ו ו ס ק י. ווען ער וועט אײַך שטעלן אויג אויף אויג מיט דעם, וועלכער האָט אײַך אַרויסגעגעבן.

ו י ט נ ב ע ר ג (געבראָכן). גייט... גייט!.. גייט צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

טינאָווסקי אָפּ. באַלד הילכט אָפּ הינטער דער טיר אַ שאָס. וויטנבערג לויפט צו צו דער טיר און פראַלט זי אויף.

(אין שרעקלעכער פאַרצווייפלונג). יויסעף! וואָס האָסטו געטאָן?

בילד 3

א האַלב־פינצטערער בוידעם. אין די ווינקלען — צעבראָכענע כפּייצים און אַלטוואַרג. דורכן צעלע־כערטן דאַך זעט זיך א קאַלטער בלייַענער הימל. עס קומען אַריַין קאַרפּל, וויטנבערג, מיריאַם, מאַזעס און וואָלף. נאָך דעם ווי אייַזיק און יויסעף טראָגן אַריַין דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, גייט יויסעף אַרויס.

וויטנבערג. פאַרוואָס געשעעט מיט ייִדן ניט אַזוי ווי מיט אַלעמען? מיט וואָס זייַנען מיר אַנדערש? ווער זייַנען מיר? פאַרוואָס זייַנען מיר אַזוינע, ווי מיר זייַנען, האַ?

וואָלף. קאָמענדאַנט, נעמט ניט פאַר אומגוט, וואָס איך וועל אייַך זאָגן, נאָר... איר פאַרנעמט זיך מיט פילאָסאָפיע, אין דער צייַט, ווען איצט דאַרפן מיר גאָר...

וויטנבערג (שלאָגט איבער). וואָס דאַרפן מיר?

אַלע שווייַגן.

זאָגט מיר, וואָס ווילט איר — איך זאָל אוועק צו געקען, ניט וויסנדיק פאַרוואָס און פאַרוועֶן?

מיריאַם. כאַווער וויטנבערג, קיינער זאָגט אייַך ניט, איר זאָלט גיין צו געקען.

וויטנבערג. איז וואָס אַנדערש זאָגט איר מיר? אָט דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס איר זאָגט מיר קיין זאַך ניט. איר שווייַגט.

מאַזעס. נעמט. פאַררייכערט.

וויטנבערג. איר ווילט מיך צעשטרייען?.. איך פרעג אייַך, מיט וואָס בין איך אַנדערש פון א ליטווינער אָדער א פּאָליאַק?.. איך אונטערשייד זיך מיט קיין זאַך ניט. איך בין א פּאַשעטער מענטש... א געוויינלעכער, צי ניט קיין געוויינלעכער, איך פרעג אייַך. איז אויב א פּאַשעטער, איז ווי קומט עס, וואָס זיי לעבן אויף זייער ערד און איך לעב נאָר אין צייַט? יאָ, יאָ, ייִדן האָבן ניט קיין שטעטל, דעריבער שוועבן זיי אין צייַט... אויף פליגלען פון האָפענונג, כאַ־כאַ! קעסיידער האָפן מיר. שוין דוירעסלאַנג, ווי מיר שווימען אין א ברויזנדיקן יאַם פון האָפענונגען... וואָס ווערן קע־סיידער צערונען. מיר זייַנען קראַנק און צעפרעסן פון היפּערטראָפירטער האָפענונג. מיר האָבן ניט אופגעהערט צו האָפן אפילו דאַן, ווען א ביז די ציין באַוואָפנטער רעצייעך האָט בעפאַרהעסיע גע־מאָלדן דער וועלט, אַז ער שטעלט זיך פאַר א ציל אונדז אויסצוראָטן ווי מייַז. ווי האָבן מיר אויף דעם געענטפערט? מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז דאָס שרעקט ער אונדז נאָר... און ווייַטער געהאָפט. און ווען ער האָט אויסגעבויט גאַזקאַמערן און גענומען פאַרברענען אין זיי הונדערטער טויזנטער ייִדן, האָבן מיר זיך נאָך אַלץ גענאַרט און געהאָפט... אפילו איצט, דאָ, ווען דער שטריק איז שוין פאַרצויגן אויף די העלדזער פון די לעצטע צוואַנציק טויזנט ווילנער ייִדן, זיצט איר נאָך אַלץ און האָפט. אויף וואָס? אַז עפּעס וועט אין דער לעצטער מינוט דער רעצייעך ראַכמאָנעס האָבן אויף אונדז און ניט פאַרווירקלעכן זייַן טייַוואָלאָנישן פּלאַן... יאָ, יאָ, פרייַנט מייַנע, איך לייען אַרויס פון אייַערע אויגן — עס טליִעט נאָך אין אייַך א ביטערע האָפענונג, אַז... אַז וואָס? אַראָקול, נו, זאָגט!

אייַזיק. אַז ס׳וועט געשען א נעס.

וויטנבערג. ס׳וועט געשען, אָדער ניט געשען, האַ? נו, זייַט זיך מוידע, איר זיצט דאָ און וואַרט אויף א נעס?

די שטאָביסטן שווייַגן.

איז אַדעראַבע, דערקלערט מיר... מיר זייַנען דאָך הויל, און נאַקעט, און שוצלאָז, איז אויף וואָס פאַר א סמאַך האָפט איר?

קאַרפּל. איציק, אין אונדזער הייליקער טוירע איז געשריבן...

מיריאַם. כאַ!

קאַרפּל. מיר פאַרמאָגן גייַסט!

וויטנבערג. גייַסט?.. אַהאַ, איצט פאַרשטיי איך. איר מיינט, אַז ייִדישער גייַסט איז שטאַרקער פונעם גאַזלענס פויסט?.. שטאַרקער, יאָ? שווייַגט ניט! ענטפערט!.. אַראָקול! פאַרוואָס שווייַגט די ראַדיאָ? וויפל מאָל האָב איך אייַך געהייסן... (היסטעריש). שליסט אייַן! שליסט אייַן!

אייַזיק. ס׳איז ניטאָ קיינע נייַעס.

וויטנבערג. עס קאָן אָבער זייַן. יעדע רעגע קאָן געשען עפּעס אַזוינס, וואָס...

אייַזיק שליסט אייַן די ראַדיאָ.

אייַזיק. דער צענטער שווייַגט.

וויטנבערג. ניין, ער שווייַגט ניט! איר הערט ניט! איר זייַט טויב! לאָזט מיך!.. שנעלער! (שטופּט אָפּ אייַזיקן, זעצט זיך אויף זייַן אָרט, פּרוּווט פאַרשיידענע סטאַנציעס, אָבער פון אומעטום דערטראָגט זיך א טראַסקענדיקער גערויש; פאַרצווייפלט). צענטער?.. דו הערסט מיך?.. דאָס רעדט

וויטנבערג! דער אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ! שיקט ארויס צום געטאָ־טויער אײַערע א פּופּציק יונגען און זאָלן זיי עפענען א פײַער! פּלוצעם! רופט ארויס א בעהאָלע און מיר וועלן אין דער צײַט אופברעכן דעם טויער, האָ?.. נו, גוט, שטעלט ארויס דרײַסיק יונגען! צוואַנציק! איך פרעג אײַך, איר קאָנט ריזיקירן מיט צוואַנציק לעבנס, קעדיי צו ראַטעווען טויזנט?.. נו, גוט, קעדיי צו ראַטעווען הונדערט! אלאָ, שטומט ניט!.. דו ביסט צענטער אָדער ניט צענטער. זאָג! (מיט א צעבראָכענער שטים). שווײַג ניט, איך בעט זיך בא דיר. דו הערסט מיך, צענטער, איך ווייס עס! איז ענטפער מיר... (אופגעקאָכט). צו אלדי שווארצע יאָר, ענטפער!.. פּלוצעם מיט א געביטענער אײַז־קאַלטער שטים). פּאַטריאָטישער ראַט? דאָס רעדט וויטנבערג. איך בין מאַסקים. איך וועל אוועק אין געסטאַפּאָ, נאָר מיט א באַדינג — שטעלט זיך אײַן פאַר דער געטאָ. זאָגט מיר צו... האָט ראַכמאָנעס אפן רעשטל ווילנער ייִדן... האָ? אלאָ! הערט מיך! אלאָ!

וויטנבערגס שטים (דורכן רופּאַר): הערט, מענטשן! גוטע מענטשן! צו אײַך ווענדט זיך א ייִד פון ווילנער געטאָ! אן אומגליקלעכער מענטש! דער דײַטש וויל אונדז פּאַרטיליקן! אלע־מען!.. וועלט, דו הערסט אונדז?.. גוטע וועלט! זינדיקע וועלט! מעשוגענע וועלט! ראַטעווע אונדז!

פון אפּאַראַט טראָגט זיך א טראַסקענדיקער גערויש.

(מיט א טרויעריקער שטים). און איר שטייט און קוקט אזוי זיך, מיט פאַרלייגטע הענט, און איר שטייט און קוקט אזוי זיך, ווי אונדזער היימשטאָט ה׳ילנע ברענט.

דער אפּאַראַט רוישט נאָך שטאַרקער, פאַרטויבט וויטנבערגס שטים.

אײַזיק. ווײַזט אויס, אז עפּעס איז דאָרטן קאַליע געוואָרן.

וויטנבערג (היסטעריש). דו! האָסט אים בעקיוון קאַליע געמאַכט! דער אפּאַראַט האָט געאַרבעט!

אײַזיק. ניין, קאָמענדאַנט!..

וויטנבערג. און איך זאָג דיר, אז יאָ! איר זײַט אלע איידעס, ווי אינדערפרי האָט דער אפּאַראַט אויסגעצייכנט געאַרבעט! (כאַפּט ארויס זײַן רעוואָלווער).

קאַרפּל. איציק, דו ביסט פון זינען אראָפּ? (לויפט צו וויטנבערגן). וואָס טוט זיך מיט דיר?

וויטנבערג. ער וויל אונדז ניט זאָגן דעם עמעס! צי דען פאַרשטייט איר ניט? פרײַנט מײַנע, איך בין שוין לאַנג כוישעד, אז דער אָראַקול באַהאַלט פון אונדז דעם עמעס.

אײַזיק. ריכטיק! איך באַהאַלט!.. איז שיסט מיך! פאַרוואָס שיסט איר ניט? שיסט! איך האָב אלצדינג געוווּסט און אײַך ניט געזאָגט... דעם עמעס!.. אז טויזנטער ייִדן ווערן געטריבן צו גרי־בער און פאַרשלעפּט אין גאַז־אויוונס, איז וואָס? האָב איך אײַך געדאַרפט דערציילן וועגן דעם?

מיריאַם. אומבאַדינגט!

אײַזיק. אז אלע מעלוכע־פירער פון דער וועלט און דער פּויפּסט אין רוים בעסויכעם ווייסן וועגן שענדלעכסטן פאַרברעכן אין דער געשיכטע און שטומען?

וויטנבערג. ווען מיר וואָלטן געוווּסט דעם עמעס...

אײַזיק. ...וואָלט איר אַרײַנגעפאַלן אין נאָך א גרעסערן ייִעש... האָב איך זיך אליין גע־וואָרגן מיט וועלטס פאַרברעכן און מיט זײַן גלײַכגילט, און אײַך ניט דערציילט... (פּלוצעם שלײַ־דערט ער אראָפּ דעם ראַדיאָ־אפּאַראַט פון טישל). אָט אזוי! ווער פאַרשאָלטן!.. איך האָב עס שוין לאַנג געוואָלט טאָן! פּאָטער ווערן... זיך מער ניט פּײַניקן! זאָל נעמען א סאָף!.. (לויפט ארויס).

א לאַנגער שווײַגן.

וויטנבערג. איז אָט, טײַערע פרײַנט מײַנע... איצט האָט איר זיך נאָכאַמאָל איבערצײַגט... וואָס קוקט איר אף מיר מיט אזא צאַר אין די אויגן? דערטרינקט מיך ניט אין אײַער צאַר.

קאַרפּל. איציק, דאָס איז ניט קיין צאַר.

וויטנבערג. איז וואָס איז עס? אדרעבע, זאָגט מיר... אָדער עפשער זײַט איר כוישעד, אז איך האָב מוירע? פאַרזיכער איך אײַך, אז... ווען איך האָב געזען ווי ראָכל האָט זיך א וואָרף געטאָן אפן שניי, צוגעפויזעט צו געקען און גענומען לעקן זײַנע שטיוול, האָב איך זיך געשווירן, אז מיט מיר וועט אזוינס ניט געשען. קיינמאָל ניט! איך וועל קיין קאָרבן ניט זײַן. בעשום־אויפן ניט! נאָר ניט קיין קאָרבן!.. ווײַל זאָגט מיר, מיט וואָס בין איך זיכער, אז ווען איך וועל אוועק צו אים, וועט ער די געטאָ ניט אָפּנאַרן און אומברענגען אלעמען מיז איינעם? וועט זיך דעמלט ארויסווײַזן, אז אומזיסט בין איך... אז איך בין גאָר ניט קיין קאָרבן, נאָר א פאַרעטער!

קאַרפּל. איציק, האָב גאָט אין הארצן, ווי קומט דיר גאָר אין קאָפּ אזא געדאַנק?

ו י ט נ ב ע ר ג. ווי? אדעראבע, זאָגט מיר, ווי קען מען עס אנדערש אָנרופן? דער אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ גיט זיך פרײַוויליק אָפּ דעם דאַם־סוינע אין די הענט אַרײַן — וואָס איז עס, אויב ניט פאַראַט?

ק א ר פ ל. ראַבויסײַ, איז לאָמיר סאַפּקאָלסאַף זיך אוועקזעצן און זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין אַלץ מיט א טאָלק.

ו י ט נ ב ע ר ג. ניטאָ אין וואָס זיך פאַנאַנדערצוקלײַבן! איך וויל ניט און וועל ניט זײַן קיין פאַרעטער, איר הערט? בא קיינע אומשטאַנדן ניט. איך וויל קעמפן מיט געווער אין האַנט! אָדער... זאָל מען מיך דערשיסן בא א גרוב, פאַרברענען אין א גאַז־קאַמער... נאָר ניט זײַן קיין פאַרעטער!

ק א ר פ ל. זאָל דיר גאָט ניט שטראָפן פאַר דײַנע רייד, איציק, נאָר ס׳איז א זינד צו ריידן אזוי ווי דו רעדסט.

ו י ט נ ב ע ר ג. פאַרוואָס א זינד?

ק א ר פ ל. איך בעט דיר, באַרויִק זיך.

מ י ר י א ם. נעמט וואַסער.

ו י ט נ ב ע ר ג. איך פרעג אײַך, פאַרוואָס א זינד? דערקלערט מיר אויב אזוי, וואָס איז זינד?

מ אָ ז ע ס. פאַרייכערט.

ו י ט נ ב ע ר ג. גיב... ניין! צוערשט זאָגט מיר... ווער בין איך — א קעמפער, א קאָרבן, אָדער א פאַרעטער?

מ אָ ז ע ס. הערט אויף!

ו י ט נ ב ע ר ג. פויסט אָדער גײַסט?

ק א ר פ ל. איציק, טײַערער, נעם זיך אין די הענט... קום! (נעמט וויטנבערגן אונטערן אָרעם).

ו י ט נ ב ע ר ג. וואַרט!.. וווּהין?.. וווּהין פירט איר מיך?

ק א ר פ ל. קום מיט מיר. (פירט אים ארויס).

ב י ל ד 4

אן אָפּגעצאַמט ווינקל אפן בוידעם. אף א שטרויענעם זאַק זיצט טערעסע.
וויטנבערג קומט ארײַן.

ט ע ר ע ס ע. איציק, טײַערער מײַנער, ווו ביסטו אהינגעקומען אזוי לאַנג?

ו י ט נ ב ע ר ג. טייקעף טו זיך אָן און אנטלויף פונדאַנען. קאָלזמאַן ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט. יויסעף וועט דיך ארויספירן דורכן טירל.

ט ע ר ע ס ע. דערצייל, וואָס איר האָט באַשלאָסן?

ו י ט נ ב ע ר ג. געקע וועט וואַרטן נאָך זעקס שאָ. טערעסע, איך בעט דיך, גיי פון געטאָ אוועק.

ט ע ר ע ס ע. גוט. אָבער צוזאַמען מיט דיר. צוערשט וועל איך דיר באַהאַלטן אין שטאָט, און נאָכדעם וועלן מיר צוזאַמען אוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער.

ו י ט נ ב ע ר ג. האָב ניט קיין פאַריבל, וואָס איך וועל דיר זאָגן, טערעסע, נאָר דו רעדסט נאַרישקײַטן.

ט ע ר ע ס ע. הער מיך אויס... איך וווּנדער זיך ווי דו פאַרשטייסט ניט אזא פּאָשעטע זאַך... אז דאָ וועלן אַלע אומקומען.

ו י ט נ ב ע ר ג (אופגעקאָכט). און ווי האָט זיך דיר גאָר געשפּאָלטן ס׳מויל אזוינס צו זאָגן? ווער האָט אונדז געמישפּעט און פאַרמישפּעט? פאַר וואָסערע פאַרברעכנס?

ט ע ר ע ס ע. איציק, ניט פון מיר און ניט פון דיר איז אָפּהענגיק, אז דאָס זאָל ניט גע־שען. לײדער וועט אזוי זײַן.

ו י ט נ ב ע ר ג. אָט דאָס איז דער אונטערשייד פון מיר און דיר: איך וואַרף אָפּ דעם אורטייל: „אזוי וועט זײַן”. איך אנערקען אים ניט און פאַרשטיי אים ניט — און דו נעמסט אים אָן אפּריִער. נאָך איידער דער פאַרברעכן איז געשען, שטימסטו אײַן מיט אים.

ט ע ר ע ס ע. ניין, איציק, איך שטים ניט אײַן מיט אים.

ו י ט נ ב ע ר ג. ...אין געדאַנק! און געדאַנק איז אן אָנהייב פון וואָרט, און אן אָנהייב פון טאַט. דעריבער בעט איך דיר, טערעסע, גיי אוועק.

ט ע ר ע ס ע. ניין, איציק, איך בלײַב אין געטאָ.

ו י ט נ ב ע ר ג (שטרענג). טערעסע!

טערעסע. איך האָב פעסט באַשלאָסן: מײַן היים איז דאָ. (בעטעריש). נו, איציק... (אין פאַרצווייפלונג זינגט):

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן...

וויטנבערג (שרײַט). הער אויף!

טערעסע.

...זײַ זשע ניט קיין נאַר.

וויטנבערג (שרײַט). און פּלוצעם האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן שניי, צוגעפּרעסט צו געקעגן, געגומען קושן זײַנע שטיוול און...

טערעסע. אָ, יעזוס מאַריִע, ווידער דאָס זעלבע!

וויטנבערג. ...ווילד זיך צעשריִען...

ראָכלס שטים דורכן רופּאַר: איך ווייס ניט פאַר וואָס? זאָגט מיר, מענטשן, פאַר וואָס?!.. איציק, איך וויל וויסן פאַר וואָס?!..

וויטנבערג. איך קאָן עס בעשום־אויפן ניט אַרויסרײַסן פון מײַן זיקאָרן!.. ווי זי האָט זיך אין איין רעגע פאַרוואַנדלט אין אַ כײַע. און ווי זי איז פאַרשטומט געוואָרן און געגומען קוקן אויף מיר מיט גלעזערנע אויגן. און איך בין געשטאַנען הינטערן פּלויט, אַ פאַרלוירענער, און זיך געשאָלטן, וואָס איך טו קיין זאַך ניט, קעדיי זי צו ראַטעווען... און פאַרט זיך ניט גערירט פון אָרט. אָנשטאָט עפּעס צו טאָן, האָב איך גאָר געגומען ציטערן פאַר מײַן אייגן לעבן... ניט ראָכל, ניין, נאָר איך האָב פאַרלוירן דאָס מענטשלעכע פּאָנעם.

טערעסע. ניין, איציק, דײַן פאַרשטאַנד האָט אָפּגעוויגן אַלע „פאַרן" און „קעגנס" און געמאַכט אַ ריכטיקן אויספיר.

וויטנבערג. אָט דאָס איז דאָס שרעקלעכסטע, וואָס איך האָב נאָכדעם באַנומען: אַז פאַר־שטאַנד איז ניט אַלץ, אַז מענטשן שאַצן איבער זײַן וואָג, און זײַנע מעגלעכקײַטן, אַז דאָס גאַנצע וויסן, וואָס איך האָב געשעפּט פון ביכער, האָט מיר ניט געמאַכט אַזוי שטאַרק, איך זאָל קענען זיך קעגנשטעלן שלעכטס.

טערעסע. איציק... זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זיך ניט באַליידיקן, וועל איך דיר זאָגן, ווער ס'איז שולדיק אין ראָכלס טויט.

וויטנבערג (היסטעריש). ניט איך! ניט איך!..

טערעסע. ווען דו וואָלסט זי אויף אַן עמעס ליב געהאַט...

וויטנבערג. איך פאַרבאָט דיר אַזוי צו ריידן!

טערעסע. ...וואָלסטו דאַן ניט געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. דו וואָלסט עפּעס געטאָן, קעדיי זי צו ראַטעווען. עס קאָן זײַן, אַז דאָס וואָלט געווען אַ זינלאָזער, אַ מעשוגענער טאַט, אָבער...

וויטנבערג. אַזויפיל יאָרן האָבן מיר צוזאַמען געלעבט אונטער איין דאַך און זיך געטיילט מיט יעדן ביסן.

טערעסע. ליבע איז עפּעס אַנדערש.

וויטנבערג. איז וואָס, לויט דײַן מיינונג, איז ליבע? יאָרנלאַנג אוועקוואַרפן אַ געליבטן און אים פאַרגעסן?

טערעסע. איציק, איך האָב דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. נאָר צוליב דיר בין איך אוועק פון דער היים... דיך אופצוזוכן און ראַטעווען.

וויטנבערג. אוודאי. קעדיי אויסצוקויפן דײַן שולד לעגאַבע מיר און מיר באַווײַזן, אַז ניט אַלע ליטווינער... אַז ס'קאָן זיך אײַנגעפינען איינער אָדער אַ צווייטער...

טערעסע (שלאָגט איבער). יעזוס מאַריִע, ווי דו ביסט שלעכט צו מיר! און ניט גערעכטיק!.. יאָ, דיר איז זייער שווער, דו ביסט פאַרביטערט, איך פאַרשטיי עס.

וויטנבערג. און איך וויל ניט קיין מיטגעפיל. איך וויל ניט קיין צוגעוואָרפענע נעדאָווע.

טערעסע. טײַערער מײַנער, ניט קיין נעדאָווע גיב איך דיר, נאָר אַ הייליקן צוזאָג, אַז פון הײַנט און ווײַטער טייל איך מײַן גוירל צוזאַמען מיט דיר. דו ביסט אַ ייִד און איך בין אַ ייִדישקע.

וויטנבערג. ניין, טערעסע, דו ביסט אַ ליטווישע.

טערעסע. אַ ייִדישקע!

וויטנבערג. אַ ניי־געוואָרענע!

טערעסע. ריכטיק! דיך האָט געמאַכט פאַר אַ ייִד דער בלינדער גוירל, מיך הייסט זײַן אַ ייִדישקע מײַן האַרץ און מײַן סייכל. איך וויל, דו פאַרשטייסט, איך מוז זײַן אַ ייִדישקע!

ווי טנבערג. זײַן א ייִדישקע איז ניט אָפּהענגיק ניט פון גורל, ניט פון ווילן און ניט פון סייכל.

טערעסע. איז פון וואָס? איך בין גרייט אַף אַלץ! זאָג מיר פון וואָס?

וויטנבערג. הער, טערעסע, ווען איך בין נאָך געווען א קינד, האָט מיר מײַן זיידע דערציילט א מײַסע וועגן אייביקן ייִדן. ווי ער שפּאַנט איבער דער וועלט מיט א וואנדער־שטעקן אין האנט און מיט א טאָרבע אַף דער פּלייצע. וווהין גייט דער גרײַז־גרויער אַלטיטשקער און וואָס טראָגט ער אין זײַן טאָרבע? — האָב איך דעם זיידן געפרעגט. — דאָס ווייסט קיין איין לעבעדיקער נעפעש ניט, — האָט ער מיר געענטפערט. — און דער אַלטיטשקער ווייסט? — האָב איך ווידער געפרעגט. — ניין, — האָט ער מיר געענטפערט. — און איר? — האָב איך ווײַטער געפרעגט. — אויך ניט. — איז ווער ווייסט יאָ? — האָב איך ניט אופגעהערט צו פרעגן. — קיינער ניט, דאָס איז אַן אייביקע רעטעניש, — האָט מיר מײַן זיידע געזאָגט. — עפּשער דו, אייניקל, ווען דו וועסט אויסוואקסן, וועסטו דערגיין דעם סאָד.

טערעסע. און... דו ביסט דערגאנגען?

וויטנבערג. נאָר דאָס, אז די טאָרבע איז מײַנע, און דער וואנדער־שטעקן איז מײַנער.

טערעסע. איז צו וואָס באַדאַרפסטו זיי? וואַרף און... (פאַרכאַפּט זיך). אַ!..

א שווערער שווײַגן.

וויטנבערג. נו, טערעסע, איצט זײַ א גוטע און גיי.

טערעסע (ווײַזט אַפן גלאַטן רינג, וואָס אַף וויטנבערגס האַנט). **נעם אים אַראָפּ.** (וויטנבערג קווענקלט זיך א ווײַלע, נאָכדעם נעמט ער אַראָפּ זײַן רינג). **גיב מיר.** (וויטנבערג גיט. זי טוט צוריק אָן דעם רינג אַף וויטנבערגס פינגער). **איך שווער בא אַלץ, וואָס מיר איז טײַער און הייליק, דיר צו זײַן א טרײַ ווײַב און א גוטע מאַמע פאַר יויסעפן.** (וויטנבערגס פּאָנעם שײַנט אוף). **איצט, שוואַרצבּרעמיקער, שווער מיר דו...**

וויטנבערג, א פאַרגאַפטער, קוקט אַף טערעסען.

בילד 5

אַפן בוידעם מיריאַם און מאָזעס. וויטנבערג קומט אַרײַן.

מיריאַם. זאָגט מיר, איציק... איר האָט עפּעס איבערגעביסן?

וויטנבערג. וואָס האָט איר באַשלאָסן?

מאָזעס. מיר וואַרטן אַף אײַך, קאָמענדאַנט.

מיריאַם. באַשליסן קענען מיר נאָר אַלע צוזאַמען.

וויטנבערג. אייגנטלעך האָט שוין די געטאָ באַשלאָסן... ווו זײַנען קאַרפּל און וואָלף?

מאָזעס. נעמט א פּאַפּיראָס. פאַררייכערט.

וויטנבערג. איך פרעג, ווו זײַנען זיי מיטאַמאָל אַהינגעקומען?

מאָזעס. נערווירט זיך ניט, קאָמענדאַנט. זיי וועלן באַלד זײַן דאָ.

וויטנבערג. ווען — באַלד? וואָס הייסט — באַלד? קוים האָבן זיי אונדז פאַריאָגט, ווי מײַז אין א טעמפּן ווינקל, איז שוין ניטאָ קיין באַלד... איז וואָס פאַר א שײַכעס האָט דאָ קאַרפּל און וואָלף? מיט זיי אָדער אָן זיי האָבן מיר שוין סײַוויסײַ ניט וואָס צו באַשליסן.

מיריאַם. איך לייג פאָר אָנהייבן מיט געקעץ אונטערהאַנדלונגען, קעדיי צו געווינען צײַט.

וויטנבערג. ווידער צײַט! נאַראָנים! צי דען פאַרשטייט איר נאָך ביז איצט ניט, אז צײַט... איז שוין ניט אין אונדז, נאָר אויסער אונדז, פון יענער זײַט טויער, אַזוי־אַרום קענען מיר זי ניט פאַרלירן און ניט געווינען!

מאָזעס. טאַקע דערפאַר, איציק...

וויטנבערג (שלאָגט איבער). ...איז געקען ניט קעדײַ צו אונטערהאַנדלען מיט אונדז!

מיריאַם. אים איז ניט קעדײַ, אָבער אונדז...

וויטנבערג. איז קעדײַ?.. נו, פרײַנט מײַנע, פאַרשטייט איר נאָך אַלץ ניט מײַן לאַגע... אָדער איר מאַכט זיך ניט פאַרשטייענדיק. שטענדיק האָט דער זיגער געפּאָדערט פונעם באַזיגטן איינס פון דעם ביידן: ווער מײַן שקלאַף, אָדער שטאַרב; גלייב אין מײַן גאָט, אָדער שטאַרב; קויף זיך אויס מיט גאָלד, אָדער שטאַרב. א זעלטענער האָט געקענט אַפן שלאַכטפעלד זיך איבערגעבן אין געפאַנגענשאַפט, אָדער אַנטלויפן. פון מיר זײַנען צוגענומען אַלע מעגלעכקייטן. איך האָב ניט קיין פרײַהײַט פון אויסוואַל... איך מוז שטאַרבן שוין דערפאַר אַליין, ווײַל היטלער פאַרבאָט מיר צו

אַטעמען. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז פון א פאָלק צוגענומען די מעגלעכקייט צו באַשליסן יאָ אָדער ניין. זיך קעגנשטעלן אָדער זיך אונטערגעבן. פאָדערן אָדער גיין אויף קאָמפּראָמיסן. דער סוינע נעמט אונדז ביכלאַל ניט אין באַטראַכט. מיר זיינען פאַר אים מיסט.

עס קומט אַריין קאַרפּל, וועלכער פירט אַריין דעם גייסטלעכן.

קאַרפּל. איך האָב געבראַכט צו אייך א שאַליעך. פונעם ווילנער ביסקופּ. ער וויל ריידן מיט אייך.

מיריאַם (איבעראַשט). פון ווילנער ביסקופּ גאָר?

קאַרפּל (צו וויטנבערגן). זייט ניט אין כּעס אויף מיר. דאָס איז מיין איניציאַטיוו.

וויטנבערג. מאַדנע!.. (באַהערשט זיך). ביטע, זעצט זיך.

גייסטלעכער (זעצט זיך). זיין עמינענץ דער ביסקופּ האָט מיר געבעטן אייך זאָגן, אַז ווי נאָר ער האָט באַקומען אייער ווענדונג, האָט ער פאַראָרדנט אָפּצוריכטן א ספּעציעלע טפילע פאַר אייך.

מיריאַם (איראָניש). אַזש א טפילע!..

גייסטלעכער. ער האָט געבעטן אייך זאָגן, אַז די קאַטוילישע קירך איז זייער באַזאָרגט צוליב די שווערע גזירעס אויף יידן. זי גיט זיך אָפּ א פולן כעזשבן, אַז דער קיעם פון אייער פאָלק איז אין גרויס געפאַר. אין דער דאָזיקער שווערער שאָ, פאַרשטייט זי, איז א הייליקער כויוו צו ראַטעווען יידן. ווי און וועמען נאָר עס לאָזט זיך. יעזוס קריסטוס לערנט ליב צו האָבן אַלע מענטשן אָן אונטערשייד. זיך דערבאַרעמען אפילע אויף די, וועלכע האָבן אים געקרייציקט. דעריבער האָט מיר זיין עמינענץ געבעטן אייך מיטיילן, אַז ער איז גרייט אויסצושטרעקן א האַנט יעדן, וואָס וועט קומען צו אים מיט אָן אָפּן האַרץ.

קאַרפּל. פאַרשטייט זיך, כּאַשעווער גייסטלעכער, מיר דאַנקען אייער ביסקופּ פאַר זיין טיפן מיטלייד צו אונדז. גיט אים איבער אונדזערע האַרציקע ווונטשן... ווונטשן פון אומגליקלעכע, גערוידעפטע, וועלכע זיינען דערפירט צום ראַנד פון... (זיין שטים ציטערט אויף און ער ווערט אַנשוויגן).

מיריאַם (זאַכלעך). איר האָט אונדז געבראַכט דעם ביסקופּס ענטפער?

גייסטלעכער. זיין עמינענץ האָט געבעטן אייך זאָגן, אַז מיר האָבן ניט קיינע פאַרבינדונגען מיט פאַרשטייער פון דייטשישן מיליטער אָדער מיט געסטאַפּאָ.

קאַרפּל. איז עפּשער מיט געוויסע באַאַמטע פון זייערע אָנפירנדיקע אַנשטאַלטן?

גייסטלעכער. מיר האָבן ניט צו טאָן מיט קיינעם, וועמענס הענט עס זיינען איינגעטונקט אין מענטשלעכער בלוט. (אַלע שווייגן). מיר שטעקן זיך ניט אין פּאָליטיק.

מיריאַם. שוין לאַנג?

גייסטלעכער. הם... פון דעמלט, ווען מעלוכע־הערשער האָבן פון פּאָליטיק אַרויסגעשיילט און באַזייטיקט זיין עטישן יאָדער.

קאַרפּל. כּאַשעווער גייסטלעכער, דערלויבט מיר צו באַמערקן, אַז מיר האָבן זיך געווענדט צו אייך ניט מיט קיין פּאָליטישן איניען. מיר בעטן נאָר, אויב, פאַרשטייט זיך, איר האָט אוועלכע־ס׳איז מעגלעכקייט, אונדז העלפן ראַטעווען אָן אומשולדיקן מענטשן.

וויטנבערג. עס רעדט זיך וועגן מיר.

גייסטלעכער. איך האָב עס פאַרשטאַנען ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען. (אַלע שווייגן). זיין עמינענץ דער ביסקופּ האָט מיר געשיקט צו אייך... פאַרלייגן, איר זאָלט גיין מיט מיר.

וויטנבערג. וווהין?

גייסטלעכער. ער בעט אייך ווערן אונדזער ברודער. דאַן וועט ער אייך בענטשן און שיצן.

וויטנבערג. אַנדערש געזאָגט, ער נעמט זיך אָן מיך צו ראַטעווען, אויב איך וועל איינשטימען אָנצונעמען אייער גלויבן?

גייסטלעכער. דעם ריכטיקן גלויבן.

מיריאַם. דעם גלויבן — אין וואָס?

גייסטלעכער (איגנאָרירט מיריאַמס פראַגע. צו וויטנבערגן). איך פאַרשטיי, איר קענט זיך מיטאַמאָל ניט אַנטשליסן... איז זייט זיך גוירער, איך בעט אייך. דערצאָרנט ניט נאָך מער אונדזער אַלמעכטיקן האַר אין הימל.

מיריאַם. אויב, פאַרשטייט זיך, ער איז דאָרטן פאַראַן...

קאַרפּל (שטרענג). מיריאַם, נו איך בעט אייך זייער...

גײַסטלעכער (צו וויטנבערגן). ער שטראָפט אײַער פֿאָלק שטרענג און גרויזאַם. אָבער דאָס איז נעגייע נאָר אײַערע גופֿים. יעדן פֿון אײַך גיט ער די מעגלעכקײַט צו ראַטעווען זײַן נע־שאָמע. איז באַניצט זיך מיט זײַן גנאָד, גוטער מענטש, און קומט מיט מיר.

וויטנבערג. גוט, לאָמיר אָנעמען, אַז איך שטים אײַן. איז וואָס וועט דעמלט זײַן מיט די איבעריקע ייִדן פֿון געטאָ?

גײַסטלעכער. גאָט אין הימל איז א גערעכטער שויפֿעט.

קארפּל. וועלכער גאָט? עס איז פֿאַראַן אײַערער — דער גאָט פֿון די שטראָפֿער, און אונד־זערער — פֿון די געשטראָפֿטע. אײנער בענטשט די הערשער, וועלכע באַגייען שענדלעכסטע טאַטן, און דער צווייטער פֿאָדערט פֿון די הערשער גערעכטיקײַט.

גײַסטלעכער. ס'איז פֿאַראַן נאָר איין גערעכטער גאָט אין הימל, וועמענס טיפֿזיניקע מײַסים מיר, זינדיקע מענטשן, קאָנען ניט באַגרײַפֿן. דעריבער טאָרן מיר ניט אורטיילן וועגן זיי.

וויטנבערג. כאָשעווער גײַסטלעכער, ס'קאָן זײַן, אַז צען ייִדן, אָדער צוואַנציק, אָדער עפּשער הונדערט וועלן אײַנשטימען אָוועקגיין צו אײַך און אָנעמען אײַער גלויבן, אָבער איך פֿרעג, וואָס וועט זײַן מיט די איבעריקע?

גײַסטלעכער. דער גרויסער האר אין הימל וועט זיי ליידער שטראָפֿן פֿאַר זייער האַרט־נעקיקײַט און פֿאַר זייער אַקשאָנעסדיקן ניט־וועלן אָנערקענען זײַן געשיקטן זון אויף דער ערד. צי דען פֿאַרשטייט איר ניט, אַז אײַער פֿאָלק האַלט איצט דעם גרעסטן און שווערסטן עקזאַמען, גאָט פּרוווט אײַך צום לעצטן מאָל.

וויטנבערג. און איך מיין, אַז אונדזער עקזאַמען איז אין טאָג, אויב ניט נאָך מער, אײַער עקזאַמען. די טראַגעדיע פֿון ייִדישן פֿאָלק איז ניט ווייניקער אײַער טראַגעדיע, און קאָלזמאַן איר, איך וויל זאָגן, אַלע אומעס האָוילאָם וועלן עס ניט פֿאַרשטיין...

גײַסטלעכער (שלאָגט איבער). מײַנע הערן, זײַן עמינענץ דער ביסקופּ האָט מיר...

וויטנבערג (אָפּגערעגט, שלאָגט איבער). ...יאָ געזאָגט, וואָס עס וועט זײַן מיט די איבעריקע, אָדער ניט געזאָגט?

גײַסטלעכער. ער האָט מיר באַפֿולמעכטיקט אײַך צו בענטשן.

וויטנבערג. מיך?

גײַסטלעכער. אויב, פֿאַרשטייט זיך, איר וועט דערלויבן.

וויטנבערג (צו די איבעריקע, האַלב אין שפּאַס). וואָס ראַט איר מיר — דערלויבן?

מיריאַם (סאַרקאַסטיש). אומבאַדינגט!

גײַסטלעכער (זאָגט גיך, אָבער דײַטלעך). זון מײַנער, גוטער מענטש, זאָל דער באַרעמ־הארציקער גאָט אין הימל דיר געבן קויעך און דרײַסטקײַט אויסצוקויפֿן דײַנע שווערע זינד, אָמיין. (צײַלעמט איבער וויטנבערגן און גייט שנעל אַרויס).

קאַרפּל באַגלייט אים.

מיריאַם. וואָס זאָגט איר אויף דער קאָמעדיע? טפֿו! (צעלאַכט זיך נערוועז, אָבער רײַסט פּלוצלינג איבער). איר האָט אים גערדאַרפֿט אָנשפּײַען אין פּאָנעם און אַרויסיאָגן ווי א הונט!

אַלע שווײַגן. קאַרפּל קומט אַרײַן צורי

קאַרפּל. זײַט מיר מויכל, איציק... (ווענדט זיך צום הימל). נאָר קודעמקאָל, זײַ מיר מויכל דו, ריבוינעשעלוילעם, וואָס איך האָב זיך געווענדט נאָך הילף צו א פֿאַלשן גאָט, וועלכער פּריי־דיקט, אַז גלייבן אין זײַנע קאָנאָנען איז וואָגיקער ווי דאָס הייליקסטע און פֿולקומסטע פֿון דײַן באַשאַף — מענטשלעך לעבן!

וואָלף און יויסעף קומען אַרײַן. ביידע — מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן אין די הענט.

וואָלף. קאָמענדאַנט, לאָזט מעלדן, אַלע אַרײַנגענג און אַרויסגענג זײַנען פֿאַרמאַכט! אויפֿן דאַך שטייט אונדזערער א קוילנוואַרפֿער. מײַנע יאַטן באַוואַכן דעם הויף!

מיריאַם. אָבער... דערקלער אונדז וואָס האָט פּאַסירט?

מאָזעס (כאַפּט אַרויס זײַן רעוואָלווער און לויפֿט צו וואָלפֿן און יויסעפֿן). הער וויטנבערג, פֿון איצט נעמען מיר אײַך אונטער אונדזער שוץ! מיר וועלן קיינעם ניט לאָזן אײַך אַרויסגעבן דער געסטאַפּאָ!

מיריאַם. טשיקאַווע, ווער עס קלײַבט זיך עמעצן אַרויסגעבן?

מאָזעס. איר! (און צו קאַרפּלען) און איר!.. שטויסט אים אין געקעס מערדערישע לאַפּעס!.. פֿאַר־שטייט זיך, האָפֿנדיק, אַז די יעשועו וועט פֿאַר אים קומען פֿון הימל. (צו מיריאַמען). און איר — אַז אים וועט ראַטעווען אײַער רויטער קאָמינטערן. ביידע פֿירט איר א כעזשבן מיט אײַערע געטער

און שטעלט אַף דער קאַרט דאָס לעבן פון אונדזער עלטסטן... נו, קאָמענדאַנט, באַפוילט זיי אָפּ־צוגעבן זייערע רעוואָלווערן!

וו י ט נ ב ע ר ג. זיי דראָען אונדז ניט, אָבער איר דראָט אונדז יאָ — וואָלט געווען א יושער, איר זאָלט אָפּגעבן אײַערע.

וו ו ל ף. קאָמענדאַנט, צוזאַמען מיט אײַך זײַנען מיר פיר, און זיי (ווײַזט אַף קאַרפּלען און מיריאַמען) נאָר צוויי. הייסט עס, אַז מיר זײַנען די מערהײַט.

וו י ט נ ב ע ר ג (איראָניש). און ניט קיין געוויינלעכע מערהײַט — מיט אויסגעשטרעקטע שפּײַערס!

מ אָ ז ע ס. איז עפּשער האָט איר א הומאַנישן אויפן, ווי אַזוי צווינגען אײַך ניט צו פאַראַטן?

מ י ר י א ם. שעמט זיך אַזוי צו ריידן!

מ אָ ז ע ס (צו וויטנבערגן). קורץ און שאַרף: ס'האָט געשלאָגן אײַער שאָ. מיר לייגן אײַך פאָר צו ווערן באַר־קאָכבא פונעם רעשטל ווילנער ייִדנטום!

וו י ט נ ב ע ר ג. אָ!

מ אָ ז ע ס. קלײַבט אויס: באַר־קאָכבא אָדער פאַרעטער?

וו י ט נ ב ע ר ג. באַר־קאָכבא אָדער... לאָזט מיר באַטראַכטן... שוין א סאַך יאָרן ווי מיך פּלאָגט דער געדאַנק, אַז דאַפקע דער אויפשטעננדלער באַר־קאָכבא איז שולדיק אין דעם, וואָס די רוימער האָבן פאַרטריבן די ייִדן פון זייער לאַנד...

מ אָ ז ע ס. עך, דו!.. אומגליקלעכער!.. אַפילו שטאַרבן ווילסטו ניט ווי עס פּאַסט פאַר א שטאָלצן ייִדן... איז פּייגער ווי א הונט! (צילט אין וויטנבערגן, אָבער זײַן האַנט טרייסלט זיך און קען ניט אָנדריקן דאָס צינגל: מיט קאַס שלײַדערט ער אַוועק דעם רעוואָלווער און ברעכט אויס אין א היסטערישן געוויין).

וו י ט נ ב ע ר ג. וויין ניט, ייִדישער גאַזלען... איך בין אויך אַזאַ. ווען איך פאַל אַרײַן אין גרימצאָרן, כאַפּ איך ניט קיין האַק און ניט קיין פּלאָקן, נאָר הייב אָן דערווײַזן מײַן גערעכטיקייט מיט דער הילף פון סייכל.

וו ו ל ף. דערפאַר טאַקע מאָרדעווען אונדז אַלערליי געקעס.

ק א ר פ ל. אַזאַ איז אונדזער גורל.

וו י ט נ ב ע ר ג. אַזאַ?.. אָדער ניט אַזאַ?.. גײַסט אָדער פויסט?

ק א ר פ ל. גײַסט.

מ אָ ז ע ס. פויסט.

וו י ט נ ב ע ר ג. אָט דאָס איז די זאַך, וואָס אַף דער שײַלע איז קיין ענטפער ניטאָ... נאָך ניטאָ. (קוקט אַפן זייגער). איך וואָרן אײַך: צײַט שטייט ניט אַף אן אָרט. זי איז נאָר פאַרגליווערט... אין מיר. אָבער א פאַרגליווערטע גייט זי פאָרט. זי שלאָגט מיר דאָ אין די שלייפן ווי מיט האַ־מערס... פאַרוואָס שווײַגט איר? שטומט ניט! זאָגט מיר וואָס איר טראַכט? העלפט מיר זיך פאַנאַנ־דערקלײַבן אין דעם, וואָס געשעט מיט אײַך... און מיט מיר! איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָגט מיר, וואָס איך האָב צו טאָן — גיין צו געקען אָדער ניט גיין?

די שטאַביסטן שווײַגן.

גיין!.. אומבאַדינגט!.. באַהאַלט ניט אײַערע פּנעמער, נעמט זיך אָן מיט מוט און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן. איך בין געצוווּנגען צו גיין! איר ווייסט פאַרוואָס?

אַלע שווײַגן.

ווײַל הינטער די דאָזיקע ווענט לויפן אַרום פאַרלוירענע 20.000 מענטשן. זיי נישטערן און זוכן אין אַלע הויפן און שטיבער — ווו איז וויטנבערג? איך זע זיי, די אומגליקלעך־פאַרפּירטע פון טי־נאָווסקין און פון זײַן יודנראַט, ווילד געוואָרענע, מיט כײַישן שרעק אין די אויגן... איז אָט: ווער איך אַוועק צו אים און ווידער זיי מאַכן פאַר מענטשן, און אָנצינדן אין זיי כאָטש א קליינע האָפענונג צו בלײַבן לעבן. מאָרגן, און איבערמאָרגן, און נאָך א וואָך, ביז... פרײַנט מײַנע, ניט וויכטיק ביז ווען, וויכטיק איז, זייער האָפענונג וועט דאָך זײַן א באַגלײַדעטע ווײַל נאָך סטאַלינגראַד דינט דאָך די צײַט ניט היטלערן, נאָר אונדז!

די שטאַביסטן שווײַגן.

ברידער מײַנע, איך בעט אײַך... איך בעט זיך בא אײַך — רעדט מיט מיר!.. לאָזט מיך ניט איבער אַליין! איך וויל ניט אַליין! איך האָב מוירע אַליין!..

די שטאביסטן שווײַגן. וויטנבערג, געבראָכן, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַרטראַכט זיך. מיריאַם ווײַזט מיט זשעסטן, אַז די שטאביסטן זאָלן זי איבערלאָזן מיט אים אויג אויף אויג. קאַרפּל, מאַזעס און וואָלף גייען אַרויס. מיריאַם גייט שטיל צו צו וויטנבערגן, לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני און גיט אים אַ קוש אין האַנט.

ראָכל? נו, צו וואָס טוסטו עס?.. ווידער... ווידער אויף די קני, די מינוט שטיי אויף...

מיריאַם קושט זײַנע בײדע הענט.

ראָכל, אַזוי איז ניט גוט... נו איך בעט דיך, מען דאַרף ניט אַזוי.

מיריאַם. לאָז מיך, ליבער...

וויטנבערג (צאַפּלט אויף, עפנט די אויגן). דו?!..

מיריאַם. שווײַג. איצט לאָז מיך... דיך וועט עס וווּנדערן, געוויס... אָדער גאָר באַליידיקן, נאָר איך מוז...

וויטנבערג (קוקט זיך אַרום). ווו זײַנען אַלע איבעריקע?

מיריאַם. ...דיר זאָגן, אַז איך ליב דיך... מיט מײַן גוף און מיט מײַן נעשאָמע... אַזוי לײַדנשאַפטלעך... און אַזוי צאַרט, איציק... ווי עס קען קיינער ניט.

וויטנבערג. וואַרט, וואָס רעדסטו?.. מיריאַם, דו פלוידערסט!.. אַ, איך פאַרשטיי, דו ווילסט מיר פאַרלײַכטערן מײַן לעצטע שעה?

מיריאַם. גלייב מיר, ליבער, איך זאָג דיר דעם ריינעם עמעס.

וויטנבערג. איז פאַרוואָס, אויב אַזוי?.. פאַרוואָס, מיריאַם, האָסטו מיר פריִער קיינמאָל ניט געזאָגט... וועגן דעם?

מיריאַם. איך האָב ניט געטאָרט, איציק.

וויטנבערג. דיך האָט ניט געלאָזט דײַן מיידלשער שטאָלץ?

מיריאַם. איך האָב ניט קיין מיידלשן שטאָלץ.

וויטנבערג. יאָ, יאָ, איך ווייס, דו ביסט ראַק פאַרנומען מיט דײַן אידיי.

מיריאַם. זײַ מיר מויכל, טײַערער... וואָס איך האָב דיר אָפּטמאָל דערווידערט און זיך געקריגט מיט דיר.

וויטנבערג. איך פאַרשטיי: אויף אַזאַ אויפן האָסטו באַהאַלטן דײַן עמעסן געפיל צו מיר.

מיריאַם. פאַרקערט, יעדן פרימאָרגן פלעג איך אופשטיין מיטן געדאַנק דיר צו אַנטפּלעקן מײַן ליבע... און ניט געקענט.

וויטנבערג. דו האָסט זיך געשעמט?

מיריאַם. ניט זיך געשעמט — זיך געפלאָגט, איציק. און אין די נעכט פאַרגאָסן ביטערע טרערן.

וויטנבערג. אַ, און איך האָב זיך קיינמאָל ניט אָנגעשטויסן...

מיריאַם. ליבער מײַנער, איך האָב באַהאַלטן פון דיר... מײַן גרויסן יאָמטעוו.

וויטנבירג. עס קאָן זײַן, דאָס וואָלט געווען אונדזער ביידנס יאָמטעוו.

מיריאַם. עס קאָן זײַן.

וויטנבערג (נאָך אַ שווײַגן). דו האָסט ניט גוט געטאָן.

מיריאַם. ניט איך בין שולדיק.

וויטנבערג. ניט דו? איז ווער? (מיריאַם שווײַגט). דײַן אידיי?

מיריאַם. יאָ.

וויטנבערג. און זי האָט דיר געייצעט צו באַהאַלטן פון מיר דײַן יאָמטעוו?

מיריאַם. געהייסן!

וויטנבערג. אַזש געהייסן?

מיריאַם. זי האָט געפאָדערט: זײַ מיט אים פונדערווײַטן, גיב ניט נאָך דײַנע געפילן — און איך האָב געפאָלגט.

וויטנבערג. זי האָט, ווײַזט זיך אַרויס, דיך אַזוי שטאַרק פאַרהאַרטעוועט, אַז... (ווערט אַנשוויגן).

מיריאַם. אַז וואָס?

וויטנבערג. אָבער איצט פאַרדריסט עס דיך, פאַרשטייסט שוין, אַז דו האָסט ניט ריכטיק געטאָן?

מיריאַם. מײַן אידיי איז שטענדיק גערעכט. זי, די איינציקע, ווייסט דעם עמעס. ניט נאָר דעם הײַנטיקן און טייִלווײַזן — דעם גאַנצן, דעם אַבסאָליוטן. אויב אונדזער שטאַב וואָלט געטאָן אַלץ, וואָס מײַן אידיי האָט געהייסן, וואָלטן מיר אויסגעמיטן דײַן אומגליק.

וויטנבערג. ניין, מיריאם, איך בין שולדיק אין דעם, וואָס עס איז געשען. שולדיק איז מײַן שטענדיקער זיך גריבלען און צווייפלען... און שולדיק איז מײַן טאַטע, וועלכער האָט מיר גע־לערנט זײַן טאָלעראַנט... שטענדיק און מיט אַלעמען... זיך מעיאשוו זײַן... ער, מיריאַם... מײַן שטאַרקע מיריאַם...

מיריאַם. מײַן ליבער שוואַכער איציק... זײַ מיר מוחל, אויב דו קענסט.

וויטנבערג (מיט טרערן אין די אויגן). יאָ, יאָ, אַלץ איז פֿאַרגעבן, אַלץ איז פֿאַרגעסן.

מיריאַם. וויין ניט, שוואַכינקער...

וויטנבערג. דו ביסט די איינציקע, וועלכע ווייסט עס.

מיריאַם (נעמט אַרויס אַ פּאַרוויקלט פּאַפּירל). איז נעם.

וויטנבערג. וואָס?

מיריאַם. דאָס וועט דיך פֿאַרהיטן...

וויטנבערג. פֿון וואָס? וואָס האָסטו דאָ?

מיריאַם (מיט אַ געוויינלעכן, אָבער אײַזקאַלטן קאָל). ציאַנ־קאַלי. (וויטנבערג, אַן אופּגע־צאַפּלטער, ציט זיך צוריק. פּלוצעם באַפֿעלעריש). נעם!

וויטנבערג (דערשראָקן קוקט אויף איר). דו מיינסט, זיי וועלן מיך פּײַניקן?

מיריאַם קוקט וויטנבערגן גלײַך אין די אויגן און שווײַגט.

(לייענט אין אירע אויגן איר ענטפֿער. יאָמערט) אַ־אַ־אַ...

מיריאַם. איז נעם!

וויטנבערג (ווי אַ פֿאַריאָגטע כיה). דו טרייסט מיר ניט?

מיריאַם. ווײַל דו ביסט ניט גענוג באַוואָפֿנט...

וויטנבערג. ניט באַוואָפֿנט?

מיריאַם. ...מיט אונדזער אידיי.

וויטנבערג. אָ, ניין, מיריאַם, דו האָסט מיך ניט ליב!

מיריאַם. טײַערער, איך ליב דיר אַזוי מעשוגע און לײַדנשאַפֿטלעך, אַזש...

וויטנבערג (שלאָגט איבער). וואָס איז עס פֿאַר אַ ליבע, אויב זי איז צעפֿרעסן פֿון אומ־צוטרוי צו מיר?

מיריאַם. איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז דאָס איז ניט מײַן אומצוטרוי.

וויטנבערג. איז נעם עס צו... באַהאַלט. איך באַדאַרף עס ניט.

מיריאַם. דו ביסט זיכער, אַז ניט?

וויטנבערג. איך האָב געלעבט ערלעך, וועל איך...

מיריאַם. יאָ, יאָ... זײַ מיר מוחל. (באַהאַלט דעם ציאַנ־קאַלי).

וויטנבערג. אַ דאַנק דיר.

מיריאַם. (קושט אים). גוט, איציק, דערווײַז מיר... דערווײַז מיר טאַקע, אַז ערלעכקײַט... אַז פּאָשעטע מענטשלעכע ערלעכקײַט איז שטאַרקער פֿון אידיי.

בילד 6

אויפֿן בוידעם. אין אָפּגעצאַמטן ווינקל. טערעסע, אַ האַלב־אָנגעטאָנענע, ליגט אויפֿן שטרוי־זאַק. יוסף קומט אײַליק אַרײַן.

טערעסע (איבערגעשראָקן, וואַרפֿט אַרויף אויף זיך אַ פֿאַטשײלע). אָ, יוסף גאָר?.. (באַ־הערשט זיך). גוט־מאָרגן.

יוסף. שטיי אויף!

טערעסע. יוסף, דערקלער מיר... פֿאַרוואָס שטרענגסטו זיך אָן צו זײַן שלעכטער ווי דו ביסט אויפֿן אמתן?

יוסף. נו, פֿלוידער ניט. שלעפּ אַרויף אויף זיך דײַנע זײַדענע שמאַטעס און קום.

טערעסע. הער, יוסף... אויב דו וועסט ניט אויפֿהערן מיך צו באַליידיקן און זידלען, וועל איך דערציילן דעם טאַטן.

יוסף. כאַ!.. דאָרטן, פֿון יענער זײַט צוים, וואָלט איך מוירע געהאַט פֿאַר דיר. דאָ, פֿון דער זײַט... קאָן איך דיך אַפֿילע דערהאַרגענען.

טערעסע. און פֿונוואַנען נעמט זיך בא אַזאַ גוטן יאַט אַזויפֿיל רוגזע און סינע — פֿאַרשטײ איך בעשום־אויפֿן ניט.

יוסף. דאָס איז דײַן רוגזע און דײַן סינע.

ט ע ר ע ס ע. אָ, ניין!

י ו י ס ע ף. אַלע גאַ֫ים. איר האָט עס אין מיר אײַנגעפּלאַנצט. (ווײַזט אפן האַלדז). **אָט ביז וואַנען ס'איז שוין דערגאַנגען!.. פאַרפּלייצט מײַן מאַרך און מײַנע אָדערן. נאָך א שאָ, נאָך א טאָג, שפּיר איך, וועט עס מיך אינגאַנצן אָפּסאַמען. מוז איך עס אויסכראַקען. אויסמייקען פון זיך...**

ט ע ר ע ס ע. אָ, ווי אומגליקלעך דו ביסט!

י ו י ס ע ף. נו, איז וואָס וואַרטסטו?.. גיך טו זיך אָן, דער טאַטע האָט מיר געהייסן דיך באַגלייטן צום טירל.

ט ע ר ע ס ע. ניין, יויסעף, איך וועל אין ערגעץ ניט גיין.

י ו י ס ע ף (מיט פאַרבײַלטע פויסטן). **אַרויס פונדאַנען! אַרויס!**

ט ע ר ע ס ע. זאָג דײַן טאַטן... זאָג מײַן מאַן, אַז איך וועל בעשום־אויפן ניט...

י ו י ס ע ף (שלאָגט איבער). **דײַן מאַן?** (שפּרינגט צו צו טערעסען, שלײַדערט זי אום און נעמט זי וואַרגן). **ניוויזיקע צויג!**

אין טערעסעס האַנט בלאַנקט אוף א קינזשאַל. יויסעף רײַסט אים אַרויס פון איר האַנט און פאַרמעסט זיך קעגן איר. אָבער אומגעריכט בלײַבט זײַן האַנט פאַרשטאַרט אינדערלופטן: אונטער דער פאַנאַנדערגעקאַשערטער פאַטשיילע דערזעט ער א צוגענייטע געלע לאַטע.

(דערשטוינט). **וואַ־אַ־אַס?!** (שפּרינגט אָפּ פון טערעסען).

טערעסע הייבט זיך אוף.

דו ביסט א ייִדישע?

ט ע ר ע ס ע. יאָ.

י ו י ס ע ף. ניין!

ט ע ר ע ס ע. פרעג דײַן טאַטן.

י ו י ס ע ף. דו ביסט א ייִדישע, אָדער ניט? זאָג מיר דעם עמעס! איין מאָל פאַר אַלע מאָל קענסטו מיר אופדעקן דעם סאָד, ווער דו ביסט?

ט ע ר ע ס ע. א מענטש.

י ו י ס ע ף. איצט זײַנען ניטאָ קיין מענטשן. ס'זײַנען פאַראַן גאַ֫ים און ייִדן.

ט ע ר ע ס ע. בין איך א ייִדישע.

י ו י ס ע ף. א ליגן! די מינוט רײַס אַראָפּ אונדזער הייליקן צייכן!

ט ע ר ע ס ע. ניין! (וויקלט זיך פעסטער אַרום מיט דער פאַטשיילע).

י ו י ס ע ף. אָט א כיטרע צויג!.. א ייִד בין איך!

ט ע ר ע ס ע. מיט א מעסער אין האַנט.

י ו י ס ע ף. דאָס איז דײַן מעסער. א גאַ֫ישער! מיך עקלט פון אים! (וואַרפט אים אַוועק). **נו, איצט זאָג מיר ווער דו ביסט?**

ט ע ר ע ס ע. פון איצט — דײַן מאַמע.

י ו י ס ע ף. ניין. מיך האָט געבוירן א ייִדישע פרוי.

ט ע ר ע ס ע. און דו ביסט מײַן זון.

י ו י ס ע ף. ליגן! ליגן!

ט ע ר ע ס ע. ניין, יויסעפל, איך וועל דיך ניט איבערלאָזן אַף קיינעמס באַראָט.

י ו י ס ע ף (נעמט אַרויס זײַן רעוואָלווער). **דו גייסט אַוועק פונדאַנען, צי ניט? דײַן טרייפענער געביין זאָל דאָ מער ניט זײַן!.. די מינוט גיי אַוועק פון אונדז!.. נו! אַרויס!**

ט ע ר ע ס ע (נאָך א שווײַגן, געבראָכן). **איך גיי...** (מיט ציטערדיקע הענט נעמט צונויפקלײַבן אירע זאַכן).

ב י ל ד 7

אפן בוידעם. וויטנבערג, מיריאַם, מאָזעס, קאַרפּל און וואָלף.

ו י ט נ ב ע ר ג (שעפּטשעט נערוועז). **זאָג ניט קיינמאָל... זאָג ניט, אַז דו גייסט... דעם לעצטן וועג דו גייסט... קיינמאָל זאָג ניט... לעצטן זאָג ניט...**

ק א ר פ ל. איציק, רייד מיט אונדז. זאָג, וועמען דו באַשטימסט אַף דײַן אָרט?

ו י ט נ ב ע ר ג. קלײַבט אויס... עמעצן.

ו ו ו ל ף. קאָמענדאַנט, מיר ווילן, איר זאָלט באַשטימען.

ו י ט נ ב ע ר ג. איך?.. (צו מיריאַמען און מאָזעסן). **דו אָדער דו?**

ביידע שווײַגן.

(צו די איבעריקע). ווי מיינט איר — מיריאם אָדער מאָזעס?

אַלע שווייגן.

ווייזט זיך ארויס, אז ס'איז יאָ פאראן א לעצטער וועג (היסטעריש). ס'איז פאראן! פאראן!! מאָזעס אָדער מיריאם? זאָגט, איר ווייסט, ווו עס פירט דער לעצטער וועג?

קארפל. צום טאָג פון די ביינער.

ויטנבערג (צו מיריאמען). דו! דיך באשטים איך!.. מיר קומען אָן מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער ווײ... הא, ביסט מאסקים?

מיריאם. יאָ.

ויטנבערג. איך האָב געוווּסט, אז דו וועסט מאסקים זײַן.

מיריאם. אָבער מיט א תּנאַי, אויב דער שטאב וועט מיר צוזאָגן אופהערן אַלע דיסקוסיעס און זײַן געהאָרכזאם...

קארפל. איך זאָג צו.

ויטנבערג (נאָך א קורצן באקלערן). ניין, מיריאם! דו טויגסט ניט צו דעם.

קארפל. פארוואָס?

ויטנבערג (צו מיריאמען). ווײַל דו האלטסט, אז ס'איז ניטאָ קיין יידישער פּײַן און קיין יידישער ווײ. ס'איז פאראן אָדער ניט פאראן? ענטפער! (מיריאם שווײַגט). איז זאָל מײַן אָרט פארנעמען מאָזעס.

מאָזעס. איך בין מאסקים.

ויטנבערג. קארפל, וווהין האָט איר געזאָגט פירט דער לעצטער וועג?

קארפל. צום טאָל פון די טרוקענע ביינער.

ויטנבערג. ניין, מאָזעס, דו ביסט אויך ניט פּאסיק צו דעם. עמעס, דו אנערקענסט יאָ אונדזער פּײַן און אונדזער ווײ, אָבער דו ווילסט פון זיי פּאַטער ווערן, הא?

מאָזעס. איך וויל, מיר זאָלן זײַן א פֿאָלק ווי אַלע פעלקער.

ויטנבערג. און שטעלן אונדזער קיום ניט אויף גייסט, נאָר אויף פויסט?

מאָזעס. אויף דײַן שווערד זאָלסטו לעבן.

ויטנבערג. און דעמאלט, ביסטו זיכער, וועלן מיר מיט אונדזער פויסט דערוויַיזן די שיינ־קײַט פון אונדזער גײַסט?

מאָזעס. ניטאָ קיין אנדער וועג.

ויטנבערג. וויבאלד איך באשטים דיך אויף מײַן אָרט, וויל איך וויסן... פארוואָס און פארוועַן?

די שטאבּיסטן, אין פארלעגנהײַט, שווײַגן.

וואָס קוקט איר אויף מיר מיט צעגלאָצטע אויגן?.. ווי ראָכל? זי האָט זיך ניט פאנאנדערגעקליבן פאר־וואָס און פארוועַן? זי איז געווען נאָר א ווײַב און נאָר א מאמע.

קארפל. איציק, ווײַב און א מאמע איז זייער א סאך.

ויטנבערג. איך ווייס עס, טײַערער קארפל, און באשולדיק זי ניט. כאסוועכאָלילע. אָבער איך... קען ניט ווי זי. איך וויל פארשטיין! איך מוז פארשטיין! (די שטאבּיסטן שווײַגן. צו קארפלען). איז פארנעמט איר מײַן אָרט!

קארפל. אָ, איציק, איך נעם זיך ניט אָן.

ויטנבערג. ניין? פארוואָס?

קארפל. מײַן וועט קומען דעמאלט, ווען אין טאָל וועלן אופלעבן די פארבלוטיקטע ביינער.

ויטנבערג. ניט די פארבלוטיקטע — די קלאָר־ווײַסע!.. קוקט! (ווײַזט זײַנע הענט). זיי האָבן קיינמאָל קיין בלוט ניט פארגאָסן. צום באדויערן... אָדער צום גליק? מיליאָנען מאָרדעווען אײַנע די אנדערע, נאָר מײַנע הענט זײַנען געבליבן ניט פארפלעקט. אומשולדיקע הענט. ניט אײַנ־געטונקטע אין בלוט. נאָך נעכטן האָב איך זיך צוליב דעם געפלאָגט, אָבער הײַנט... גויג טײַנעט צו מאָגויגן: דו ווילסט פארכאפן מײַן ערד! ענטפערט מאָגויג גויגן: ניין, דאָס ווילסטו גאָר פארכאפן מײַן ערד!.. נאָר איך, איציק, וויל קיינעמס ניט פארכאפן. מיר האָבן ניט קיין ערד און ניט קיין מעלוכע, איז פאר וועמענס זינד צילן אין אונדז אַלעמענס ביקסן? פארוואָס פאר א פארברעכנס פארברענט מען אונדז און מע באגראָבט לעבעדיקערהייט? זאָגט מיר, פארוואָס און פארוועַן ליגן צעבראָשטשעטע און פארבלוטיקטע מוישעלעס און שלוימעלעס ביינער?

די שטאבּיסטן שווײַגן.

(אומגעריכט רויק). מאָזעס, גיב מיר פארייכערן... (אומגעדולדיק). גיכער!

מ אָ ז ע ס. נעם.

װ י ט נ ב ע ר ג (הערט ניט. צו מיריאַמען). נו גיב שוין!

מ אָ ז ע ס. נעם.

װ י ט נ ב ע ר ג (צו מיריאַמען, היסטעריש). איז פאַרוואָס גיסטו ניט?

מ י ר י א ם (פאַרשטייט ניט). וואָס אַזוינס?

מיריאַם קוקט אױף אים אַ דערשטױנטע.

װ י ט נ ב ע ר ג. דײַן סאַם.

מיריאַם קוקט אויף אים אַ דערשטױנטע.

(מיט אַ געבראָכענער שטים). העלף מיר, מיריאַם... אָ, װי פאַרמאַטערט איך בין...

מ י ר י א ם. נעם.

ב י ל ד 8

אױפן בוידעם. אין אַפּגעצאַמטן װינקל זיצט װיטנבערג. יוסעף קומט אַרײַן, לױפט צו צום פאָטער און פאַלט אים אין די אָרעמס.

י ו י ס ע ף (פאַרצװייפֿלט). טאַטע!

װ י ט נ ב ע ר ג. זון מײַנער!

אַ לענגערע װײַלע שטייען בײדע אַרומגעפּלאַכטענע, װי פאַרגליװערטע.

נו, יוסעפֿל, זעץ זיך... אָט דאָ. (װיטנבערג נעמט אַרױס זײַן רעװאָלװער). נעם. גיב עס אָפּ מיריאַמען. מיר איז ער שוין ניט נײטיק. (יוסעף נעמט ניט דעם רעװאָלװער). מיר איז אַ כאַרפּע זיך מוידע צו זײַן, נאָר איך האָב אַפילע ניט אױסגעשאָסן פון אים. קײן אײן מאָל ניט. דו פאַרורטײלסט מיך ניט, יוסעף, װאָס אַזוי האָט געטראָפן. ניט איך בין שולדיק. שולדיק איז... װער? װי מײנסטו?.. אָ, נײן, איך װיל זיך ניט פאַרענטפערן פאַר דיר... הער, יוסעף... איצט טראַכט איך גאָר, אַז אַנדערש האָט ניט געקענט געשען... איז געשען אַזוי.

י ו י ס ע ף. הער, טאַטע, מיט דײַן נאַגאַן לייג אָפּ געקען.

װ י ט נ ב ע ר ג (שמײכלט טרױעריק). דוכט זיך, אַ דערװאַקסענער באָכער, נאָר, װײַזט זיך אַרױס, נאָך פאָרט אַ קינד...

י ו י ס ע ף. מיט אַ מעסער אין האַרצן.

װ י ט נ ב ע ר ג. האַ!.. (צאַרט). זון מײַנער, זעץ זיך בײַ מיר אױפן שױס.

י ו י ס ע ף (מאַכט זיך ניט הערנדיק). איז װי, טאַטע... דו װעסט אים אױף קאַלט מאַכן?

װ י ט נ ב ע ר ג. נאַרעלע, אײדער מע װעט מיך אַרײַנפירן צו אים, װעט מען מיך אונטערזוכן און צונעמען פון מיר אַלץ, ביזן לעצטן פאָדעם.

י ו י ס ע ף. װעסטו קאַלט מאַכן דעם, װאָס װעט דיך אונטערזוכן. נאָכדעם געקען... איבער־בײַסן דעם גאָרגל.

װ י ט נ ב ע ר ג (שמײכלט טרױעריק). יאָ, ער האָט עס קאָשער פאַרדינט.

י ו י ס ע ף. און דו װעסט אַזױאַרום נעקאָמע נעמען.

װ י ט נ ב ע ר ג. אַזוי װאָלט טאַקע געװען יושערדיק, אָבער איך צװײפל... צי מיר װעט קלעקן קױעך עס צו טאָן.

י ו י ס ע ף. טאַטע, דאָס איז זײער פּאָשעט.

װ י ט נ ב ע ר ג. דו מײנסט?.. לאָמיר באַטראַכטן...

י ו י ס ע ף. דאָס איז אונדזער אומגליק, װאָס מיר טראַכטן... צופֿיל!.. מיר טראַכטן, און זײ האַרגענען אונדז. ניט טראַכטן דאַרפן מיר, נאָר שפּאַלטן קעפּ, מײמעסן, בײַסן, שטעכן — ניט טראַכטנדיק. װי נאָר מע הײבט אָן צו טראַכטן — איך האָב זיך שוין איבערצײַגט אין דעם — פּענטעט עס הענט און פיס.

װ י ט נ ב ע ר ג. און איך, זון מײַנער, מוז טראַכטן, אַנדערש קען איך ניט.

י ו י ס ע ף (װײַזט אױפן האַרצן). טאַטע, קוק! אָט דאָ שטעקט אַ מעסער.

װ י ט נ ב ע ר ג. בײַ מיר אױך... ער שנײַדט זיך אַלץ טיפער און טיפער אין מײַן לײַב און אין מײַן מױעך, און בױערט, און בריט, און פאַרװאַנדלט מיך אין אַ צערײצטער כײַע... און פאָרט איז ער ניט בעקױעך אָפּצושטעלן מײַן געדאַנק.

י ו י ס ע ף. אַפילע ניט איצט, װען...

װ י ט נ ב ע ר ג. מײַן געדאַנק איז שטאַרקער פון מיר.

י ו י ס ע ף. און שטארקער פון דייַן סינע צום דייַטש?

ווי ט נ ב ע ר ג. טויזנטער מאָל.

י ו י ס ע ף. און פאר דייַן ווילן נעקאָמע צו נעמען?

ווי ט נ ב ע ר ג. מייַן געדאנק איז דאָס שטארקסטע, וואָס איך פארמאָג... ניט געקוקט, וואָס איך ווייס, אז ער איז נאָך שוואך, אָפטמאָל מאכט ער טאָעסן, און פאַרט האָט עס פון מיר אויס־געקנאָטן דאָס, וואָס איך בין — א מענטש.

י ו י ס ע ף. טאטע, דייַן געדאנק האָט דיך געמאכט פאר א שוואכלינג.

ווי ט נ ב ע ר ג. ער האָט זיך שטענדיק געווערט קעגן דער בייזער כייַע אין מיר. ער, ווי א טרייַער באל־יויעץ, האָט מיר קעסיידער געשעפטשעט: זיַי גוט, זיַי גערעכטיק, טו ניט קיין שלעכטס, קיינעם ניט... דו הערסט, יויסעף, קיינעם ניט!

י ו י ס ע ף. איצט פארשטיי איך, פארוואָס דו האָסט קיינמאָל ניט אויסגעשאָסן פון דייַן נאגאן.

ווי ט נ ב ע ר ג. יאָ־יאָ, מייַנע הענט האָבן ניט פארגאָסן קיין בלוט.

י ו י ס ע ף. איז נעם אים איצט מיט זיך, טאטע. ניץ אויס די געלעגנהייַט.

ווי ט נ ב ע ר ג. ניין, יויסעף. ווען איך טו עס, וואָלט איך פארלייקנט מייַן לעבן, אויסגע־מעקט זיך גופע, מייַן גאנג אף דער וועלט.

י ו י ס ע ף. טאטע, דו האָסט דאָך שוין ניט וואָס אָנצוּווערן!

ווי ט נ ב ע ר ג. איך האָב, יויסעף... ביז מייַן לעצטן אָטעם טאָר איך ניט אָנווערן דאָס, וואָס אין מיר איז דער איקער... וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייַט צו קוקן אף דיר און פארשטיין, אז איך זע דיך; צו ריידן מיט דיר און וויסן, אז איך רייד מיט דיר... און עפענען אין דיר כאָטש א קלייַן פענצטערל... דאָס קאָן נאָר א מענטש. איך וויל ניט זייַן קיין כייַע, אפילע קיין איין רעגע ניט. איך וויל ניט! איך — וויל — ניט!..

י ו י ס ע ף (באגייַסטערט... און דערשראָקן). טא־טע!.. טייַערינקער טאטעלע מייַנער!..

ווי ט נ ב ע ר ג. הער, יויסעף, וואָס איך מוז דיר נאָך זאָגן...

י ו י ס ע ף. זאָג.

וויטנבערג קוקט אף יויסעפן און שווייַגט.

נו, זאָג, טאטע.

וויטנבערג קוקט אף יויסעפן מיט פארשטארטע אויגן און שווייַגט.

נו, רייד! פארוואָס שווייַגסטו? וואָס קוקסטו אף מיר און זאָגסט מיר גאָרניט? איך הער דיך!

וויטנבערג קוקט אף יויסעפן מיט פארשטארטע אויגן און שווייַגט.

(שרייַט). טאטע! טאטע! טא־טע!

פ אָ ר ה א נ ג.

ניט-פובליקירטע לידער

כ׳האָב געזען לייב קוויטקאָ

כ׳האָב געזען לייב קוויטקאָ
טיף פארוואָרצלט אין זײַן באָדן
און מיט לידער און מיט רום באלאָדן,
פראווען שטאָט בא זיך. אין מאָסקווער היים.
איצט איך זע אים פירן זיך גאָר מאָדנע און געהיים —
ווי זײַן „טאטע דער האמוין", מיט שטריק אף לענד,
מיט שווערער באָרד,
נאָר אף ליפּן דאָס באלשעמסקע ווונדער־וואָרט —
ווי א פויגל אומגעקערט זיך אין זײַן אָרט.

כ׳האָב געזען לייב קוויטקאָ
בא זײַן שיינעם טיש אין מאָסקווער היים.
איצט איך זע אים פירן גאָר א טאטשקע ליים
אין די שטעטלעך פון פּאָדאָליע, אין זײַן אומאן,
ווו ער איז, ווי א פארשטעלטער לאמעדוואָווניק,
צוריקגעקומען —
מיט א גרויסער שײַן פון זײַנע אויגן אף זײַן שווערער באָרד.
ווי ארומגעגאנגען איז אמאָל זײַן „טאטע דער האמוין" אָט דאָרט.

פערעץ מארקיש

איך האָב געהערט.
ווי מארקיש הילכיק האָט געלאכט,
און איצטער הער איך אין דער נאכט —
דעם שטורעם שרײַט ער איבער מיט זײַן ביטערן געשריי,
ווי ליר אין וואלד, ווען ר׳האָט פארשאָלטן שוין זײַן מאלכעסדיקע מאכט.

איך האָב געהערט,
ווי מארקיש האָט געצאָרנט און פארשטיינט,
און איצטער הער איך אין דער נאכט,
ס׳איז אָפּגעטאָן פון אים זײַן מאמע־לאָשן־פּראכט
און דערפאר ער כליפּעט, ביטער וויינט,
ווײַל ער איז אליין געשטיינט.

איך האָב געהערט,
ווי מארקיש האָט געזידלט און געכראָמעט,
און איצטער הער איך אין דער נאכט,
אז מ׳יט זיך ער טײַנעט, רעדט, ווי פאר אן אָמעד,
שטיקט זיך מיט די טרערן, ווי עס טוקט זיך דער נייר־טאָמיד,
ווײַל ער פירט ניט מער קיין שלאכט...

איך האָב געהערט,
אויך מארקישעס קאָל דאָמאָ דאקא
פון א פיר זײַן הויכן זונען־פלאקער,
און איצטער הער איך אין דער נאכט —
ס׳איז אָפּגעטאָן פון אים זײַן צארטע זינגער־שפּראך.
און דערפאר ער כליפּעט, מיט זײַן גאנצער קראפט ער וויינט!
עפּשער צערנט ער, פארשטיינט...
עפּשער ער אזוי פון לעבן זיך אנטוויינט,
עפּשער אופשטיין טכיעס האמייסים ער אזוי גאָר מיינט!

דאָוויד האָפשטיין

...נאָר טרייסט איז פאר קיינעם
אף ערד ניט פארבאָטן!
פאר פיקסל אזוינעם,
וואָס האָט ניט געוואָלט
און האָט פאָרט זיי צעשאָטן,
צי בלוטיקע טראָפּנס,
אף זויבער פון שנייען,
איז אויך נאָך א טרייסט דאָ פאראנען...
אזוי, דאָוויד האָפשטיין.

אזוי אין דער שטאָט, וואָס הייסט קיִעוו,
געזעסן דו ביסט און געמורמלט
בעשאס דו געבלעטערט האָסט איִעוו.
נאָר איך, וואָס איך בין, ווי מיט ניסים,
אין מאָסקווע דער שטאָט נאָך פארבליבן.
איך וויל דיר גאנץ אָפן היינט זאָגן,
ווי ס׳שטייט אויך בא דיר דאָרט געשריבן:
...אָ, קלוגער עליפאָז —
עליפאָז פון טײמען,
דײַן קלאָרע כאריפעס
ניט וואַרעמט שוין קיינעם...
ווײַל ווי איך פארמאך נאָר די אויגן,
איך זע אי דאָס צילנדע ביקסל
פון פעלדישן יעגער פון דײַנעם,
אי דיך אין פארבלוטיקטן פיקסל
מיט שפּיזלעך פון שרעק אין די אויגן
זיך טוליען, זיך בויגן
צו ווײַסקײַט פון פלאכן
מיט פעלעכל ווײַסן,
און קרײַזן נאָך קרײַזן —
אלץ שמעלער און שמעלער,

דאָס קלאָרע ליכט־געלער,
און וואָלסטו שוין וועלן
פֿון שניי פּונעם ווײַסן,
פֿון פֿעלד זיך אָפּרײַסן,
און לויפֿן, און לויפֿן.
איז איצטער שוין שפּעט דאָ
וואָס עפּעס באַווײַזן...

...יאָ, איצט איז שוין שפּעט דאָ
וואָס עפּעס באַווײַזן...
דײַן נעווי־ישע סוואָרע
איז שטאַרקער פֿון אײַזן!
הײַנט קלער איך, אַז האָסט זיך אַליין
שוין דעמלט אין פּיקסל געמאָלן,
נאָר ס'האָט נאָך דײַן איידל־וואָרט־שטיין
מיט פּונקען אַזוי־פֿיל הויל פּלאַטער און כיין
געשפּילט אויף די גאָלדענע, פּילבאַרע, וואַקלדיע שאָלן
פֿון יועלטזאַמער דיכטונג פֿון דײַנער...
ווײַל וואָס איז אַ דיכטער — גאָט מײַנער!..

ווי דיר, איז צו טאָן דען געבליבן?
מיט פּוקסישן עק אי פּאַרווישט, אי פּאַרשריבן
דײַן ייִדישן צאַר און זיגזאַגן־געדאַנקען
אויף ווינטערדיק־רוסישע פֿעלדישע טאָלן
פֿון אונטער שניי ראַכוועסדיק בלאַנקען,
און דאָ מיט די זעלביקע הין־און־הער־שפּאַנען
גענומען דערווײַזן, גענומען דערמאָנען,
אַז טרייסט איז פֿאַראַנען...

דו גלייבסט ניט? טאָ הער זשע דײַן לוין
פֿאַר בלוט דעם פֿאַרגאָסענעם און שטוין!

אָט ווידער פֿאַר דיר איך דײַן „טריסטיא" אופֿעפֿן:
...עס קאָן זיך דאָך טרעפֿן,
עס קאָן זיך דאָך טרעפֿן,
אַז מענטשלעכער בליק זאָל דערהייבן,
זאָל איינציקווײַז קלײַבן
פֿון זויבער פֿון שנייען
די טראָפּנס די רויטע —
די בלוטיקע ווייען...
צי איז דאָס קיין טרייסט ניט?

— קיין טרייסט ניט! קיין טרייסט ניט!
ווײַל וואָס זשע, דו ווייסט ניט?
קיין טרייסט ניט, קיין טרייסט ניט
פֿאַר דיר און פֿאַר פּיקסל געמיינזאַם!

אַליין האָסט געזאָגט דאָך מיט ווערטער די בעסטע:
...אָ, אָפּגרונט!
אויב דאָס איז דאָס גרעסטע,
וואָס קאָן שוין דאָ קליין זײַן?!..

נאָר באַלד זיך דערשראָקן און שטיל צוגעגעבן
מיט אָרווע מיט טיפֿער, וואָס דיר איז געווען ברייט געגעבן:

...אַ, אַפּגרונט!
איך מאָן ניט, איך פרעג נאָר —
איך ווייס שוין פון לאַנג, פון לאַנגאַנען,
וואָס הייסט בא דיר טײַנען,
וואָס הייסט בא דיר מאָנען...

אזוי אין דער שטאָט, וואָס הייסט קיִעוו,
געזעסן דו ביסט און געמורמלט
בייס דו געבלעטערט האָסט איִעוו.
נאָר איך, וואָס איך בין, ווי מיט ניסים,
אין מאָסקווע דער שטאָט נאָך פאַרבליבן,
איך וויל דיר גאַנץ אָפן הײַנט זאָגן,
ווי ס'שטייט אויך בא דיר דאָרט געשריבן:
...אַ, קלוגער עליפאַז —
עליפאַז פון טײמען,
דײַן קלאָרע כאַריפעס
ניט וואַרעמט שוין קיינעם...
ווײַל ווי איך פאַרמאַך נאָר די אויגן,
איך זע אי דאָס צילנדע ביקסל
פון פעלדישן יעגער פון דײַנעם,
אי דיך אין פאַרבלוטיקטן פּיקסל...

דרײַ לעצטע לידער

ערשט איצט...

ניט איינמאָל, ניט איינמאָל מיך וווּנדערט:
מײַן גורל אזוי האָט געפירט מיט מיר אויף דער ערד,
אז מיר איז א זעלנער צו זײַן געוועזן באַשערט
איןביידע וועלט־קריגן פון אונדזער יאָרהונדערט.

ניט אויף די גרויזאַמע שלאַכטפעלדער פון ערשטן,
און אויך ניט אויף די נאָך מער שוידערלעכע פונעם צווייטן קריג, —
מײַן פוס איז ניט געווען.
עס האָט איבער זיי בלויז געשוועבט מײַן מאַכשאָווע און בלויז מײַן דימיען־בליק.

דאָס מענטשלעכע, עלעהיי וואַסער, פאַרגאָסענע בלוט
האָט אָבער געשטראָמט און גערוישט בא מיר אין די אָדערן
אינײנעם מיט מײַן אייגן בלוט, —
גערוישט און ניט אופגעהערט ליאַרעמען, שרײַען און פאָדערן
אַן אַנדערן סיידער האָוילעם
אין נאָמען פון מענטש — דעם האַלב כאַכעם, האַלב גוילעם.

נאָר, ווי געזאָגט (צי שלימאַזל, צי מאַזל איך טו עס רופן), —
אויף קיין שום שלאַכטפעלדער גופע,
איך מיין: מיטן אייגענעם גוף אָפן פראָנט —
כ'בין קיינמאָל ניט געווען.
ערשט איצט, אויף דער עלטער, איז מיר אויסגעפאַלן
מאָמענטנווײַז מאַמעש אים פילן און זען
פון זינט אין שפּיטאָל־פּאַלאַטעס
און אין זייערע קאָרידאָרן —
איך בין, ווי א כוילע, אַזא אָפּטער אוירעך געוואָרן.

דער אונטערשייד גרויס איז, געווים, ווי פון נאכט ביז צו טאָג,
דאָך האָב איך אויך רעכט, ווען איך זאָג:
שפּיטאָל, וואָס מיר בענטשן און רימען, איז אויך א מין שלאכטפעלד,
איז אויך א מין קריגס־פראָנט מיט ביטער־באַזיגטע און גליקלעכע זיגער, —
ווו יעדער שווער־קראַנקער —
א הייליקער שלאכטמאַן, ביז זיַין מינדסטן פינגער א קריגער...

איך ליג און פאַריכט

עס ליגן
צעוואָרפן, מיר דוכט, אַף מיַין בעט, אַף דער ברוסט,
קימאַט אַלע מיַינע גאָר לעצטע קסאַוויאַדן
מיט שורעס געמעקטע א סאַך... אַזוי מוזן נאָך אויסזען
די אָקאָרשט פון מיר אָנגעשריבענע לידער־באַלאַדן.

די אָקאָרשט געשריבענע? פאַר וועמען? (איך פּלוצעם
זיך פרעג אין גרויס קאַס)
פאַר אים? פאַר דעם הייליקן שויכעט — דעם מאַלעכהאַמאָוועס, —
וואָס כ׳זע אים שוין קומען גרייט מאַכן די בראָכע,
נאָך וועלכער ער טוט אָפּ זיַין שליכעס — ניט טריַיבט קיין קאַטאָוועס?

און ס׳ענטפערט מיר עמעץ באַדאַכט, אָן דעם מינדסטן שפּאַס,
ווי ס׳טרעפט אין די מיינסטע באַלאַדן:
„פאַר וועמען? פאַר דיר און אַקעגן דעם ווילן פון קוילער, מיַין ליבער!
איז איַיל זיך, און שנעלער, וואָס גיכער מאַך איבער
די ערטער די אַלע די שוואַכע, וואָס זיַינען געדיכט
פאַראַן נאָך אין דיַינע גאָר לעצטע קסאַוויאַדן.

איך פאָלג און —
בא אַלע יעסורים, יעסורי מאָוועס! — איך ליג און פאַריכט...

אוי, מיַינע נאַכט־קאָשמאַרן

1

דערציילן מיַינע נאַכט־קאָשמאַרן —
איז גליַיך ווי א קורגאַן באַנאַנד מיט זיַינע מוראַשקעס,
אין אים פאַרנעסטעטע, גאַנץ פלאַך צעשאַרן,
צעשטערן זייערע קעמערלעך און זיי אַליין פאַרניכטן —
צעאַקערן — אָ, גאָט! — צוזאַמען אי די צאַרטע גופימלעך,
אי דעם קורגאַנס ערד־שיכטן.

אוי, מיַינע נאַכט־קאָשמאַרן!
איך רוף זיי: אַנטימעמוּאַרן,
וויַיל שטעלן מיט די פיס אַרויף און מיטן קאָפּ אַראָפּ
אַלץ, וואָס אַדורכגעלעבט פון פריסטער קינדהיַיט אָן איך האָב.
וויי, מיַינע נאַכט־קאָשמאַרן!
זיי זיַינען אי דער טעקסט און אי צו אים די שאַרפע קאָמענטאַרן,
די קלאָרע טיַיטשער און באַגליַיך מיט סאַזשע די פאַרשמירער
פון אַלץ, וואָס פאַר מיַין ריַיע איז געווען בעפוּיעל־מאַמעש,
צי טאַמיש
אַזוי בלויז האָט זיך אויסגעוויזן אין זיַין שוועבן.

זיי זייַנען — מייַנע נאַכט־קאַשמאַרן —
די קאַלטע, שטרענגע, ראַכמימלאָזע רעווידירער,
צו ביטערסטע סאַכאַקלען די דערפירער,
פונוואַן זשע שעפּט מען קויכעס אויף צוויי לעבנס?..

און וואָס אין ביידע זיי איז וואָרהאַפטער, גערעכטער?
דער בלאַנקער מאַלעך־שמייכל,
צי דער שוואַרצער שעדישער געלעכטער?
און עפּשער וועגן דעם גראָד דאַרף אצינד איך פירן מייַנע רייד —
גראָד וועגן דעם בעיִקער?
א גאַנצן טאָג כ׳בין קלאָר און ניכטער
און באַנאַכט אין שלאָף — לאָט שיקער...

2

אוי, מייַנע נאַכט־קאַשמאַרן!
אוואַדע זיי פון מיר אַרויס שוין מעכטיק שפּאַרן
און נאָך היסגאַלעס, גלייַך ווי נאָך א טיקן, גאַרן.
צי וועלן אָבער טרעפן מייַנע ווערטער
פּונקט אין אַלע קאַרבן?
צי ברענען שוין אויף מייַן פּאַליטרע
אַלע נייטיקע מיר געגנעם־פאַרבן!

איך ווייס נאָר זיכער, אַז עס ווערט געהיים אין מיר
אַנטוויקלט דער בא אונדז פאַרשפּרייטער ראַק־געשוויר,
וואָס ס׳איז ניטאָ פאַר אים נאָך קיין רעפּוע אויף צו היילן:
ניט אַלע דאָך פון מייַנע, מיך פאַרצאַרנדיקע גרויל־קאַשמאַרן
כ׳וועל מעגן זיך דערלויבן צו דערציילן.
ניט אויף פּאַפּיר, ניט אויף א בינע זיי אַרויסצופירן,
געשטאַלטיקן, פאַרקערפּערן און פאַרטרעטירן, —
לעמאַנעשעם צו אַנטפּלעקן, אויפצודעקן, דעמאַסקירן
כאָטש עפּעס פון דער בייזער ווירקלעכקייַט, וואָס ליגט אין זייער יעסאָד,
ווייַל דאָס וועט טייקעף הייסן: לאַשנהאָרע טרייַבן און ניט לויבן,
וואָס איז געוואָרן דאָך דער הויפּט־געבאָט
פון אָט דער זעלבער ווירקלעכקייַט, וואָס אים באַשאַפן האָט.

ווען ניט מייַן שרייַען, ווי אַן אָפּגעוואָרגענער, צעביסענער,
ניט גאַנץ דערקוילעטער
(האָגאָם ס׳איז ניט קיין מענטשס געשריי קיין בוילעטער)
איעדע נאַכט קימאַט פון טיפן שלאָף,
וואָלט סאָפּקאָלסאָף
מייַן פרוי מייַן אייגענע אויך ניט געוווּסט,
וואָס בעריש דריקט, באַשווערט אַזוי מייַן מויעך, מייַן האַרץ, מייַן ברוסט.

וויי, מייַנע נאַכט־קאַשמאַרן,
וואָס האָבן ניט געכאַלעמט זיך אַפילע אויך דעם ראָשע — מיילעך פאַרעון —
אין יענע זייַנע שוואַרצע טעג מיט די באַרימטע עסער מאַקעס...
נאָר דאָ דאָס סאַמע בעסטע אָרט, מיר דאַכט זיך, טאַקע איז
אויף דרייַ מאָל אויסצושפּייַען: טפו! טפו! טפו!
צי עפּשער טאָן, ווי ליוטער, ווען געוואָרפן האָט זייַן טינטער
אין מיִעסן שעד, וואָס אים געזען ער האָט אי פאַר די אויגן, אי אַהינטער
זייַן רוקן, און אַזוי ער קוים דעראָבערט האָט פאַר זיך א ביסל רו...

●

דערינערונגען וועגן יאנקעוו שטערנבערגן

מאָטל פּאָליאַנסקי

מײַן גאַסט אין טשערנאָוויץ

מײַן נאָענטע באַקאַנטשאַפט און דערנאָך מײַן פרײַנטשאַפט מיט יאנקעוו שטערנבערגן האָט זיך אָנגעהויבן אין בוקאַרעשט אין די דרײַסיקער יאָרן. איך האָב דעמלט געשריבן די מוזיק צו זײַן אופירונג פון „יאָשע קאַלב“, און שפּעטער, שוין אין סאָוועטישן פּעריאָד, די מוזיק צו זײַן רעוויו „רויטע פּאָמעראַנצן“ און צו זײַן שטעלונג „ברויט און זאַלץ“. ווען ער האָט דערנאָך געוווינט אין מאָסקווע און איז אָפּט אַראָפּגעקומען קיין טשערנאָוויץ, איז ער אַלעמאָל געווען מײַן הויז־גאַסט. צו מיר אין שטוב פלעגן קומען זיך זען מיט אים די טשערנאָוויצער ייִדישע שרײַבער, און דער ערשטער — מוישע אַלטמאַן, דער אײַביקער „סאַוער־רויגעז־כאַוער“ זײַנער, ווי זיי ביידע פלעגן רופן זייער פרײַנטשאַפט פון קינדווײַז אָן, האָבנדיק אין זינען די אָפטע מאַכלויקעסן צווישן זיי.

שטערנבערג האָט יעדעס מאָל דערציילט וועגן מאָסקווער קולטור־לעבן און אויך פאָרגעלייענט זײַנע נײַע, נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע שאַפונגען. ס'פלעגן אוועק וואַרעמע שמועסן און דיסקוסיעס וועגן ליטעראַטור און שרײַבער. וועגן שאָלעם־אַלייכעמען האָט שטערנבערג אַמאָל, געדענק איך, געזאָגט: ער איז א גליקלעכער טאַלאַנט! — און האָט דערמאָנט, אַז אין זײַנעם א יובילײ־אַרטיקל האָט ער אָנגערופן שאָלעם־אַלייכעמען „דער פּאַרקישעפטער שרײַבער“ — פאַרקישעפט פונעם פאָלק, פון דער פאָלקס־שפּראַך, פון דער פאָלקס־כאָכמע. נעמט נאָר אַוועק פון אים דאָס פאָלקישע, — האָט שטערנבערג צוגעגעבן, — בלײַבט ער נאַקעט. א סימען — די גרויסע ראָמאַנען זײַנע, די שוואַכע. און איליוסטרירט האָט ער זײַן געדאַנק מיט דער מײַסע וועגן כויני האַמייגל, וואָס האָט זיך גע־שיצט אין אַן אַרומגעצייכנטן קרײַז, קעדיי די ניט־גוטע זאָלן אויף אים קיין שליטע ניט האָבן. זאָל ער נאָר געווען פרוּוון אַרויסגיין פונעם קרײַז, וואָלטן אים די ניט־גוטע באַלד געכאַפּט און ס'וואָלט געווען אויס מיט אים. אַזאַ קרײַז איז פאַר שאָלעם־אַלייכעמען געווען דאָס פאָלקישע אין זײַן שאַפן.

איינמאָל האָט שטערנבערג דערציילט, אַז ער האָט זיך ערגעץ געטראָפן מיט א סאָוועטישן אַדמיראָל, אַן אָפּשטאַמיקן פון עליעזער שטיינבאַרגס מישפּאָכע. דער דאָזיקער פאַקט איז אין מײַן שטוב קיינעם פונעם אוילעם ניט געווען באַוווּסט, און ער האָט אַרויסגערופן אינטערעס. דערווײַל האָט זיך פאַרפירט א שמועס וועגן עליעזער שטיינבאַרגן, דעם גרויסן מעשאָלים־שרײַבער, אַלט־מאַנס און שטערנבערגס בען־איר, זייער ביידנס עלטערער פּען־כאַווער און לערער. מוישע אַלט־מאַן האָט דערציילט: ער איז אַמאָל געקומען פון בוקאַרעשט קיין טשערנאָוויץ צו שטיינבאַרגן און געטראָפן אים פאַרזאָרגט, ווי איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אַזוי אַז ער, שטיינבאַרג, האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווער ס'איז אַרײַנגעקומען. ווען ער האָט זיך לעסאָף אָפּגעכאַפּט פון די מאַכשאָוועס, האָט ער „דערזען“ דעם גאַסט, אים אַרומגעכאַפּט און טרויעריק אויסגערופן: מוישע, כ'האָב מוירע, אַז כ'וועל ניט דערלעבן צו זען מײַן בוך מעשאָלים! (פּונקט דעמלט איז דער בוך אַרײַן אין זאַץ). — וואָס רעדט איר, שטיינבאַרג? — האָט אים אַלטמאַן באַרויִקט. — איר זײַט דאָך נאָך יונג און באַ אַלע קויכעס. וואָס פּלוצעם איז אײַך געקומען אַפן געדאַנק? און בעשאַסמײַסע איז אים אַליין, — דערציילט אַלטמאַן, — אופגעקומען אַן אַסאָציאַציע מיט יעהודע שטיינבאַרגן, דעם העברעיִשן שרײַבער, טאַקע עליעזער שטיינבאַרגס א שוועסטערקינד. יענער האָט זיך אַמאָל עפּעס ניט גוט געפילט מיטן געזונט און דערפאַר א סאַך געאַרבעט, מער ווי שטענדיק געשריבן. האָבן אים די נאָענטע זײַנע געמוסערט: לייג אַוועק די אַרבעט, רו זיך אויס, דו ביסט דאָך ניט געזונט! און ער האָט געענטפערט: איך מוז אַרבעטן! איך פיל, אַז ביז איצט האָב איך זיך געניצט מיט די געלטער פון די קליינע זשילעט־קעשענקעלעך, און די גרויסע קעשענעס זײַנען נאָך דערווײַל געבליבן פול, ניט גערירט. מע מוז אַרבעטן, מע מוז... און קורץ נאָך דעם איז ער טאַקע גע־שטאָרבן.

דערציילנדיק דאָס, האָט אַלטמאַן באַמערקט, אַז דעמלט האָט ער זיך געכידעשט אויף זיך אַליין, פאַרוואָס דאָס דאָזיקע איז אים געקומען אַפן געדאַנק פּונקט אין יענער מינוט, ווען עליעזער שטיינבאַרג האָט זיך געקלאָגט, אַז ער וועט ניט דערלעבן דאָס דערשײַנען פון זײַן בוך. און אַזוי איז טאַקע געווען. אין א וואָך אַרום נאָך אַלטמאַנס אַוועקפאָרן פון טשערנאָוויץ האָט ער באַקומען א טעלעגראַמע: „קום שנעל קיין טשערנאָוויץ צו דער לעווײַע פון שטיינבאַרגן“.

פון עליעזער שטיינבאַרגן איז מען איבערגעגאַן צו דער טעמע איציק מאַנגער. יאנקעוו שטערנ־בערג האָט אים גערופן דער מאַמזעריש־קלוגער איציק און האָט גענומען איבערדערציילן דעם שוין

באוווסטן עפּיזאָד, וויאַזוי ער האָט אַמאָל געפּרוווט איינריידן דעם נאָך גאָר יונגן מאַנגערן, ער זאָל אויסבעסערן אַ ליד, מאַטיווירנדיק, אַז דער גראַם אין דער ליד הינקט אונטער. מאַנגער האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און געזאָגט: איר האָט רעכט, כאַווער שטערנבערג, מײַן גראַם הינקט טאַקע, נאָר כ'בעט אײַך, „לאָזט מיך הינקען!". אין דער רעגע האָט זיך מאַנגער פאַר מיר אַנט־פּלעקט, — דערציילט ווײַטער שטערנבערג, — אַלס זייער אַ גרויסער פּאָעט!

עליעזער שטיינבאַרג און איציק מאַנגער! מיר אַלע האָבן זיי נאָך גוט געדענקט, און דער שמועס וועגן זיי איז געווען ווי וועגן נאָענטע, אייגענע, היימישע. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיט זייער שאַפונג זײַנען זיי שוין לאַנג אַרויף אויפן אָלימפּ פון דער יידישער ליטעראַטור — דער קינדערש־איידעלער שטיינבאַרג — מיט זײַן סאָציאַל־פילאָסאָפישער פאַרטיפטקייט פון אַ פאָלקס־כאַכעם און מיטן אויסגעלײַטערטן יידישן וואָרט, דער באַהעמיש־פאַרשײַטער מאַנגער — מיט די צעשפּרייטע אָדלער־פליגל פון זײַן וויזיע און מיט דער פאַרליבטקײַט אינעם פאָלקסטימלעכן לאָשן. שטערנבערג, טראַכטנדיק וועגן זײַן אייגענעם שאַפן, פלעג מאַכן פאַרגלײַכן מיט זיי, ציען פּאַראַלעלן, און ניט איין מאָל האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז בייס ער איז געווען טיף אַרײַנגעטאָן אין לאָקאַל־געזעלשאַפט־לעכער קולטור־אַרבעט אין דער ענגער סוויווע, האָט זייער רום אַ פלי געטאָן ווײַט אַריבער די גרענעצן פונעם אָפּגעצוימטן רומענישן טכום.

אין איינעם אַ זומער האָט יאַנקעוו שטערנבערג מיט זײַן פרוי, דער קאָמפּאָזיטאָרן אָטיליע ליכטענשטיין, פאַרבראַכט אין אָפּרו־כוידעש אין יאַרעמטשע צווישן די בערג. אויפן וועג צוריק קיין מאָסקווע האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אויף עטלעכע טעג בײַ מיר אין טשערנאָוויץ. ווידער האָבן זיך אין שטוב פאַרזאַמלט נאָענטע פעץ־כאַווירים, און שטערנבערג האָט אונדז דאָס מאָל באַקאַנט מיט זײַן נאָרוואָס אָנגעשריבענעם „יאַרעמטשער לידער־ציקל". דורכגעדרונגען מיט שטערנבערגישער דיכטערי־שער מײַסטערשאַפט, מיט זײַן שפּראַך־נאָוואַטאָרישקײַט און אָריגינעלער מעטאַפאָריסטיק, האָבן די לידער אונדז פאַרכאַפּט און אַנציקט. אין זיקאָרן האָבן זיך באַלד פאַרקריצט אַזעלכע אויסדרוקן, ווי, לעמאָשל, „די שפּיץ־בערג־יאַרמעלקעס", „אַז עס לעבט די ליד — לעבט אויך דער ייד", צי אַזעלכע באַזינטע גראַמען ווי „יאַרעמטשע־אוורעמטשע". נאָר מער פון אַלץ האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רוישעם די פילאָסאָפיש־פאַרטיפטע נאָסטאַלגיע אין די לידער וועגן אומקום פון די גאַליציאַנישע יידן בימיי היטלער, ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז יעדעס ווינקל אין מײַן שטוב האָט אָנגעהויבן אָטעמען מיט יאַרעמטשער לופט. ס'איז געווען אַ מינוט, ווען אַלע פאַרזאַמלטע זײַנען געווען באַהערשט פון אַ פאַרכטיקן שטילשווײַגן. און האַבנדיק אין זינען די נאַטירלעכע פאַרזעצונג פון אָט דער אַטמאָספער, האָב איך, ווי אַ רעפליק אויף דעם נאָרוואָס געהערטן, גענומען אויסזינגען, אונטער דער פּיאַנע־באַגלייטונג פון מײַן טאַכטער ראָסיע, מײַן מוזיק צו יאָסל לערנערס דראַמאַטישער ליד „הער שוין אויף צו וויינען". וועלכע איז געווען אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד". מוישע אַלטמאַן האָט צוליב זײַן שוואַכן געהער צוגערוקט זיך מיטן בענקל נאָענט צו דער פּיאַנע און געשלונגען יעדן קלאַנג. בײַ די ווערטער „קוואָרים אויף די וועגן — היימען אין רוינען" האָבן פון זײַנע אויגן זיך געגאָסן טרערן. אַגעוו, איז די דאָזיקע ליד געווען אײַנגעשלאָסן אין רעפּערטואַר פון די בעסטע דעמאָלטיקע זינגער.

בייס די שמועסן, וואָס כ'האָב אין יענע טעג געהאַט מיט שטערנבערגן, האָט ער מיך געבעטן אים דערציילן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל וועגן מײַנע מילכאָמע־איבערלעבונגען, וועגן די וואָגלענישן אין די געטריבענע קאָלאָנעס, וועגן די אָפּקומענישן דערנאָך אין שאַרגאָראָדער געטאָ, ווו צווישן מײַנע גאָלעס־שוטפים זײַנען אויך געווען זײַן ברודער מייער און זײַן שוועסטער דינע. ווען איך האָב דאָס אַלץ דערציילט, איז ער געווען פאַרזונקען און פאַרכוישעכט.

שטערנבערג איז שוין דעמאָלט געווען אַריבער די זיבעציק. זײַן הויכע אימפּאָזאַנטע פיגור, שוין עטוואָס געבויגן, האָט נאָך פאַרהיט די שפּורן פון אַ געוועזענעם „קראַסאַוועץ" מיט אַ לייבן־קאָפּ און מיט קלאַסיש־געטאָקטע אַריסטאָקראַטישע געזיכט־שטריכן. אין זײַן אויסערלעכער אויפירונג זײַנען נאָך געווען די זעלבע פײַנע עטיקעט־מאַנירן, וואָס אין די יונגע יאָרן, דער זעלבער היציק־פּאָלעמי־שער טעמפּעראַמענט און די ניט־אויסגעשעפּטע שעפערישע ענערגיע און אַרבעטזאַמקײַט. כ'האָב גוט געדענקט זײַן בוקאַרעשטער בלי־צײַט, זײַנע באַדײַטנדיקע דיכטערישע און רעזשיסערישע רעאַ־ליזירונגען, זײַן אומדערמידלעכע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט אַלס איינער פון די הויפּט־זײַלן פון דער מאָדערנער יידישער קולטור אין רומעניע. ער איז געווען פּאָפּולער צווישן די ברייטע שיכטן, געהאַט פאַרערער פון זײַן טאַלאַנט צווישן קולטור־ליבהאָבער־מעצענאַטן און געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער פּלעיאַדע יונגע דיכטער, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר זייער שעפערישן מאַנהיג און נאָכגעמאַכט זײַן שרײַבעריש־נאָוואַטאָרישן סטיל. כ'האָב געוווּסט, אַז אויך איצט, אין מאָסקווע, פאַרנעמט ער אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער סאָוועטישער שרײַבער־מישפּאָכע.

ווי מע קאָן דאָס זען אין אייניקע פון זײַנע ווערק, איז אין אים פאָרגעקומען אַ פלאַקנדיקער קאַמף צווישן צוויי קעגנזעצלעכע פּאָליוסן. פון איין זײַט, ראַפינירטער אינטעלעקטואַליזם, אולטראַ־מאָדערניסטישע און נאָוואַטאָרישע סטיל־זוכונגען, אַקראָבאַטישע שפּראַך־עקספּערימענטירונגען, וואָס דאָס טאַקע איז, אייגנטלעך, געוואָרן זײַן קינסטלערישער „איך"; פון דער אַנדערער זײַט, האָט אים אָבער אויך געצויגן צום פּאָשעטן, פאַרשטענדלעכן און לירישן וואָרט, צו פאָלקסטימלעכן נוסעך.

מאַכנדיק אָפּט, ווי שוין געזאָגט, פאַרגלײַכן צווישן זיך און זײַנע צוויי פעץ־כאַווירים, שטיינ־

בארגן און מאנגערן, ציִענדיק פאראלעלן צו זייער שעפערישן מעטאָד פון טריַ זיַין דעם ניט־געקינצלטן פאָלקס־לאָשן, — צי האָט ער ניט אויף דער עלטער געפּרוווּט איבערקוקן זיַין שעפערישן וועג, זיַין אויסגעווײלטן קינסטלערישן סטיל? צי האָט ער ניט א טראַכט געטאָן וועגן דעם, וואָס פאר אן אָרט ס׳איז באַשערט זיַין דיכטונג צו פארנעמען אין דער ייִדישער ליטעראטור?

דאָס אלץ איז, פארשטייט זיך, געקומען מיר אפן געדאנק איצט, בייסן שריַיבן. דעמאָלט אָבער, אין אונדזערע שמועסן, האָט מיך שטערנבערג אזוי גערירט מיט זיַין אָפנהארציקייַט, אז איך האָב דערפילט א שטארקע נויטווענדיקייַט אים צו פארטרויען מיַין געמיט־צושטאנד, דעם קוק אויף מיַין אייגענעם דורכגעמאכטן לעבן. א צושטאנד, אין וועלכן כ׳האָב מיך דערזען ווי מיט אונטערגעהאַקטע פליגל אינמיטן פלי, מיט צעשטערטע, ניט־פארווירקלעכטע טרוימען.

ס׳האָט זיך בא מיר ארויסגעכאַפּט אזא זאָג:

— איך האָב פארטראכט, כאָווער שטערנבערג, אָנשריַיבן מיַין „ביִאָגראפיע פון א ניט־געוואָרענעם”...

ער האָט קורץ געענטפערט:

— שריַיבט עס אָן, וועט עס שוין זיַין „פון א געוואָרענעם”.

מאניע לאנדמאן

מיט די אויגן פון א מאשיניסטקע

איך האָב שוין אמאָל געשריבן, אז אין מעשעך פון א טאָג פלעגן אין ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט אריַינקומען א סאך מענטשן — שריַיבער, זשורנאליסטן, לייענער פון דער צייַטונג „אייניקייַט” (די רעדאקציע פון דער צייַטונג האָט זיך געפונען אפן צווייטן שטאָק, אין דער זעלבער געביַידע, ווו דער קאָמיטעט).

איינמאָל האָב איך צווישן די באזוכער דערזען זייער א שיינעם, ווי מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן, שוין ניט קיין גאָר יונגן מענטש, כאָטש ער איז דעמאָלט געווען עטוואָס מער פון פופציק יאָר, אָנגעטאָן „אויסלענדיש”. אין זיַינע מאנירן איז געווען עפּעס א באזונדערע שטאָלצקייַט. דער קאָפּ — הויך אופגעהויבן, דאָס פּאָנעם — שיַינט. גערעדט האָט ער שטיל, אָבער יעדעס וואָרט אויף אזויפיל דיַיטלעך, פונקט ווי ער געפינט זיך אויף א סצענע. איין זאך האָט מיך זייער פארוווּנדערט, דער מאנטל איז אויף אים געווען עפּעס צו לאנג, לענגער, ווי מע האָט דעמאָלט געטראָגן לויט דער מאָדע, א ביסעלע לעפּיש איז אויף אים געלעגן דאָס גאנצע אָנטאָן. און אליין פארמאָגט ער אזא שיין געשטאלט — „א מאנצבל מיט ביינער”... קאָן זיַין דערפאר, וואָס איך האָב זיך צו אים אזוי צוגעקוקט, וועלנדיק זיך דערוויסן, ווער ער איז און צוליב וואָס איז ער געקומען אין קאָמיטעט, איז ער צוגעגאַן צו מיר און געזאָגט: „מיַין פאמיליע איז שטערנבערג, יאנקעוו שטערנבערג, איך בעט איַיך: פלאָנטערט מיך ניט איבער מיט שטיינבארגן. עלִיעזער שטיינבארג, אָלעוו־האשאָלעם, האָט געשריבן מעשאָלים, איר ווייסט וואָס דאָס איז? אויף רוסיש הייסט עס באסני — מעשאָלים...”

איך האָב ניט געוווּסט וועגן שטיינבארגן, און ווען דער אריַינגעקומענער האָט מיר נאָך אָנגערופן דעם נאָמען עלִיעזער, האָב איך שוין אינגאנצן גאָרניט פארשטאנען, וועגן וועמען עס גייט א רייד. איך האָב א טראכט געטאָן, אז ער איז, וויַיזט אויס, פון אויסלאנד, און דער כאָווער, וועגן וועלכן ער רעדט, איז אוודאי אויך א דאָרטיקער. שטערנבערג האָט מיך בארויִקט: „מע האָט איַיך ווינציק געלערנט ליטעראטור, איר זייַט ניט שולדיק... פונדעסטוועגן וועל איך איַיך זייער בעטן — פארגעדענקט, אז מיך רופט מען יאנקעוו שטערנבערג”.

אָט אזוי איז פאָרגעקומען אונדזער ערשטע באקאנטשאפט. אָפט פלעג ער מיר געבן, כ׳זאָל איבערדרוקן זיַינע לידער, וועלכע איך האָב ניט טאָמיד פארשטאנען, וויַיזט אויס, וויַיל ער האָט טאקע ניט געשטאמט פון רוסלאנד, געקומען צו אונדז פון רומעניע, און אין דער שול האָבן מיר ניט געלערנט ניט שטיינבארגן, ניט שטערנבערגן.

פון די פארשטענדלעכע לידער איז מיר שטארק געפעלן געוואָרן איינע, וועלכע איך געדענק ביז הייַנטיקן טאָג:

דער ערשטער שטערן זיך צעשטראלט
אין אָוונט־בלוי. ,
ער ציט זיך צו א מענטש־געשטאלט:
א יונגע פרוי
א באָרוועסע גייט בא די ווענט,
און צו דער הויך
פון אלע כורוועס איז געווענדט
איר שוואנגער־בויך.

דער שטערן, וואָס איז אופגעגאַן
אין אָוונט־בלוי,
און זעט פון דאָרט אויך דעם מאָנבלאָן, —
פאר אים איז אָט די פרוי,
וואָס טראָגט אָט דאָ איר מוטער־בויך, —
די העכסטע הויך...

ווען שטערנבערג האָט מיך געפרעגט, וואָס פאַר אן אײַנדרוק זײַנע לידער האָבן אויף מיר געמאכט, האָב איך געענטפערט: „קעדיי אײַך פאַרשטיין, דאַרף מען עטלעכע מאָל גוט איבערלייענען דאָס אָנגעשריבענע, זיך אַרײַנטראַכטן, צעברעכן די ציין, און ערשט דעמאָלט וואַקסט אויס פאַר אונדזערע אויגן א גרויסע פּאָעזיע...” איך האָב דורכגעלייענט אויסווייניק די ליד, וועלכע האָט זיך מיר פאַרגעדענקט.

ס'איז מיר זייער שווער איבערצוגעבן דעם אויסדרוק פון יאַנקעוו שטערנבערגס פּנים. בא אים איז טאָמיד געווען זייער א פרישע פאַרב אפן פּנים, ניט קיין בלאַסע, עפּעס אן איידעלע, באַשטראַלטע פאַרב. אָבער דאַן, ווען איך האָב געלייענט אויף א קאָל די ליד, האָט זײַן פּנים אָנגעהויבן אַזש שײַנען, און איך האָב ניט פאַרשטאַנען, צי ער פרייט זיך אַזוי, צי ס'איז בא אים טאַקע אַזאַ פּנים, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל אויף א בינע בא אן אַרטיסט. נאָר אויף דער בינע איז מען דאָך מיט גרים, און די גרימיאָרן ווייסן, ווו צו „לייגן” פאַרב, און דאָ שטייט פאַר מיר אָט אַזאַ מין מענטש מיט אן אַרטיסטיש פּנים.

געקוקט האָט ער, ווי מיר האָט זיך פאַרגעדענקט, נאָר אויף דעם פּעקעלע שוין איבערגעדרוקטע לידער. האַלטנדיק עס מיט ביידע הענט, האָט ער א ביסעלע געקנייטשט מיט די פינגער די זײַטלעך. שטיל, זייער שטיל אַרויסגערעדט: „אויב אַזוי, זײַט איר דאָך ניט קיין פּאָשעטע מאַשינִיסטקע, אויב איר געדענקט אויף אויסווייניק מײַן ליד... ווען האָט איר זי אויסגעלערנט און צו ליב וואָס? איר ווילט זי עפּשער לייענען אויף דער סצענע פאַר אן עולם, איז ביטע. איך וועל בעטן אײַערע אָנפירער, זיי זאָלן צונויפנעמען די לייענער, און איר וועט זי דורכלייענען, די ליד...”

כ'האָב אים געענטפערט, אַז איך בין ניט קיין אַרטיסטקע, לייענען פאַר אן עולם קאָן איך ניט, כ'פאַרליר זיך. דאָ האָט ער ווידער א גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן, גענומען מיך אײַנריידן: „איך וועל אײַך אויסלערנען, האָט קיין מורא ניט. איך האָב אָנגעפירט מיט א טעאַטער, און איך פלעג לערנען אַזעלכע מיידלעך. ווי איר. איך בין געווען א רעזשיסער פונעם טעאַטער אין בוקאַרעשט...”

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב שוין געאַרבעט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, איז יאַנקעוו שטערנבערג געווען גאָר־גאָר אן אָפטער גאַסט אין דער רעדאַקציע, קימאַט אַלע טאָג געקומען, זיך אויפגעפירט זייער אַקטיוו. אָפט פלעג ער דרוקן אין זשורנאַל לידער, קריטישע אַרטיקלען, און איך האָב זיי פריִער איבערגעדרוקט אויף דער מאַשינקע. ער פלעג צוגיין צו מיר שוין ווי צו א היימישן מענטשן, פריִער דערציילן, וואָס ער שרײַבט איצט, און ווען ער וועט קומען מיר ברענגען די אַרבעט, ניט דערוויסנדיק זיך קיינמאָל, צי איך האָב צײַט, פּאָשעט צוגיין און פרעגן: „מאָרגן וועט איר זײַן אין רעדאַקציע, צי איך זאָל אײַך ברענגען די אַרבעט אַהיים?” אינדערפרי פלעג זײַן פרוי מיר געבן א קלונג אין טעלעפאָן: „וווהין זאָל יאַנקעוו אַרויספאָרן — אַהיים, צי אויף דער אַרבעט?” זי פלעג ניט זאָגן די צײַט, עס הייסט, אַז ווען ער וועט ניט קומען, וועט ער זײַן אן אָנגעלייגטער גאַסט, און קיין שום רייד וועגן עפּעס אַנדערס קאָן ניט זײַן. און אַזוי איז טאַקע געווען, געבראַכט די אַרבעט, זיך ניט צונויפגערעדט, ווען זי וועט פאַרטיק זײַן, ווען ער דאַרף קומען נאָך איר, מיט איין וואָרט, אויף אַזויפיל היימיש, וויפל ס'איז נאָר מעגלעך.

ס'געדענקט זיך אַזאַ פאַל. ער האָט געבראַכט לידער און געבעטן, איך זאָל זיי שוין, די מינוט, איבערדרוקן, „ווײַל דער שעף האָט געהייסן זיי אָוועקלייגן מאָרגן אפן טיש”. דאָס איז געווען מאַמעש מיט צוויי טעג פאַרן אָפּגעבן דעם זשורנאַל־נומער אין דער דרוקערײַ. עס איז געווען נאָך מער דרינגענדיקע אַרבעטן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעשטעלט אין דעם נומער, און שטערנבערגס לידער האָט קיינער נאָך ניט געזען, מע דאַרף א קוק טאָן, באַשליסן...

פאַרשטייט זיך, איך האָב די לידער איבערגעדרוקט און, ניט צונויפרעדנדיק זיך מיט שטערנבערגן, אַליין אָוועקגעלייגט זיי אפן טיש דעם הויפּט־רעדאַקטאָר. אויף מאָרגן קומט אָן יאַנקעוו שטערנבערג און פרעגט מיך: „ווו איז די אַרבעט?” איך ענטפער, אַז זי איז שוין באַם שעף. ער האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט און איז אַרײַנגעלאָפן אין צימער צום רעדאַקטאָר.

ווען ער איז אַרויסגעגאַן, האָט ער מיר געזאָגט: „מע דאַרף שוין ניט די לידער צום נומער, ס'איז דאָ בילכערס...” איך האָב געמיינט, אַז אונדזער הויפּט־רעדאַקטאָר האָט אים אָפּגעזאָגט צו דרוקן אין דעם נומער, ווײַל עס איז שוין טאַקע פּאָשעט שפּעט, ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שטערנבערג איז געקומען דערמאָנען דעם הויפּט־רעדאַקטאָר, אַז עס איז אין דעם כוידעש די געבורטס־דאַטע פון עליִעזער שטיינבאַרגן, איז ער געקומען בעטן, אַז ניט זײַנע לידער זאָל מען געבן, נאָר עליִעזער שטיינבאַרגס.

מיר איז עס געווען זייער טשיקאַווע. געוויינלעך, ווען א שרײַבער גיט אָפּ זײַן ווערק אין זשורנאַל, וואַרט ער מיט אומגעדולד, מע זאָל גיכער אָפּדרוקן. און דאָ הייסט ער אַראָפּנעמען זײַנע לידער און דרוקן אן אַנדערן. שטערנבערג האָט געזען, אַז איך בין זייער פאַרוווּנדערט, האָט ער גענומען נאָכאַמאָל מיר דערציילן, ווער עליִעזער שטיינבאַרג איז געווען, און צו דעם האָט ער צוגעגעבן: „איך געדענק, איר האָט געקענט אויף אויסווייניק מײַנע א ליד, וועט אײַך ניט שאַטן, אויב איר וועט קענען א פּאָר מעשאָלים עליִעזער שטיינבאַרגס...”

...ניט לאַנג פאַר זײַן טויט איז ער איינמאָל צו מיר געקומען און דערציילט, אַז עס איז פאַראַן בא אים א ייִדישע מאַשינקע, אויף וועלכער ער אַרבעט ניט, און ער וויל זייער, אַז אויף דער מאַשינקע זאָל איך דרוקן ווערק פון ייִדישע שרײַבער. פאַרשטייט זיך, כ'האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער מאַשינקע, און ס'איז מיר טײַער דער אָנדענק פון יאַנקעוו שטערנבערגן.

דאָס זעקס־און־אכציקסטע קאַפּיטל

„אכינו אתּה"

וואָס נעענטער רעב מוישע ראַבינאָוויטש און זײַן עלטערער זון אווראָם־לייב זײַנען געווען צו דער גרויסער שטאָט, האָבן זיי אַלץ אָפּטער געהערט, ווי ייִדן רעדן פונעם „פּעקל", פונעם אומגליק־לעכן קאָרבן, פונעם דאַנטיסט דעם שלימאַזל, וואָס זיצט איינער אַליין און מע לאָזט ניט צו צו אים קיין לעבעדיקן מענטשן.

דער פאָטער מיטן זון, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט פון דער נסיעה זיך געהאַלטן אין אַ זײַט, פאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע און געשוויגן שטיל, דערהערט די דאָזיקע דיבורים, האָבן זיי אָנגעשטעלט די אויערן, טאָמער וועלן זיי כאַפּן עפּעס אַ וואָרט, וואָס זאָל זיי עפּעס זאָגן... זיי האָבן אָבער פון די שמועסן ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען קיין זאַך. זיי האָבן נאָר געהערט די ווערטער „שלימאַזלדיקער דאַנטיסט"... „אומגליקלעכער קאָרבן"... אוכעדוימע אַזעלכע עפּיטעטן און עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דער אוילעם מאַכט כויזעק — און דאָס האָט זיי פאַרדראָסן, ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָ צו לאַכן?

פאַרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 7 — 12, 1988 און נומ. 1 — 7, 1989.

מער ווי אױף אַלע האָט זײ געברענט אױף אַ געלן ייִדן, אַ קלײנעדיקן, מיט גראָבע ליפּן, וואָס רעדט שפּעפּליאָווע און וואָס האָט געהאַלטן אין איין לאַכן, די אויגן האָבן אים אױש געטרערט פאַר געלעכטער. ער האָט געטײַנעט זײַן טײַנע, אַזוי צו זאָגן:

— ניין. איך זאָג נאָר איינס. נעבעכײַבי וואָלטן זײ געפּאַקט כאַטש אַ נאַש בראָט, ווי זאָגט איר, אַ ייִדן מיט אַ טאַלעסקאָטן. צום סאָף נאָט אײַך גאָר אַ דאַנטיסטל, אַ פּוסטער באָכער, אַ גוי גאָמור, וואָס ווייסט ניט אַ וואָרט ייִדיש, ווי זאָגט איר, קיין ציילעם פאַר קיין אַלעף, שוין ניטאָ קיין זײַטן לאַכנדיק!

דער פּאָטער מיטן זון קוקן זיך איבער: „פון זייער הערשל רעדט מען דאָס אַזוי? ווי איז דאָס מעגלעך? זייער הערשל קען עס ניט אַ וואָרט ייִדיש, קיין ציילעם פאַר קיין אַלעף?..״ אַ גליק, וואָס דער פּאָטער זיצט אויך דערבײַ, ווען אַווראָם־לייב אַליין, לעמאָשל, זאָל דאָ זײַן, וואָלט געקאָנט אַרויס אַ מיִעסער סקאַנדאַל. אַווראָם־לייב איז אַ יונגערמאַן מיט טעמפּעראַמענט. ער האָט זיך אַזוי אויך געריסן אַלע מינוט צו אָט דעם געלן ייִדן מיט די גראָבע ליפּן מיט דער שפּעפּליאָווער צונג, האָט אים דער פּאָטער אַלעמאָל מיט אַ צי פאַרן אַרבל אָפּגעהאַלטן: „זיץ!״ און ער האָט נעבעך געמוזט זיצן אין געהאַקטע ווונדן און אויסהערן אַלע שטוסערייען, שעקער וועקעזאָווים. וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? „קאָוועד אָוו!..״

נאָר אָט איז מען, דאַנקען גאָט, באַלד ווי געקומען. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געגעבן אַ נעם צו די פּעקלעך און ייִדן האָבן אָנגעהויבן עפּעס ווי ציִען זיך, מאָדנע אָטעמען און פיבערן, ווי עס פיבערט זיך, לעמאָשל, פאַר אַן עקזאַמען, פאַר אַ פּריזיוו אָדער פאַר אַ מישפּעט... אַנדערע האָבן זיך געטאַפּט בײַ די קעשענעס, צו די „פּעסער״. אַנדערע האָבן זיך צורעכט געמאַכט די מאַנישקעס אין די קאַפּעליושלעך, רעכט פאַרשאַרט די פּייעס אויף יענער זײַט אויערן, געטאָן אַלצדינג, וואָס נאָר מעגלעך איז, עס זאָל זיך אַזוי ניט וואַרפן דער „ייִד״ אין די אויגן...

נאָר אונדזערע ראַבינאָוויטשעס האָבן פון דעם פיבער נאָך ניט געוווּסט. ס׳איז זײ נאָך ניט רעכט באַקאַנט געווען דער עמעסער טאַם פון גאָלעס... דאָס הייסט, געהערט האָבן זײ, אַז פון דער דאָזיקער גרויסער שטאָט טרײַבט מען ייִדן, און אַז מע מאַכט „אָבלאַוועס״, און אַז מע שיקט אָפּ אַהיים מיטן עטאַפּ אין 24 שאָ און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן. נאָר פון הערן ביז אַליין פילן איז נאָך ווײַט. און ווײַל זײ פאָרן אַהער דאָס ערשטע מאָל, דעריבער האָבן זײ זיך גאַנץ ברייטלעך, קימאַט די ערשטע, געכאַפּט פון וואַגאָן און אַרײַן מיט הענט און פיס אין דעם גרויסן שטראָם פון דער גרויסער שטאָט, שיר ניט פאַרטיִבט געוואָרן פונעם גרויסן טומל, פונעם ראַש און פונעם יאַריד און פונעם לויפן הין און צוריק מעשוגענערווײַז, וואָס האָט אויסגעזען בײַ זײ אין די אויגן ווי אַ טהאָם, ווי אַ געהענעם.

— וווּהין גייען מיר צום אַלעם ערשטן? — האָט דער פּאָטער אַ פרעג געגעבן בײַם זון, כאַפּנדיק אַ שטויס אין זײַט אַרײַן ניט איין מאָל, נאָר אַ פּאָר מאָל.

— וווּהין גייען מיר? — האָט אים דער זון געענטפערט מיט די אייגענע ווערטער און באַגעגנט זיך מיט אַ מאָרדע פון אַ פערד פּאָנעם־על־פּאָנעם און שיר ניט פאַרלוירן געגאַנגען. — ווייסטו וואָס, טאַטע, כאַפּט זײ דער וואַטנמאַכער, לאָמיר נעמען אַן איזוואָזשטשיק און לאָמיר פאָרן.

— וווּהין?

— לאָמיר זיך אָקאָרשט פריִער אַוועקזעצן און דערנאָך וועלן מיר שוין זען וווּהין.

— טאַ! עפּשער ביסטו גערעכט, — איז דער פּאָטער מאַסקים צום פּלאַן פון נעמען אַן איזוואָזשטשיק.

עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי „נעמען אַן איזוואָזשטשיק״. מאַכמעס זײ זײַנען דאָך שוין לאַנג אַרויס פון דער ריי און אָפּגעשטופּט געוואָרן מיטן שטראָם אַלעמאָל ווײַטער און ווײַטער, זײַנען אונדזערע קליינשטעטלדיקע פּאַסאַזשירן נעבעך געבליבן קימאַט די לעצטע און דאָס האָבן זײ זיך קימאַט אײַנגעבעטן, מע זאָל זײ נעמען, אַזוי אַז נאָך אַ לאַנגער שורע פון פּאַיעטאָנעס, אָמניבוסן, קאַרעטן און דראָזשקעס האָט מען געקאָנט זען צוויי ייִדן, איינער אַן עלטערער, אַ באַוואַקסענער, דער אַנדערער אַ ייִנגערער מיט אַ סימען פון אַ היפּש בערדל, זיצן אײַנגעבויגן אײַנגעדרײַען און העצקען זיך, שאָקלענדיק זיך הין און הער אױף אַן אַלטער, אַ ביסל אַן אויסגעבויגענער דראָזשקע מיט אַן אויסגעדאַרט ווײַס מאַשיִעכס פערדל, וואָס ווען ס׳זאָל ניט זײַן אין דער דאָזיקער גרויסער גלאַנצדיקער שטאָט, ווו אַ ייִד באַדאַרף האָבן „פּראַוואָזשיטעלסטווע״, וואָלטן זײ זיכער געקאָנט מיינען, אַז זײ זיצן אױף אַ ייִדישן באַלעגאָלע, און ווער שמועסט, זײ זאָלן נאָך געווען אַ קוק טאָן אױפן באַלעלאַגע פון פאָרנט, ניט פון הינטן, וואָלטן זײ שוין דעמלט אינגאַנצן געווען זיכער, אַז זײ פאָרן מיט אַ ייִדן, ניט מיט קיין גאָי, און רעב מוישע ראַבינאָוויטש וואָלט ניט באַדאַרפט זיך ברעכן די צונג רעדן מיט אים אױף אַ שפּראַך, אױף וועלכער ער איז שוואַכלעך, און זײַן זון אַווראָם־לייב וואָלט ניט באַדאַרפט אַרויסווײַזן פאַר אים, ווי ווײַט ער איז קלאָר אין קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיקע, וואָרעם, אַז דער איזוואָזשטשיק האָט נאָך אַ האַלבע שאָ העצקען זיך אַ פרעג געגעבן זײַנע פאַרשוינדלעך

אף רוסיש, וווהין זיי וועלן זיך הייסן פירן, און אווראַם־לייב האָט אים א זאָג געגעבן אף רוסיש, ער זאָל פאָרן גלײַך אין דער „זובאָווראטשעבנע שקאָלע“, האָט דער איזוואָזטשיק געגעבן א האַלבן דריי אויס דעם קאָפּ צו אים: „יעסט דווא זובאָווראטשעבניע שקאָלי“, — האָט אים אווראַם־לייב באַלד אָפּגעהאַקט, אז מע באַדאַרף זאָגן „דוויע“, ניט „דווא“, ווײַל „שקאָלע“ איז א לאָשן נעקייווע — „זשענסקאָוואָ ראָדאַ“.

פאר דער גאַנצער צײַט, וואָס זיי פאָרן, האָט דער איזוואָזטשיק דאָס ערשטע מאָל אויסגעדרייט דאָס גאַנצע פּאָנעם צו זײַנע פּאַרשוינען און זיי האָבן דערזען פאר זיך — גוואַלד, ריבוינעשעלוילעם! — א ייִדן מיט ייִדישע אויגן, מיט א ייִדישער אויסגעבויגענער נאָז און מיט א ייִדיש געקרײַזלט בערדל, ניט מער, וואָס ער גייט אין דער גאַנצער אוניפאָרם, אין א רוסישן ארמיאַק מיט א ברייטן גאַרטל און מיט א שוואַרץ גלאַט סיראַטענע לאַקשנטעפּל אפן קאָפּ. ווען ניט דאָס, וואָלט אים כ׳לעבן א סאַך בעסער אָנגעשטאַנען צו זײַן א שאַמעס בא זיי אינעם קליינעם שטעטל, איידער אן איזוואָזטשיק אין דער דאָזיקער גרויסער טומלדיקער רוסישער שטאָט.

— איך וואָלט געמעגט שווערן, — האָט דער פאָטער אין א מינוט אַרום א זאָג געגעבן צום זון, — אז אונדזער איזוואָזטשיק איז ניט קיין אָרל, נאָר א „יעהודי“.

— אָט וועל איך מיט אים עפּעס דאַבערן, וועלן מיר באַלד וויסן, צי איז ער א יעהודי, צי אן אָרל, — האָט דער זון אים אָפּגעענטפערט און האָט זיך געקליבן א פרעג געבן באַם איזוואָזטשיק גופע. ער איז נאָך ניט פאַרטיק געווען מיט דער שפּראַך, וויאַזוי ער זאָל עס אים אויסדריקן. א פרעג טאָן בא אים גלײַך: „טשי ווי איז נאַשיך?“ — וועט זײַן צו גראָבלעך. זאָגן אים איידל: „פּאָזוואָלטי אוזנאַט וואַשו נאַציאָנאַלנאָסט“ — וועט זײַן צו איידל פאר אן איזוואָזטשיק. האָט אים אָבער דער איזוואָזטשיק פאַרשפּאָרט אן אַרבעט. ער האָט ווידעראַמאָל אויסגעדרייט דאָס גאַנצע פּאָנעם צו זײַנע פּאַסאַזשירן און האָט זיך אָפּגערופן צו זיי שוין גלײַך אף ייִדיש:

— איר פאָרט אין דער זובאָווראטשעבנע? בא אונדז איז פאראַן צוויי זובאָווראטשעבנעס, דרײַ זובאָווראטשעבנעס. איר רופט מיר אָן א נאָמען, אָדער א גאַס, איך זאָל וויסן, וווהין צו פאַרקערעווען, פאַרשטייט איר מיך?

— געזונט זאָלט איר זײַן! — רופט זיך אָן רעב מוישע ראַבינאָוויטש צופרידן, וואָס דער איזוואָזטשיק איז א ייִד. — זענט איר, הייסט עס, אן אונדזעריקער? וואָס זשע האָט איר ביז אַהער געשוויגן? נאַט אײַך אָפּעט שאָלעם־אַלייכעם.

ער קוועטשט דעם ייִדישן איזוואָזטשיקס קאָרענע, פאַרשמאָלצעוועטע האַנט, וואָס שמעקט מיט פערד און מיט סמאָלע. אווראַם־לייב, פון זײַן זײַט, טוט נאָך דער פאָטער אן ציט אים אויך אויס א האַנט:

— אכינו אַטאָ? שאָלעם־אַלייכעם.

— אַלייכעם וועאַל בנייכעם! — ענטפערט אים דער איזוואָזטשיק, וועלכער זיצט שוין מיט א האַלבן פּאָנעם צו די פּאַרשוינען, דאָס שוואַרצע סיראַטענע לאַקשנטעפּל פאַרקאַטשעט אַרויף און שוואַרצע געקרײַזלטע הערלעך זעען זיך אפן פאַרשוויצטן געקנייטשטן שטערן. און די פּאַרשוינען פרעגן אויס באַם איזוואָזטשיק, ווער ער איז און פונוואַנען ער איז און צי איז ער שוין לאַנג אין דעם ברויט? און דער איזוואָזטשיק בא זיי פרעגט אויס, ווער זיי זײַנען און פונוואַנען און וואָס טוען זיי דאָ.

ווער זיי זײַנען און פונוואַנען — דאָס האָבן זיי אים ניט געזשאַלעוועט. נאָר וואָס זיי טוען דאָ — האָבן זיי ניט געפונען פאר נייטיק אים מוידיע צו זײַן. אָפּגעגעבן א ייִדן שאָלעם־אַלייכעם — מאַכעטייסע, פאַרוואָס ניט? נאָר אַרײַנלאָזן זיך מיט א באַלעגאָלע אין טיפע דראָכים — דאָס איז אזעס!

— מיסטאַמע א געשעפטל? — מאַכט צו זיי דער איזוואָזטשיק, ניט אויסצופרעגן זיך, נאָר גלאַט אזוי זיך.

— מיסטאַמע א געשעפטל, — גיבן זיי אים נאָך.

— און עפּשער צום דאָקטער? — פרוווט זיך דער איזוואָזטשיק מיט א טאַפּ אין וואָגן נאָכאַמאָל.

— עפּשער צום דאָקטער, — ענטפערן זיי אים ביידע, מיינענדיק, אז זיי זײַנען שוין פאַרטיק מיט אים. לעסאָף וויל ער נאָך וויסן, צו וועלכן דאָקטער און אף וואָסער שלאַפקײַט?

די פּאַרשוינען זעען, אז ס׳איז פון אים ניט אזוי גיך פּאָטער צו ווערן, בלײַבט בא זיי צו זאָגן אים בעסער דעם גאַנצן עמעס. צו וואָס טויגן די כאָכמעס? ער איז דאָך א ייִד, גלײַך ווי זיי, וואָס האָבן זיי פאר אים מוירע צו האָבן? און, אגעוו, טאָמער וועלן זיי בא אים עפּעס אויסטאָפּן? זיי ווייסן דאָך אפילע ניט, אין וואָס פאר א זובאָווראטשעבנע זייער הערשל האָט זיך געלערנט און אף וואָס פאר א גאַס ער האָט געוווינט. און גיי ריכט זיך, אז אָט דער איזוואָזטשיק (א ייִד איז ניט קיין גאָי) ניט נאָר ער ווייסט די גאַנצע געשיכטע מיטן „פּעקל“, א סוואָרע, אז ער קען זייער הערשלען, ווי ער קען זיך, און זײַן באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע, ווו ער האָט געוווינט, קען ער אויסגעבונדן. וואָרעם ער האָט ניט אזויפיל האָר אין באָרד, וויפל מאָל ער איז מיט זיי געפאָרן... אָט, אשטייגער,

ערעוו פייסעך אין פּאָדריאַד אַרײַן צו די מאַצעס, און צוריק פֿון פּאָדריאַד מיט די מאַצעס אַהיים וועך האָט זיי געבראַכט צו פֿירן, אַז ניט ער מיט אָט דעם דאָזיקן פֿערדל?

— א באָכער א פּאַניטש, אַף מיר אַזאַ יאָר! איז דאָס טאַקע אײַערער אַן אייגענער קאָרעוו נעבעך? וויאָ!

— געזונט זאָלט איר זײַן! — רופֿט זיך אָן צו אים דער עלטערער. — ווײַבאַלד אַזוי, צו וואָס זאָלן מיר זיך שלעפּן אומזיסט אין דער זובאָוואַטשעבנע זיך נאָכפֿרעגן? איר קאָנט דאָך אונדז פֿירן גלײַך אַהין, ווו ער האָט געוווינט.

— אַוואַדע קאָן איך אײַך פֿירן גלײַך אַהין, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט קאָנען? וויאָ! ווילט איר, הייסט עס, מיט אים זיך זען? איך האָב מוירע ס'איז אומזיסט אײַער טירכע. איך האָב געהערט זאָגן, אַז מע לאָזט ניט צו צו אים קיין בען־אָדאָם, מע האָט מוירע, מע זאָל ניט אונטערקויפֿן די שאָמרים און אים אַרויסלאָזן פֿרײַ, וואָרעם ער איז זייער רײַך!

ביידע פֿאַרשוינען קוקן זיך איבער, און דער עלטערער רופֿט זיך אָן צום באַלעגאָלע:

— געזונט זאָלט איר זײַן! ווער, זאָגט איר, איז זייער רײַך?

— ער טאַקע, אָט דער דאָזיקער, וואָס זיצט אין טורמע, אײַערס א פֿרײַנטל איז ער, זאָגט איר? ער איז זייער רײַך, זאָגט מען. וויאָ! דאָס הייסט, ניט ער איז רײַך, נאָר קרויווים, זאָגט מען, האָט ער זייער רײַכע, מיליאָנערן — וויאָ! מיר זײַנען שוין באַלד געקומען. זעט איר אָן דאָרט א הויכן מויער? איז דער צווייטער הויף אָדער דער דריטער, זיצט דאָרט יענער ייִד, שאַפּיראָ רופֿט מען אים, א גאַנץ ווױלער ייִד, און ניט נאָך אַזוי ער, ווי זײַן ווײַב, א קאָשערע ייִדענע, און א טעכטערל באַ זיי א צאַצקע, זיצט אַף א דאַטשע, די טאָכטער, הייסט עס, — וויאָ! נאָר מאַכט מיר קלאָר, איך בעט אײַך, איר ווייסט בעסער, איך בין א ייִד א פּראָסטער, א באַלעגאָלע, איז אַף מײַן באַלעגאָלישן מויעך לייגט זיך עפּעס ניט די גאַנצע מײַסע: א באָכער א דאַנטיסט, א גאַנצער פּאַניטש, קאָן א וואָרט ייִדיש ניט רעדן...

ביידע פּאַסאַזשירן קוקן זיך איבער ווידעראַמאָל און דער עלטערער טוט א פֿרעג:

— ווער, זאָגט איר, קאָן א וואָרט ייִדיש ניט רעדן?

— אָט אָט דער קאָרעוו אײַערער. וואָס געהער ער זיך אײַך אָן? א פּלימעניק, א שוועסטערקינד? א שניי שעבעשלישי? טפּר־ר־ר־רו — מיר זײַנען שוין אָט־אָ געקומען צו פֿאָרן. זעט איר אָט־אָ א גלעקל? טוט א ציִ, וועט מען אײַך עפֿענען. איר ווייסט ניט וויאַזוי? לאָזט מיך... וויפֿל מיר קומט? מיר קימט פֿון וואָקזאַל אַהער אַזוי גרויס אַזוי קליין — מער קיין באַגאַזש האָט איר ניט? ווען רעכנט איר, אימירצעהאַשעם, פֿאָרן צוריק? איר ווייסט נאָך אַליין ניט? נו, פֿאַרשטייט זיך, פֿונוואַנען זאָלט איר וויסן? אַז איר וועט דאַרפֿן פֿאָרן, זאָלט איר זיך מאַטריִעך זײַן זאָגן איר, אָט דער מאַדאַם שאַ־פּיראָ, זי קען מיך, וויפֿל מאָל געפֿאָרן מיט מיר אין באָלניצע צו דער טאָכטער. אָט דאָ טאַקע געפֿין איך מיך מײַנסטנס, אַף דער ייִדישער גאַס. א ייִדישער איזוואָזטשיק באַדאַרף זײַן אַף דער ייִדישער גאַס, ווי זאָגט איר, אַכינו אַטאָ, און אָנגעהויבן האָט איר צו מיר רעדן אַף „רישוס", נאָר וואָס האָט איר געמיינט, בין איך? א פּאַני? כאַ־כאַ! שולדיק איז די פּאָרמע מישטיינס־געזאָגט, און א ביסל דאַרף טאַקע נאָש בראַט פֿאַרשטעלן דעם ייִדן, מע זאָל אים, כאָלילע, ניט דערקענען — וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר זײַנען באַ זיי, ניט זיי באַ אונדז... ווילט איר, הייסט עס, איך זאָל אײַך טאַקע געבן „סדאַטשע" אויך, צי דאָס זאָל שוין זײַן אַף א „וואָדקע"? לאַנג לעבן זאָלט איר. לאָז אײַך גאָט העלפֿן, איר זאָלט מאַצליִעך זײַן בעקאָל אשער עפֿנע — איר כידעשט זיך, וואָס איך קען? איך בין דאָך, ווי איר אַליין זאָגט: „אַכינו אַטאָ..." א גוטן!

דאָס זיבן־און־אַכציקסטע קאַפּיטל

אָרכים

טאָמער איז געווען קאַרג דאָס פּעקל צאָרעס, וואָס די אָרעמע מוטער נעבעך, סאָרע שאַפּיראָ, האָט געטראָגן אַף אירע כרופּקע פּלייצעס, האָט איר גאָט צוגעשיקט אָרכים — דעם קוואַרטיראַנטס פֿאָטער מיטן ברודער, רעב מוישע ראַבינאָוויטש מיט זײַן עלטערן זון אַווראָם־לייב, אָדער ווי זײַן ווײַבל רופֿט אים אַווראָם־לײַבוש (מיר טוען איר צוליב און רופֿן אים שוין פֿון איצט אָן אַווראָם־לייבוש).

דער פאָטער, רעב מוישע ראבינאָוויטש, איז א הויכער ייִד און א דארער, מיר פארזאָרגטע אויגן, וואָס האָבן זיך באזעצט טיף אין דעם ווײַס געקנייטשטן שטערן; זעט אויס, א ייִד א כאלעש. יעדער זיפץ, וואָס ער טוט, רײַסט אויס א שטיק הארץ; רעדט שטיל, בעניטמעסדיק: „געזונט זאָלט איר זײַן". און דער זון, אווראָם־לייבוש, א באלעבעסל מיט סימאָנים פון א פײַן בערדל, דאפקע א געזונטער יונג און א שיינער, נאָר א גרויסער באל־מאָרעשכוירע און ניט קיין קלײנער אזעספּאָנעם; זײַן טאטע האָט פאר אים מער מוירע ווי ער פארן טאטן, אָדער בעסער געזאָגט זיי ביידע, דער טאטע מיטן זון, האָבן איינס פארן אנדערן דערעכערעץ. די נאָז שנײַצט ער ניט אין א פאטשיילע ווי די גאנצע וועלט, נאָר מיט איין פינגער אף א זײַט, א סימען פון א זשוואוון יונגנמאנטשיק.

אָנגעקומען זײַנען די געסט צו די שאפיראָס אין שטוב ארײַן פונקט האלבן טאָג אין דער צײַט, ווען דאָוויד שאפּיראָ כאפּט זיך אראָפּ אהיים איבערכאפּן דעם אָנבײַסן, ווי זײַן שטייגער איז, אף איין פוס און אנטלויפן צוריק אין געשעפט ארײַן, וואָרעם ער איז דאָך א „פארקויפטער מענטש".

דאָוויד שאפּיראָ איז די לעצטע צײַט געוווינט געוואָרן, אז פרעמדע מענטשן, קאָרעספּאָנדענטן פון צײַטונגען און גלאט זײַטיקע פּארשוינען, זאָלן אים קומען דולן א ספּאָדעק וועגן זײַן קווארטי־ראנט, דעם אומגליקלעכן דאנטיסט, נעבעך, וואָס האָט זיך אזוי מיִעס ארײַנגעכאפּט. די ערשטע צײַט איז דאָוויד געווען צופרידן, וואָס מענטשן אינטערעסירן זיך מיט זײַן קווארטיראנט, ווילן הערן פון אים, פון דאָוויד שאפּיראָן אליין, זײַן מיינונג, וואָס זאָגט ער אף דעם אומגליק. נאָר שפּעטער־שפּעטער האָט זיך עס אים צוגעגעסן און ער האָט קימאט געטריבן מענטשן פון שטוב: ווען סאָרע זאָל אים ניט אָפּהאלטן, וואָלטן געווען סקאנדאלן.

אויך איצט, אז די צוויי פרעמדע ייִדן זײַנען ארײַנגעקומען, האָט זיי דאָוויד נאָכן ערשטן שאָ־לעם־אלייכעם שיר ניט געגעבן דעם וועג.

— אלייכעם־שאָלעם, — האָט זיי דאָוויד קורץ געענטפערט. — וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— דאָ, בא אײַך, האָט געוווינט אף קווארטיר... — האָבן די ארײַנגעקומענע אָנגעהויבן, האָט זיי דער באלעבאָס אָפּגעהאקט און אליין געענדיקט פאר זיי:

— דער דאנטיסט ראבינאָוויטש? בא מיר, בא מיר. נאָר וואָס גייט אײַך אָן? אקעגן וואָס דארפט איר עס וויסן? און וואָס וועט אײַך שוין זײַן אזוי גוט, אז איר וועט וויסן? און וועמען קאָן דערפון ארויס א טויווע? ייִדן קריכן — טאָמער ווייסט איר וואָס?

נאָך אזא שיינעם באָרעך־האבאָ זײַנען ביידע אָרכים, דער פאָטער מיטן זון, געבליבן שטיין אָן ווערטער, ניט געוווּסט וואָס זיי זאָלן טאָן. דער זון האָט, ווי עס ווײַזט אויס, שטארק כיישעק געהאט דערלאנגען דעם דאָזיקן ייִדן צוריק נאָך א שענערן באָרעך־האבאָ, ווי ער, אווראָם־לייבוש, קען. האָט אים אָבער דער פאָטער מיט א צי פארן ארבל אָפּגעהאלטן, אזוי אז דער גײַציקער און זשוואַווער אווראָם־לייבוש האָט זיך אויסגעדרייט אף א זײַט און געגעבן א שטארקן שנײַץ אויס די נאָז מיט איין פינגער, ווי זײַן שטייגער איז, און דער פאָטער, רעב מוישע ראבינאָוויטש, האָט זיך אָנגע־רופן צום באלעבאָס בעניטמעסדיק מיט א ביטערן שמייכל:

— זאָלט איר געזונט זײַן! פארוואָס זאָלט איר אונדז בעסער ניט פרעגן מא שמייכעם און וויסן, ווער מיר זײַנען און וואָס מיר טוען דאָ, וואָלט איר פארשפּאָרן זיך אָפּעסן דאָס הארץ אומזיסט־אומנישט.

— זייער גערעכט, — מישט זיך ארײַן סאָרע, וואָס איז געשטאנען די גאנצע צײַט מיט א טעלער צעהאקטן הערינג און אָנגעבראָקטע ציבלקעס מיט עסיק און מיט געווירצן פארפראוועט. דער געשמאקער רייעך פונעם הערינג און דער שארפער אראָמאט פון די געווירצן האָבן זיך מיט סאקאָנעס־נעפאָשעס צעטראָגן איבער דער גאנצער שטוב און פארגאנווועט זיך אין נאָז ארײַן צו די אָרכים און אזוי שטארק געקיצלט זיי דעם אפּעטיט, אז אווראָם־לייבוש האָט אזש א הויכן שלונג געגעבן — דער ייִד איז דאָך, כ'לעבן, גערעכט, זייער, זייער גערעכט! ווער געוווּיר פריִער ווער, וואָס און ווען, דערנאָך וועסטו ארויסווײַזן דעם קויהען...

אן אנדער צײַט וואָלט זיך סאָרע ניט געגנארט פון איר מאן, דעם עמעסן שאפּיראָ, פאר ארײַנ־מישן זיך אינעם מאנס רייד. איצט אָבער האָט ער זיך געפילט בעעמעס א ביסל שולדיק, וואָס ער האָט זיך געכאפּט זידלען פרעמדע מענטשן ניט צו וויסן אפילע זייער נאָמען. און ער האָט זיך אָנ־גערופן צו זיי מיט א טאָן נידעריקער:

— ווער זענט איר דען, וואָס איר פרעגט זיך אזוי נאָך אפן דאנטיסט ראבינאָוויטש, און פונ־וואנען קומט איר?

דער אלטער האָט א ביסל אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אויך שטיל א זאָג געגעבן:

— דער דאנטיסט ראבינאָוויטש — דאָס איז טאקע מײַנער א זון, איך בין זײַנער א טאטע, און אָט דער דאָזיקער — דאָס איז אויך מײַנער א זון — אן עלטערער, און געהער זיך אָן, הייסט עס, אײַער קווארטיראנט א ברודער, אן עלטערער ברודער, הייסט עס.

איצט זײַנען שוין די שאַפּיראָס געבליבן אַן לאַשן. פון זינט דער קוואַרטיראַנט איז בא זיי געווען, האָבן זיי נאָך פון אים קיינמאָל ניט געהערט, ער זאָל דערמאָנען אפילו, אז ער האָט ערגעץ א פאָטער אָדער א ברודער. זיי ווייסן נאָר פון א מומע א רײַכע, א מיליאָנערשע, אָן קינדער, און פון א שוועסטער, וואָס מע רופט זי „ווערא", ווײַטער ווייסן זיי ניט פון קיין שום נאָענטע אָדער ווײַטע קרויווים — און פלוצעם גאָר וואַקסט אויס א פאָטער און א ברודער; פאַר גרויס אימפּעט האָט סאָרע גאָרניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיטן צעהאַקטן הערינג, צי זי זאָל אים אוועקשטעלן אפן טיש, צי זי זאָל אים אָפּטראָגן צוריק, פונוואַנען ער איז געקומען, און דאָוויד האָט פארגעסן, אז ער איז א פאַרקויפטער מענטש און רופט זיך אָן צום פאָטער פונעם קוואַרטיראַנט און די אויגן בא אים פינטלען:

— זײַט זשע מויכל, וואָס זשע האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן? יאָ. איז אײַער זון, זאָגט איר, אָט דער ראַבינאָוויטש, הייסט עס, אײַערער א דאַנטיסט, מיין איך, א זון אײַערער? און מיר האָבן גאָרניט געוווּסט, אפילו ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אז אײַער זון, דער דאַנטיסט הייסט עס, האָט א טאַטן...

— זאָלט איר געזונט זײַן, — מאַכט צו אים דער אלטער מיט זײַן ביטערן שמייכל, — יעדער זון האָט א טאַטן...

— נו, יאָ, פארשטייט זיך, — דאָוויד שאַפּיראָ פילט, אז ער ווערט רויט. — אוואדע אזוי, ווי דען? ניט דאָס האָב איך געמיינט. איך האָב געמיינט, פארשטייט איר מיך...

— שאַט, וואָס טויגן לאַנגע שמועסן! — מישט זיך אַרײַן ווידעראַמאָל סאָרע, וואָס האָט זיך קוים געכאַפּט אוועקשטעלן דעם הערינג אף זײַן געהעריקן אָרט, אפן טיש. — איר זאָגט בעסער, מײַן ליבער ייִד, וויאַזוי רופט מען אײַך באַם נאָמען?

— מיך וויאַזוי מע רופט באַם נאָמען? — זאָגט דער אלטער און קוקט אפן זון. — מײַן נאָמען איז מוישע... מוישע ראַבינאָוויטש, הייסט עס.

— רעב מוישע ראַבינאָוויטש, — פאַריכט אים דער זון און שנײַצט אויס די נאָז מיט איין פינגער.

— נו, יאָ! — רופט זיך אָן סאָרע צום מאַן. — איצט איז שוין רעכט: ער האָט דאָך טאַקע געהייסן גריגאָרי מאָיסייעוויטש...

דער אלטער לאָזט ווידער אַראָפּ די אויגן און רעדט שטיל:

— וויאַזוי זאָגט איר — גריגאָרי מאָיסייעוויטש? אינדערהיים רופט מען אים הערשל, און דאָ הייסט ער שוין, דער ימאַכשמויניק, גריגאָרי... איך הייס, אינדערהיים הייס איך, מוישע, אין פּאַס שטיי איך פארשריבן „מאָוושאַ", און דאָ בין איך שוין א מאָיסייעוויטש... הײַנטיקע קינדער ימאַכ־שמוי...

סאָרען איז איר קוואַרטיראַנטס פאָטער געפעלן געוואָרן, דער פאָטער מער פונעם זון. זי האָט זיך א וואָרף געגעבן, צוגערוקט אים א שטול, און דעם זון שוין אויך א שטול, און געבעטן זיצן. אף איר קוקנדיק, האָט שוין דאָוויד אויך א קער געגעבן זיך צו די אָרכים, גלײַך ווי ער האָט זיי שוין דרײַ מאָל געבעטן זיצן און זיי ווילן ניט.

— זיצט, פארוואָס זיצט איר ניט?..

און ביידע אָרכים האָבן זיך אוועקגעזעצט, גענומען אויספרעגן זיך קודעם אף זייער הערשלען, וויאַזוי איז דאָס געשען, פונוואַנען האָט זיך גענומען אזא גאָטס שטראָף אף זיי, אין איינוועגס דער־ציילט, וואָס זיי זײַנען אויסגעשטאַנען, וויאַזוי זיי האָבן א צײַט קיין בריוו ניט געהאַט, געמיינט, זיי וועלן מעשוגע ווערן, און דערנאָך, וויאַזוי מע האָט זיי גענומען, אײַנגעזעצט אין כאַד־גאַדיאָ אַרײַן, אויסגעפרעגט און אויסגעטרייסלט זיי, אָפּגעהאַלטן צוויי טעג, און ערשט דערנאָך, אז מע האָט זיי אַרויסגעלאָזט, זײַנען זיי פון די צײַטונגען געוווּיר געוואָרן פונעם אומגליק, אז דער דאַנ־טיסט, וואָס מע האָט אים אײַנגעזעצט, דאָס איז טאַקע ניט קיין אַנדערער, נאָר זייער הערשל! זײַנען זיי געקומען אָט דאָ אהערצו צו פאָרן ראַטעווען זייער הערשלען — א גרויסע שטאָט, רײַכע ייִדן, מיליאָנערן, ווי וועלן זיי דאָס שווײַגן, לאָזן א ייִדן זיצן אומזיסט־אומנישט איבער אזא נאַרישקײַט, א בילבל? האיטאָכן?

— היאמן כי יספּר? — לייגט צו אַוראָם־לייבוש אף העברעיִש. הײַנטיקע צײַטן פון פּראָגרעס און ציוויליזאַציע זאָל זיך טרעפן אזא רעציכע!..

— און איך זאָג אײַך, הערט איר, ס׳איז בלאָטע! — אָט האָט מען מיר אליין, ווי איר זעט מיך, איך אײַנגעזעצט און אויך גענומען צום צימבל — און בלאָטע, בלאָטע שעבעבלאָטע! נאָר א גע־לעכטער!.. — דאָוויד שאַפּיראָ האָט דערוויַיל א געלעגנהײַט צו דערציילן פון זיך, וויאַזוי ער האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע צײַט פונעם אָנהייב, פונעם ערשטן ארעסט אָן, ביז הײַנטיקן טאָג. ער האָט ניט פארגעסן איבערצוגעבן אלע געשיכטעס מיט די אָביסקן, מיט די ארעסטן, און דערנאָך וויפל מאָל מע האָט אים, דאָווידן, שוין געשלעפּט צום סלעדאָוואַטעל, און וואָס מע האָט אים געפרעגט,

און וואָס ער האָט זיי דאָרט אַלעמען אױפֿגעגעבן — וואָס האָט ער מוירע? „אַז מע עסט ניט קיין קנאָבל, שמעקט ניט פֿון מויל...” און אויסגעלאָזט האָט ער ווי אַלעמאָל, „אַז דער גאַנצער אייסעק איז ניט ווערט, איר זאָלט זאָגן, אָט־אָ דאָס־אָ (אַ וויַיז אַפֿן שפּיץ פֿינגער). מע וועט אים נאָר אָפּ־האַלטן אַ ביסל און מע וועט אים אַרויסלאָזן בעשעם עלאָהיי יִיסראָעל אױף אַלע פֿיר זיַיטן”.

— אָמיין האַלעוויַי! — שטעלט אַריַין סאָרע אויך אַ וואָרט. — פֿון דיַין מויל אין גאָטס אויערן! דערוויַיל נעבעך זיצט ער, אַן איידל קינד, אױף ייַד געצויגן, מע לאָזט ניט צו צו אים קיין לעבעדיקן מענטשן... ניט קיין עסן צו טראָגן, ניט קיין בריוול שריַיבן, ניט קיין פּאַפּיראָס אױף רייכערן — טאָמער ווייסט איר פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס? באַשערט געווען, נעבעך, אַ מענטשן אָפּקומען דעם גהענעם אױף דער־וועלט...

סאָרעווישט אויס אַ טרער, און דער פֿאָטער, נעבעך, וויינט אױף איין זיַיט, און דער זון אױף דער אַנדערער זיַיט. זיי ווישן זיך די אויגן און פֿרעגן זיך אויס נאָכאַמאָל, ווי־אַזוי איז דאָס געשען? פֿונוואַנען האָט זיך עס גענומען? ביידע שאַפּיראָס, איינס איבער דאָס אַנדערע, גיבן איבער אָפּדער־גיך, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, די גאַנצע געשיכטע מיט זייער שאַכנס שטיפֿזונדל, וואָס איז אַ כוואַער געווען מיט זייער סיאָמקען, לעהאַוודל, אַ קינד אַ גאָלד, ער איז איצט אין גימנאַזיע, אָט באַלד דאַרף ער קומען עסן; און פֿון דעם, ווי־אַזוי זייער ראַבינאָוויטש, וואָס האָט געלערנט מיט זייער סיאָמ־קען, האָט געלערנט אויך מיט זייער שאַכנס שטיפֿזונדל, לעהאַוודל, ניט צוליב געלט, כאָלילע, — צו וואָס דאַרף ער געלט? — נאָר צוליב זייער סיאָמקען און צוליב זייער בעטי — דאָס איז זייער טאָכטער, בעטי רופֿט מען זי, ווײַנט איצטער אױף אַ דאַטשע — אין אַווירע, וואָס זיי קאָנען זי ניט זען, ס'איז שוין איין מאָל אַ בעטי!..

— זאָלט איר געזונט! זיַין! — רייַסט איבער דער עלטערער אוירעך. — איר זאָגט, אַז מיַין זון דאַרף ניט קיין געלט און לערנט נאָר לעשעם מיצווע, און ווו זיַינען יענע צוויי רייַכע הייַזער, וואָס ער האָט דאָרטן געהאַט די בעסטע אוראָקן!

— וואָסערע הייַזער? וואָסערע אוראָקן? — זאָגט דאָוויד שאַפּיראָ און קערט זיך אום צוריק צו זיַינע מייַסעס.

און די אָרכים קוקן זיך איבער און שטיינען: „וואָס טוט זיך עס מיט זיי? פֿאָרנדיק אין וואַגאָן, האָבן זיי געהערט ווילדע רייד וועגן זייער הערשלען, אַז ער ווייסט ניט קיין ציילעם פֿאַר קיין אַלעף... איצט אָט דאָ הערן זיי, אַז ער האָט דאָ ניט געהאַט קיין שום רייַכע אוראָקן אין דער דאָזיקער שטאָט — טאַקע נאָר מעשוגע צו ווערן!..” און דער באַלעבאָס, שאַפּיראָ, וויבאַלד ער איז אַריַין אין זיַין ראָל און האַלט אין דערציילן, איז אים שוין ניט אַזוי גרינג אָפּצוריַיסן.

— טאָמער וואָלט געווען גענוג! — רייַסט איבער דאָוויד שאַפּיראָ זיך אַליין. — איך דאַרף גיין אין געשעפֿט אַריַין, איך בין, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ פֿאַרקויפֿטער מענטש, אַ סלוזשעשטשע, — מאַכט ער צו די געסט, און צום וויַיב טוט ער אַ זאָג: — טאָמער וואָלסטו, סאָרע, געבעטן די געסט צום טיש, די אָרכים קערן אַוודע זיַין הונגעריק, אַ טאַנץ, זאָגט מען, גייט ניט פֿאַרן עסן און די נעשאָמע אויסשפּיַיען קאָן מען אויך ניט, וואָס? ניט אַזוי?

— אַוודע אַזוי. קאַלזמאַן אַ מענטש לעבט. נאָר וואָס דען? באַ אייַך איז דאָך ניט קיין אַכסאַ־ניע, זאָלט איר געזונט זיַין! — זאָגט דער פֿאָטער און קוקט אַפֿן זון, צי זאָל ער אָנעמען די אייַנ־לאַדונג, אָדער ניין.

— מיר זיַינען דאָך געקומען אַהערצו עפּעס מיקויעך אַן אייסעק, — מאַכט דער זון ניט צו רירן פֿון אָרט, — אַ סימען, אַז ער איז מאַסקים, מע זאָל בלייַבן אױף וואַרמעס.

— איר האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן, — טוט זיך סאָרע אַ דריי אויס און שטעלט נאָך טעלער, — איר וועט אונדז, כאָלילע, ניט קאַליע מאַכן גאָרנישט, אַ הערינג איז גרייט, וואַרמעס קאָכט זיך, ווו צוויי עסן, דאָרט קאָנען פֿיר... גיי, דאָוויד, וואַש זיך און רוף די געסט אויך.

— זיַיט זשע מויכל, — מאַכט צו זיי דאָוויד, באַוויַיזט אױף דער קוואָרט און וואַשט זיך אוף צופֿריַער, ווי דער מינהעג איז פֿון אַ באַלעבאָס אַ מאַכניס אוירעך, — זיַיט זשע מויכל, אָן אַ שום דאָס...

— זאָלט איר געזונט זיַין! — ברעקלט זיך נאָך דער פֿאָטער, שטייט אוף און קוקט נאָך אַלץ אַפֿן זון. — מיר קענען דאָך אַפֿילע נאָך גאָרניט איינס דאָס אַנדערע ווי עס געהער צו זיַין. מיר ווייסן דאָך אַפֿילע ניט, ווער איר זענט און ווי־אַזוי מע רופֿט אייַך?

— בלאָטע! — זאָגט דער באַלעבאָס און כאַפּט אָפּ דעם „שאַ־יאַדייכעם” אָפּדערגיך, ווי זיַין שטייגער איז, ווינקט צום וויַיב, זי זאָל זיך ניט באַניצן מיט זיַין ניט קאָנען רעדן און, כאָלילע, ניט אויסכאַפּן באַ אים פֿונעם מויל, וואָס ער וויל זאָגן, און מאַכט אַ האַמויִצע אָפּדערגיך און איז צו־פֿרידן, וואָס ער קאָן שוין רעדן. — בלאָטע! איצט קענען מיר אייַך שוין ווער איר זענט זייער גוט. אייַער זון איז באַ אונדז ניט נאָר אַ קוואַרטיראַנט געווען, ער איז אונדזערער אַ פֿריַינט, נאָך נעענטער פֿון אַ פֿריַינט, מע קאָן זאָגן אַ יעדיד נעמען, וואָס איז אונדז אַלעמען אייַנגעבאַקן אין האַרצן,

שײַעך צו זאָגן, אָהאָוואָס נעפּעש!.. און װער מיר זײַנען — װעט איר אויך באַלד װיסן, איך װעל אײַך נאָר זאָגן איין װאָרט: „סלאָװיטע". האָט איר געהערט אַמאָל סלאָװיטע? — און דאָװיד פֿאַרקוקט די אָרכים אין די אויגן אַרײַן.

— זאָלט איר געזונט זײַן! — זאָגט דער פֿאָטער אַ געװאַשענער, קײַענדיק די האַמױצע מיט זאַלץ, — װעלכער ייִד װייסט דאָס ניט סלאָװוטע?.. — און דער זון, װאָס װישט נאָך די הענט און טאָר נאָך ניט רעדן, מאַכט נאָר מיטן װוּנק:

— פּס־נו... הם... אָ... נו... נידפּאָס בעסלאָװיטאַ!

און איידער אַװראָם־לײבוש זעצט זיך אַװעק צום טיש, טוט ער נאָכאַמאָל אַ שנײַץ אויס די נאָז מיט איין פֿינגער, און דער באַלעבאָס מיט די אָרכים נעמען זיך גלײַך צום געהאַקטן הערינג, װאָס איז מיט ציבעלקעס פֿאַרבראָקט און מיט געװירצן פֿאַרפּראַװעט, און דער רײעך צעגייט זיך איבערן גאַנצן שטוב — מעכײַע נעפּאָשעס.

<u>דאָס אַכט־און־אַכציקסטע קאַפּיטל</u>

װוּנדער איבער װוּנדער!

די אָרכים האָבן ניט פֿאַרגעסן, אַז דער באַלעבאָס האָט זיי אָנגעהויבן דערצײלן פֿון זײַן ייִכעס, װער ער איז און פֿונװאַנען ער שטאַמט. און כאָטש זייער האַרץ איז איצטער געװען ניט צו האָרכן פֿרעמדע מײַסעס, זייער נעשאָמע איז געװען גאָר װייס איך װוּ, ערגעץ בא זייער אומגליקלעכן הערשלען, דאָך איז ניט קיין דערעכערעץ, אַז מע זיצט בא אַ פֿרעמדן טיש און אַ באַלעבאָס רעדט, באַדאַרף מען אים אויסהערן ביזן סאָף.

— זענט איר אַליין טאַקע אַ סלאָװיטער פֿון סלאָװוטע, הייסט עס? — אַזוי מאַכט צו אים רעב מױשע ראַבינאָװיטש, און ביידע, דער פֿאָטער מיטן זון, קוקן אָף שאַפּיראָן, גלײַך װי דאָס האָט אַ װאַזשנע שײַכעס מיט זייער אייסעק, װאָס זיי זײַנען צוליב אים אַהער געקומען.

דאָװיד שאַפּיראָ צעלאַכט זיך, װי אַ מענטש, װאָס האַלט ערשט באַם אויפֿדעקן, װער ער איז און בא איבערדרעשן דערמיט די װעלט, נאָר ער װייסט ניט, פֿון װאָסער זײַט ער זאָל אָנהייבן.

— האָט איר געהערט אַמאָל דעם נאָמען שאַפּיראָ? איך מיין, אַז איר האָט געהערט... — און ער שלינגט אַראָפּ דעם ביסן װאָס גיכער, טרייסלט אָפּ די ברעקלעך פֿון דער באָרד און שיסט אויס בעסער מיטאַמאָל, װי איינער רעדט: „צו װאָס מוטשען מענטשן?"

— בעקיצער — איך בין פֿון די עמעסע, פֿון די סלאָװיטער שאַפּיראָס, — און דאָװיד שאַפּיראָ שטעלט אַװעק די אויגן אָף די אָרכים, װאָס פֿאַר אַ רױשעם האָט אָף זיי געמאַכט דער נאָמען שאַפּיראָ?

דער דאָזיקער נאָמען װאָלט געמעגט מאַכן אָף די אָרכים אַ גרעסערן רױשעם װי עס האָט געמאַכט, און עס קאָן זייער מעגלעך זײַן, אַז עס װאָלט טאַקע געמאַכט דעם רױשעם, װאָס שאַפּיראָ האָט געװאָלט, װען עס זאָל זיך ניט געװען אַרײַנמישן אינמיטן סאָרע — אַ ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע! — און אַרײַנפּאָרן מיט איר װײַבערשער טשיקאַװעקײַט. סאָרע, װאָס האָט דערװײַל אויפֿגעגעבן דאָס עסן צום טיש, האָט געװאָלט װיסן נאָר איין זאַך: װאָס איז די מײַסע, װאָס די גאַנצע צײַט, זינט עס האָט זיך געטראָפֿן דער אומגליק, הערט מען ניט פֿון דער מומע און מע זעט ניט פֿון איר, אַז ס'זאָל זי אָנהייבן אַרן, װאָס דער פּלימעניק זיצט און װעט נאָך, כאָלילע, זיצן און זיצן?..

— איך פֿאַרשטיי גאָרניט, — לאָזט זי אויס, — װאָס איז דאָס פֿאַר אַ מין מומע אָף דער װעלט? האָט קיין פֿאַריבל ניט, װאָס איך רעד אַזוי אָפֿן, — זי באַדאַרף זײַן ניט פֿון פֿלייש און בלוט, נאָר פֿון שטיין אָדער פֿון אײַזן...

אין דער גאַנצער צײַט, װאָס סאָרע רעדט, קוקט דער פֿאָטער אָפֿן זון און דער זון אָפֿן פֿאָטער. און אַז יענע האָט געענדיקט, מאַכט צו איר רעב מױשע ראַבינאָװיטש און הערט אויף קײַען:

— זאָלט איר געזונט זײַן! פֿון װעלכער מומע רעדט איר דאָס?

— װאָס הײסט פֿון װעלכער מומע? — זאָגט סאָרע. — פֿון װעלכער מומע זאָל איך רעדן? פֿאַרשטײט זיך, פֿון דער רײַכער מומע די מיליאָנערשע די אַלמאָנע...

— װעלכע רײַכע מומע? װאָס פֿאַר אַ מיליאָנערשע? װאָסער אַלמאָנע? — זאָגט דער פֿאָטער און קוקט אױף זון, און דער זון העלפֿט אים אונטער:

— װאָסערע לאָקשן? װאָסערע פֿלױמען? — און ער בײגט זיך אָן און שנײַצט אױס די נאָז מיט אײן פֿינגער.

אָט דאָס האָט דאָפּקע יאָ געמאַכט אַ רױשעם. אַזאַ רױשעם, אַז דאָװיד שאַפּיראָ האָט אַזש פֿאַרגעסן אין זײַן ייִכעס און אַ קוק געגעבן אױף װײַב.

— װאָס הײסט? — זאָגט סאָרע נאָכאַמאָל צו די געסט שױן מיט אַ טאָן העכער. — װאָס הײסט? אײַער ראַבינאָװיטש האָט ניט קײן מומע אַ מיליאָנערשע אָן קינדער, װאָס ער איז בײַ איר דער אײנציקער ייִרעש איבער הונדערט און צװאַנציק יאָר?

דער פֿאָטער מיטן זון האָבן אַזש אױפֿגעלײגט די גאָפּלען.

— עס הײבט זיך גאָרניט אָן! — זאָגט דער פֿאָטער, און דער זון לײגט צו:

— לױ האָיאָ װעלױ ניװראָ, ניט געשטױגן, ניט געפֿלױגן!

— און גאָרניט געהאַט אױך? — פֿרעגט סאָרע און שעמט זיך צו קוקן דעם מאַן אין די אױגן אַרײַן.

— זאָלט איר געזונט זײַן! װאָס הײסט ניט געהאַט? ער האָט הײַנט אױך אַ מומע, צװײ מומעס, דרײַ מומעס, אַ סך מומעס, נאָר אַלע קאַפּצנטעס, עװיענטעס, און ניט אײנע אַ מיליאָנערשע.

— װער האָט דאָס אײַך אױסגעטראַכט אַזאַ פּיזמען, אַ נעכטיקער טאָג, אױף הימל אַ יאַריד? — לײגט צו דער זון.

— ער אַלײן, טאַקע אײַער ברודער, — מאַכט צו אים סאָרע, שטאַרק צעקאָכט פֿון דער מײַסע.

— אָט אַזױ טאַקע מיט דעם לאָשן „אַ מומע אַ מיליאָנערשע" האָט ער אײַך געזאָגט? — פֿרעגט איבער בײַ איר נאָכאַמאָל אַװראָם-לײבוש. דאָ װערט שױן סאָרע אױף אים רעכט בײז:

— װאָס פֿרעגט איר בײַ מיר איבער װי אַ סלעדאָװאַטעל, װיאַזױ, מיט װאָסער אַ לאָשן ער האָט מיר געזאָגט? איר װײסט אַלײן גאַנץ גוט, אַז ניט מיט דעם לאָשן װי איר רעדט, װאָרעם אײַער ברודער רעדט דאָך ניט אונדזער לאָשן...

— אױף װאָס פֿאַר אַ דען לאָשן רעדט מײַן ברודער? — מאַכט צו איר אַװראָם-לײבוש און קוקט אױפֿן פֿאָטער.

— װאָס באַדאַרף מען זיך דאָ שעמען? — מישט זיך אַרײַן דער באַלעבאָס. — ס'איז הײַנט דאָ, באָרעכהאַשעם, גענוג אַזעלכע יונגע לײַט בײַ אונדז. נישקאָשע, אײַער זון איז ניט דער אײנציקער, װאָס פֿאַרשטײט ניט אַ װאָרט ייִדיש.

— מײַן הערשל, זאָגט איר, פֿאַרשטײט ניט אַ װאָרט ייִדיש? — מאַכט דער פֿאָטער און לאָזט ניט אַראָפּ קײן אױג פֿונעם זון.

— װער האָט דאָס אײַך געזאָגט אַזאַ שאַרפֿן ליגן? — לײגט צו אַװראָם-לײבוש.

— אַזאַ שאַרפֿן ליגן? טאַקע ער אַלײן, אײַער ברודער האָט דאָס אונדז געזאָגט, הײַנט װײסט איר שױן? — ענטפֿערט אָפּ סאָרע פֿאַר איר מאַן מיט כּאַס און איז גרײט צערײַסן אָט דעם „יונגערמאַן פֿון דער ציג", װעלכן זי האָט פֿײַנט געקריגן פֿון דער ערשטער מינוט אָן. — צי עפּשער מײנט איר, אַז מע טראַכט אײַך אױס? זאָלט איר װיסן, אַז מיר זײַנען ניט קײן ליגנערס. מע קען אונדז!

דערױף האָט איר אַװראָם-לײבוש גאָרניט געענטפֿערט און נאָר אױסגעשנײַצט די נאָז מיט אײן פֿינגער. געענטפֿערט האָט איר דער אַלטער ראַבינאָװיטש.

— זאָלט איר געזונט זײַן! — האָט ער איר געזאָגט און אַ נעם געגעבן זיך צו דער בוזעםקעשענע און אַרױסגעצױגן פֿון דאָרטן אַ גראָבן טײַסטער. — אַ באָכער, װאָס פֿאַרשטײט ניט אַ װאָרט ייִדיש, שרײַבט ניט אַזעלכע בריװלעך אױף מאַמע-לאָשן... אָן אַװײרע, װאָס איך קאָן אײַך ניט װײַזן װי ער שרײַבט לאָשן-קױדעש. געװען בײַ אונדז אַ טרײסלעניש, אָן „אַביסקע", האָט מען מיר אױסגעלײדיקט דעם דאָזיקן טײַסטער, צוגענומען בײַ מיר זײַנע בעסטע לאָשן-קױדעשדיקע קסאָװים, אַלע מעליצע-בריװ...

דאָװיד און סאָרע האָבן געגאַפֿט, ניט געגלײבט זײערע אױערן: װאָס איז דאָס? אַ כאָלעם? אַ קישעף?.. נאָר ס'איז ניט קײן דערעכערעץ: אָרכים — מע באַדאַרף זײ בעטן עסן.

— פֿאַרװאָס עסט איר ניט? — מאַכט צו זײ דער באַלעבאָס מיט אַ זױערער מינע, און די באַלעבאָסטע גיט צו:

— עסט, עסט. דאָס מיט דעם געהער זיך גאָרניט אָן.

— זאָלט איר מיר געזונט זײַן! — מאַכט דער אַלטער ראַבינאָװיטש, װאָס איז אַרײַן אין אַמביציע, װאָס מע איז כױשעד זײַן הערשלען, אַז ער פֿאַרשטײט ניט קײן ייִדיש. — אַ שײנע מײַסע,

נאַר א קורצע! ער וואָלט א באַלן געווען, אז שאַפּיראָ און שאַפּירעכע זאָלן זיך פאַרגינען האָרכן ווי זײַן הערשל זאָגט קאַדיש נאָך דער מאַמע. אָדער ווי זײַן הערשל קלינגט אָפּ א מאַפטיר, אז ער קומט אהיים אַף יאָמטעוו. אָדער ווי זײַן הערשל זאָגט די האַגאָדע פּייסעך באַם סיידער...

— די האַגאָדע פּייסעך באַם סיידער? — מאַכט דאָוויד שאַפּיראָ און ווערט שיר ניט דערוואָרגן מיטן ביסן. ער קוקט מיט איין אויג א לאַכנדיקס אַף סאָרען און פילט, אז דאָס עסן גייט אים ניט אײַן.

סאָרע — זי האָט זיך אפילע ניט צוגעהערט צום וואָרמעס. איר קריכט ניט אַרויס פון קאָפּ די מומע די מיליאַנערשע. קומט דאָך אויס, הייסט דאָס, אז דער קוואַרטיראַנט, פון וועלכן זי האָט געהאַלטן אוילעם אומלאָע, איז א פּראָסטער ליגנער?.. ריבוינעשעלוילעם! צו וואָס האָט ער איר באַדאַרפט אויסטראַכטן אַזא מאָדנעם ליגן!.. שאַ, אָט וועלן מיר באַלד וויסן אַקוראַט! — מאַכט זי צו זיך אַליין און ווענדט זיך צום פאָטער (דעם זון האָט זי פײַנט, וויל מיט אים ניט רעדן):

— האָט איר ניט געהאַט א שוואָגער, וואָס האָט געהייסן אַווראָם און זײַן טאַטע אויך אַווראָם? אבראַם אבראַמאָוויטש?

— זאָלט איר געזונט זײַן! — ענטפערט איר דער אַלטער. — ווי איז דאָס מעגלעך בא ייִדן, אז דער זון מיטן טאַטן זאָלן הייסן איין נאָמען?

— דאָס איז בא גוים, — גיט צו דער זון, — בא זיי איז מעגלעך, אז דער טאַטע זאָל הייסן איוואַן און דער זון אויך איוואַן.

— דאָס ווייסט מען אָן אײַך אויך, — זאָגט סאָרע און וויל גאָר אַף אים קיין קוק ניט טאָן. זי רעדט בעסער צום פאָטער: — זאָגט זשע מיר, וואָס איך וועל אײַך פרעגן נאָך א זאַך: וויפל קינדער האָט איר?

— וואָס גייט עס דיך אָן? — פאַלט אָן אַף איר דאָוויד א צעקאָכטער. — ביסט א סודעבנע סלעדאָוואַטעל, צי וואָס?

— לאָז דיך ניט אָרן, מיסטאָמע ווייס איך, וואָס איך פרעג! — האַקט אים אָפּ סאָרע, וואָס האָט זיך אײַדס איין זינען און ווענדט זיך ווידער צום עלטערן אײַרעך: — איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, אויב איר האָט א טאָכטער „ווערא"?

— איך? א טאָכטער ווערא? הם... איך האָב צוויי טעכטער, זאָלן געזונט זײַן, הייסן זיי ביידע מיט ייִדישע, ניט גאָיִשע נעמען... איינע הייסט שיפרע, איז זי דאַנקען גאָט א גרויסע עוויענטע, און די אַנדערע סאָרע־לייע, איז זי אויך ניט קיין קליינע קאַפּצנטע און איז נאָך, ניט פאַר אײַך גערעדט, ניט קיין געזונטע אויך, באַדאַרף א רעפּעראַציע, ווי מע דאַרף לעבן...

סאָרע בלײַבט שוין גאָר אָפּהענטיק: „קומט דאָך אויס, הייסט עס, אז ער איז ניט נאָר א ליגנער, נאָר טאַקע א שווינדלער אויך, וואָרעם ווײַבאַלד אז קיין שוועסטער „ווערא" האָט ער ניט, בלײַבט דאָך ווידער די קאַשע: ווער זשע איז געווען די „ווערא פ."?.. אָדער עפּשער האָט ער געהאַט אַמאָל א שוועסטער, נאָר זי איז געשטאָרבן?.. עס טליִעט נאָך בא איר א פונק פון האָפענונג און זי ווענדט זיך ווידעראַמאָל צום אַלטן:

— א סוואָרע, אז איר האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט קיין טאָכטער, וואָס האָט געהייסן „ווערא", אָדער דווירע, אָדער?..

— סאָרע! עס וועט אַמאָל האָבן אן עק, צי ווער־וואָס? — איז אַף איר אָנגעפאַלן דאָוויד מיט א געשריי. — האָסטו געזען א ביסל א ייִדענע האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ? א גרויסע נאָפקעמינע מיר, צי ווערא, צי דווירע, צי סאָסי, צי דוואָסי! גיב שוין בעסער אַהער מאַיִם אַכרוינים, וועלן מיר בענטשן מעזומען. דו ווייסט אַליין, אז איך בין א פאַרקויפטער מענטש, איך דאַרף גיין...

מיט א טיפן זיפץ שטייט אוף סאָרע פונעם טיש, דערלאַנגט אין א קעלישעקל א ביסל וואַסער אַף א טעלער און טראַכט זיך: „א שטיקל גליק כאַטש, וואָס בעטי איז דאָ נישטאָ..." און דאָוויד גיסט אָפּ די שפּיץ פינגער פונעם קעלישעקל און טוט א רוף צו דעם טעלער־צו די אָרכים:

— ראַבויסײַ, מיר וועלן בענטשן!

ביידע אָרכים צעשאָקלען זיך און כאַפּן אונטער.

— יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם.

— ברשות מרנן ורבנן ורבותי נברך שאכלנו משלו.

— ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו, — לאָזן אויס ביידע אָרכים שוין מיט א ניגן, און מיט דעם זעלבן ניגן נעמען אַלע דרײַ בענטשן, שאָקלען זיך, און יעדער פון זיי בענטשט אַף אן אַנדער אויפן: דער באַלעבאָס כאַפּט אַזוי גיך, אז מיט דרײַ לאָקאָמאָטיוון איז אים ניט צו דעריאָגן. ראַבינאָוויטש דער פאָטער, פאַרקערט, זאָגט פּאַוואָליע איטלעכס וואָרט באַזונדער, ווי מע ציילט אַרבעס אָדער ווי מע ניזשעט פּערל. און זײַן זון, אַווראָם־לייבוש, — דער מורקעט עפּעס אונטער דער נאָז אַף א בײַקעלכל, מע ווייסט ניט וואָס, צי ער בענטשט, צי ער זינגט זיך גלאַט א ניגנדל. נאָר אַלע דרײַ קוקן איינס אַף דאָס אַנדערע, קאַלופּען זיך בײַסמײַסע די ציין און יעדער האָט זיך אַף יעדן זײַנע מאַכשאָוועס.

שאָווע־קעסעף

דער, וואָס וועט מיינען, אַז רעב מױשע ראַבינאָוויטש איז געקומען צו פאָרן אין דער גרויסער שטאָט ראַטעווען זײַן זון מיט לײדיקע הענט, דער וועט האָבן אַ גרויסן טאָעס. עמעס, קיין גרויסע קאַפּיטאַלן האָט ער מיט זיך ניט מיטגעבראַכט. ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט כאָטש געקריגן אויף הויצאָעס. אַ ביסל גוטע־פרײַנט און אַ ביסל האָט ער זיך אַליין אָן אײַצע געגעבן: פאַרזעצט זײַן אייגענעם זייגער און דעם זייגער פון זײַן עלטערן זון (אַ גאָלדענער זייגער, אַ „רעמאָנטירער" מיט צוויי קאָפּערטעס 56 פּראָבע). אַווראָם־לייבוש האָט זיך אפילע זייער געהאַט געבערעקלט, קיין באַזונדער כיישעק ניט געהאַט זיך צעשיידן מיט דער מאַטאָנע, וואָס ער האָט באַקומען פון זײַן קאַלע כאָסנוויײַז. נאָר דערזען, וואָס פאַר אַן אָנטייל די גאַנצע שטאָט נעמט אין זייער אומגליק — פּידיען שווויִם, אַ קלייניקייט? — האָט ער אַליין אויסגעטאָן פון זיך דעם זייגער מיטן קייטל (דאָס קייטל שוין ניט פון ריין גאָלד, נאָר פון זילבער, שטאַרק פאַרגאָלדעט).

דערפאַר האָבן זיי אָבער מיטגעבראַכט מיט זיך שאָווע־קעסעף, וואָס ניט יעדערער וואָלט עס געקאָנט אויספירן, סײַדן אַזאַ אָנגעזעענער באַלעבאָס און אַזאַ כאָשעווער ייִד ווי בא רעב מױשע ראַבינאָוויטש, וואָס איז ניטאָ איינער אין שטאָט זאָל זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף אים, דאָס איז געווען זייער אַ וואַרעמער בריוו, וואָס דער ראָוו פון שטעטל האָט אָנגעשריבן צום ראָוו פון דער גרויסער שטאָט אין זייער אַ שיינער מעליצע־שפּראַך, מיט אַ זעלטענער האַנטשריפט און דערצו אין אַ ריין לאָשן־קוידעש, וואָס איז גאָר שווער צו גלייבן, אַז אַ ראָוו פון אַ קליין שטעטל זאָל אַזוי קאָנען שרײַבן.

צום אַלעם ערשטן שיקט ער אים הונדערט בראָכעס מיט טויזנט ווינטשעוואַניעס אויף זײַן קאָפּ און אויף די קעפּ פון קאָל־ייִסראָעל, סײַ די, וואָס אין דער דאָזיקער שטאָט, סײַ די, וואָס אין אַלע שטעט אויף דער גאַנצער וועלט, ווו נאָר די קינדער פון ייִסראָעל טוען רוען דאָרטן.

דערנאָך גיסט ער אויס אַ ביסל היסגאַצלעס, וואָס אַזאַ קליין ווערעמל, ווי ער, האָט אַ האָזע צוצוטרעטן צו אַזאַ וויזלטיר, צו איינעם פון די הויכע בערג, פון די וואָלקן־זײַלן, וואָס דאָס גאַנצע הויז פון ייִסראָעל איז אָנגעשפּאַרט אויף זיי; נאָר ווײַל דאָ איז אַ זאַך, וואָס איז נעגייע דעם קלאַל ייִסראָעל, האָט דאָס אים געגעבן שטאַרקײַט און דרייסטקײַט און אַזוי ווײַטער... און ערשט דעמלט גייט ער אַריבער צום גוף הָאיניען און מאָלט אים אויס מיט אַלערליי פאַרבן די צאָרעס און רעדיפעס, וואָס ייִדן טראָגן איבער אויף זיך פון זינט זיי זײַנען געוואָרן אַ פאָלק, ביז צום הײַנטיקן טאָג. ניין, דאָס איז ניט געווען קיין בריוו, נאָר אַ יאַם מיט פײַערדיקער מעליצע, אַן עמעסער שעדעווער אויף דרײַ בויגנס פּאַפּיר, וואָס קאָן רירן אַ שטיין; און שענער פון אַלץ איז דער סאָף, מיט וועלכן ער לאָזט אויס גאָר קונציק: „קלאַפּט אין די טירן פון אונדזערע גרויסע און מעכטיקע! וועקט ראַכמאָנעס אין זייערע לײַבער! ייִסראָעל איז ניט קיין אַלמען אין רײַכע מענטשן מיט גוטע הערצער! באַפרײַט די געפאַנגענע, און צו די געבונדענע זאָגט: גייט אַרויס! און נעמט אַראָפּ די כאַרפּע פון אונדזער פאָלק און פאַרשטאָפּט לאָזן ווערן די מײַלער פון אונדזערע סאָנים און אָנרייצער — אָמיין".

האַקלאַל — דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ בריוו. נאָר איידער עפּעס־וואָס, איידער אונדזערע ראַבינאָוויטשעס האָבן זיך גענומען צו זייער אַרבעט, איידער זיי האָבן זיך געזען מיט וועמען־ס'ניט־איז אין דער דאָזיקער טומלדיקער שטאָט, האָבן זיי אַ טראַכט געגעבן מיקויעך אַ קוואַרטיר און טאַקע באַלד זיך אָוועקגעלאָזט אײַנײַנעם מיט דאָוויד שאַפּיראָן זוכן אַ סטאַנציע — דאָס איז דאָס ערשטע. ס'איז זיי אָבער ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען, ווי זיי האָבן געמיינט. אין די אַלע סטאַנציעס, וואָס דאָוויד שאַפּיראָ האָט זיי אָנגעוויזן, האָט מען בא זיי געפּאָדערט דאָקומענטן נאָך איידער זיי האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל. און זיי האָבן, ווי אַפּצולאָכעס, ניט געהאַט קיין שום דאָקומענטן. ניט נאָר דאָס, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון ייִדנס וועגן און ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", נאָר אפילע אַ געוויינלעכן פּאַס, „שוואַרץ אויף ווײַס", דאָס, וואָס יעדער לעבעדיקער מענטש באַדאַרף האָבן מיט זיך, אַז ער פאָרט אַרויס פון דער היים, האָבן זיי אויך פאַר גרויס אימפּעט גאָר פאַרגעסן מיטנעמען. שלעכט, וואָס טוט מען? עס איז זיי אויסגעקומען אָדער נעכטיקן אין דרויסן אונטער גאָטס הימל, אָדער פאַרקערעווען די האָלאָבליעס און אַוועקפאָרן מיטן בײַטשל צוריק אַהיים!

צווישן ייִדן אָבער ווערט מען ניט פאַרפאַלן. עס האָט זיך געפונען אַ גוטער מענטש, און דאַפקע אַ ייִד אַן אָרעמאַן (אָרעמעלײַט האָבן אין זיך אומעטום מער יושער), וואָס האָט זיי פאַרגעלייגט זײַן שטוב, מיט זײַן בעט, מיט זײַן טיש, מיט זײַן אַלצדינג און דאַפקע אומזיסט, איר זאָלט זאָגן אַ גראָשן געלט. ס׳איז בא אים ניט קיין אַכסאַניע, האָט ער געזאָגט, ער לעבט ניט, כאָלילע, פון דעם, זײַן געשעפט איז, זאָגט ער, גאָר אַן אַנדער געשעפט, רעב דאָוויד שאַפּיראָ קען אים, ער דרייט זיך אַרום דער בירזשע, דרייט ער זיך, אַמאָל איז אַזוי, און אַמאָל איז אַזוי, מע קומט דורך...

דאָס איז געווען אונדזער אַלטער באַקאַנטער, מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אים אויף דער בירזשע אין קאָפּע; זײַן נאָמען איז קאַץ און רופן רופט מען אים „קעצעלע", ווײַל ער איז אַ קלייניטשקער, מיט קורצינקע פיסעלעך.

געפּאַקט האָט קעצעלע די אָרכים, בייס זיי זײַנען געשטאַנען מיט שאַפּיראָן אין גאַס און געטײַנעט. דאָוויד שאַפּיראָ, וואָס האָט זיך אַליין מאַטריִעך געווען און איז געגאַנגען מיט זיי זוכן אַ סטאַנציע, כאָטש ער איז אַ פאַרקויפטער מענטש, האָט ניט געזשאַלעוועט נאָך עטלעכע מינוט צײַט און איז געשטאַנען מיט די אָרכים אינמיטן גאַס און האָט ניט אויפגעהערט צו זאָגן מוסער, אַז ער פאַרשטייט ניט, אַז ער הייבט עס ניט אָן צו פאַרשטיין, כאָטש נעמט אים אַראָפּ דעם קאָפּ, וויִאַזוי זעצן זיך דאָס אויף מענטשן באַיאָרטע, ייִדן מיט בערד, און פאָרן אַרויס אָן אַ שטיקל פּאַפּיר, אָן אָן אײַנגעטונקטער פּען, און נאָך וווּהין? אין אַזאַ שטאָט אַרײַן, וווּ אַ ייִד איז סאַקאָנעס־נעפאָשעס!..

ביידע ראַבינאָוויטשעס האָבן אַפילע אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז פון זייער זײַט איז דאָס עפּשער אַ נאַרישקײַט, וואָס זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אָן אָן אײַנגעטונקטער פּען; נאָר זיי האָבן געפּרוּווט פאַרענטפערן זיך דערמיט, וואָס דער קאָפּ איז זיי געווען לוי אַלייכעם אַזוי ווײַט אין דער ערד, אַז ניט נאָר אַ פּאַס, ס׳איז אַ מאַראָכע, וואָס זיי האָבן זיך אַליין ניט פאַרגעסן אינדערהיים. „אַ ווערטעלע, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן בא זייער אַוועקפאָרן? די גאַנצע שטאָט איז דאָך געווען אויף! עס איז געווען הימל עפּן זיך!"

זייער שיין. דאָוויד שאַפּיראָ האָט אָבער ניט געוואָלט הערן פון קיין טערוצים.

— זיבעצן מאָל דער קאָפּ אין דער ערד און אַכצן מיסע מעשונעס אפילע, באַדאַרף אַ ייִד געדענקען, אַז ס'איז דאָ אַ זאַקאָן און ס'איז דאָ „פּראַוועס"...

פּונקט אין דער מינוט וואַקסט אויס פֿון אונטער דער ערד קעצעלע.

— וואָס איז? אין וואָס גייט דאָ בא אייַך? אין וועלכן קאָן מען זיך ניט אויסגלייַכן? און ווער זייַנען דאָס די ייִדן? ניט קיין היגע? פונוואַנען? שאָלעם־אַלייכעם אייַך.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט זיך קעצעלע ניט געגאַרט פֿון דאָוויד שאַפּיראָ: אַ ייִד גייט פֿאַרבייַ, זאָל ער זיך גיין געזונטערהייט און ניט האָבן קיין טעווע אַרייַנשטעקן אַ נאָז ווו מע דאַרף ניט. נאָר איצטיקס מאָל, אַנגעשטויסן אויף די אָרכים נאָך פֿון פֿריִער, איז ער דאַפּקע געווען צופֿרידן, וואָס עס האָט זיך אַרייַנגעמישט אַ דריטער. לאָז נאָך אַ ייִד וויסן, וואָס פֿאַר אַ ווילדע מענטשן ס'איז נאָך דאָ אויף דער וועלט, וואָס ווייסן ניט פֿון קיין זאַקאָן און פֿון קיין „פּראַוועס" און פֿון קיין זאַך און מיינען, אַז די גאַנצע וועלט — דאָס זייַנען זיי, און אַז מע האָט אָנגעגרייט פֿון זייערטוועגן מיסטאָמע אַלצדינג. סטאַנציעס, מיט פּראַוואָזשיטעלסטוועס, מיט... מיט... מיט...

דאָוויד שאַפּיראָ האָט אַזוי שטאַרק געמאַכט מיט די הענט, אַז ער האָט אַזש געטראָפֿן קעצעלען גלייַך אין נאָז אַרייַן, אומגערן, פֿאַרשטייט זיך, וואָרעם ווער איז אים שולדיק, אַז ער האָט אַזעלכע קורצינקע פֿיסעלעך, אַז זייַן נאָז קומט אויס אַקוראַט יענעם צו דער האַנט? האָט זיך קעצעלע אָפּגערוקט אַ ביסל אויף אַ זייַט און אָנגערופֿן זיך צו שאַפּיראָן:

— שוין? האָט איר שוין געענדיקט, צי נאָך ניט? און אויב יאָ, קאָן איך אויך רעדן אַ וואָרט, צי ווער־וואָס?

— ווער זאָגט דען, אַז ניין? אפֿילע אַכצן טויזנט ווערטער. נאָר דעריקער ניט מאַאַריך זייַן קיין סאַך, וואָרעם איך האָב קיין צייַט ניט, איך בין אַ פֿאַרקויפֿטער מענטש.

דאָוויד שאַפּיראָ האָט זיך גאָר אַליין ניט געריכט, אַז ער וועט פּאַטער ווערן פֿון די אומאָנגענעמע אָרכים אויף אַזאַ גרינגן דערעך. גייט זייַט אַ נאָווי, אַז קעצעלע, אַ ייִד אַני ווען געוויען, וואָס לויפֿט אַרום זוכן אַ דרייַערל, וועט ווערן גאָר אַ מאַכנים־אוירעך פּלוצעם.

— מאַכעטייסע, — רופֿט זיך אָן שאַפּיראָ, — זייער שיין, וואָס הערט זיך אָבער מיט יענער מייַסע, וואָס בייַסט זיך?..

— מיט וואָסער מייַסע? — פֿרעגט קעצעלע ביטמימעס, — מיט די וואַנצן, מיינט איר?

— וואָסערע וואַנצן? — מאַכט דאָוויד מיט ביידע הענט. — נאָט אייַך גאָר וואַנצן! ווער האָט זיי אין זינען? איך רעד פֿון פּאָליציע רעד איך. טאָמער, כאָלילע, אַן אַבלאַווע? די ייִדן האָבן דאָך ניט, איר זאָלט זאָגן, אַן אייַנגעטונקטע פּען...

קעצעלע האָט זיך צעלאַכט: כע־כע־כע! פֿון וואָס אַ ייִד רעדט? נאָט אייַך גאָר פּאָליציע! אַבלאַוועס! פּסיע! ער זיצט שוין אַכט יאָר מיט אַ ווייַב מיט קינדער, קיין אייַנהאָרע, מיט אַ שוויגער אויף סאַמע ניסים, אָן אַ פּיצל פּראַוואָזשיטעלסטווע — און גאָרנישט! מע זאָל וועלן קעסיידער מוירע האָבן פֿאַר אַזעלכע זאַכן, וואָס זשע וואָלט עס געווען, איך בעט אייַך, פֿאַר אַ לעבן אויף דער וועלט? ווייס איך וואָס, נאָט אייַך גאָר אַבלאַוועס, פּאָליציע, לאָקש, בוידעם, ציבעלעס — קומט!

— טאַ! — מאַכט שאַפּיראָ צו קעצעלען. — אויך די אייגענע מייַסע, אַז אייַך איז ליב, איז מיר ניכע... — און צו די אָרכים זאָגט ער: — פֿאַרגעסט זשע נאָר ניט דעם זייַ־געזונט און לאָזט זיך נאָך זען. מיר האָבן נאָך, ווי זאָגט איר, צו רעדן און צו רעדן! ס'איז בא אייַך, האָט קיין פֿאַריבל ניט, עפּעס ניט אינגאַנצן גלאַטיק, עפּעס צו שטאַרק פֿאַרדרייט בא אייַך, זאָלט איר מיר מויכל זייַן, און פֿאַרפּלאָנטערט...

שאַפּיראָ באַווייַזט מיט די הענט, וויאַזוי ס'איז בא זיי פֿאַרדרייט און פֿאַרפּלאָנטערט.

— זאָלט איר געזונט זייַן! — ענטפֿערט אים רעב מוישע ראַבינאָוויטש גאַנץ בעניִמעס און פּאָשעט. — בא אונדז איז עס, דאַכט זיך, גלאַט, וואָס גלאַטער קאָן שוין גאָרניט זייַן. — און ער באַווייַזט מיט די הענט, ווי גלאַט ס'איז בא זיי.

— עפּשער איז בא אייַך פֿאַרדרייט און פֿאַרפּלאָנטערט, דאָס יאָ, — לייגט צו אַווראָם־לייבוש, ווי אַן אַזעספּאָנעם און קערעוועט זיך אָפּ און שנייַצט אויס די נאָז מיט איין פֿינגער.

„אַן אַזעס מעכוצעף פּאָנעם! — טראַכט זיך אַ ווייַלע שפּעטער שאַפּיראָ, בייס די אָרכים זייַנען מיט קעצעלען שוין ווייַט. — גאָרניט פּאַכאָזשע אָפּן ברודער... און דער פּאָטער? אין לעבנסטאָג וואָלט איך ניט געזאָגט, אַז דאָס זאָל זייַן אונדזער קוואַרטיראַנטס אַ פּאָטער! און פֿונוואַנען האָט זיך צו אים גאָר אינגאַנצן גענומען אַ פּאָטער? צי שטעקט דאָ ניט קיין שווינדל, אַשטייגער?.."

איר מיינט, ס'איז אים נאָרוואָס געקומען אויף דער מאַכשאָווע? ער האָט דאָס נאָך אינדערהיים געטראַכט, נאָר דאָס ווייַב האָט אים דעם קאָפּ פֿאַרשלאָגן. אַ ייִדענע, אַז זי מישט זיך אַרייַן!.. און ער וויל זיך אומקערן צוריק, אָניאָגן קעצעלען מיט די אָרכים און אַ רעד געבן מיט זיי ריינע דיבורים: „זאָגט נאָר, יעהודים, צי קערט איר מיר ניט אָן קיין גאַנאָווים, וואָס פֿאָרן אַרום איבער דער וועלט, ווי יענע ניסראָפּים קלוימערשט, אויסנאַרן געלט אויף „פּידיען שוווּיִם? מע האָט שוין געזען

אזעלכע זאכן!..״ ער באטראכט זיך אָבער באלד: „לאָמיר שמועסן דאָס אייגענע טאקע נאָכאמאָל ווידער צוריק, וואָס האָט ער קיין צייַט ניט? דער טייַך ברענט? ער וועט זיך נאָך אָנרעדן. זיי וועלן דאָך ניט אנטלויפן ביז מאָרגן...״

און דאָוויד שאפּיראָ לאָזט זיך זייַן וועג מיט גיכע טריט, מאכנדיק שטארק מיט די פּלייצעס און מיט די הענט און דרייענדיק מיטן שטעקן אינדערלופטן ווי א מילכל.

קעצעלע — א מאכניס־אוירעך

עס מאכט ניט אויס, טאָמער האָט קעצעלע פאר זייַנע אָרכים א ביסל מעגאזועם געווען, זיי דערציילט גליקן, וואָס פאר א ראכוועס א קווארטיר ער האָט, וואָס פאר א פייַן פירעכץ בא אים איז. „דאָס הייסט אייגנטלעך, לעמיי זאָל ער זיך בארימען? ער פארלאנגט דען, כאָלילע, בא זיי געלט צי וואָס? ער זעט ייִדן, נעבעך, דרייען זיך ארום, האָבן ניט ווו א נאכט איבערצונעכטיקן, פארוואָס זאָל ער זיי ניט אופנעמען? צי ער איז קיין ייִד ניט? ביפראט אז זיי האָט געטראָפן אזא אומגליק, וואָס אז מע וויל, איז דאָס ניט נאָר זייער אומגליק, ס׳איז אונדזער אלעמענס אומגליק...״

אזוי שמועסט זיך אויס קעצעלע און פירט צו זיך אהיים די אָרכים, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט.

„עמעס, ער איז ניט קיין גוויר, אפילע ניט קיין נאָגיד — לעמיי זאָל ער זאָגן א ליגן? — בא די גווירים פירט מען זיך אוואדע א סאך שענער ווי בא אים און א סאך ברייטער. וואָס זאָלט איר דאָ קלערן? קיין קוראָפּאטקעס בא אים עסט מען ניט און קיין שאמפּאניער־וויַן, כי־כי, ווערט בא זייַן טיש ניט געטרונקען, נאָר דאָס שטיקל ברויט — ניט צו פארזינדיקן, און א שטיקל פלייש, אז ס׳איז דאָ, איז דאָך אוואדע גוט, וואָס נאָך דארף מען?..״

קעצעלע שטעלט זיך אָפּ, כאפּט דעם אָטעם און גייט ווייַטער און די אָרכים נאָך אים.

„דער איקער, — זאָגט וויַטער קעצעלע, — דער איקער, וואָס א שטוב איז בא אים, דאנק גאָט, א רויִקע, קינדער בעקאָוועדיקע, און א וויַב האָט ער אויך, דאנק גאָט, ניט קיין נארישע ייִדענע, מע קען זאָגן א ייִדענע א באר־דאאס, ס׳איז דאָ, מיט ווועמען א וואָרט אויסצוריידן, געראָטן אין דער מאמע, זי זיצט טאקע בא אים, די שוויגער הייסט עס, א דימענט פון א ייִדענע, געווען אמאָל א פארשוין, און רייַך אויך געווען, גאנץ רייַך געווען, מע קאָן זאָגן א גווירנטע, א שטוב געהאט אן אייגענע, מיט זילבער, מיט אלדאָס גוטס, פון צירונג שמועסט מען ניט, פּערל — אָט אזא האלדז, און פערד אייגענע, דריַ מיטאמאָל, מיט א קארעטע, א קוטשער פון פאָרנט, א קוטשער פון הינטן, גרויסארטיק!״

אזוי קלאפּט אָפּ אין איין אָטעם קעצעלע און דערפילט אָבער אליין, אז ער האָט שוין א ביסל אריבערגעכאפּט די מאָס. צו וואָס האָט ער עס באדארפט, — דאָס ווייסט נאָר איין גאָט. מיר קאָנען אָבער פארזיכערן, אז ער האָט ניט געהאט קיין שום זייַטיקע מאכשאָווע, אויסער וואָס בארימען זיך פאר א פרעמדן האָט יעדער מענטש ניט פייַנט. און עפּשער איז דאָ די פּראָפּעסיע זייַנע א ביסל שולדיק; א מענטש, וואָס רייַבט זיך בא דער בירזשע, א ייִד א מעקלער... אָדער עפּשער האָט ער דאָ געהאט א שטיקל מיין אויך, — ווער קאָן עס וויסן? — ער האָט זיך גערעכנט: ייִדן זייַנען געקומען וועגן אזא מין אייסעק, וואָס קלינגט מיט אים די וועלט, און כאָטש זיי אליין ווייַזן עפּעס ניט אויס פון אזעלכע רייַכע לייַט, ווייסט ער אָבער, אז זייער דאנטיסט, וואָס זיצט, האָט עפּעס א רייַכע מומע, א מיליאָנערשע זאָגט מען, מיסטאמע דארף זי דאָך אויך די טעג קומען צו פאָרן. טאָמער, א קאשע אף א מייַסע, פיקט זיך אויס דורך דעם א געשעפטל. וויאזוי? — דאָס זאָלט איר ניט פרעגן. מע האָט שוין געזען אזעלכע זאכן: א ייִד קומט צו פאָרן פון אלדי גוטע יאָר האנדלען רויכווארג, גייט ארויס אף דער בירזשע, צערעדט זיך מיט דעם, מיט יענעם, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, קומט ארוף אף הייַזער און ווערט א קוינע אף א שטוב — און מעקלערס פארדינען דערווייַל געלט... ס׳איז נאָר א שאָד, וואָס ער האָט א ביסל צופיל מעגאזועם געווען זייַן שטוב מיט זייַן פירעכץ. זיי וועלן

דאַך אַט באַלד דערזען. צו וואָס האָט אים געטויגט נאָך אויסטראַכטן זאַכן, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן? אַ צונג איז אַט ווי אַ פערדל — לאָזט עס נאָר אָפּ פרײַ, וועט דאָס אײַך פאַרטראָגן צו אַלדי שוואַרצע יאָר!..

קעצעלע ווישט זיך מיט דער קאַפּאָטע דעם פאַרשוויצטן שטערן און פאַרקוקט צו די אָרכים אין די אויגן אַרײַן, נאָר אין זייערע אויגן זעט מען ניט, אַז זיי זאָלן עפּעס, כאָלילע, איבערקלערן אָף אים. אַדעראַבע, מע זעט, אַז אַלצדינג, וואָס ער זאָגט זיי, איז בא זיי טײַערע. „קליינשטעטלדיקע ייִדן, — טראַכט ער זיך, — ווי קומט צו זיי, לעמאָשל, אַזאַ פּײַפער, ווי אָט דער דאַנטיסט?.. אפּאָנעם, ער איז ניט בא זיי געוואַקסן, נאָר בא זײַן מומע די מיליאָנשטשיצע?.. מע באַדאַרף זיך בא זיי צעפרעגן...״

קעצעלע איז אויסער זיך פון זײַן האַמצאָע, וואָס ער האָט געטראָפן, וואָרעם זיי אַליין זאָגן, אַז זייער הערשל איז אויסגעוואַקסן אין דער פרעמד, ניט בא זיי. קעצעלע איז שוין ווידער צופרידן מיט זיך און פון צופרידנקייט ווערט ער נאָך מער באַריידעוודיק, טוט אָף אַ מינוט אַ טאָפּ אין וואָגן, וואָס הערט זיך מיקויעכן שידעך? לאָזט זיך אויס, אַז די ייִדן ווייסן גאָר ניט פון וואָס צו זאָגן.

— וואָסער שידעך? — פרעגן ביידע מיטאַמאָל, דער פאָטער מיטן זון.

פאַרשטייט דערפון קעצעלע, אַז די שאַפּיראָס האָבן פאַרלייקנט פאַר זיי, אַז זיי געהערן זיך אָן מעכוטאָנים... וויבאַלד אַזוי, איז דאָך עס אָן אוולע! סטײַטש, פרײַער האָבן זיך די שאַפּיראָס פאַר אַלעמען באַרימט, אַז זייער טאָכטער מיט דעם דאַנטיסט זײַנען כאָסן־קאַלע; איצט, אַז מע האָט אים אַרײַנגעזעצט אין כאַד־גאַדיע אַרײַן, מאַכן זיי שוין אַ שווײַג. פע, ניט שיין, כ׳לעבן, זייער ניט שיין! טאַקע אַ גרויסע אוולע, אויב איר ווילט וויסן! וויבאַלד אַזוי, איז דאָך אַ מיצווע מאַזיקן אַ ייִדן. לאָז אַ ייִד ניט זײַן קיין צווייפּענעמדיקער!

און קעצעלע גיט איבער זײַנע אָרכים אַ גאַנצע געשיכטע, וויאַזוי אָט די שאַפּיראָס (זיי זײַנען טאַקע זייער פײַנע מענטשן, ער רעדט, כאָלילע, אָף זיי קיין שלעכטס — וואָס האָט ער צו זיי? נאָר אַז ס׳איז געקומען צו רייד, רעדט זיך...) — האַקלאַל, ער דערציילט זיי אַ געשיכטע, וויאַזוי די ייִדן, די שאַפּיראָס הייסט עס, האָבן זיך נאָכגעיאָגט די גאַנצע צײַט נאָך זייער קוואַרטיראַנט, ווי מע יאָגט זיך נאָך, אַשטייגער, נאָך אַ גוטן העכט, געוואָלט פאַרשלייערן פאַר דער טאָכטער... „אַפילע אַ ביסל צו אַ געבילדעטע — און וואָס צו, איז איבעריק...״

קעצעלע וואַרפט אַ קוק אָף די צוויי ייִדן און האַקט ווײַטער:

— אַ סוואָרע גאָר, אַז אָף דער קוואַרטיר צו זיי האָבן אויך זיי אַליין, דער פאָטער און די מוטער הייסט דאָס, מיט דער טאָכטער טאַקע איניינעם אים אַרײַנגענאַרט מיט קאָל האַכיטראָסטן... נאָר אַפּאָנעם ס׳איז ניט אָפּגעראָטן דער אייסעק. דער באָכער האָט זיך אַפּאָנעם באַצײַטנס אַרומגעקוקט — ווײַזט אויס, גאָר קיין נאַר ניט — אַז אַ שיין מיידל איז זי טאַקע, כי־כי, נאָר אַ שיין פּאָנעם אַליין איז נאָך ניט אינגאַנצן... און לאָמיר זיך נאָר ניט נאַרן — וואָס האָט ער קיין צײַט ניט? אַזעלכער, ווי ער, וועט ניט אָנווערן שפּעטער אויך די מעציע. אי טאָמער האָט ער געמאַכט אַ מויצע אומגעוואַשן, כי־כי, איך מיין, כאָלילע, קיין זאַך, איך מיין, טאָמער אַפילע אַ קוש אין דער פינצטער, פּאָרט אַ שיין מיידל, כי־כי... פּאַוואָלינקע נאָר, ווי איר גייט אָט דאָ, — מאַכט צו זיי קעצעלע, אַראָפּלאָזנדיק זיך מיט זײַנע אָרכים גאַנץ טיף אין אַ קעלער אַרײַן אָף מעסוקענע הילצערנע טרעפּלעך, — ס׳איז דאָ שטאָק פינצטער און נאָך גליטשיק אויך צו אַלדי רוכעס! קיינמאָל וועלן זיי אײַך, הערט איר, ניט אָנצינדן קיין לעמפּל! זיי האָבן מוירע קלוימערשט פאַר אַ סרייפע, נאָר שפּײַט זיי אָן אין פּאָנעם — זיי זשאַלעווען פּאָשעט קעראָסין פאַר דרײַ גראָשן, דרײַ כאָליערעס אָף זיי! אַז מע זיצט עטלעכע שכיינים אין איין לאָך, קאָן עפּעס זײַן גוט? מע פאַרלאָזט זיך דער אָף דעם און יענער אָף יענעם און מע ווערט אויסגעריסן. שאַ! שאַ! וואָס פאַר אַ געשריי אינמיטנדערינען? לאָז זײַן שטיל! שטילער אַ ביסל! לאָזט איבער אײַערע ווײַבערשע אייסאָקים אָף אָן אַנדערש מאָל! איר זעט דאָך עפּעס מענטשן!..

דאָס איז געזאָגט געוואָרן שוין ניט צו די אָרכים, נאָר צו דרײַ ווײַבער, פון וועלכע איינע איז געווען טאַקע קעצעלעס ווײַב, אַ ייִדענע אַ פאַרכוישעכטע. די צווייטע, איר מאַמע, אַן אַלטע מאַכעשייפע מיט אַ שוואַרצער פאַטשיילע, פונוואַנען עס קוקן אַרויס צעלאָזטע גראָווע האָר, און נאָך עפּעס אַ ווײַבל מיט אַ פויגלשן פּאָנעם און מיט קאַליע ציין, נאָר אַ גרויסע קײַסנטע, ווײַזט אויס, און אָן אָנכאַפּערן.

ווערדליק די וואָרעמקײַט פונעם שמועס און ווערדליק די קוילעס, וואָס האָבן דערגרייכט צו דער העכסטער אָקטאַווע, האָט מען געקאָנט זײַן זיכער, אַז עס האַלט בא די דאָזיקע ווײַבער קאָרעווע צו פּעטש, כאָטש געגאַנגען איז דאָ בא זיי ניט מער ווי אין אַ געבראָטן פּופּיקל פון אָן אָף, וואָס עס קאָן זײַן, אַז די קאַץ האָט עס פאַרשלעפּט, נאָר דאָס ווײַבל מיטן פויגלשן פּאָנעם, קעצעלעס אַ שכײנע, האָט געטײַנעט, אַז דאָס האָט געטאָן ניט קיין קאַץ, נאָר אַ קעצעלע, און ניט איין קעצעלע, נאָר דרײַ קעצעלעך, און געמיינט האָט זי טאַקע קעצעלעס דרײַ קליינע האַלבנאַקעטע קינדערלעך,

וואָס האָבן ווי די מײַזלעך אַרויסגעקוקט פֿון יענער זײַט אויוון, געהאַלטן די הענטלעך פֿאַרלייגט פֿון הינטן און אָנגעקוואָלן פֿונעם ספּעקטאַקל, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט. מער פֿון אַלץ איז זיי געפֿעלן, וואָס די באָבע זייערע, די מאַכעשייפֿע, וואָס שעלט זיי און קאָרעניעט זיי, וואָס האַרגעט זיי אין מיימעסט זיי צען מאָל אַ טאָג, האָט זיך פּלוצעם אָנגענומען זייער קריוודע און זאָגט, אַז „אַזעלכע גאָלדענע קינדער, ווי אירע אייניקלעך, פֿאַרמאָגט ניט דער מאַלכעס. ס'איז דען קינדער? ס'איז דאָך מלאָכים! הײַנט ווי האָט עס אַ ווײַבל פּאַטעפּאַלנאָסט אַזעלכעס אַפֿילע איבערצוטראַכטן גאָר און ברענגען עס פֿאַרן מויל?"

אַז קעצעלע איז אַרײַנגעקומען מיט די געסט, האָט די אַלטע אָנגעקוקט די שוואַרצע פּאַטשיילע, קעצעלעס ווײַב האָט אָפּגעווישט די פֿאַרשמאַכטע ליפּן, און די שכיינע מיטן פֿויגלשן פּאָנעם איז אין איין רגע אַנטרינען געוואָרן, מע האָט אַפֿילע ניט באַמערקט וויאַזוי.

— קומט אַהער, מאַמזיירים, — האָט קעצעלע אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו די קינדער, — גיט אָפּ די אָרכים שאָלעם־אַלייכעם, וועט מען אײַך שענקען צו קאָפּיקעס. — נאָר די מאַמזיירים האָבן מויכל געווען די קאָפּיקעס און האָבן ניט געוואָלט צוגיין אָפּגעבן די אָרכים שאָלעם־אַלייכעם. זיי האָבן זיך געשעמט, אַפּאָנעם דערפֿאַר, וואָס זיי גייען ניט אָנגעטאָן ווי עס געהער צו זײַן. האָבן זיי זיך איבערגעקוקט איינס מיט דאָס אַנדערע און אַלע דרײַ אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— קיין קאָפּ דערעכערעץ פֿאַר פֿרעמדע מענטשן, ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן! וואַרט־וואַרט, איך וועל אײַך שוין באַצאָלן נאָכדעם, — האָט זיי דער פֿאָטער מאַווטיעך געווען און האָט אָפּגערופֿן אָפּ אַ זײַט דאָס ווײַב מיט דער שוויגער און האָט זיי אײַנגערוימט אַ סאָד. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די געסט:

— וואָס רעכנט איר צו טאָן קוידעמקאָל? מיסטאַמע אָפּרוען זיך? אויסגעמידט פֿון וועג?.. עפּשער וועט איר אײַך צולייגן אַ ביסל אָט דאָ אויף דער סאָפֿע? אָדער — שאַ! — גאָר אין בעט? עסטער, איך וועל זיי באַלייגן דערווײַל בײַ דיר אין בעט, באַנאַכט וועלן מיר שוין מאַכן אַן אַנדער פּאַראַדאָק...

וויאַזוי פֿאַרבעט דאָס צו זיך אַ ייִד פֿון אַ ווײַב מיט אַ שוויגער מיט דרײַ קינדער צוויי אָרכים מיטאַמאָל אין דער צײַט, ווען ער פֿאַרמאָגט בעסאַכאָקל איין בעט מיט איין שטיקל סאָפֿע? — דאָס האָבן די אָרכים אַפֿילע ניט אין זינען געהאַט איבערצוטראַכטן. ערשטנס דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען געווען צופֿרידן, וואָס זיי האָבן כאָטש געפֿונען אין דער דאָזיקער מעסוקענער שטאָט אַ ווינקעלע, וווּ דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. און צווייטנס, זײַנען זיי גלאַט ניט פֿון די גרויסע מעפּונאָקים. און כוץ לעזע, איז מען דאָך עפּעס געקומען אַהער צו פֿאָרן ניט צוליב פֿאַרגעניגן, אַז אָך און אַז וויי.

צעקאָכטע, זײַנען די אָרכים אַרײַנגעטראָטן צו קעצעלען אין שטוב אַרײַן. צעקאָכט פֿון אָט־אָ יענעם ייִדן פֿון סלאַוווטע, וואָס האָט זיי דערציילט אויף זייער הערשלען אַזעלכע ווילדע זאַכן, וואָס איז נאָר מעשוגע צו ווערן: אַז ער האָט יאַקאָבי אַ מומע אַ מיליאָנערשע, און אַ שוועסטער, וואָס מע רופֿט זי ווערא, און אַז ער קען ניט יאַקאָבי קיין וואָרט ייִדיש רעדן — כאַ־כאַ! — ס'זאָל זײַן גוט אָפּן האַרצן, וואָלט געווען פֿון וואָס צו לאַכן! און וועאַל קולאַם איז זיי אַרײַן אין נאָז אַרײַן אָט דאָס, וואָס דער קלייניטשקער האָט זיי דערציילט וועגן שידעך. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין שידעך?.. פֿאַרנאַרט זייער הערשלען אין אַ בלאָטע אַרײַן... זיך געקושט אין דער פֿינצטער... פֿע, כאַלאָשי כאַלאָשעס!.. אַצינד איז שוין רעכט. אַצינד איז זיי שוין פֿאַרענטפֿערט אַלצדינג: „אַ רעכטער פֿויגל אָט דער שאַפּיראַ, כאָטש ער באַרימט זיך, אַז ער קומט אַרויס פֿון די סלאַוויטער! און זײַן ווײַב — אויך אַ גיטע צאַרע! אין די טאָכטער זייערע, מיסטאַמע אויך אַ גוטע שטוקע — אַ שיינע מישפּאָכטערע..."

אַ סאַך לײַטישער האָט שוין אויסגעזען בײַ זיי אין די אויגן אָט דאָס דאָזיקע קליינע ייִדעלע (קעצעלע). דאַכט זיך, אַ ייִד ניט קיין נאָגיד, מע קאָן זאָגן אַן אָרעמאַן אַ ייִד, וואָס קען זיי ניט און ווייסט זיי ניט, האָט ער אָפּגעטראָטן פֿונדעסטוועגן פֿון זייערטוועגן קימאַט די גאַנצע שטוב און מאַפּקיר געווען אינגאַנצן דעם טאָג צוליב זיי, כאָטש ער איז אַ מענטש, ווי ער אַליין זאָגט, אַ פֿאַרנומענער, טויזנטער געשעפֿטלעך, זאָגט ער, וואַרטן אויף אים אויף דער בירזשע. „איר מיינט עפּעס וויכטיקע זאַכן?" כאַלוימעס, זאָגט ער, נעכטיקע טעג, טעלעגראַמעס פֿון פּעטערבורג, קורסן, לאָקש, בײדעם, ציבעלע — ס'וועט ניט אַנטלויפֿן. ער וועט בעסער, זאָגט ער, פֿאַרברענגען איצט מיט זיי אַ פּאָר שאָ, איבערעדן פֿון זייער אייסעק, וואָס זיי האָבן צו טאָן אין דער דאָזיקער שטאָט. און ווער קען נאָך אַזוי די שטאָט, ווי ער?

— איר האָט דען אַ „בעגריפֿיע", ווי איך קען די שטאָט? איך בין אײַך קלאָר אין דער שטאָט מיט די מענטשן מיט זייערע כאַראַקטיירים יעדן איינציקן אויסגעזבונדן! איבערהויפּט בין איך באַקענט מיט די „גדוילים" — זיי באַדאַרף מען, הערט איר, קענען. אוי, באַדאַרף מען זיי קענען...

און קעצעלע טרעט ניט אָפּ פֿון די אָרכים דעם גאַנצן טאָג און זיצט אַוועק מיט זיי אַ שטיק אין דער נאַכט אַרײַן, און מאָלט זיי אויס די גרויסקייט פֿון זײַן שטאָט מיט אירע „גדוילים", שאַצט איבער זייערע פֿאַרמעגנס דרײַ מאָל אַזויפֿיל און פֿיר מאָל אַזויפֿיל, זשאַלעוועט זיי ניט קיין מיליאָ־

נען, און דערציילט זיך אָן פון זיי מײַסעס און גוורעס און טויוועס, וואָס זיי האָבן שוין אָפּגעטאָן און טוען אָפּ און ווילן, קלײַבן זיך ערשט צו טאָן פאַר ייִדן — נו, הײַנט גייט האָט טײַנעס צו אונדזערע גווירים און זאָגט, אַז זיי זײַנען ניט יויצע פאַר די אָרעמע לײַט...

אופגעעפנט מויל און אויערן זיצן די אָרכים, הערן אויס קעצעלעס מײַסעס און לאָזן ניט אַראָפּ קיין אויג פון אים. זייערע הערצער וואַקסן און זיי זיפצן אָפּ שטילערהייט, וואָרעם וויבאַלד אַזוי, איז דאָך טאַקע פאַראַן אַ האָפענונג... דער מענטש רעדט אַזוי ערנסט און אַזוי געשמאַק און אַלצדינג איז בא אים אַזוי קײַלעכדיק און אַזוי געטאָקט, אַז עס קאָן גאָרניט אײַנפאַלן קיין מאַכשאָווע אין קאָפּ איבערצוקלערן, טאָמער איז דאָ דער ייִד שוין צופיל מעגאַזעם? מע דאַרף ניט האָבן קיין גרעסערן פעסימיסט ווי אווראָם־לייבוש איז, וואָס האָט זיך פאַרגונען אַמאָל אויסדריקן אין אַ בריוו צו זײַן ברודער הערשל אַפּן גרויסן לעוו טאָלסטאָי, אַז ער, דער גרויסער לעוו טאָלסטאָי, איז אויך ניט מער ווי אַ באָסער־ווערדאָם... פונדעסטוועגן האָט דער אוורהם־לייבוש זיך געטראַכט, שוין באַנאַכט ליגנדיק אין געהאַקטע ווונדן אָפּ דער צעפּאָרענער סאָפע און מילכאָמע האַלטנדיק מיט די, וואָס האָבן ניט קיין ציין און בײַסן זיך:

— מימאָנעפשעך, וואָס קאָן דאָ זײַן? לאָמיר זאָגן, אַז אַ העלפט, וואָס דער ייִד האָט דאָ דערציילט, וועלן מיר אַרײַנוואַרפן אין יאַם אַרײַן, און פון דער אַנדערער העלפט לאָמיר האַלב אַוועקשענקען דער וואַנט, איז, דאַכט זיך, אויך גאַנץ גענוג?.. נאָר גוואַלד, ריבוינעשעלוילעם, ווי דערלעבט מען שוין טאָג און מע כאַפּט זיך אַרויס אַ לעבעדיקער פון דעם דאָזיקן וויסטן גלעגער און מע טוט זיך שוין עפּעס אַ נעם צו דער רעכטער אַרבעט!..

אוורהם־לייבוש באַווײַזט, וואָס ער קען

ווען וואָלט דאָס געקאָנט אײַנפאַלן, אַשטייגער, אַז גראָד אין יענער נאַכט, וואָס די ראַבינאָוויטשעס נעכטיקן בא קעצעלען, וועט זיך דער אַדמיניסטראַציע פאַרגלוסטן מאַכן אַ רעוויזיע אָפּ יענער גאַס און טרעפן אַקוראַט אין יענעם קעלער, וואָס מענטשן האָבן אַ נאָמען געגעבן דירע, און קעצעלע האָט זיך דאָרטן באַזעצט מיט זײַן געזינדל און נאָך פאַרבעטן אָרכים אויך צו זיך אָפּ נאַכטלעגער?

די אָרכים האָבן נעבעך געהאַלטן אין סאַמע רעכטן שלאָף, און עס האָבן זיך געכאָלעמט זיי סאַמע די רעכטע „מאַכערס" פון דער דאָזיקער שטאָט, וויאַזוי די „גדוילים" אַליין האָבן זיך פאַרינטערעסירט מיט זייער הערשלען, אַרבעטן פאַר אים, לייגן אײַן די וועלט און שווערן זיך מיט קאָל האַשווועס, וואָס מע מעג גלייבן אַ הולטײַ, אַז אַטאָט, אָקאָרשט ווי מע זעט ניט, לאָזט מען זייער הערשלען אַרויס פרײַ געזונטערהייט בעשעם אלקי ייִסראָעל — און פּלוצעם גאָר וועקט מען זיי אויף און מע הייסט זיי ווײַזן פּאַפּירן...

עמעס, בא קעצעלען איז אַן אָבלאַווע געווען אַזאַ נײַס, ווי בא אַ סאָלדאַט אַ טרונק בראַנפן. וויפל מאָל איז שוין אָפּ זײַן פּאַס געווען אָנגעשטעמפּלט מיט רויטן אָפּ אַרויסצופאָרן אין 24 שאָ, און וויפל מאָל איז ער טאַקע אַרויסגעפאָרן פונדאַנען און געקומען אַפּן אַנדערן טאָג צוריק? און אַז מע זאָגט אים צו, אַז מע וועט אים שוין נאָכאַמאָל שיקן מיטן עטאַפּ, מיינט איר, אַז ער שרעקט זיך אַזוי איבער? וואָס הערט ער, אַז בעסאַכאַקל איז ער אַ וואַסילעוווקער ניכטעוו, און פון דאָרטן אַהער קאָן מען זיך אין איין טאָג אויסדרייען דרײַ מאָל הין און צוריק...

קעצעלע האָט זיך שוין אַזוי צוגעגעסן דער אַדמיניסטראַציע, אַז מע האָט אים אַמאָל אַ פרעג געגעבן: „וואָס טוט מען מיט דיר, מע זאָל דײַנער פּאָטער ווערן?" דערויף האָט זיי קעצעלע געענטפערט גאַנץ ערנסט, אַז דערצו איז פאַראַן נאָר איין אייצע — מע זאָל אים אַרויסגעבן שוואַרץ אָפּ ווײַס, אַז ער מעג דאָ זיצן, וועט דאָס האָבן אַן עק.

אַן אַנדערש מאָל האָט מען אים געפּאַקט אין גאַס און צעשריגן זיך אָפּ אים: „ווידעראַמאָל ביסטו דאָ? וואָס טוט מען, מע זאָל ניט זען מער דעם פּאָנעם דײַנעם?" — פאַרשטעלן זיך די אויגן, — האָט זיי קעצעלע געענטפערט גאַנץ קאַלטבלוטיק.

און נאך אן אנעקדאט דערציילט מען פון אים אף דער בירזשע (די בירזשע האט ליב אזעלכע אנעקדאטן), אז קעצעלע האט געבראכט צו טראגן דעם פאליצמייסטער א פאפיר, אז ער איז א באלמעלאכע, און וויבאלד א באלמעלאכע, האט ער א פראוואזשיטעלסטווע אין שטאט. „וואס פאר א מעלאכע קענסטו?" — איך וויים, זאגט ער, וויאזוי מע מאכט טינט. „וויאזוי מע מאכט טינט, זאגט אים דער פאליצמייסטער, וויים איך אויך". — נו, האט איר טאקע א פראוואזשיטעלסטווע, וואשע פרעוואסכאדיטעלסטווע...

מיר מיינען אבער, אז דאס איז ליטער אנעקדאטן. ווארעם ווי שטעלט איר זיך פאר — די אדמיניסטראציע האט טאקע מער ניט וואס צו טאן נאר ארייננלאזן זיך אין שמועסן מיט יעדן יידן און טרייבן מיט אים קאטאוועסלעך? און אויב איר ווילט, איז דאס א באליידיקונג פאר די, וועלכע פארנעמען זיך דערמיט, וואס זיי גיבן אכטונג, אז מענטשן זאלן, כאלילע, ניט אריבערטרעטן די געזעצן פון גערעכטיקייט און רעכטפארטיקייט, און מע זאל ניט מיינען, אז אלע שטעט זיינען גלייך, און אז יעדער קאן זיך קומען ווען ער וויל און באזעצן זיך ווו ער וויל און ארומדרייען זיך אף גאטס ערד פראנק און פריי, העפקער פעטרעשקע! א מענטש איז ניט קיין פויגל, וואס קאן זאגן: „דער הימל איז מיינער..." א מענטש איז ניט קיין הונט, וואס קיינער וועט אים ניט אפשטעלן און א פרעג טאן: „זאג נאר, רעב קעלעוו, ווער ביסטו?.."

בעקיצער — ס'איז געווען יענע נאכט אן אבלאווע אף יידן און מע האט פארנומען קעצעלען מיט זיין געזינדל און מיט זיינע צוויי ארכים, און מע האט די ארכים געבראכט צו פירן אהין, ווו מע דארף, און א נעם געגעבן צום סמיטשעק.

— ווער זענט איר?

— מיר זיינען יידן.

— פונוואנען זיינען יידן?

— פון דארט און פון דארט.

— האט איר שווארץ אף וויים?

— ניין, פארגעסן מיטצונעמען...

און וואלטן זיי כאטש זיין צוגעשריבן דארטן, פונוואנען זיי זיינען געקומען, — איז ניין. עס לאזט זיך אויס, אז צוגעשריבן זיינען זיי גאר וויים איך ווו, אזש אין שקלאוו, שקלאווער מעשטשאנעס. לעכיין מוזן זיי זיך מאטריעך זיין גיין מיטן עטאפ ניט אהיים, נאר קיין שקלאוו — א פאלג מיך א גאנג!

וואלט דאס אבער אויך נאך ניט געווען אזא אומגליק, ווען מע טרייסלט ניט אויס באם יונגן ראבינאוויטשן, בא אווראם־לייבושן, א פאקעט (דאס איז געווען דער „שאווע קעסעף", וואס ער האט מיטגעבראכט פונדערהיים פון זייער ראוו צום ראוו פון דער דאזיקער גרויסער שטאט).

— וואס איז דאס, ברודער, פאר א פאקעט בא דיר?

— דאס איז א בריוו.

— א בריוו? הם... ווע‏מענס איז דאס אזא גרויסער בריוו בא דיר, קיין איינהארע, אזא קאפל־שמוינעדיקער? א „דאנאסל" מיסטאמע? א מעסירעלע? אדער עפשער אן אנווייזונג אף געלט?

יענער, וואס האט דאס געזאגט, איז אפאנעם געווען א רעכטער לעץ. ער האט באטראכט דעם פאקעט פון אלע זייטן, געשאקלט אים אף דער האנט, גלייך ווי ער וואלט וועלן וויסן זיין געוויכט. און עס קאן זייער זיין, אז ווען אווראם־לייבוש טראכט אוים מעכילע א ליגן און זאגט, אז דאס איז א געשעפטס־בריוו, וואלט עס עפשער אויסגעלאזט זיך מיט א לעצאנעס און אפגעלאפן גלאט: „כאפט זיי דער וואטנמאכער! האבן צו טאן מיט יידישע שריפטן, טאמער איז קארג יידן אליין!.." איז אבער אווראם־לייבוש ניט אזא מענטש. אים איז געווען שלעכט: זאגן? אדער ניט זאגן? יא זאגן — וועלן זיי זיך טשעפען, וואס שטייט אין בריוו. ניט זאגן — וועלן זיי איבערטראכטן מייעדייע וואס: פאלשע אסיגנאציעס, קאנטראבאנדע, גנייווישע פערד... צו וואס טויג עס אים? און ס'איז געבליבן בא אים: דאפקע יא זאגן, און דאפקע דעם עמעס, דעם גאנצן עמעס. „איי עמעס, עמעס! ניטא קיין בעסערע זאך אף דער וועלט, ווי עמעס, מיט עמעס קאן מען דורכגיין די גאנצע וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט, מיט עמעס איז געגעבן געווארן די טוירע צו מוישע ראביינו אפן בארג סיניי". איך בעט אייך זייער, וואס האט, אשטייגער, אזא יונגערמאן ווי אווראם־לייב ראבינאוויטש מוירע צו האבן אויסזאגן דעם גאנצן עמעס, ווער זיי זיינען, און וואס זיי זיינען, און צוליב וואס זיי זיינען אהערצו געקומען? ס'איז דען אין א פושקעלע די געשיכטע מיט זייער הערשלען, וואס מע האט אים אופגעכאפט פאר עפעס א בילבל, וואס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, און ארייננגעזעצט אין כאד־גאדיע אריין. און מע האלט אים, א גאט די נעשאמע שולדיקן, מיט אלע גאנאווים, גאזלאנים און כוליגאנעס, א באכערל א ניונקעלע, א זיידן קינד, וואס האט מוירע פאר א הונט איימעס־מאוועס, וואס האט אף זיין לעבן נאך קיין פליג אף דער וואנט ניט זאטשעפעט, וואס וועט אייך ניט שלאפן אין איין שטוב מיט א באר־מיניען — איר זאלט אים אפגילטן!

אָט אַזוי טאַקע מיט דעם לאָשן האָט ער זיי אויסגעלומערט: אווראָם־לייבוש האָט זיי אַנידער־געלייגט נישקאָשע פֿון אַ מײַנע־לאָשן; ער האָט באַוויזן, וואָס ער קען. וואָס מיינט איר דאָס — אומ־זיסט האָט ער אויסגעלערנט גאַנץ קירפּיטשניקאָוו מיט גאַלאַכאָוון אַף אויסווייניק און דורכגעלייענט פּושקינען מיט טורגעניעוון מיט גאַנץ טאָלסטאָי פֿון טאָוול ביז טאָוול?

עס איז שווער צו זאָגן אַקוראַט — צי ווײַל ער האָט זיי געוואָלט אויפקלערן דעם סייכל פֿונעם בריוו, וואָס מע האָט בײַ אים אויסגעטרייסלט, צי ער האָט גלאַט געוואָלט אַרויסבאַווײַזן פֿאַרבײַגייענדיק, אַז ער איז באַקאַנט אויך מיט טאָלסטאָיען, נאָר אווראָם־לייבוש האָט זיך אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט צום לעצט אויסגעשאָסן מיט אַזאַ מין טײַנע:

— וואָס זאָלן מיר טאָן? זאָלן מיר וואַרטן אַף קאָוועד, ביז עמעצער וועט זיך אַף אונדז דער־באַרעמען און זאָגן פֿאַר אונדז אַ גוט וואָרט? געבענטשט זײַנען די הענט, וואָס העלפֿן זיך אַליין. אַ סאַך האָבן אונדז געהאָלפֿן אײַערע גדוילים? אַ סאַך האָט עפּעס אײַער גרויסער לעוו טאָלסטאָי זיך אָנגענומען אונדזער קריוודע? האָט ער כאָטש איין מאָל געפּרוווט אַרויסטרעטן מיט אַ גוט וואָרט פֿאַר יידן?..

— גוט. אַלצדינג גוט. ביסט גערעכט, ווי גאָט אַליין. וואָס זשע איז דאָס פֿאַר אַ בריוו אָט דאָס־אָ? פֿון וועמען און צו וועמען?

אווראָם־לייבוש ווישט זיך דעם שווייס פֿונעם פּאָנעם.

— אָט דער בריוו פֿון וועמען איז? פֿון אונדזער ראָוו צו אײַער ראָוו, דאָס הייסט דער ראָוו פֿון אונדזער שטאָט שרײַבט צום ראָוו פֿון אײַער שטאָט.

— אהא. וועגן וואָס זשע, צום בײַשפּיל, שרײַבט עס אײַער ראָוו צו אונדזער ראָוו?

— וואָס ער שרײַבט? ער שרײַבט שוין האַפּקע נישקאָשעדיק. ס'איז שוין דאָ וואָס צו לייענען. אָט וועל איך אײַך איבערזעצן דעם בריוו, אויב איר ווילט.

און אווראָם־לייבוש ראַבינאָוויטש פֿילט זיך ניט און זעצט זיי איבער דעם ראָווס בריוו. ניט וואָרט אין וואָרט, שײַעך צו זאָגן! דאָס איז ניט מעגלעך, וואָרעם ווי קאָן מען איבערזעצן אַזאַ שיינע מעליצע־שפּראַך אַף רוסיש? נאָר דעם טאָך, דעם איקער פֿונעם בריוו, קאָן ער זיי זאָגן. וואָס האָט ער מוירע? ניט קיין פּאָליטיקע, ניט קיין סוידעס... און ער לאָזט אויס מיט די דאָזיקע ווערטער:

„ס'איז אָן אָפּענער איין און דרײַסיק, בײַ אונדז אין טאַלמוד שטייט געשריבן, אַז איבער אַ פֿלעקל פֿון אַ וואָגן איז כאָרעוו געוואָרן אַזאַ גרויסע שטאָט ווי בייטאַר. איבער אַ בילבל, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן, האָט מען פֿאַרשמירט אַ גאַנץ פֿאָלק, געמאַכט מיט דער בלאָטע גלײַך, דערמיט, וואָס מע האָט גענומען אַ מענטשן, וואָס איז גאָט די נעשאָמע שולדיק און מע וואַרפֿט אַרויף אַף אים אַזאַ בילבל, אַזאַ ווילדן פֿאַרברעכן, וואָס איז גאָר אַ ביזאָיען צו דערמאָנען אַצינד, אינעם אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַצינד, אין דער רעכטער עפּאָכע פֿון פּראָגרעס און ציוויליזאַציע, אַצינד, ווען מע שמועסט שוין גאָר וועגן שאָלעם אַף דער גאַנצער וועלט, ווי דער נאָווי זאָגט: „און זיי וועלן צעשטויסן זייערע שווערדן אַף גראָבײַזנס און זייערע שפּיזן אַף שנייד־מעסערס"...

ווער ווייסט, וווהין אווראָם־לייבושעס צונג וואָלט אים פֿאַרטראָגן, ווען מע האַקט אים ניט איבער אינמיטן און מע בעט אים מיט אַ לעצאָנעסדיק שמייכעלע, ער זאָל זיך מאַטריעך זײַן דערווײַל אין ביידער אַרײַן און פֿון דאָרט וועט מען אים שוין עקספּעדירן אײַנייִנעם מיטן פּאָטער אַהין, וווּ זיי זײַנען געבוירן, „אַזש אין סאַמע שקלאָוו"...

. . . .

פֿונדעסטוועגן איז אווראָם־לייבוש קיין ברעקל ניט אַראָפּגעפֿאַלן בײַ זיך. ער איז געווען גאַנץ צופֿרידן, וואָס ער האָט זיך כאָטש אַ ביסל אויסגערעדט און געזאָגט דאָס, וואָס יעדער ייִד דענקט, דאָס, וואָס אין האַרצן טוט זיך. עס איז אים אַפֿילע אַף די געדאַנקען ניט געקומען איבערצוטראַכטן, וואָס פֿאַר אַ קאַשע אײַנגעטלעך ער האָט דאָ פֿאַרקאָכט און וואָס פֿאַר אַ כאַסענע עס האָט זיך אָנגע־הויבן ערשט נאָכדעם, אַז מע האָט איבערגעזעצט דעם ראָווס מעליצע־בריוו ווי עס געהער צו זײַן אַף ריין רוסיש פֿון אָנהייב ביזן סאָף, וואָרט אין וואָרט, און געקומען צו די ווערטער: „קלאַפּט אין די טירן פֿון די גרויסע און מעכטיקע! באַפֿרײַט די געפֿאַנגענע, און צו די געבונדענע זאָגט: גייט אַרויס..." דאַרף מען נאָך האָבן פּיירושים? עס איז, דאַכט זיך, גאַנץ גענוג קלאָר, וועגן וועלכע געפֿאַנגענע און וועגן וואָס פֿאַר אַ געבונדענע דאָ רעדט זיך...

* * *

נאָר אַכוץ, וואָס דער באַרעדעוודיקער אווראָם־לייבוש האָט אַרײַנגעצויגן זיך און זײַן פּאָטער אין אַ מיִעסן אייסעק פֿון וועלן באַפֿרײַען דעם געפֿאַנגענעם, האָט ער נאָך אַרײַנגעשלעפּט נעבעך דעם מעכאַבער פֿונעם שיינעם מעליצע־בריוו, דעם ראָוו פֿון זייער שטעטל, אין אַן אומגליק, וואָרעם ס'איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל, מע זאָל דעם דאָזיקן יידן אויך אַ נעם טאָן צום צימבל, ער זאָל אָפּגעבן

דין־וועכעזשבן, וועמען מיינט ער עס „די גרויסע און די מעכטיקע", וואָס ער הייסט „קלאַפּן אין זייערע טירן"?.. און וואָס האָט ער געוואָלט זאָגן מיט די ווערטער: „יִיסראָעל איז ניט קיין אַלמען אין רייַכע מענטשן מיט גוטע הערצער"?.. אויב דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויף אַן אָרגאַניזאַציע אזעלכער, טאָ ווו געפינען זיך אירע ווארצלען? ווער גיט די נייטיקע סומעס געלט? און וויאַזוי הייסן די מענטשן, וואָס שטייען אין דער שפּיץ?.. און נאָך זאַכן האָט מען אויסגעפרעגט בא יענעם ראָוו, וואָס שרייַבט אזא שיין לאָשן־קוידעש, וואָס איז שווער צו גלייבן, אז א ראָוו פון א קליין שטעטל זאָל אזוי קאָנען שרייַבן...

פארשטייט זיך, אז טכילעס האָט דער קליינשטעטלדיקער ראָוו, וואָס איז געווען איבערגעשראָקן קימאַט אויף טויט, ניט געקאָנט אפילע א וואָרט ארויסרעדן. ער איז א בריִע מער ניט אויף פּאַפּיר, א מאזיק אויף שרייַבן שיינע בריוולעך, אָבער ניט אויף רעדן, און נאָך אויף גאָיִש דערצו. נאָר שפּעטער א ביסל, אז ער איז געקומען צו־זיך, איז ער געגאַנגען אויפן אייגענעם דערעך, וואָס אוראַם־לייבוש — מיטן עמעס. „ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי עמעס. מיט עמעס קאָן מען אויסגיין די גאַנצע וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט. מיט עמעס איז געגעבן געוואָרן די טוירע האַקדוישע צו מוישע ראַבייניו אויפן באַרג סיניַי".

און כאָטש דער ראָוו איז ניט אזא באַלדאַברען ווי אוראַם־לייבוש (ער האָט קירפּיטשניקאָוון מיט גאַלאַכאָוון קיינמאָל ניט געשטודירט און לעוו טאָלסטאָיס ביכער ניט געלייענט), האָט ער אָבער אין זיך אַנדערע מייַלעס — א כאַלוקעס האַלאָשן מיט א טמימעסדיק פּאָנעם, מיט אזעלכע נאַיִווע אויגן, וואָס ס'איז שווער, מע זאָל דעם מענטשן כוישעד זייַן, אז ס'איז בא אים אַכאַס בעפּע וואַבאַס באַליוו. ווי פאר גאָט אליין האָט ער אויפגעדעקט דאָס גאַנצע האַרץ און געזאָגט דעם גאַנצן עמעס: „העיויס ווי אונדז האָט געטראָפן אזא אומגליק, א בילבל פון אַלילאַס דאַם, וואָס רירט אָן דעם קלאַל יִיסראָעל; און העיויס ווי אָט דער מוישע ראַבינאָוויטש איז א ייִד א שטילער, אן ערלעכער, וואָס האָט ניט קיין סאָנים אין שטאָט, און קינדער האָט ער ערלעכע, וואָס זאַטשעפּען קיין פליג אויף דער וואַנט; און העיויס ווי אין דער גרויסער שטאָט, ווו זייַן זון זיצט אין טפיסע, געפינען זיך גרויסע לייַט, גווירים אַדירים, וואָס זייַנען כאָשעוו בא נאַטשאַלסטווע; און העיויס ווי אין יענער שטאָט איז פאַראַן, זאָגט מען, א ראָוו א צאַצקע, א גרויסער קאָפּמענטש, וואָס האָט א שעם אויף דער גאַנצער וועלט; און העיויס ווי די גאַנצע וועלט ווייסט, אז דער בילבל פון אַלילאַס דאַם איז אָפּגע־

לייקנט געוואָרן וויפל מאָל, העט פון מעלאָכים וועסאָרים וועהעט פון די פויפסטן אין רוים; און העיויס ווי...״

— סטאָפּ מאַשין! זײַט ושע מויכל, הער ראַבינער, ס׳איז בא אײַך א מײַסע אָן אן עק. עפּשער וואָלט געווען א סוואָרע, אז ביז די זאַך וועט דאָרטן אויסגעפּאָרשט ווערן אקוראַט און ביז די ראַבינאָוויטשעס וועלן קומען אהער מיטן עטאַפּ, און מע וועט אײַך אוועקשטעלן אלע דרײַ פּאָנעם־על־פּאָנעם אף אן „אָטשנע סטאַווקע״, זאָלט איר דערווײַל זיך מאטריעך זײַן א ביסל אָפּזיצן אונטער די אײַזערנע גראַטעס?.. — — — — — — — —

מע קאָן זיך גרינג פאָרשטעלן, וואָס אינעם קליינעם שטעטל האָט זיך אָפּגעטאָן, אז אפן אָרט פון די „אָטקריטקעס מיט די דעפּעשן״, וואָס מע האָט דאָ ארויסגעקוקט צו באקומען פון דער גרויסער שטאָט, האָט זיך געלאָזט הערן א „סלוך״, אז די ראַבינאָוויטשעס גייען מיטן עטאַפּ און, אלס פאַרבײַסעכץ, האָט מען אופגעכאַפּט זייער ראָוו און אײַנגעזעצט אין טפיסע — מע ווייסט ניט פאַרוואָס...

(פאָרזעצונג קומט)

צייכענונגען — ה. אינגער

ייִדישע קולטור־נײַעס

אין לענינס שטאָט

אין זאַל פונעם לענינגראַדער קולטור־פּאַלאַץ אף ס. מ. קיראָווס נאָמען האָבן זיך פאַרזאמלט 500 מענטשן אף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט.

„די געזעלשאַפט שטעלט פאַר זיך אן אופגאַבע — אומקערן די לענינגראַדער ייִדן די מעגלעכקײַט צו אנטוויקלען זייער נאַציאָנאַלע קולטור״, — האָט געזאָגט אין זײַן ארויסטרעטונג דער מיטגליד פונעם אָרגאַניזאַציאָנעלן קאָמיטעט, דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן, מיטארבעטער פונעם לענינגראַדער אינסטיטוט פון מיזרעך־קענטענישן אי. ש. שיפמאַן.

איינער פון די קאָלעקטיווע איניציאַטאָרן פון דער געזעלשאַפט איז דער מעלוכישער מוזיי פאַר עטנאָגראַפיע פון די פעלקער פון פּססר. דער שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פון דעם מוזיי ב. וו. איוואַנאָוו האָט דערציילט, אז אין די פאָנדן פונעם מוזיי געפינט זיך א היפּשע צאָל מאַטעריאַלן איבער דער געשיכטע און עטנאָגראַפיע פונעם ייִדישן פאָלק. „מיר, רוסן, זײַנען זיכער, אז ארויסטרעטנדיק קעגן דעם אנטיסעמיטיזם, קעמפן מיר פאַרן קאָוועד און ווירדע פון אונדזער פאָלק״, — האָט אונטערגעשטראָכן דער דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן נ. וו. יוכניאָווא, א פירנדיקע וויסנשאַפטלעכע מיטארבעטערן פונעם אינסטיטוט פון עטנאָגראַפיע.

מ. קאַטליאַרסקי
(„וועטשערני לענינגראַד״)

א נײַער ייִדישער קולטור־צענטער

וועגן דער נויטווענדיקײַט אופצולעבן די ייִדישע קולטור־טעטיקײַט אין דער אוראַלטער שטאָט טשערניגאָוו האָבן גערעדט די פילצאָליקע פאָרשטייער פון דער אָרטיקער געזעלשאַפטלעכקײַט, וועלכע האָבן זיך פאַרזאמלט אין לאָקאַל פון דעם מעמאָריאַלן מוזיי פונעם קלאַסיקער פון דער אוקראַינישער ליטעראַטור מיכײַלאָ קאָציובינסקי.

אף דער פאַרזאמלונג איז באשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אין דער שטאָט א ייִדישן קולטור־צענטער. די בײַוועזנדע האָבן באהאנדלט די ריכטונגען פון דער ארבעט, וואָס די נײַע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע דאַרף פירן, קעדיי בײַקומען די איצטיקע אָפּגעפרעמדטקײַט פון דער ייִדישער קולטור און שפּראַך.

אווראָם פראַדין

א ייִדישער קלוב אין ביראָבידזשאַן

עטלעכע באַגעגענישן האָט דורכגעפירט דער קלוב פון פרײַנט פון דער ייִדישער קולטור, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין ביראָבידזשאַן בא דער געגנטלעכער אָפּטיילונג פונעם סאָוועטישן קולטור־פאָנד.

די מיטגלידער פונעם קלוב האָבן אָפּגעמערקט דעם 55־טן געבורטסטאָג פון דער ייִדישער אוטאָנאָמער געגנט מיט אן אָוונט, געווידמעט דער ייִדישער פּאָעזיע, ווי אויך מיט אנדערע אונטערנעמונגען.

באָריס מאָגילנער

זעונג

וויפל מאָל איך פלעג זיך שטרויכלען
אין וועג צום אויסגעטרוימטן צוועק,
און זיך און קיינעם כ׳בין ניט מויכל
סײַ פאַר דעם אומגעריכטן שרעק,
סײַ פאַר דעם צווייפלהאפטן קאָוועד
אין שאָטן זײַן באַם מאָגנדאָוויד,
סײַ פאַר דעם וויסטן כאַרפּע־פּלעק
אויף מיר, דעם טרויעריקן „זעק״,
סײַ פאַרן מאַנגל אויך פון מוט,
בייס כ׳האָב געטײַנעט:
אַלץ איז גוט
בא אונדז, אזויווי אין גאַניידן,
מיט פאַרגעניגנס און מיט פריידן.

געגוג מיט זיך אַליין זיך שפּאַרן —
צעקלאַפּ די פאַלשע אַקוליאַרן,
מע טאָר זיך מער ניט לאָזן נאַרן.
אויב שוואַרץ — איז שוואַרץ,
אויב ווײַס — איז ווײַס,
כאָטש די נעשאָמע זיך צערײַס.

יעדערער קאָן האָבן מוירע
און ציטערן פאַר יענעם בוירע,
וואָס איז ניטאָ, נאָר קומט אפגיך,
ווען פלײַסיק רופסט צו אים אין זיך.
עס גייט ניט דורך א לעבן סטאַם,
דעם אָוואַר ווּעסטו פאַרגעדענקען —
זײַן האָניק זיסן און זײַן סאַם.
איך הייב ניט אָן נאָך אים צו בענקען.
געוואָרגט איך האָב זיך מיט זײַן ביסן
אין פײַער־האָגלען בייסן קריג,
אין לאַגער גרויזאַם מיך געשמיסן
ער האָט אפילע נאָכן זיג.

און טאָמער... טאָמער סײַוויסײַ
קאָן אָנצינדן זיך אַלץ אפסנײַ...

ווער שולדיק איז, ניט אַלע ווייסן,
האַגאַם עס איז ניט קלאָר, פאַרוואָס
ס׳באַקומט דער מענטש די „העכסטע מאָס״?
נאָר ס׳מאַכט ניט אויס,
אבי — געהייסן...
א וווּנק —
א פונק.
און ניט פאַרגעסן:
אויף קוילען דאַרף מען ניט קיין מעסער.
ס׳ווערט קאַליע דער מאַטאָר.
און גאָר...

די לערער מײַנע...
וויל איך וויסן,
ווען ס׳האָט געדאַרפט דער זאַלפּ א שאַל טאָן
(די גענאַלע, זיי — צעשיסן!) —
ווי האָבן זיי זיך דאַן געהאַלטן?
צי מאַרקיש האָט געוואָרפן קלאָלעס,
צי ס׳האָט געזאָגט עפּעס האָפשטיין,
צי אין דער שרעקלעכער יעלאָלע
האָט דאָוויד בערגעלסאָן געוויינט...

...ס׳נעמט סטאַלין אין דער ווײַטער וואָר
א פּאַק „גערצעגאָווינא פליאָר״,
צעברעכט איין סיגאַרעטל פעסט,
אין פּיפּקע דעם טוטין פאַרפּרעסט —
צעשיט אפילע ניט קיין האָר...

די ווערטער גרויזאַמע איך שפּאָר,
ווען איך דערצייל וועגן מײַן דאָר...

• • •

הערשל פּאָליאַנקער

אין יענע שווערע יאָרן

קענסטו זיך דען פאָרשטעלן, אַז די ליטעראַטור־קענער מיזשיריצקי און וועלעדניצקי, אַט די צוויי שוואַכינקע, קראַנקע, נעבעכדיקע, גאָט די נעשאָמע שולדיק, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן געקנעלט און געקנעלט איבער די ספאָרים, ניט אָנגערירט קיין פליג אַף דער וואַנט, אַז זיי זאָלן זײַן אַנטיילנעמער פֿון אַ „שפּיאָנישן צענטער“, „טעראָריסטן“, „פּאַרעטער“?! איז עס דען ניט ווילד, קאָמיש, לעכערלעך? און דער אַלטיטשקער ספּיוואַק, דער אַקאַדעמיקער, וואָס איז אייביק געווען פאַרטאָן אין דער וויסנשאַפט און האָט די ליכטיקע שײַן פאַר זיך ניט געזען, פאַר זײַנע זעכציק יאָר ניט געקענט, ניט געהאַט קיין צײַט אַפילע כאַסענע האָבן, זיך אײַנליבן, וועלכער איז טעג און נעכט געזעסן און האָט געשריבן זײַן בוך „דער סטיל פֿון יאָסיף סטאַלינס ווערק“, וויאַזוי האָט ער, אַט דער קלוגער מענטש, זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז דער „גרויסער סטיליסט“ וועט אים, דעם געלערנטן, אײַנגיכן צעשיסן?

דאָוויד האָפשטיין... מײַן האַרציקער פרײַנט, מײַן לערער! אַ גרויסאַרטיקער ליריקער. ער פלעג דאָס האַרץ מיט דער נעשאָמע אוועקגעבן, קעדיי קומען צו הילף אַ מענטשן אונטער אַ נויט. ער האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל קיין סאָנים ניט געהאַט. אַלע — קליין און גרויס — זײַנען געווען פאַרליבט אין אים און אין זײַנע לידער. ער איז טאָמיד אַרומגעגאַנגען אַ פאַרכאָלעמטער, באַטראַכט און באַוווּנדערט די וועלט און איר שיינקייט, די מענטשן. אויב ער איז ניט געזעסן באַם שרײַבטיש איבער זײַנע מאַנוסקריפּטן, איז ער געשטאַנען און געאַרבעט אין זײַן גערוימען קאָרידאָר באַם סטאָליער־וואַרשטאַט, אַ פאַרוואַלגערטן מיט פאַרשיידענערליי אינסטרומענטן, העמערלעך, סטאַמעסקעס, אַ הובל, אַ האַק, אַ זעג, פלאַכצוואַנגלעך, אַ שוסטער־בענקעלע, און טאָמיד האָט ער עפּעס צוגעקלעפּט, געשניצט, געמײַסטרעוועט. צו אים פלעגן אַרײַנקומען צענדליקער מענטשן און שטערן אַרבעטן, נאָר ער האָט זיך אַף קיינעם ניט געבייזערט, אַלעמען האָט ער אויסגעהערט, געגעבן אייצעס, אוועקגעגעבן פֿון דער שטוב דאָס לעצטע. ער איז געווען צעשטרייט, שטענדיק פאַרטראַכט, געכאַפּט אַ בלײַער און ווו עס האָט זיך געמאַכט, אַרײַנגעשריבן אַ נײַע שורע, וואָס איז געקומען אין קאָפּ, פאַרצייכנט אַ גראַם, וואָס ער וועט אַמאָל אויסניצן. ער האָט זיך געקאָנט אָפּשטעלן מיט אונדזער דוואָרניק, אין שאָענווײַז באַטראַכטן פאַרשיידענע פּראָבלעמען, אַשטייגער, ווו קריגט מען אַ קישקע, קעדיי באַגיסן דאָס גראָז, עס זאָל ניט אויסגעברענט ווערן פֿון דער זון. ער פלעג פאַנאַנדערקלײַבן מיט די הויף־ייִנגלעך פאַרשיידענע קאָנפליקטן און קריגערײַען. אַ מענטש — די גוטסקײַט אַליין!

האָט מען אים פאַרשפּאַרט אין טורמע און אָנגעוואַלגערט אַף אים דער רויך ווייסט וואָס! אַ נאַיווער, האַרציקער מענטש, האָט ער זיך ניט געקאָנט פאַרטיידיקן, זיך קעגנשטעלן אַט די אָנגעבלאָזענע טורמע־מײַסערס וואָס האָבן אים געדאַרפט באַווײַזן, אַז ער איז דאַפקע יאָ אַ... „שפּיאָן“, אַ „סוינע פֿון פאָלק“, וואָס איז געווען אין עפּעס אַ מיפישן „צענטער“, אין געדינט דעם טערקיש־עפּיאָפּישן אימפּעריאַליזם און דער גאַנאַלולער אויסשפּירונג־נעץ...

סאַראַ ווילדע געשיכטע! מע האָט בעפּײרעש געדאַרפט פאַרמאָגן אַ פּסיכיש־קראַנקע פאַנטאַזיע, קעדיי דערגיין צו אַזאַ מעשוגאַס!

פּאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 4, 6, 1989.

„סאָנים פון פאָלק"... אויב זיי זײַנען סאָנים, ווער זשע זײַנען די פרײַנט? אָט די אָנגעדראָלענע, קאָלטע טורעמשטשיקעס? די טורמע־אופזעער?

יאָ, עמעס, ניט ווייניק מענטשן, וואָס ארבעטן אין דעם אנשטאַלט, קוקן אַף אונדז מיט מיטגעפיל, פארשטייען, אז דאָס, וואָס מע וויל אונדז „צונייען", איז אָנגעטראכט. די גאנצע געשיכטע גייט ניט פון אוקראַינע, נאָר פון דאָרטן, פון מאָסקווע, פון סאמע־סאמע. איינער פון די אויספאָרשער האָט זיך אפילע צופעליק ארויסגעכאפּט מיט א וואָרט, געזאָגט, אז ווען מע באקומט דאָ ניט קיין צעטל פון „דאָרטן" מיט אן אָנווײַזונג, ווען מע זאָל ארעסטירן, וואָלט דאָ קיינער ניט געטראכט אונדז באומרוּיִקן. נאָר אויב עס איז געקומען אזא אָנווײַזונג, איז דאָך ניט שײַעך.

פארגיט מען אונדז ווילדע פראגעס, אין וועלכע זיי, די אויספאָרשער, גלייבן אליין ניט. זיי זײַנען געצוואונגען אָנטיילנעמען אין דער גרויסער שפּיל. כוץ דעם, באקומט מען דערפאר געהאַלט, העכערע טשינעס, אנדערע פּריווילעגיעס.

און אָט זיצט פאר דעם אויספאָרשער א „באשולדיקטער". דער אויספאָרשער ווייסט וועגן דעם קאָרבן אַלץ — אין וואָס יענער איז שולדיק און אין וואָס ניט. ער הערט אופמערקזאם, וואָס יענער ענטפערט, דערציילט וועגן זיך, וועגן זײַנע באקאנטע. אָפט הערט זיך דער אויספאָרשער אײַן און פארשטייט גאנץ גוט — ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. אָך, ווי עס אנטבלויזט זיך צומאָל דער כאראקטער פון די באשולדיקטע. איינער איז גרייט פארקויפן פאר א גראָשן זײַן באקאנטן, זײַן פרײַנט, אַלץ צושרײַבן יענעם. דער צווייטער סטאַרעט זיך געפעלן ווערן דעם אויספאָרשער, אויסנעמען אין יענעמס אויגן, אַלץ איז ער גרייט אונטערשרײַבן, נעמען אַף זיך, ער פארשטייט ניט, אז דאָס, וואָס ער וויל ארופוואַרפן אַף יענעם, פאלט אויך אַף אים אליין און עפשער נאָך אין א גרעסערער מאָס. עקל רופן ארויס באַ עכטע אויספאָרשער ליגנים, פּליאָטקעס, פלאָפּלערײַ, קריוודע, כיטרעקײַט — דאָ ווײַזט זיך באזונדערס ארויס פּרינציפּלאָזיקײַט, פאלשקײַט...

יענער פארשוין, דער בעלעטריסט ק., וועלכן מע האָט פאר מיר ארויסגעשטעלט בייס דער „אָטשנע סטאַווקע", — זײַן פאלשקײַט, ליגן, רעכילעס — האָט צעשטערט דעם גאנצן איניען, זײַנע „באַווײַזן" האָבן מיך ניט געקאָנט קאָמפּראָמעטירן, פארקערט! אָבער אָט דעם „איידעס" האָט מען ארויסגעשטעלט פאר א גאנצער ריי אונדזערע מענטשן, און די אויספאָרשער האָבן געזען זײַן פאלשקײַט און עקלדיקײַט און אים פײַנט באקומען. און וואָס האָט יענער טײַוול דעראָבערט זיך? אונדז האָט מען, עמעס, געהאָדעוועט מיט קוליש, פארזשאווערטע טיולקעס, און אים האָט מען אונטערגעוואָרפן א ביינדל, א שטיקל פלייש, א קאָטלעט, נאָר דעם נאָמען זײַנעם האָט ער פארמיִעסט אַף דאָר־דויִרעס...

ווען דו וואַרטסט אַף דעם אורטייל

די צײַט האָט זיך געצויגן מעשוגענערהייט פּאמעלעך. און עפשער האָט זי זיך אינגאנצן אָפּגעשטעלט און זיך אופגעהערט באַוועגן?

נאָך דעם, ווי איך האָב זיך באגעגנט מיט מוזיקען, האָב איך א טראכט געטאָן, אז די איינצלקאַמער איז א גאַניידן...

כאָטש מע קאָן ניט זאָגן, אז איך בין דאָרטן געווען איינער אליין, מיך האָבן אָפּטלעך, דעריקער די ערשטע צײַט, באזוכט עטלעכע זשוהאַווע, ספּריטנע וואָראָבייטשיקלעך, זיך געשטעלט אַף די פארזשאווערטע גראַטעס פון מײַן פענצטערל, געצוויטשערט, וואַרטנדיק, איך זאָל זיי אויסשיטן עפּעס עסן, אָבער נאָך דעם, ווי איך האָב שוין א פּאָר מאָל ארײַנגעכאַפּט א בייזן פּסאַק פון מײַן שטרענגן אופזעער, נאָך זײַנע דראָונגען, אז מע וועט מיך פארשפּארן פאר אזעלכע זאכן אין קאַרצער, האָב איך אופגעהערט מעכאַבעד זײַן מײַנע געסט מיט ברעקלעך, און די פייגעלעך, מיינענדיק, אז איז בין א קאַרגער און זשאַלעווע זיי ברעקלעך פיטער, זײַנען בארויגעז געוואָרן אַף מיר, אופגעהערט מיך באזוכן — פארווײַלן אין דעם לעבעדיקן קייווער.

אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן האָט א ווינטל, דורכרײַסנדיק זיך דורך די גראַטעס, פארטראָגן צו מיר אין קאַמער א פארזשאווערט בלעטל, דערמאָנט, אז עס לאָזט זיך שוין אויס דער הארבסט און עס דערנעענטערט זיך דער ווינטער. איך האָב זיך מיטן געשאַנק פונעם ווינטל שטאַרק

דערפרייט, פאַרזיכטיק אופגעהויבן פונעם דיל, א בלאָז געטאָן — און דאָס בלעטל האָט גענומען קרײַזן איבער דער קאמער, פארשאפנדיק מיר א ביסל פארגעניגן. דער וואכנדיקער אופזועער האָט דאָס אָבער באמערקט, אָנגעקלאפט בײַז און דראָענדיק מיטן פויסט אין טיר, געוואָרנט, איך זאָל זיך ניט באלעווען אין קאמער. מיט דעם זיך ניט באנוגנט. ארויסגערופן דעם דעזשורנעם נאטשאלניק, א פעמפיקעוואטן פאָדפאָלקאָווניק. יענער איז ארײַן צו מיר אין קאמער, גענומען אין די פעטע הענט דאָס בלעטל, טיפזיניק עס באטראכט, דערנאָך איבערגעפירט דעם בליק אפן פענצטערל, לאנג מיט כשאד געקוקט ארום, צי גיב איך ניט מיטן בלעטל עמעצן אף דער פרײַ קיין צייכן? דער פעמפיקע־וואטער האָט באהאלטן אין קעשענע דאָס בלעטל, באפוילן דעם נאדזיראטעל, וואָס איז געשטאנען הינטער דער טיר, ער זאָל ארײַנטראָגן דעם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ אהער, אין קאמער, דערנאָך אופמערקזאם באלויכטן און דורכגעקוקט יעדער ווינקעלע, דעריקער הינטערן אײַזערן בעטל. ער האָט זיך איבערצײַגט, אז קיין זײַטיקע זאכן, קיין געווער, קיין טינטער, קיין בלײַער, קיין פאפיר האָב איך ניט באהאלטן, מיט רעציכע א קוק געטאָן אף מיר און געוואָרנט, אז אויב איך וועל זיך אזוי אופירן אין קאמער, וועט מען מיך שטרענג באשטראָפן. דורכגעפירט די „אָפעראציע", האָט ער רויק פארלאָזט מײַן קאמער.

אזויארום האָב איך אָנגעווירן די איינציקע פארווײַלונג, דאָס בלעטל, און ווידער געמאָסטן א גאנצן טאָג די קאמער, שוין וויפל טויזנט מאָל פאר דער צײַט, וואָס איך געפין זיך דאָ, איבערגע־ציילט די עטלעכע אויסגעריבענע ברעטלעך פונעם דיל.

א פארשאָלטענע טורמע, א פארשאָלטענע קאמער!

ווען ניט דער פארזשאווערטער קאָלפעק, דער „דאשעק", וואָס איז געהאנגען אף דעם קליינינקן טורמע־פענצטערל, וואָלט איך כאָטש געקאָנט זען פאר זיך א פאסיקל הימל, ווו עס פליט דורך צומאָל א טויב, ווו עס שנײַדט דורך דעם הימל אן עראָפלאָן...

נאָר דער „דאשעק" אפן פענצטערל האָט זיך בלויז צעשאָקלט, ווען דער ווינט פון יענער זײַט איז געוואָרן שטארקער, כאָטש איך האָב געטרוימט, א שטורעמווינט זאָל אראָפרײַסן דאָס פארזשאַ־ווערטע שטיקל בלעך. אך, וואָלט זיך געוואָלט דערזען דעם קיִווער הימל, אין וועלכן איך בין אזוי פארליבט!

נאָר ווי אפצולאָכעס איז אזוינס ניט געשען, און איך האָב אין הארצן פארשאָלטן מיט די לעצטע קלאָלעס דאָס פענצטערל, וואָס האָט געקוקט אף מיר פון אונטער דער סאמע סטעליע און נישט ארײַנגעבראכט ניט קיין לופט, ניט קיין פאסיקל לעבעדיקע שײַן.

אָבער, ווי זאָגט מען עס, גאָט איז א פאָטער! כאָטש קיין סאך פרייד און אויסלייזונג קאָן ער ניט ברענגען דעם ארעסטאנט אין אזא וויסטן אנשטאלט, אָבער ראכמאָנעס ווײַזט ער אמאָל ארויס אויך דאָ. אין איינעם א פרימאָרגן, שפאנענדיק אזוי איבער מײַן קאמער, האָב איך הינטערן סאמע פענצטערל, אין א ווינקל, דערזען א קוואדראט שטיקל פאוועטיניע, איבער איר האָט מיט גאדלעס ארומגעשפאנט א שפין און אקוראט, אויסגערעכנט, מיט קענטעניש און געניט געארבעט. פאר מײַנע אויגן האָט זיך צוביסלעך פארברייטערט דאָס שפינוועבס.

פון מאָל צו מאָל האָב איך זיך אָפגעשטעלט, עטלעכע ווײַלעס געשפירט נאָך דער איידעלער טירכע פון דער פילפיסלדיקער וועבערן. כ'בין געווען אנציקט פון איר מײַסטערשאפט. זי האָט זיך אויך פון מאָל צו מאָל אָפגעשטעלט אפן „לײַוונט", זעט אויס, איבערגעכאפט דעם אָטעם, באטראכט, צי גייט די מײַסע ראיעל, לויטן פארטראכט, און פאָרגעזעצט דאָס וועבן.

מײַן נײַע פארווײַלונג — שפירן, ווי דאָס שפינעלע ארבעט, האָט מיך געפרייט, אָפגעווענדט א ביסל פון די שווערע געדאנקען. פאָרט א ביסל גרינגער!

די צײַט איז אוועק, דאכט זיך, שנעלער נאָך דעם, ווי מע האָט מיך איבערגעפירט אין א גרעסערער קאמער, ווו עס איז געזעסן נאָך איינער א גאָר „געפערלעכער" פאָליטישער פארברעכער. דאָס איז געווען א דארינקער, אײַנגעשרומפענער רויטקעפיקער קאָלווירטיק פון דער שכיינישער פאָלעסיע, א גוטמוטיקער אלטיטשקער מיט א פאָר ליכטיקע, פארדײַגעטע אויגן און העלע וואָנצעס. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א פאָר אויסגעטאָפטשעטע לעדערנע לאָפטיעס, אין א לאנג העמד פון לײַן איבער די קני. ווען איך האָב זיך באוויזן אף דער שוועל פון דער נײַער קאמער, איז דער פויער אופגעשטאנען, לאנג מיט אינטערעס און עטוואָס מיט פאכעד געקוקט אף מיר, ער האָט זיך פאר מיר נידעריק פארנייגט, געוואָלט עפעס זאָגן, נאָר דערזען, ווי דער נאדזיראטעל פון יענער זײַט טיר קוקט אופמערקזאם אין „גלאזאָק", האָט ער זיך אָפגעקערט פון מיר, זיך אראָפגעלאָזט אף זײַן בעטל און געשוויגן.

נאָר אָט האָט זיך דערהערט אין קאָרידאָר א גערודער, דער געקלאנג פון עמערס, שיסעלעך, און דער שאָכן מײַנער איז אופגעשטאנען פון אָרט, גענומען אין ווינקעלע, אף דער טומבאָטשקע א שיכעלע פון אליומיני, דעם לעפל און צו מיר א ווונק געטאָן, איך זאָל אויך נעמען א שיסעלע, ווײַל דאָס טראָגט מען אונדז דאָס ביסל קאָנדיאָר.

אין א פאָר מינוט ארום האָט זיך צעעפנט אונדזער „קאָרמושקע" און דער קעכער האָט אונדז מיטן גרויסן טשערפאַק־לעפל אָנגעגאָסן א ביסל געקעכטס, געגעבן שטיקלעך ברויט. מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט אף די ראַנדן פון אונדזערע בעטלעך און גענומען שטילן דעם הונגער. לוקא קוזמיטש — מײַן שאָכן — האָט געגעסן מיט געשמאַק. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אז זײַן היים געפינט זיך ווײַטלעך פון דער שטאָט, אין פּאָלעסיע, אין דאָרף רודיווקע. ער געפינט זיך שוין דאָ א האַלב יאָר און זײַן מאַלאַנקע איז נאָך קיין איין מאָל ניט געקומען אהער, ניט איבערגעגעבן קיין סוכאַרעס, קיין שטיקל סאַלע, קיין אָנטאָן. און ווי קאָן זי קומען אהער, אז זי זיצט אין שטוב מיט פינף קליינע קינדער און דאָס לעצטע איז נאָך קיין יאָר ניט אַלט. זי האָט עס נאָך אפילע ניט אַנטוויינט. ווי זשע קאָן זי וואַרפן די שטוב, די בעהיימע און קומען אהער, עפּעס איבערגעבן, זיך דערוויסן וואָס און ווען? כאָטש אפילע ווען זי דערשלעפּט זיך אהער, וואָלט זי זיך אויך גאָרניט ניט דערוווסט. א דאָרפישע באַבע, א מעלקערן אין קאָלווירט, א בעזגראַמאָטנע, ווער פון די נאַטשאַלניקעס וועט מיט איר וועלן ריידן?!..

לוקא קוזמיטש האָט פון מאָל צו מאָל אוועקגעלייגט דעם לעפל, געווישט מיטן אַרבל די נאַסע וואָנצעס, ווידער גענומען ריידן:

— יאָ, פונדאַנען, האָב איך געהערט זאָגן, איז שווער ארויס אף דער פרײַ. דאָ זיצן אויסשליסלעך גראַמאָטנע מענטשן, פּאָליטיטשעסקע, „סאָנים פון פאָלק". כאָטש איך בין שוין פאָר דער צײַט אויסגעוווען דאָ אין א סאַך קאַמערן, מיט א סאַך אַרעסטאַנטן און זע, אז דאָ זיצן זייער אינטעליגענטנע מענטשן... איך האָב אין קאַמער באַגעגנט צוויי פּראָפעסאָרן, עמעס, ניט פון דאָקטוירײַ. איך האָב זיי געפרעגט, וואָס דאַרף איך טאָן, די פיס זאָלן בא מיר ניט אזוי שטאַרק דרייען, איך מאַטער זיך מיט א רעמאַטיז... בא אונדז אין פּאָלעסיע זײַנען אומעטום בלאָטעס און דער רעמאַטיז מוטשעט מיך, ניט אויסצוהאַלטן! האָבן די פּראָפעסאָרן מיר געזאָגט, אז אין די זאַכן פאַרשטייען זיי פּונקט אזוי, ווי איך. לאָזט זיך אויס, דאָס זײַנען אזעלכע פּראָפעסאָרן, וואָס פאַרשטייען אין גראַמאַטיק אָדער מאַטעמאַטיק — ווער ווייסט... נאָר זיי זײַנען, זעט אויס, גרויסע קעפּ. ביידע אין ברילן...

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, נאָך אַלץ באַטראַכטנדיק מיך מיט אינטערעס, און פאָרגעזעצט:

— איך זע, אז איר דאַרפט אויך זײַן ניט פון די פּראָסטע מענטשן...

— א געוויינלעכער מענטש... אזא מין אַרעסטאַנט, באַטיא, ווי איר...

— ניין, ניין! דאָס זאָלט איר ניט זאָגן! — האָט מײַן שאָכן זיך געכאַפּט, — וואָס זשע, מע זעט גלײַך ניט, אז איר זײַט פון די גראַמאָטנע?.. אוי, ווען די נאַטשאַלניקעס גיבן אונדז א ביסל פּאַפּיר מיט א בלײַער, וואָלט איך אײַך געבעטן, איר זאָלט מיר אָנשרײַבן צום כאַווער קאַלינין אָדער צום כאַווער סטאַלין א זשאַלאָבע... — ער האָט אָפּגערוקט פון זיך דאָס אויסגעליידיקטע שיסעלע און זיך צוגעזעצט נעענטער צו מיר. — נו, זאָגט אַליין, איז דאָס גערעכטיקײַט, אז מיר האָט מען געגעבן א סטאַטיא 8 — 58, און איר ווייסט, סאַרא ביטערע זאַך? טעראָר... איך, לוקא קוזמיטש, בין א טעראָריסט... איר הערט? מע נייט מיר 25 יאָר, אויב ניט ערגער. און פאַרוואָס? איך איזוויניאיע זיך, נאָר הערט, וועל איך אײַך דערציילן. מײַן עלטסטע טאָכטער לעסיע — צען יאָר אַלט — האָט ארויסגעטריבן מאַשקען, אונדזער בעהיימע, זיך פּאַשען ניט ווײַט פון אונדזער כאַטע. א קינד, א שוואַכס. ארויסגעטריבן די בעהיימע זיך פּאַשען, זיך אויסגעצויגן אפן גראָז און איז אנשלאָפן געוואָרן... א קינד... וואָס ווילט איר פון דעם? מאַשקע אונדזערע, א פּאַהיבעל אף איר, האָט זיך דערפילט פרײַ, ארײַן אין האָבער און א שטשיפּע געטאָן... דאַרף דער ניט־גוטער אָנטראָגן אונדזער פּאָרזיצער פון קאָלכאָז. דערזען מאַשקען, האָט ער זי גענומען פאַרן ליגאַטש, אוועקגעפירט צו דער קאָנטאָר און זי פאַרשלאָסן אין א פּוסטער קלוניע אנטקעגן זײַן קאַבינעט... א כאָליערע אף אים, וואָלט ער איר כאָטש אונטערגעוואָרפן א ביסל היי, שטרוי, גראָז — הייבט זיך ניט אָן! זאָל זי, זאָגט ער, פּייגערן! ווער האָט איר דערלויבט זיך פּאַשען אין קאָלווירטישן האָבער?!..

זיך דערוווסט, וואָס איז געשען מיט מײַן מאַשקען, לויף איך אוועק אָן א נעשאָמע צו אונדזער פּאָרזיצער און בעט זיך בא אים, ער זאָל ארויסלאָזן מײַן בעהיימע אף דער פרײַ. איך וועל באַצאָלן שטראָף, כאָטש איך האָב בלויז איין דרײַערל אין שטיב. נאָר אונדזער פּאָרזיצער, א מאַקע זאָל אים טרעפן, זיצט א שיקערער און וויל פון גאָרנישט ניט הערן. „ניע פּושטשו!" — שרײַט ער. עס גייט דורך א האַלבער טאָג, א טאָג — ער לאָזט ניט ארויס מאַשקען! וואָס וועסטו זאָגן! א כאָליערע. מאַשקע רעוועט, קומט שיר ניט אום, זי וויל עסן, א טרונק, מע דאַרף זי מעלקן. נאָר יענער לאָזט זי ניט ארויס, און גיי זאָג אים עפּעס!

צוויי טעג האָט ער די בעהיימע געהאַלטן אין קלוניע, אָן עסן, אָן טרינקען, ניט געמעלקט. און גאָרניט! רעד צום לאָמפּ. דאָס גאַנצע דאָרף בעט אים, דעם סאַטאַנא, ער זאָל ארויסלאָזן די בעהיימע. עס העלפט ניט! מאַשקע וועט אָט־אָט אָפּוואַרפן די קאָפּיטעס, אומקומען. און יענער וויל גאָרנישט ניט הערן. דעם דריטן טאָג בין איך געקומען צו אים צו לויפן מיט א געוויין, פאַל פאַר

זײַנע פּיס, מײַן מאַלאַנקע בעט אים, שטעקט אים דאָס דרײַערל, וואָס איז געווען אין שטוב. די קינדער מײַנע וויינען, נישטאָ קיין ביסל מילך זיי אָנהאָדעווען, כאָטש לייג זיך אַוועק און שטאַרב. און דאָ האָב איך ניט אויסגעהאַלטן. די נערוון האָבן בײַ מיר געפּלאַצט — אַזוי בין איך אַ שטילער מענטש, דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט, אַף קיינעם ניט אויפגעהויבן די האַנט, נאָר דאָ האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און זאָג דעם פּאָרציצער, ברענען זאָל ער אַפן העלן פײַער: — פּעטראָ איוואַנאָוויטש, דערלאָז ניט צו קיין זינד. אויב דו לאָזט ניט אַרויס מאַשקען... — און איך האָב אַ הייב געטאָן דעם נאַליגאַטש... ניט געשלאָגן, כאָלילע, נאָר געדראָט... און וואָס מיינט איר, דאָ איז דורכגעפאָרן דער נאַטשאַלניק פון אונדזער ראַיאָנישער טשעקאַ, דער פּאָרזיצער האָט אים אַרײַנגערופן און געזאָגט, אַז איך בין אַ טעראָריסט, קלוימערשט, געוואָלט הארגענען אים, דעם פּאָרזיצער פון קאָלווירט... און וואָס מיינט איר, יענער האָט אַרײַנגעשריבן אין פּראָטאָקאָל דער רועך ווייסט וואָס, און באַנאַכט זײַנען אַהער געקומען צוווייען פון ראַיאָן און מע האָט מיך אַוועקגעפירט. פריִער געהאַלטן אין ראַיאָן, און שפּעטער אַוועקגעפירט אַהער, קיין קיִעוו... און אָט זיץ איך שוין העכער אַ האַלב יאָר... אַ טעראָריסט בין איך געוואָרן... אַזוי... און דאָרטן מאַטערט זיך מיט פינף קינדער מײַן מאַלאַנקע און איך ווייס ניט, צי מאַשקע לעבט, צי איז כאָטש דאָ אין שטוב דאָס ביסל מילך...

מער ווי צוויי וואָכן בין איך געווען אין איין קאַמער מיטן „געפּערלעכן טעראָריסט", מיטן „גרויסן מעלוכישן פאַרברעכער", און ער האָט אַלץ געכאַלעמט, מע זאָל אים געבן אַ בלײַער מיט אַ פּאָר בלעטלעך פּאַפּיר, איך זאָל אים אָנשרײַבן אַן אָנקלאָגע צו קאַלינינען אָדער סטאַלינען... זאָל מען אים געבן פינף און צוואַנציק, צוואַנציק יאָר, נאָר ניט שיסן. עס וואַרטן דאָך אַף אים דאָרטן, אין פּאָלעסיע, אַ ווײַב מיט פינף אומבאַהאָלפענע אייפעלעך. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט?

איך בין לאַנג געזעסן אין אַן איינצל־קאַמער און ניט געזען פאַר זיך קיין לעבעדיקע באַשעפעניש, קיין מענטשן, ניט געהאַט, מיט וועמען זיך איבערוואַרפן מיט אַ וואָרט. און האָב מיט אינטערעס אויסגעהערט די געשיכטע פון מײַן שאָכן. אָבער אין דער צײַט האָבן אונדזערע אופזעער אַלץ אָפטער אַרײַנגעקוקט אין „גלאַזאָק". דאָס, וואָס מיר האָבן די גאַנצע צײַט גערעדט, האָט אַרויסגערופן כשאַד בײַ די היטער און מע האָט וועגן דעם איבערגעגעבן דער נאַטשאַלסטווע — עפּעס צו אַ סאַך ריידן צווישן זיך דער „טעראָריסט" פון פּאָלעסיע און דער „אַגענט פונעם וועלט־אימפּעריאַליזם", צי גרייטן זיי ניט קיין נײַע פאַרשווערונג קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד...

דעם צווייטן טאָג האָט מען אונדז צעשיידט, און איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אַ נײַער קאַמער, וווּ עס זײַנען געזעסן צוויי „מעלוכישע פאַרברעכער". אַ שלאַנק שוואַרצביינעוודיק ייִנגל פון אַ יאָר פופצן מיט אַ שמאָל לענגלעך פּאָנעם, אַ באַשאָטנס מיט קלייען. אַ שילער פון אַ מיטלשול. דער פאָטער איז אומגעקומען אַפן פראָנט, די מוטער איז געווען אַ נייטערין אַף אַ ניי־פאַבריק. וויטאַליק. ער האָט אָנגעטראָפן אין דעם אַנשטאַלט אויך ווי אַ שטיקל טעראָריסט. און ניט קיין געוויינלעכער. ער איז געזעסן אין קלאַס און עס איז אים געווען גאַנץ אומעטיק, ווײַל דעם לימעד האָט געפירט זייער אַ נודנער לערער פון מאַטעמאַטיק.

שלאָפן האָט זיך שטאַרק געוואָלט, און קעדיי אָפּפירן פון זיך דעם שלאָף, האָט וויטאַליק אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל אַ לערנבוך פון דער נײַער געשיכטע און אָנגעהויבן באַטראַכטן די בילדלעך.

באַטראַכטנדיק דאָס פּאָרטרעטל פון דעם הויפּט פון אונדזערע פּראָפאַריינע שווערניקן, האָט זיך וויטאַליקן אויסגעוויזן, אַז אים, שווערניקן, וואָלט געפּאַסט אַ בערדל. ניט לאַנג געטראַכט, האָט דער באָכערעץ געקראָגן אַ רויטן בלײַער און אָנגעמאָלט שווערניקן אַ באָרד, ער האָט אויך עטוואָס צוגעגלײַכט די געדיכטע ברעמען...

דער לערער איז אַרײַן אין גרימצאָרן, דערזעענדיק וויטאַליקס אופּטו. ער האָט אים אַרויסגעטריבן פון קלאַס, געהייסן שיקן די מאַמע צום דירעקטאָר און דעם בוך אַרײַנגעלייגט צו זיך אין פּאָרטפעל.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען וויטאַליקן אײַנגעזעצט אין טורמע, ווי אַ פּאָליטישן פאַרברעכער. זײַן גליק, וואָס ער איז נאָך געווען יונג און מע האָט אים ניט געקאָנט געבן די „קאַטושקע" פאַר איזדיעקעווען זיך איבער איינעם פון דער אָנפירונג פון דער מעלוכע... נאָר צען יאָר האָט מען אים צוגעזאָגט.

דער צווייטער שאָכן מײַנער איז געווען אַ געוועזענער אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע. בײַס די שלאַכטן אַפן קורסקער בויגן איז ער, לאָגינאָוו, געפלויגן אַף אַ באָמבאַרדירער. איינמאָל באַקומט ער אַ באַפעל צעבאָמבירן אַן אײַזנבאַן־קנופּ, וווּהין עס זײַנען אָנגעקומען דײַטשישע טאַנקען און אַרטילערישע באַטאַרייעס. ער האָט דורכגעפירט די אָפּעראַציע גאַנץ געלונגען, נאָר אַף צוריקוועגס, האָבן די דײַטשישע זעניטלער אונטערגעצונדן דעם באָמבאַרדיראָווטשיק און די פליִער זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען אַף פאַראַשוטן. לאָגינאָוו איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט צו די דײַטשן, ער האָט אַפילע ניט באַוויזן זיך אַרויספּלאָנטערן פון די סטראָפּעס פונעם פאַראַשוט. מע האָט אים אַרײַנגעזעצט אין אַ קעלער. באַנצפרי רופט מען אים אַרויס אין שטאַב, און אַ דײַטשישער נאַטשאַלניק לייגט אים פּאָר

שענקען דאָס לעבן, נאָר מיט אַ טנאַי: מע וועט אים געבן אַ ראַדיאָסטאַנציע, און ווען עס וועט נאַכט ווערן, וועט מען אים איבערפּעקלען אויף יענער זײַט וואַלד, ער זאָל דורך דער ראַציע איבערגעבן ידיעות פון דער סאָוועטישער פאָדערשטער ליניע...

לאַגינאָוון איז ניט געפעלן געוואָרן פראָסט און לעפיש אָפּגעבן דאָס לעבן, און די צווייטע נאַכט, ווען זײַן פּאַראַשוט מיט דער גאַנצער באַלעבאַטישקײַט, וואָס די דײַטשן האָבן אים געגעבן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער זײַט, האָט ער זיך דערקלייבן צו זײַן אַוויאַ־דיוויזיע, דערציילט, וואָס מיט אים איז געשען, און מע האָט אים גלײַך אָפּגעשיקט אין זײַן עסקאַדריליע. ביזן סאָף מילכאָמע איז ער געפלויגן אויף באָמבאַרדירער, און פאַר זײַן העלדישקײַט באַקומען עטלעכע שלאַכט־אָרדענס.

ער האָט שוין געאַרבעט אויף אַ מאַשינבוי־זאַוואָד בײַ זיך אין דאָנבאַס, איז געווען אַ בעקאָוועדיקער בריגאַדיר, אַ דעפּוטאַט, אַ קאָמוניסט, נאָר אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער מענטש איז געווען עטלעכע שאָ בײַ די דײַטשן... און מע האָט עס אים דערמאָנט. מע האָט דעם „פאַרעטער" אײַנגעזעצט אין טורמע.

און ער איז געזעסן מיט אונדז אין קאַמער. מעגלעך, אַז קיין פינף און צוואַנציק יאָר וועט מען אים ניט געבן: פאַרט זיך געשלאָגן אויפן פראָנט, נאָר פּופּצן פאַר „פאַראַטן" דאָס היימלאַנד וועט ער געוויס באַקומען, און פונדאַנען אָפּגעשיקט ווערן און אין איינעם פון די ספּעציעלע רעזשים־לאַגערן פון בעריאַס פּאַראַפיע...

ניט איין קאַמער איז מיר אויסגעקומען בײַטן פאַר דער צײַט, כ'האָב זיך אָנגעהערט גענוג געשיכטעס פון די „סאָנים פון פאָלק", „טעראָריסטן", „שעדיקער", „אַגענטן פונעם וועלט־אימפּעריאַליזם", נאָר קיין ווירקלעכן „פאַרעטער" ניט באַגעגנט. און געטראַכט, אויב מיט אומשולדיקע מענטשן זײַנען איבערגעפּילט די קאַמער, קאָנען געוויס די ווירקלעכע סאָנים, שפּיאָנען, אַגענטן אַרומשפּאַצירן אויף דער פרײַ...

איך געזעגן זיך מיט מײַן „גאַניידן"

איך האָב געוואַרט אויף מײַן פּסאַק־דין, אויף מײַן אורטייל. די צײַט האָט זיך געצויגן. מע האָט מיר געזאָגט, אַז עס וועט זײַן אַ פּראָצעס און מע וועט מיך צוזאַמען מיט מײַן „נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסאָוועטיש־שפּיאָנישער אָרגאַניזאַציע", דעם „צענטער", מישפּעטן, און איך וועל באַקומען לויטן געזעץ, וואָס עס קומט מיר. די אָרגאַנען האָבן אַנטדעקט און אַנטשעדיקט אַ „שרעקלעכע אָרגאַניזאַציע", וואָס האָט געוואָלט זיך פאַרקויפן דעם וועלט־אימפּעריאַליזם און איצט איז שוין געבליבן ניט קיין סאַך צײַט, מע זאָל זיך מיט אונדז אָפּרעכענען...

דערווײַל איז געקומען דער ווינטער מיט זײַנע פרעסט און ווייגעס. וועגן „פּראָצעס" האָבן מיר גאָרניט געהערט. אָנשטאָט דעם האָבן די אויספאָרשער געזאָגט, אַז ווײַבאַלד איך האָב גאָרנישט ניט „אַנערקענט" פון מײַנע „פאַרברעכנס", וועלן זיי איבערגעבן מײַנע ווערק אויף אַן „עקספּערטיזע" „קאָמפּעטענטע" ליטעראַטן, און זיי וועלן מיר דערווײַזן, אַז אַלץ, וואָס איך האָב אָנגעשריבן פאַר די יאָרן פון שאַפונג, איז אויסגעשפּראָכענע קאָנטער־רעוואָלוציע און נאַציאָנאַליזם, און פאַר דעם קומט צען יאָר לאַגער...

דאָ איז מיר געוואָרן עטוואָס גרינגער, ווײַל וואָס־וואָס, נאָר דאָס איז בײַ מיר נישטאָ. אין אַזעלכע כאַטאָיִם האָט מיך קיינער פון מײַנע קריטיקער און רעצענזענטן קיינמאָל ניט באַשולדיקט.

עטלעכע כאַדאָשים האָבן אַנאָנימע „וויסער" פון ליטעראַטור מיך „רעצענזירט". צווישן זיי זײַנען געווען אויך איינציקע מײַנע באַקאַנטע, וועלכע האָבן געדרוקט מײַנע ווערק און אַפילע פּאָזיטיוו זיי רעצענזירט. נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איצט האָבן זיי געגעבן שלוס־אויספירן אַזעלכע, וועלכע די אויספאָרשער האָבן בײַ זיי באַשטעלט...

עמעס, די „עקספּערט־קאָמיסיע" האָט באַקומען אין דעם אַנשטאַלט זייער אַ סאָלידן האָנאָראַר פאַר איר „טירכע"...

פאַרשטענדלעך, ווען אַ נאָרמאַלער מענטש לייענט איבער עטלעכע שורעס פון דער „עקספּערטיזע", וואָלט ער גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס זי איז ווערט.

נאָר קיין „פּראָצעס“, קיין „מישפּעט“ איז ניט געווען. געווען איז אין יענער צײַט אַן אַזויגערופֿענע „טראָיקע“, צו איר האָב איך ניט געהאַט די זכיה דערגיין. איך וואָלט גערן אַ קוק געטאָן אויף די לײַט, אויף די קאַלטבלוטיקע הענקער, וועלכע שיקן אויף טויט און אין די שרעקלעכע לאַגערן צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן, באַרימטע, בעקאַוועדיקע, מיט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַרן פֿאָלק. כּוץ אָט דעם „אָרגאַן“, איז געווען נאָך אַ מער געהויבענער. מיט אים האָט אָנגעפֿירט פּערזענלעך דער אויבער־טאַליען לאַווּרענטי... דאָס איז געווען די „באַזונדערע באַראַטונג“, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ גורל אויפֿן גאַנצן פֿאָלק — דאָ האָט מען ניט געדאַרפֿט אַפֿילע קיין אָנדײַט אויף געזעצלעכקײַט, אָדער יושער. מע האָט צונויפֿגעשטעלט צעטלען פֿון טויזנטער מענטשן, און דאָס איז געווען גענוג, קעדיי אַרויסשיקן אין די לאַגערן און פֿאַרשפּאַרן אין טורמעס. ווען מען אויף צען, ווען מען אויף צוואַנציק, פֿינף און צוואַנציק יאָר... דאָס האָט פּאַקטיש באַטײַט — אויף אייביק. עס האָט זיך געענדיקט איין טערמין — האָט מען אים פֿאַרלענגערט, געגעבן אַ נײַעם...

דאָרטן, ווי עס איז געשטאַנען בעריאַס אונטערשריפֿט, האָט דער אַרעסטאַנט געוווּסט, אַז דאָס איז אויף אייביק, אויף קיין באַגנעדיקונג איז ניט געווען וואָס אַרויסקוקן...

און ווײַטער איז אַלץ געגאַן, ווי אַ מיזמער.

דער שרעקלעכער עטאַפּ אין אויסרײַסעניש, אין דער טונדרע, אין דער טײַגע, אין די וועלדער און מידבאָריעס, ווו עס זײַנען געווען שטאָכים, אַרומגעצאַמטע מיט שטעכל־דראָטן, אַ וואַלד פֿון וואַכטע־טורעמס, באַראַקן, וואָס זײַנען געווען אַ קאָפּיע פֿון די טויט־לאַגערן פֿון אָשווענטשים, טרעבלינקע, מײַדאַנעק, סאָביבאָר...

עמעס, דאָ האָט מען נאָך ניט אײַנגעפֿירט די גאַז־קאַמערן, די קרעמאַטאָריעס מיט הויכע, פֿאַרשוואַרצטע פֿון סאַזשע, קוימענס. ווי דאָרטן, האָט מען נאָך די פֿעלדער מיט מענטשיש אַש ניט באַגיטיקט. דער שוידערלעכער גערוך פֿון געבראָטן מענטשיש פֿלייש איז אַהער ניט דערקראָכן.

נאָר ווען וועט זײַן דער סאָף? וויפֿל קאָנסטו אַזוי אַרומגיין אויף די פֿיס, ניט וויסנדיק דײַן גורל, וואָס וועט מען מיט דיר טאָן אין אַ שאָ אַרום, אין אַ מינוט אַרום? וויפֿל וועט מען דיך מאַטערן, שטיקן אין די דאָזיקע ענגע ווענט, ווען וועט שוין ווערן קלאָר, אויף וועלכער וועלט דו געפֿינסט זיך? וויפֿל מאָל האָסטו געטרוימט זיך אויסציִען אויף אָט דעם טורמע־בעטל, פֿאַרמאַכן די אויגן, אײַנשלאָפֿן אויף אייביק? אָבער אַ פּאַכעד כאַפּט דיך אַרום און שפּרינגסט אויף פֿונעם בעטל, פֿאַרבײַסט די ליפּן ביז בלוט, דער האַס און פֿאַרדראָס זידט אין דיר, פֿילסט דײַן אומבאַהאָלפֿנקײַט, דײַן אָנמאַכט. עטלעכע קוואַרטאַלן פֿון אָט דעם שרעקלעכן קאַזעמאַט געפֿינט זיך דײַן היים, דאָרטן וואַרטן אויף דיר ליבע מענטשן, שלאָפֿן ניט די נעכט, מוטשען זיך דערפֿון, וואָס זיי קאָנען דיר מיט גאָרניט העלפֿן. דאָרטן איז פֿאַרוואָרלאָזט דײַן שרײַבטיש, אין די שאַפֿעס שטייען ניט גערירטע דײַנע ביכער, אין די טישקעסטלעך וואַרטן אויף דיר דײַנע רײַזע־נאָטיצן, די אָפּגיך פֿאַרנאָטירטע פֿאַרצייכענונגען — מאַטעריאַלן פֿאַר אַ נײַעם בוך... נאָר צו אידיליש מאָלט זיך דיר, ברודערקע, דײַן שרײַבער־קאַבינעט. דו ווייסט דאָך ניט, וואָס דאָרטן טוט זיך איצט. נאָך דעם, ווי מע האָט דיך פֿאַראַיאָרן אין האַרבסט אויף דער גאַס, ניט ווײַט פֿון דײַן שטוב, אינמיטן העלן טאָג אָפּגעשטעלט — צוויי געזונטע, טעמפּע לײַט — פֿון רעכטס און פֿון לינקס האָבן אין אײַנקלאַנג אַ באַמקע געטאָן, אַז דו דאַרפֿסט זיך מיט זיי דורכפֿאָרן דאָ ניט ווײַט אויף עטלעכע מינוט און דיך אַרײַנגעשטויסן אין אַ שוואַרצער מאַשין, איז אַ כאַליאַסטרע „שעצער פֿון ליטעראַטור“ אַוועקגעפֿאָרן צו דיר אין שטוב און איבערגעקערט בײַ דיר אין דירע אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף, צעשלײַדערט איבערן דיל דײַנע מאַנוסקריפּטן, דײַנע ביכער, געמאַכט בײַ דיר אין צימער אַ גאַנצן פּאָגראָם. די כאַליאַסטרע האָט דעם האַרמידער אַזוי איבערגעלאָזט, בלויז אַרויסגעפֿירט עטלעכע פּעק ביכער, מאַנוסקריפּטן, נאָטיץ־ביכלעך, פֿאָטאָגראַפֿיעס — מע האָט דאָך געדאַרפֿט האָבן באַווײַזן „פֿון דײַן שפּיאָניש־פֿאַרברעכערישער“ טעטיקײַט. איבערגעלאָזט האָט די כאַליאַסטרע אויף דער טיר פֿון מײַן קאַבינעט אַ סורגוטש־שטעמפּל, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּאַכעד אויף מײַניקע און אויף מײַנע פֿרײַנט, וועלכע האָבן זיך דערוועגט איבערטרעטן די שוועל פֿונעם „סוינע פֿון פֿאָלק“.

אַ שיין פּאָנעם האָט, מיסטאָם, מײַן קאַבינעט, פֿײַן זעען אויס, אַ סוואָרע, מײַנע ביכער נאָך דעם, ווי דאָרטן האָבן אַן אַרבעט געטאָן די „היטער“ פֿון דער ראַטנמאַכט...

די כאַליאַסטרע האָט געוווּסט, אַז דער באַלעבאָס פֿון קאַבינעט וועט זיך שוין קיינמאָל אַהער ניט אומקערן. און זי האָט זיך געסטאַרעט — עמעס, אין דער אָנוועזנהײַט פֿונעם איידעס פֿון אַלע אַרעסטן אין אונדזער שרײַבער־הויז, דעם באַשטענדיקן „פּאָניאַטאָי“, דעם דוואָרניק מוסטאַפֿאַ, דעם איינציקן טרײַען און באַגלייבטן מענטש פֿון די אָרגאַנען...

איז וויפֿל נאָך וועט מיר אויסקומען דאָ זיך מאַטערן? שוין קימאַט אַ יאָר צײַט, ווי מע האָט מיך דאָ פֿאַרשפּאַרט, און ווי מע „סטאַרעט“ זיך ניט, קאָן מען מיר ניט דערווײַזן, אַז איך האָב זיך

פארקויפט דעם וועלט־אימפעריאַליזם, אז איך בין געווען אין א „באנדע פארעטער" אין א „צענטער, וואָס איז געשאפן געוואָרן אין מאָסקווע דורך א גרופע יידישע שרייבער־נאציאָנאליסטן און אגענטן..."

די ווילדע באשולדיקונג האָט בא מיר יעדעס מאָל ארויסגערופן געלעכטער. דאָס האָט באזונדערס אופגעבראכט מיינע אויספאָרשער. איך האָב אפילע אמאָל געשטעלט זיי אין א קאָמישער לאגע, ווען איך האָב זיך געווענדט צו זיי מיט א פראגע:

— ני, גוט, איך האָב זיך, זאָגט איר, פארקויפט עפעס אן אגענטור... זייער שיין. טאָ דערקלערט מיר, וויפל האָבן זיי מיר געצאָלט און וויאַזוי?

לעכאטכילע איז מיין אויספאָרשער געוואָרן פון רעציכע גרין און בלאָוו, ווייל מיין פראגע האָט אים געשטעלט אין פארלעגנהייט, און ער האָט ניט געוווסט, וואָס מיר ענטפערן.

בלויז נאָך א גאנץ לאנגער פאוזע, האָט ער זיך דערמאָנט:

— בייס מע האָט אייך ארעסטירט, איז בא אייך אין שטוב געווען אן אונטערזוכונג, און צווישן די „דערוויַזן" וועגן אייער „טעטיקייט", זיינען געווען עטלעכע ביכער, ארויסגעגעבענע אין אמעריקע... דאָס זיינען געווען שאָלעם־אַלייכעמס ווערק...

— הייסט עס, מיט שאָלעם־אַלייכעמס ביכער האָט דער אימפעריאַליזם מיר געצאָלט?..

דער אויספאָרשער האָט מיך בייז איבערגעשלאָגן און איז אריבער צו א צווייטער פראגע.

פארטאָג אין מיינע ערעוו־פארנאכטיקע מאכשאָוועס, האָב איך פלוצעם דערהערט א טומל אין קאָרידאָר לעבן מיין קאמער.

מיינע קאמער־שכיינים האָבן זיך אופגעהויבן, אָנגעשטרענגט געקוקט אף דער טיר. נאָך וועמען איז מען געקומען? וועמען וועט מען ארויסרופן? „מיט די זאכן", צי אזוי, „אָן די זאכן"? צום אויספאָרשער, אָדער אין טריבונאל, אין געריכט, אין קאָרצער?..

דאָס מאָל האָט מען ארויסגערופן מיך. „אָן די זאכן". און מיינע שכיינים, די „פילאָסאָפן", האָבן אָנגעהויבן אף א קאָל באהאנדלען, ווּהין און צו וועמען?

מע האָט מיך אריינגעפירט אין קאָבינעט פונעם אויספאָרשער. יענער איז, ווי געוויינלעך, געזעסן פארטאָג אין די פאפירן און לאנג ניט אופגעהויבן אף מיר דעם בליק. איך האָב שוין ניט געווארט, יענער זאָל מיר באפוילן זיך זעצן. איך בין שוין אליין געווען צוגעווינט צו דער טאבורעטקע, וואָס איז געווען צוגעקאָוועט אין ווינקל צום דיל.

די טיר האָט זיך צעעפנט, און אין קאָבינעט איז אריין א יאָדערדיקער באַאָרטער פאָלקאָווניק אין פאָגאָנעס פין א געוויינלעכן ארמיי־אָפיצער, וואָס האָט זיך אונטערגעשיידט פון יענע, וועלכע עס טראָגן די „היטער פון געזעץ". א לענגלעך, ריין געגאָלט פאָנעם, דער קאָפ געדיכט באשאָטן מיט זילבער. די גרויסע ליכטיקע אויגן האָבן זיך אף מיר פארהאלטן, און איך האָב באמערקט, ווי זיי האָבן זיך גלייך געענדערט. פארוווּנדערונג, שרעק האָט אין זיי א גלאנץ געטאָן. זיין מויל האָט זיך עטוואָס צעעפנט. אונדזערע בליקן האָבן זיך באגעגנט, און ער האָט אָפגעפירט פון מיר זיינעם.

דאָס הארץ האָט בא מיר אומגעוויינלעך א טיאָכקע געטאָן. איך בין שוין דאָ געווינט געווען זען מיליטערישע נאטשאלניקעס פין פארשיידענע ראנגען, אָנהייבנדיק פון יעפרייטערס ביז גענעראלן. איך בין שוין צוגעווינט געווען זען די פאָגאָנעס פון טונקל־בלאָוון קאָליר. נאָר א געוויינלעכן ארמיי־פאָלקאָווניק, מיט א געוויינלעכן פאָרטפעל אונטער דער האנט, האָב איך דאָ דערזען צום ערשטן מאָל.

דער מאיאָר, דער אויספאָרשער מיינער, איז מיטאמאָל זשוואווער געוואָרן, ער האָט זיך אויסגעצויגן אין פרונט, באגריסט דעם הויכן טשין און געוויזן אפן בענקל באם טיש.

דער פאָלקאָווניק האָט זיך צוגעזעצט, אוועקלייגנדיק דעם פאָרטפעל אפן טיש און ווידער אף א רעגע אופגעהויבן דעם בליק אף מיר.

דער מייעך האָט געארבעט אָנגעשטרענגט. עפעס זייער א קענטלעך פאָנעם! ווו האָב איך דעם מענטשן געזען?

נאָר יענער האָט שוין מער ניט געקוקט אין מיין זייט. ער האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע טרוקענע ווערטער מיטן אויספאָרשער, וואָס האָט אים אונטערגערוקט פאפירן. און, ענדלעך, האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן:

— אייער פארברעכן זייט איר באגאן ניט אליין, נאָר אין א „צענטער", א קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע, פארברעכערישע אָרגאניזאציע... וויבאלד אזוי, דארף וועגן דעם אויך וויסן דער מיליטער־פּראָקוראָר פון קיעווער מיליטער־קריַיז... דאָס איז דער פאָלקאָווניק רעטאָוו... אויב איר האָט צו אים פראגן?..

דערהערט די פאמיליע, בין איך געבליבן געפלעפט. איך האָב זיך דערמאָנט. יאָ, דאָס איז ער — רעטאָוו. מיין אלטער באקאנטער. ער איז דעמלט נאָך ניט געווען אין אזא הויכן טשין. מיר זיינען מיט אים געווען בעשאס דער מילכאָמע אין איין ארמיי, רעטאָוו האָט געארבעט אין דער פּראָקוראַטור, ניט איין מאָל האָבן מיר זיך באגעגנט אף די שווערע פראָנט־וועגן, אפן קורסקער בויגן, אין די פּינסקער בלאָטעס, אין פוילן באם באפרייען ווארשע, אפן אָדער־טייך...

און איצט האָבן מיר זיך דאָ באגעגנט צום ערשטן מאָל נאָך דער מילכאָמע. ער איז, הייסט עס, אין מיליטער־קרײַז, א פראָקוראָר, און איך?..

מיט וואָס פאר אן אומרו און מיטלייד האָט ער אַף מיר געקוקט! איך האָב דערזען אין זײַנע אויגן א פײַערל פון ווייטיק, מיטגעפיל און אומבאהאָלפנקײַט. ער האָט געשוויגן, און איך האָב פארשטאנען, אז איך טאָר ניט ארויסווײַזן, אז מיר זײַנען מיט אים באקאנט, צוזאמען געווען אפן פראָנט...

„עפשער האָב איך פראגעס צו דעם מענטשן?" — האָט געפרעגט דער אויספאָרשער. געוויס! נאָר וויאזוי זאָל איך זיך צו אים ווענדן? ער איז, זעט אויס, דערשיטערט פון דעם, וואָס ער האָט מיך אזוי אומדערוואַרט דערזען דאָ. ער ווייסט גוט, סארא „פארברעכער" איך בין. ער איז ניט קיין פאָרשטייער פון דעם אנשטאלט, נאָר פון דער ארמיי, וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם עמעסן סוינע, דעם פאשיסטישן טײַוול. פאר דער מילכאָמע, ווי אויך איצט, עטלעכע יאָר נאָך דער מילכאָמע, האָבן די מענטשן פון דעם דאָזיקן אנשטאלט, ווי מיר געפינען זיך איצט, אומגעבראכט, פארשיקט אין די טורמעס און לאַגערן צענדליקער טויזנטער העלדן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן אַף די פראָנטן. איצט האָבן זיי גערופן אהער דעם פראָקוראָר פון דעם מיליטערישן קרײַז, קעדיי מע זאָל קאָנען זאָגן, אז אַלע פאָרמאליטעטן זײַנען אויסגעפילט, מע קאָן מיך פארמישפּעטן. דער פּאָלקאָווניק איז ניט בע־קויעך עפּעס ענדערן, העלפן מיר, כאָטש ער ווייסט, סארא „פארברעכער" עס זיצט פאר אים...

רעטאָוו האָט געבלעטערט די פּאפּירן פון מײַן פאבריקירטער „דיעלאָ", אַף דעם טעוועלע פון וועלכער עס איז געווען אוועקגעשטעלט דער שטאמפּ „כראניט וועטשנאָ" — „אָפּהיטן אייביק". און איך האָב באמערקט, אז דאָס פּאָנעם זײַנס האָט זיך פון מאָל צו מאָל געמינעט, געענדערט, איז גע־וואָרן ווײַס און גרין...

צי האָב איך צו אים פראגעס? געוויס! נאָר ווי קאָן איך פרעגן, ארויסווײַזן, אז מיר זײַנען מיט אים באקאנט, אז בייס דער מילכאָמע זײַנען מיר צוזאמען געווען אין פײַער, אַף די פראָנטן, געקעמפט פאר אונדזער היימלאנד? מיט וואָס פאר א סימפּאטיע האָט ער זיך דעמלט צו מיר באצויגן, און ניט ער איינער. אַלע טאָג האָט ער געלייענט די ארמיי־צײַטונג, וווּ איך בין געווען א מיליטערישער קאָ־רעספּאָנדענט און האָב געדרוקט בילדער, פארצייכענונגען, נאָטיצן וועגן די העלדישע טאטן פון אונדזערע שלאַכטלײַט. דעריקער די צאפּלדיקע יעדיִעס אין דער רובריק „נעכטן אפן שלאַכטפעלד", ווו איך האָב פארשריבן דאָס, וואָס איך האָב מיט מײַנע אויגן געזען אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. מײַנע אויספאָרשער האָבן אזוינס ניט געקאָנט זען, רעטאָוו האָט יאָ געקאָנט, ער האָט געזען! ער איז, ווײַזט אויס, איצט, בלעטערנדיק די פּאפּירן, ווו עס איז פאבריקירט מײַן „פארברעכן", דער „צענטער", געווען גרייט אנטלויפן פונדאנען אין דער וועלט ארײַן פון בושע, שרײַען אַף א קאָל פון זײַן אופגעטרייסלטקײַט, נאָר ער האָט זיך געהאלטן אין די הענט, האגאם די אומבאהאָלפנקייט זײַנע האָט אים אָנגענייגט דעם קאָפּ. איך האָב געוואַרט, עפּשער וועט ער מיך עפּעס פרעגן, נאָר ער האָט מער ניט געוואגט אופהייבן אַף מיר דעם בליק.

מיט אן אויסגעווייטיקט, אָפּט קלאַפּנדיק הארץ האָב איך זיך אופגעהויבן פונעם טאבורעט, ווען עס איז ארײַנגעקומען דער נאדזיראטעל, קעדיי מיך אָפּפירן אין מײַן קאמער. איך בין די נאכט ניט געשלאָפן, ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג. די באגעגעניש מיט מײַן פראָנט־כאווער האָט מיך דערשי־טערט. נאָך איין מענטש אַף דער ערד האָט זיך איבערצײַגט, סארא אומגערעכטיקײַט, פאלשקײַט ווערט דאָ פאבריקירט, און ווער זײַנען די עמעסע פארברעכער...

אינדערפרי, ווען דער טורמע־אופזעער, דער דעזשורנע אָפיצער, איז ארײַנגעקומען און ווי געוויינלעך, ארײַנקוקנדיק אין אַלע ווינקלעך, צי האָט דער ארעסטאנט עפּעס ניט אָנגעקריצט אַף דער וואנט, ניט געפּרווּט צונויפדרייען פון דער קאָלדרע א שטריק, קעדיי זיך נעמען דאָס לעבן, א פרעג געטאָן מיך, עפשער זײַנען פאראן בא מיר פראגעס, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט, אז יאָ, א פראגע איז בא מיר פאראן: איך מוז מאכן א דרינגענדיקע, זייער וויכטיקע מעל־דונג דעם פּראָקוראָר רעטאָוון, וועלכער איז נעכטן דאָ געווען.

דער טורמע־אופזעער האָט עס פארשריבן אין זײַן בלאָקנאָט, און א קוק געטאָן אַף מיר מיט כאס, א באַמקע געטאָן, אז ער וועט עס איבערגעבן, און איז ארויסגעגאן פון מײַן קאמער.

די צײַט איז געלאָפן, נאָר קיינער האָט מיך ניט ארויסגערופן, קיין שום פּראָקוראָר איז ניט געקומען.

דער טאָג איז שוין באלד דורך. מאָרגן איז אן ארויסגאנג־טאָג און נאטשאלסטווע האָט שוין, זעט אויס, זיך געאײַלט פארלאָזן דעם אנשטאלט, גיין אָפּרוען נאָך דער שווערער טירכע. און ווען איז געקראָכן אין קאָפּ אויסהערן אן ארעסטאנט, ווער וועט מיר שיקן צו מײַן באקאנטן פּאָלקאָווניק? אין דעם אנשטאלט, זעט אויס, כאפּט אים אליין אָן א ציטער. איין אומגעלונגענער טראָט זײַנער, און ער קאָן פארלירן דעם מונדיר און זיך ארומזען באנאנד מיט מיר אָט דאָ...

דער קורצער הארבסטיקער טאָג האָט זיך אויסגעלאָשן. איבער דעם בלעכענעם „דאשעק" פון מײַן קאמער־פענצטערל האָט געפּײַקלט דער רעגן. א פריקרער רעגן, וואָס האָט געגאָסן א גאנצן טאָג פון אינדערפרי אָן. איך בין נאָך אלץ ארומגעגאנגען איבער מײַן שטײַג, ניט געשמועסט מיט מײַנע צוויי שכיינים, מיט וועמען מיר האָבן שוין אלץ לאנג ארומגערעדט און זײַנען געווען איינער דעם אנדערן נימעס.

עמעס, פון מאָל צו מאָל האָבן מײַנע שכיינים געשפּאסט: דער טאָג ענדיקט זיך, עפּשער וועט מען שוין אין ערגעץ ניט ארויסרופן. אָבער פּלוצעם האָב איך דערהערט, ווי עמעצער איז צוגעגאַן און זיך אָפּגעשטעלט בא אונדזער טיר. דאָס „אייגל" האָט א בלימל געטאָן, דערנאָך האָט זיך די טיר מיט אַן אײַזערנעם סקריפּ צעעפנט; דער נאדזיראטעל האָט מיך גערופן גיין מיט אים.

איך האָב אפגיך גענומען דאָס רעקל אף זיך און כ׳בין ארויס אין קאָרידאָר.

דער זעלבער וועג מיט די שמאָלע קאָרידאָרן, און אָט בין איך אין באקאנטן קאבינעט.

רעטאָװ איז געשטאנען באם הארבסטיקן פענצער א צעטראָגענער, נערוועזער און גערייכערט. א ווונק געטאָן דעם נאדזיראטעל, אז ער איז פרײַ, ער זאָל ווארטן אין קאָרידאָר. דערנאָך האָט ער, ארומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, מיטן בליק געוויזן אפן בענקל באם הוילן טיש. ער האָט נאָכאמאָל געוואָרפן א בליק אף דער טיר און, איבערצײַגנדיק זיך, אז קיינער שטייט דאָרטן ניט, שטיל א זאָג געטאָן, אז אין אונדזער רעשוס זײַנען דאָ א פּאָר מינוט, עס דארף באלד ארײַנקומען עמעצער פון די היגע נאטשאלניקעס, און איך זאָל גיכער זאָגן, וואָס איך וויל מעלדן.

— אויב איר וועט קאָנען, גיט איבער מײַניקע א גרוס פון מיר, — האָב איך שטילערהייט ארויסגעזאָגט מײַן באקאָשע, — זאָלן זיי ניט מיינען, אז איך בין א פארעטער... אין עפּעס שולדיק...

ער האָט ווייטיקלעך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. און איך האָב צוגעגעבן:

— צי קענט איר מיר זאָגן, וואָס עס קומט בא אונדז פאָר? צי וועט זיך דער קאָשמאר אמאָל ענדיקן?

ער האָט געמאכט א טראָט צו מיר און א שעפּטשע געטאָן:

— צווישן אונדז... ניט פאר דער קאמער... א שווערע צײַט... נאָר מע טאָר ניט אָנווערן די האָפענונג. שטארקט זיך... עס מוז זיך ענדערן... דערווײַל בין איך ניט אימשטאנד קומען צו הילף... דײַן גרוס וועל איך איבערגעבן...

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז ארײַנגעקומען עפּעס א הויכער טשין. ער האָט א קוק געטאָן אף מיר מיט ביטל, אף דעם פּאָלקאָווניק מיט א געמאכט שמייכעלע, זיך אָנגערופן:

— איך האָב אײַך ניט געשטערט?..

רעטאָװ האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ניין, קיינער שטערט אים ניט. פארקערט, ער האָט שוין געענדיקט. אויסגעהערט די אָנקלאָגע פון דעם ארעסטאנט און איז שוין פרײַ. עס האָט זיך טייקעף געיאָוועט דער נאדזיראטעל און א ווונק געטאָן צו מיר: „פּאָשלי", קומט, הייסט עס.

און איך בין שנעל ארויסגעגאַן פון קאבינעט.

כאָטש דער הויכער טשין האָט געשטערט, נאָר דאָך בין איך געווען צופרידן פון מײַן וויזיט. רעטאָוס ווערטער האָבן אין מיר פארזייט האָפענונג, גלויבן. אין די אויערן האָבן מיר געקלונגען זײַנע ווערטער: „עס מוז זיך ענדערן... ניט אָנווערן די האָפענונג..."

צום ערשטן מאָל פאר דעם יאָר, וואָס מע מאטערט מיך אין דעם קאזעמאט, האָב איך געהערט מענטשלעכע עטלעכע ווערטער, און דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט און גלויבן.

די קיעווער קאשטאנעס האָבן שוין, זעט אויס, לאנג אראָפּגעוואָרפן פון זיך זייערע בלעטער, די לעצטע קאשטאנעס. דער דניעפּער האָט, מיסטאם, גענומען ענדערן זײַן קאָליר. א נײַער אָסיען האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף דער שטאָט, וואָס איך האָב קימאט א גאנץ יאָר ניט געזען פאר מײַנע אויגן.

איך האָב נאָך אלץ ניט געוווּסט, ווו איך האלט אין דער וועלט און וויפל וועט מען מיך דאָ נאָך מאטערן, ווען וועל איך זיך שוין דערוויסן מײַן „אורטייל"?

אלפי סייכל, האָט מען שוין דאָ ניט געהאט וואָס צו טאָן מיט מיר, נאָר וואָס האָט מען אזוי געצויגן?

אין איינעם א קאלטן, רעגנדיקן פרימאָרגן האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט מײַנע שכיינים און מיט דער אלטער קאמער.

אין הויף האָט געווארט א „וואָראָנאָק" — א שווארצע, מיט פארהאקטע טירן, בויד אף א לאסט מאשין. דאָרטן זײַנען שוין געזעסן, ווי איך האָב געהערט לויט זייער הוסט, עטלעכע ארעסטאנטן. די מאשין איז געווען אזוי אויסגעבויט, אז איינער דעם צווייטן זאָל ניט זען און זיך ניט קענען

דורכריידן. דער קוזאָוו איז געווען צעטיילט אויף עטלעכע אײַזערנע שטײַגעלעך און אין יעדן האָט געקאָנט זיצן אײַנגעקאַרטשעט בלויז איין נעפעש. אַזוי זײַנען מיר, פאַרשפּאַרטע אין אונדזערע פינצ־טערע „קעליעס", געפאָרן, נאָר די שטאָט ניט געזען.

און אָט זײַנען מיר אין דער בארימטער לוקיאַנאָווער טורמע. א גאַנצע קיניגרײַך מיט פאַרשיי־דענע קאָרפּוסן, געבײַדעס, ארומגעצאַמטע מיט א הויכער, ריזיקער שטיינערנער וואַנט, א געקרוינטע מיט איבערגעפלאָכטענע שטעכלדראָטן. דאָ וועט אויסקומען ווידער וואַרטן. זעט אויס, מײַנע באַצווינ־גער וועלן ניט אײַנגיין, מע זאָל דורכפירן א פּראָצעס, ווײַל דאָס, וואָס זיי האָבן צונויפגעשטיקעוועט אויף מיר און אויף מײַנע קאָלעגן, קאָן בלויז אַרויסרופן א כידעש און א פאַרדראָס בא מענטשן, אפילע בא די ריכטער. נאָר צוליב וואָס דאַרפן זיי זיך מאַטריען זײַן, אז עס איז דאָ אַן אַזויגערופענע „טראָיקע", וואָס קיינער האָט זי אין די אויגן ניט געזען, און זי טוט, וואָס זי וויל? פאַר קיינעם רעכנט זי זיך ניט אָפּ, קיינעם גיט זי ניט אָפּ קיין דין־וועכעזשבן, כוץ, מעגלעך, דעם „געניאַלן פאָ־טער פון פעלקער". און נאָך א בעסערער אינסטרומענט איז בא זיי פאַראַן די „באַזונדערע באַראַטונג", וואָס טראָגט אַרויס איר „אורטייל" מיטאַמאָל טויזנטער, טויזנטער אומשולדיקע מענטשן לויט די פאַרפריער צונויפגעשטעלטע צעטלען, און אין שפּיץ פון דעם „אַנשטאַלט" שטייט דער הויפּט־טאַ־ליען לאַווורענטי בעריִא, סטאַלינס רעכטע האַנט, גרויסער מיטקעמפער און פרײַנט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיר דאָ, אין לוקיאַנאָווקע, געגעבן איבערלייענען א קוויטל, אז לויט דער באַשטימונג פון „אָסאָ", דער גרויסאַרטיקער „באַזונדערער באַראַטונג", האָט מען מיך „פאַרמישפּעט" אויף צען יאָר שטרענגן רעזשים אין א ספּעציעלן לאַגער. איך דאַרף וואַרטן אויף דעם עטאַפּ. דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט מיר געהייסן אונטערשרײַבן דאָס פּאַפּירל, נאָר איך האָב זיך אַנטשיידן אָפּגעזאָגט אונטערשרײַבן, ווי איך האָב זיך די גאַנצע צײַט אָפּגעזאָגט אונטערשרײַבן אַנדערע מיִעסקײַטן. ער האָט מיט רעציכע אויף מיר א קוק געטאָן און אויסגעזידלט: וואָס הייסט איך בין ניט צופרידן מיט אַזאַ „אורטייל"? איך וואָלט געדאַרפט זײַן צופרידן, וואָס מע האָט מיר געגעבן צען יאָר און ניט קיין פינף און צוואַנציק, ווי מע גיט א סאַך אַנדערע, מײַן גלײַכן... ווען ער איז א מיטגליד פון „אָסאָ" — פון דער „באַזונדערער באַראַטונג", זאָגט ער, וואָלט ער פאַר מײַן אַקשאָנעם געגעבן די „קאַטושקע", די העכסטע שטראָף: יעדערער איז מעכויעוו אַכטן דעם „געזעץ" און די אָנפירונג פון אַזאַ בעקאָוועדיקן אָרגאַן פון דער מאַכט, ווי „אָסאָ". נאָר נישקאָשע, פאַר מײַן אַקשאָ־נעס וועט מען מיר נאָך אָפּצאָלן באַזונדערס, דאָס איז בא זיי אין די הענט. מע וועט מיך דערפאַר פאַרשיקן אין אַזאַ אָרט, וואָס וועט מיר קיין נאַכעס ניט פאַרשאַפן און מע וועט נאָך צושרײַבן, אז פאַר דעם יאָר, וואָס מע האָט מיך געהאַלטן אין טורמע, האָב איך זיך לאַכלויטן ניט געענדערט און געבליבן דער זעלבער „קאָנטריק", וואָס כ׳בין געווען...

אין עטלעכע טעג אַרום, בייס מע האָט א גאַנצע כאָפּטע געפירט אין דעם שטיינערנעם „זאַגאָן" אויף א שפּאַציר, האָט מען מיך פאַרקערעוועט צו דער טורמע־קאַנצעליאַריע. מיך אַרײַנגעפירט אין א האַלב־טונקעלן קויטיקן צימער מיט אָפּגעריבענע ווענט. דער צימער איז געווען איבערגעצאַמט מיט א דראָט־נעץ, ווי אין א זאָאָלאָגישן גאָרטן. אין ווינקל איז געזעסן אַן אָנגעדראָלענער באַוואָרטער טורמע־נאַדזיראַטעל און געקוקט אויף מיר מיט ביטל און האַס. ער האָט מיך געלערנט, וויאַזוי איך זאָל זיך אופירן בייס עס וועט זיך אָנהייבן די טרעפונג, די ראַנדעוווּ מיט מײַן פרוי. איך טאָר ניט צוגיין נאָענט צום דראָט, טאָר גאָרניט ניט איר איבערגעבן און ניט נעמען בא איר, טאָר גאָרניט ניט זאָגן, ניט געבן קיין צייכנס, ריידן מיט איר אויף פאַרשטענדלעכן לאָשן, אויף רוסיש, ער, מײַן היטער, זאָל אַלץ פאַרשטיין... אויב איך וועל פּרוּוון ניט אויספּילן עפּעס פון די קלאָלים, וועט ער גלײַך איבעררײַסן די טרעפונג, און מיך אוועקפירן אין קאַמער, שטרענג מיך באַשטראָפן...

איך האָב שוין ניט געהערט, וואָס ער רעדט צו מיר. דאָס האַרץ האָט גענומען שטאַרקער קלאַפּן. איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט די באַגעגעניש, ניט געוווּסט, וואָס איך זאָל זאָגן מײַן פרוי פאַר עטלעכע געציילטע מינוט אין דער אָנוועזנהײַט פון אַן אָנגעדראָלענעם עקלדיקן טורמע־אופזעער.

און אָט האָט זיך געעפנט די טיר און פון יענער זײַט דראָטן האָבן איך דערזען מײַן פרוי אין א טרויער־קלייד, א פאַרוויינטע, מיט געשוואָלענע פון טרערן אויגן. זי האָט אויף מיר געקוקט און ניט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסזאָגן.

דער היטער האָט פון אונדז ניט אַראָפּגענומען דעם שטרענגן בליק, געוואַרט בלויז, איך זאָל אויוועך זײַן אויף זײַן באַפעל, זאָגן עפּעס ניט אַזוי, ער זאָל מיך אוועקפירן אין קאַמער.

עסטער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, זיך געפּרוּווט שטאַרקן, געזאָגט, אז זי האָט געהאַט פון מיר א גרוס, זעט אויס, מײַן פראָנט־כאַווער האָט אויסגעפילט זײַן צוזאָג, געהאַלטן וואָרט. נאָך האָט זי באַוויזן איבערגעבן, אז אַלע ווייסן, אז איך בין אין גאָרנישט ניט שולדיק, אז איך זאָל בא זיך ניט אַראָפּפאַלן, אַלציינס וועט זיך ענדיקן דער קאָשמאַר, און איך וועל זיך אינגיכן אומקערן אהיים...

זי האָט בלויז ניט געזאָגט, אַז מע האָט זי אַרויסגעטריבן פון דער אַרבעט. דער זון ענדיקט די שול, נאָר אין ערגעץ וועט ער ניט קענען אַנקומען, אַז זיי לײַדן שטאַרק און מאַטערן זיך אָן שום מיטלען צום לעבן... נאָר ביכלאַל איז אין שטוב אַלץ גוט, איך זאָל זיך ניט זאָרגן פאַר זיי. מע האָט זיי איבערגעלאָזט אין איין קליין צימערל, צוויי זײַנען פאַרשטעמפּלט...

נאָך האָט זי געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין, אַז מײַנע פרײַנט אויף דער פרײַ האָבן זיך געווענדט וועגן מיר אין די העכערע אינסטאַנצן, געשריבן, דערוויזן...

איך האָב ניט באַוויזן עפּעס דאָס מויל, עפּעס אָנגעהויבן ריידן, נאָר דער וואַכזאַמער טורמע־וועכטער האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגער און דערמאָנט, אַז די צײַט גייט אויס. דערצו נאָך פיל איך ניט אויס די קלאָלים, וועגן וועלכע ער האָט פריִער געוואָרנט און אַזויאַרום פאַרבאָט ער מיר פאַרזעצן ריידן, דערמיט איז די באַגעגעניש געענדיקט. דאָס, וואָס איך האָב צו זאָגן, האָט ער באַמערקט, וועל איך שוין קאָנען אָנשרײַבן אין אַ בריוו, ווען מע וועט מיך ברענגען אויפן אָרט, אין לאַגער... פון דאָרטן קאָן דער אַרעסטאַנט אָנשרײַבן און אָפּשיקן איין, מערסטנס, צוויי בריוו אַ יאָר...

און איך האָב ווידער דערזען פאַר זיך די פאַרווייִנטע אויגן פון מײַן פרוי.

אויף דער באַגעגעניש האָב איך געוואַרט קימאַט אַ יאָר צײַט. און אַט...

איצט וועט מיר דאָרטן, אין לאַגער, אויסקומען וואַרטן נאָך איין יאָר, עפּשער וועל איך קאָנען אָנשרײַבן און אָפּשיקן אַ בריוו...

אין איינער אַ שפּעטער נאַכט, ווען אַלץ איז געווען אײַנגעהילט אין טיפן שלאָף, האָט זיך אין אונדזער קאָרידאָר דערהערט אַ גערודער.

מע האָט אַרויסגערופן מענטשן אויפן עטאַפּ. עס האָט געגאָסן אין דרויסן אַ קאַלטער רעגן. לאַנג איז אונדז אויסגעקומען זיך ווייקן אונטערן מאַבל, ביז מע האָט צונויפגעטריבן דעם גאַנצן עולם.

אין אַזאַ מיִעסער, עקלדיקער נאַכט, ווי באַוווּסט, טוען זיך אָפּ אַלע פאַרברעכנס. און אין דער נאַכט איז אָפּגעטאָן געוואָרן נאָך איין גרויסער פאַרברעכן: מע האָט אונדז, ווער ווייסט אויף וויפל, צעשיידט מיט אונדזער לײַבלעכער שטאָט.

מע האָט אונדז פאַרטריבן אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל לעבן דער אײַזנבאַן. אַ געדיכטע קייט סאָל־דאַטן־קאָנוואָירן מיט ביקסן, אויטאָמאַטן האָבן אַרומגערינגלט עטלעכע סטאָליפּין־וואַגאָנען. נאַסע, פאַרפרוירענע, האָט מען אונדז אַרײַנגעשטויסן אין די קליינע שטײַגלעך, ניט געווען, ווו זיך אַהינטאָן, אַ קער געבן, ניט געווען, ווו צושפּאַרן דעם קאָפּ. מע איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט איינער צום צווייטן. לענגויס די „קופּעען", וועלכע זײַנען געווען אָפּגעטיילט מיט דראָט און בײַ וועלכע עס זײַנען געשטאַנען אונדזערע היטער, איז אַרומגעגאַן אַ בייזער אָפּיצער און צום וויפלטן מאָל דורכגעקוקט, צי זײַנען אַלע אויפן אָרט, צי האָט עמעצער ניט דורכגעבראָכן דעם דיל פונעם וואַגאָן און איז ניט אַנטלאָפן, כאָלילע.

באַגינען האָט זיך פון יענער זײַט וואַגאָן דערהערט אַ גערודער, אַ לויפערײַ. עס האָט זיך דער־טראָגן צו אונדז אַן אויסדריקלעך קאָל:

— כאַוועך קאַפּיטאַן, דער קאָנוואָי אויף באַגלייטן דעם עשעלאָן מיט „סאָנים פון פאָלק", איז געקומען! נאַטשאַלניק פון קאָנוואָי סטאַרשינאַ בולאַווקין!..

„דעם עשעלאָן פון סאָנים פון פאָלק" — האָט זיך אָפּגערופן אין אונדזערע הערצער. אַ ביטערער קנויל האָט גענומען שטיקן דעם האַלדז.

דער עשעלאָן האָט גערירט פון אָרט. די קאָנוואָירן האָבן אַראָפּגעלאָזט די פאָרהענגלעך אויף די גראַטע־פענצטער, מיר זאָלן ניט זען, ווי דער צוג גייט אָפּ פון אונדזער שטאָט. זעט אויס, מע האָט געוואָלט, קיין זײַטיק אויג זאָל ניט זען, ווער עס האָט פאַרפולט דעם שרעקלעכן עשעלאָן, וואָס איז איבערגעפולט געווען מיט מענטשלעכע גויראָלעס, ווייטיקן, יעסורים...

כאָטש עס איז נאָך געווען בלוי דער הימל און אַלץ אַרום, האָט זיך געדאַכט, איז נאָך אײַנ־געהילט אין שלאָף, אין דרעמל, נאָר דאָס האָט זיך בלויז געקאָנט דאַכטן. צו דעם טעמפּן ווינקל, צום אײַזנבאַן־טופּיק, האָבן זיך דורכגעריסן אָן אַ שיר פרויען, קינדער. דער רועך ווייסט, וויִאַזוי מע האָט זיך דערוווּסט, אַז דער עטאַפּ גייט אָפּ פון אָט דעם טופּיק, נאָר הונדערטער אומגליקלעכע פרויען, מאַמעס, קינדער, פרײַנט זײַנען זיך אַהער צונויפגעלאָפן מיט קלומעקעס סוכאַרעס, וואַרעם אָנטאָן — עפּשער וועט זיך עמעצן אײַנגעבן זען אייגענע, עפּעס איבערגעבן אין ווײַטן וועג. פון יענער זײַט וואַגאָן האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז קוילעס, געשרייען, אַ געוויין, אַ געיאָמער. מע האָט אויסגעשריגן פון דאָרטן נעמען, פאַמיליעס, זיך געפּרוווט דורכרײַסן צו די וואַגאָנען, נאָר די קאָנ־וואָירן האָבן זיך עקלדיק געזידלט, אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס, געדראָט שיסן. נאָר דאָס האָט ווייניק־וואָס געהאָלפן. עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע זאַלפּן לעבן די וואַגאָנען, נאָר די געשרייען און דאָס

געווײן פֿון ווײַבער, מאַמעס, קינדער האָבן זיך ניט אופֿגעהערט, און בלויז ווען דער צוג האָט גענומען לויפֿן שנעלער, טראַכקען איבער די רעלסן, האָט דאָס געשריי גענומען אָפּגעשוואַכט ווערן. און אַט איז עס אינגאַנצן נעלעם געוואָרן.

דער צוג האָט זיך געטראָגן אויף צאָפֿן, אַהין, וווּ עס האָבן שוין געבושעוועט די ווינגעס, וווּ דער ווינטער איז שוין לאַנג אַרײַן אין זײַנע רעכט.

דער צוג איז מער געשטאַנען אין די אײַזנבאַן־טופּיקן, ווי געגאַנגען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מירן קיינמאָל ניט קומען אויף אַן אָרט. אַזוי וועלן מיר זיך טראָגן אײביק. מע האָט אים, דעם עשעלאָן, געוואָלט אויסבאַהאַלטן פֿון אַ זײַטיק אויג. נאָר ווי אַפּצולאַכעס, וווּ ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, פֿלעג זיך צונויפֿלויפֿן אַן אוילעם, דעריקער ווײַבער, באָבעס, קינדער מיט קלומעקלעך, אויסגעשריגן נעמען, געדופֿן, זיך אָפּגעשלאָגן פֿון די קאָנוואָירן, וועלכע האָבן זיי געטריבן.

גוואַלדן, געווײן פֿון די ווײַבער, קינדער האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז, און מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט אײַנגעהערט, עפּשער וועט עמעצער דערקענען אַ באַקאַנט קאָל...

דורך די שמאָלע שפּאַרונעס האָבן מיר קוים באַמערקט, וואָס עס טוט זיך אויף די פּעראָנען, וויאַזוי מאַמעס, ווײַבער פּרוּוון זיך אַרײַנקוקן אין די סטאָליפּינישע וואַגאָנען, ווילן עפּעס איבערגעבן די אייגענע, נאָענטע, ליבע, אַרײַנוואַרפֿן אין די טאַמבורן פּאַשעט פֿאַר די אומגעליקלעכע, וועלכע מע פֿירט דער רויך ווייסט וווּהין, און דאָ האָבן זיך אַרײַנגעמישט די קאָנוואָירן.

עמעצער פֿון אונדזערע האָט געוואָלט אײַנרעדן די סאָלדאַטן, אַז דאָס איז ניט קיין פֿאַרברעכן, אויב מע וועט לאָזן די פֿרויען איבערגעבן עפּעס עסן, ווײַל דער אוילעם קומט אום פֿון הונגער און דאָרשט, נאָר די קאָנוואָירן האָבן אונדז באַרויִקט.

— פֿאַשיסטן, קאָנטריקעס! שטיל זאָל זײַן! — האָבן זיך צו אונדז געטראָגן דראָונגען פֿון אַלע זײַטן. — אַלע וועט איר באַשטראָפֿט ווערן! מיר וועלן אײַך ווײַזן, וויאַזוי בונטעווען!..

„פֿאַשיסטן"... מיר, הייסט עס, זײַנען פֿאַשיסטן?! אונדז וועט מען באַשטראָפֿן? מיר זײַנען ווייניק באַשטראָפֿט? מיר, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער מילכאָמע — נעכטיקע מאַיאָרן, פּאָלקאָווניקעס, אַלטע קאָמוניסטן, אינזשענירן, שרײַבער, אַ באַרימטער זינגער פֿון דער באָרקאָווער אָפּערע, אַ דירעקטאָר פֿון אַ זאַוואָד, אַ קאָנטר־אַדמיראַל פֿון אָדעס, אין זײַן קיטעל, נאָר אָן די גאָלדענע קנעפּ — אָן איקאָנאָסטאַס פֿון אָרדענס און מעדאַלן... „פֿאַשיסטן"?!.. די סטאָליפּין־וואַגאָנען זײַנען אָנגעשטאָפּט, ווי הערינג אין פֿעסלעך, מיט רוסן און אוקראַיִנער, לעטן און ייִדן, מאָלדאַוואַנער און עסטאָנער, ליטווינער און אוזבעקן, גרוזינער און אַרמענער... — אַ גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל. דער „פֿאָטער פֿון פֿעלקער" און זײַן טרײַער פֿרײַנט, זײַן רעכטע געליימטע האַנט בעריִאַ האָבן ניט איבערגעקליבן — אַלעמען פֿאַרשאַפֿט דעם קאָוועד, אַלעמען געמאָלדן פֿאַר „סאָנים פֿון פֿאָלק", „פֿאַשיסטן"...

אין די איבערגעפֿולטע „סטאָליפּינס", אין דער מוירעדיקער ענגשאַפֿט זײַנען מיר שיער ניט אומגעקומען פֿון הונגער און דאָרשט. ניט געווען, מיט וואָס צו אָטעמען. און כאָטש מע האָט ניט געהייצט, געשפּאָרט קוילן, נאָר די קעלט האָט זיך דאָ ניט געפֿילט. מיט זייער אָטעם האָבן די מענטשן געוואַרעמט די וואַגאָנען.

אויף אייניקע גרעסערע סטאַנציעס האָט מען אין די עקלדיקע „סטאָליפּינס" אַרײַנגעוואָרפֿן נאָך אַרעסטאַנטן. „פֿרישע" פֿאַרמישפּעטע, אַלץ נײַע און נײַע קאָרבאָנעס. צווישן זיי זײַנען געווען אַלטע, געניטע אַרעסטאַנטן, אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין צו עטלעכע מאָל געזעסן אין די טורמעס און לאַגערן. זייערע טערמינען זײַנען זיי שוין אָפּגעזעסן „פֿון גלעקל ביז גלעקל", זיי האָבן זיך שוין ערגעץ אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט און זיך געלעבט שטיל, געהאַט פֿאַמיליעס, זיך אין ערגעץ ניט אַרײַנגעמישט, זיך ניט פֿאַרנומען מער מיט „פּאָליטיק". נאָר מע האָט פֿון זיי ניט אַראָפּגענומען דאָס אויג און אָפּסנײַ, אָן שום געריכט, ווידער פֿאַרשטיקט אין די לאַגערן. דער „פֿאָטער פֿון אַלע פֿעלקער" האָט באַפֿוילן: „פֿאַרשטאַרקן די רעפּרעסיעס"...

אָט האָט מען אין אונדזער „קופּע" אויף איינער אַ סטאַנציע אַרײַנגעשטופּט אַ מיטליאָריקן אויסגעטריקנטן, דאַרן פֿאַרשוין פֿון אַ יאָר פֿופֿציק מיט אַ מיטוואָך. מע האָט אויף זײַן אָפּגעצויגענעם פֿאַרוואַקסענעם פּאָנעם ניט געזען קיין סימען פֿון טרויער, יעסורים. אויף זײַן שוואַרצן בושלאַט איז געהאַנגען אַ לאַנער־נומער. ער איז שוין אָפּגעזעסן, דערציילט ער, צען יאָר אין לאַגער. ער האָט פֿריִער געדינט אויפֿן יאַם־פֿלאָט אין אָדעס, געווען אַ קאַפּיטאַן פֿון אַ שיף. איז ער אַמאָל געזעסן אין קאַיוטע מיט עטלעכע כאַווײרים־אָפֿיצערן. דער רויך האָט אים אַ צי געטאָן באַ דער צונג, און ער האָט געזאָגט אַ שלעכט וואָרט וועגן טשאַן קײַשי, וועלכער איז נאָך געווען אַ בעקאָוועדיקער „רויטער". דעם פֿאַרשוין האָט די „באַזונדערע באַראַטונג" געגעבן פֿאַר די ווערטער צען יאָר. צוריק מיט אַ כוידעש האָט זיך דער טערמין געענדיקט און דער מענטש האָט זיך געגרייט אויף דער פֿרײַ, זיך אומקערן צו זײַן מישפּאָכע קיין אָדעס. ער איז שוין געווען אויפֿן זיבעטן הימל, זיך געפֿרייט, און

הונדערטער זײַנע כאווײרים — לאגערניקעס האָבן אים באגריסט מיט דער באפרײַונג, געוועזן אים מעקאנע. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אז די פרייד פונעם קאפיטאן איז געווען א פריצײַטיקע. מע האָט אים ארויסגערופן אױף דער וואכטע פון לאגער. אים געגעבן א פאפירל איבערלייענען און זיך צעשרײַבן. אינעם פאפירל האָט אים די „באזונדערע באראטונג" מיטגעטיילט, ער זאָל זיך ניט כאפן. מע האָט אים געגעבן נאָך צען יאָר...

און דאָס האָט מען אים איבערגעשיקט אין א שפּאָגל־נײַעם לאגער. אלץ פאר די רייד וועגן טשאן קײַשי, וואָס איז שוין געווען א פירער פון א מעלוכע, נאָר אויך א קעגנער פון דעם ראטנ־פארבאנד, פון קאָמוניזם...

די דערציילונג פון דעם מענטשן האָט אונדז דערשיטערט. איז אָט וואָס עס הייסט דער „אור־טײל" פון דער „באזונדערער באראטונג"! אזויארום קאָן יענער, וועמען די „באראטונג" האָט געגעבן א טערמין, אָפּזיצן דאָס גאנצע לעבן אין די לאגערן...

אין וואגאָן איז די מערהײַט געווען „פארמישפּעט" דורך דער שרעקלעכער „באזונדערער באַראטונג"...

אפן הארצן איז געוואָרן שווערער. זעט אויס, אָט דאָס פירט מען אונדז אין אויסרײַסעניש און מיר וועלן זיך שוין פון דאָרטן ניט אומקערן אהיים.

די „באפעלקערונג" בא אונדז אין סטאָליפּין־וואגאָן האָט זיך אלץ פארגרעסערט. דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט א סאך נײַס. דאָ זײַנען געווען מענטשן פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן, פון פארשיי־דענע לאגערן, שטעט, ראיאָנען. דאָ האָט מען שוין ניט געהאט וואָס אָנצווווערן, ווײַל ווײַטער פונעם לאגער וועט מען ניט שיקן און מער ווי א פינף־און־צוואנציקער אָדער טויט־שטראָף וועסטו ניט קריגן...

און מע האָט גערעדט, זיך אויסגערעדט דאָס הארץ. אויסדערציילט דאָס, וואָס מע וואָלט, דאכט זיך, דעם אייגענעם טאטן אין אן אנדער פאל ניט דערציילט.

ווער, אשטייגער, האָט געוווּסט, אז דער „פאָטער פון פעלקער" האָט איבערגעגעבן זײַן רעכטער האנט, לאוורענטי בעריאַן, ער זאָל „פארשטארקן די רעפרעסיעס", ווײַל וואָס מער מירן זיך דערנעענ־טערן צום זיג פון סאָציאַליזם, אלץ מער „סאָנים פון פאָלק" וועלן מיר האָבן? און אויב דער סוינע גיט זיך ניט אונטער, דארף מען אים פארניכטן...

גערעדט און געטאָן!

אין א פּאָר יאָר ארום נאָך דער מילכאָמע האָט דער „געני" שטרענג באפוילן ניט בלויז פאר־ניכטן צענדליקער טויזנטער „סאָנים פון פאָלק" — „אגענטן". מיליטערישע, ציווילע, העלדן, לאו־רעאטן — ווייניקער איבערקלײַבן! ליקווידירן — און גאָר! ער האָט אויך באפוילן אלעמען, ווער עס איז שוין אמאָל געזעסן אין די טורמעס און לאגערן און זיך נאָכן טערמין אומגעקערט אהיים, ווידער אײַנזעצן, געבן א נײַעם טערמין, פארשטארקן די רעפרעסיעס...

און די מאשין האָט אפסנײַ גענומען ארבעטן.

און ווער האָט עס געוווּסט בעסער, ווי מיר, וועלכע האָבן זיך געשלעפּט מיט די עטאַפּן אױף צוגן, שיפן, בארוּשעס אין אויסרײַסעניש, אין די לאגערן, און אױף אלע סטאנציעס האָט מען אין אונדזערע שטײַגן, איבערגעפּולטע מיט מענטשן־ארעסטאנטן, ארײַנגעשלײַדערט אלץ נײַע און נײַע קאָרבאָנעס. זיי האָבן דערציילט אלץ. פאר די טעג, וואָס מיר זײַנען געווען אין וועג, איז מען, דאכט זיך, דורכגעגאַן א גאנצע אקאדעמיע...

שוין קימאט סאָף וועג האָט מען צו אונדז אין סטאָליפּין־וואגאָן ארײַנגעקוועטשט א הויכן, באַיאָרטן פארשוין מיט א זעקל אױף די פּלייצעס. דאָס איז געווען א מענטש פון קנאַפּע אכציק יאָר, מיט א ראכוועסדיקער ווײַסער באָרד און לאנגע ווײַסע וואָנצעס, מיט א ברייטלעך אָפּן פּאָנעם און צוויי לעבעדיקע ליכטיקע אויגן.

אראָפּגעלאָזט צו די פיס דאָס זעקל, האָט ער זיך צוגעמאָסטעט ווי־ניט־איז אין אונדזער „קופּע", מיט זײַנע גוטמוטיקע אויגן אונדז באטראכט און זיך אָנגערופן:

— געזונט זײַט! זדראַוואָ, סלאוויאנער! וואָס האָט איר זיך אזוי פארדײַגעט, יונגעלײַט? — און ער האָט זיך הילכיק פאנאנדערגעלאכט.

דער אופזעער איז צוגעלאָפן צו אונדזער דראָט־פארצוימונג און א דראָע געטאָן מיטן פויסט צום אלטן:

— וואָס פאר א געלעכטער, פאשיסט! שטיל זאָל זײַן!..

דער אלטער האָט זיך א קרים געטאָן, איבערגעפירט דעם ליכטיקן בליק אפן סאָלדאט און זיך פארוווּנדערט:

— וואָס זאָגסטו, נאטשאלניק, איך בין א פאשיסט? איך האָב קיין פאשיסט אין די אויגן ניט געזען. פונעם דרײַסיקסטן יאָר פירט מען מיך פון איין לאגער אין צווייטן מיט קורצע, עמעס,

איבערײַסן... אפילע בײַס דער מילכאָמע אפֿן פראָנט ניט געװען, װײַל מע האָט מיך געהאַלטן אין לאַגער...

— זעט אויס, באַטיאַ, ביסט א געפּערלעכער קאָנטריק, װאָס מע לאָזט דיך ניט אױף דער פרײַ? — האָט דער סאָלדאַט שטילערהײט זיך אָנגערופֿן, קוקנדיק אין עק װאַגאָן, צי הערט ניט זײַן נאַטשאַלניק.

— יאָ, איך בין זײער א „סאָקאָנעסדיקער פאַרברעכער"! — האָט דער אַלטער אַלץ געשמײכלט. — דער קאָנטריק, װאָס דו זעסט, איז א פּוטילאָװער אַרבעטער. געהערט אַזאַ שטאָט — פּיטער? אַ־אַ, געהערט... נו און אז מע האָט דאָרט אין 17־טן יאָר געמאַכט די רעװאָליוציע, האָסטו אויך געהערט? געהערט... איז אָט דער „פּאַשיסט", װאָס דו זעסט, דעמאָלט געװען אין דער רויטער גװאַרדיע און אָנטײלגענומען אינעם שטורעם פֿונעם װינטער־פּאַלאַץ... עפּשער האָסטו געהערט װעגן אַזאַ פּאַלאַץ? כ'בין געװען א דעפּוטאַט בין איך געװען, לעניניען געזען און געהערט אָט פּונקט אַזוי, װי איך זע דיך, נאַטשאַלניק. ביזן זיבעצנטן בין איך געזעסן צװײ יאָר אין שליסלבורגער פֿעסטונג... געהערט? נו, עמעצער פֿון די קלאָװנים האָט אױף מיר אין נײַן־און־צװאַנציקסטן יאָר אָנגעבלאָזן א מעסירע, אַז איך, קלוימערשט, האָב אױף אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג אין זאַװאָד אױפֿגעהײבן די האַנט פֿאַר די רעכטע, צי עפּשער פֿאַר די לינקע, מיט אײן װאָרט — פֿאַר עפּעס געשטימט. אין ס'האָט זיך געלאָזט שרײַבן די גובערניע, דאַנילאָװ סערגײ פּאַטאַפּאָװיטש, איך, הײסט עס, האָט פֿאַר עפּעס געשטימט. און מע האָט מיך פֿאַרשפּאַרט, לעכאַטכילע אין טורמע, דערנאָך איבערגעפּעקלט אין „סאָלאָװעצקער לאַגער", דערנאָך קײן מאַגאַדאַן... אָן א געריכט, אָן א טריבונאַל, אױף גאָטס באַראָט. מיט א פּאָר יאָר צוריק האָט מען מיך פֿאַרט באַפֿרײַט. װוּהין לאָזט מען זיך? צי װעמען? אין פּיטער זײַנען מײַניקע אַלע אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער בײַס דער בלאָקאַדע. בין איך פֿאַרפֿאָרן קײן קאַזאַן. אַן אַלטיטשקע גוטהאַרציקע טאַטערקע האָט מיך אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב, אונטער איר דאַך. מײַן מאַן, האָט זי געזאָגט, איז אומגעקומען אפֿן פראָנט און איך װױן, זאָגט זי, אײנע אַלײן אין א גראַמער דירע. און װיפֿל דאַרף איך? איך זע, אַלטער, אז דו דאַרפֿסט זײַן א גוטער מענטש מיט געװיסן און האָסט ניט װוּהין זיך אַהינטאָן, טאָ פֿאַרבלײַב בא מיר דאָ. איך װעל דיר עפּעס אָפּקאָכן, אױסװאַשן, אַלײן לעבן אין שטוב קאָן מען מעשוגע װערן. א טײַערע נעשאָמע. א גוטע. א געטרײַע. בין איך דאָרט געבליבן. און געמײנט, אַז דאָ װעל איך שוין פֿאַרטרײַבן די צײַט ביזן גאַנײדן, אָפּשטופּן דאָס לעצטע ביסל יאָרן, װאָס גאָט האָט מיר פֿאַראָרדנט. זײַנען געקומען די „אַלטע פֿרײַנט" פֿון קאַגעבע אינמיטן דער נאַכט, מיך אױפֿגעטאָרעט פֿונעם שלאָף און זיך אָנגערופֿן: „נו, קאָנטריק, גענוג שלאָפֿן, מע דאַרף דעם קישן. ביסט געװען א ביסל אױף דער פרײַ, און האַדיע. װאָס צו, דאָס איז איבעריק. די קאַמער װאַרט װידער אױף דיר".

מע האָט מיך אָװעקגעפֿירט דערשלאָפֿן די נאַכט אין טורמע. „פּאַטאַפּיטש, — האָט דערקלערט דער נאַטשאַלניק, — האָסט געזאָגט, אז צופֿיל רוסישע סאָלדאַטן זײַנען אומגעקומען אױף דער מילכאָמע? הײסט עס, דער „גענעראַלער פּאַלקאָנפֿירער", דער כאַװער סטאַלין, האָט שלעכט געפֿירט די מילכאָמע?.. אַזױפֿיל יאָרן האָבן מיר דיך געכאָװעט אין די לאַגערן, און דו ביסט סײַװיסײַ געבליבן א קאָנטריק? װײַבאַלד אַזױ, באַקומסטו בא אונדז א צוגאָב — 25 יאָר... שרײַב זיך אונטער!.."

אויסגעהערט, װאָס פֿאַר א קנײטל מע האָט מיר צוגעלײגט, האָב איך זיך מעסוקן דערפֿרײט. און טאַקע, א גרױסן דאַנק אײַך, טײַערע געזעצגעבער! איך האָב געמײנט, אז איך װעל נאָך אָפּלעבן א יאָר־צװײ, מערסטנס דרײַ... כ'פֿאַרמאָג הונדערט קרענק. האָט איר מיר צו מײַנע אַכציק יאָר דאַבאַװעט א פֿינף־און־צװאַנציקער. זאָג איך אײַך א גרױסן דאַנק!..

דער אַלטער האָט זיך געװערטלט, לאַכנדיק, און דער סאָלדאַט איז אָפּגעגאַן פֿונעם דראָט:

— גענוג, באַטיאַ, פּלאַפּל ניט! װײַניק האָסטו באַקומען? דאַרפֿסט נאָך?..

— מיר איז שוין אַלצײנס. זאָל מען געבן נאָך...

װי עס איז ניט געװען ענג, האָבן מיר זיך צערוקט און געגעבן אונדזער אומגעװײנלעך פרײַלעכן שאָכן א שטיקל אָרט.

אין א טױבן טופּיק, אױף א פֿאַרװאָרפֿענעם װאָקזאַל האָט זיך אונדזער צוג אָפּגעשטעלט. לאָזט זיך אױס, אז מיר זײַנען אין װיאַטקע. װאָס זשע, אָט דאָס איז אונדזער לעצטע סטאַנציע און מיר זײַנען שוין אױף אָן אָרט?..

א נעכטיקער טאָג! אַזעלכע פֿאַרברעכער, װי מיר, זײַנען ניט קראַנק דעראָבערן א טיפֿערע העק, א ביסעלע נעענטער צו דער אױסרײַסעניש.

א שטיקל צײַט װעט אונדז אױסקומען זײַן אױף דער „פּערעסילקע", אין דער אַלטער הילצערנער טורמע, װאָס מע האָט דאָ אויסגעבויט נאָך פֿאַר יעקאַטערינען. די װיאַטקער טורמע האָט א גרױסן שעם. באַרימט איז זי מיט דער בײזער װאַך, מיט אירע טורעמשטשיקעס, און, באַזונדערס, מיט אירע װאַנצן.

זיי לאָזן מאמעש קיינעם ניט אָטעמען! זיי זײַנען, ווי די ווילדע כײַעס.

און אָט האָט מען אונדז פארטריבן אינעם לאנגן, קויטיקן האלבפינצטערן באראק, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעוואלגערט אפן בלאָטיקן דיל דעם גאנצן טאָג אָן עסן, אָן טרינקען, ביז מע האָט אונדז איבערגעציילט, ווי די פי אין שטאל, אויסגעסאָרטירט און פאנאנדערגעפירט אין די באראק־קאמערן. זיי זײַנען אזוי איך, אָן אונדז, דאָ געווען איבערגעפולט קאָפּ אף קאָפּ, נאָר איצט, אז מע האָט אונדז, די „נײַע", ארײַנגעשטויסן אהער, איז געוואָרן גאָר פריילעך.

די דורכויסיקע צווייגאָרנדיקע נארעס זײַנען געווען אזוי באפעלקערט, אז מע האָט זיך געקענט אויסלייגן בלויז אף איין זײַט. לויט א קאָמאנדע האָבן זיך אלע אויסגעדרייט אף דער צווייטער זײַט.

א סאך האָבן זיך אוועקגעלייגט פּאָשעט אונטער די נארעס, אפן נאסן, פארשפּיגענעם דיל, ארום דער פאראשע, צוגעשפּארט זיך ווי־ניט־איז צו די ווענט.

אָטעמען איז ניט געווען מיט וואָס און מע איז שיר ניט דערשטיקט געוואָרן.

די וואנצן, די פּאָטאָמסטווענע — דאָר־דוירעסדיקע, וואָס האָבן זיך דאָ אײַנגעפונדעװעט און זיך געפילט ווי אין א גאניידן נאָך פון יעקאטערינעס צײַטן, האָבן זיך גלײַך גענומען צו דער ארבעט, דעריקער אויספאָרשן, וואָס פאר א טאם עס האָבן די „נײַע". א וועלט „רויטע יידעלעך" האָט זיך ארופגעוואָרפן אף די ערשט אָנגעקומענע. די אלטע האָבן, דוכט זיך, גלײַכגילטיק אויסגעהערט זייערע זידלערײַען און קלאָלעס. אליין זײַנען זיי שוין געווען צוגעוווינט צו די אטאקעס פון די שטינקענדיקע באשעפענישלעך און געריסן מיט די נעגל די הויט אף זיך שטילערהייט.

די לופט איז געווען דורכגעזאָפּט מיט מענטשישן שוויס, מיט בלוט, קארבאָלקע, קאלך און איבערגעמישט מיטן רייעך פון דער פאראשע, וואָס האָט פארנומען א גאנץ ווינקל לעבן דער טיר...

אף די נארעס איז קימאט קיינער ניט געשלאָפן — אלעמאָל האָט מען זיך לויט א קאָמאנדע געדארפט איבערדרייען אף דער אנדערער זײַט, דערצו נאָך איז אויסגעקומען פירן א בלוטיקן קאמף מיט די יעקאטערינינער געהויבענע וואנצן.

דער אוילעם האָט מיט אומגעדולד געווארט, די נאכט זאָל אריבער און מע זאָל אָנהייבן ארויספירן די ארעסטאנטן אין הויף אף דעם שפּאציר, נאָר ווי אפּצולאָכעס האָט די נאכט זיך געצויגן מעשוגענערהייט, ניט געוואָלט אָפּטרעטן, ווי זי, די נאכט, וואָלט געקליבן נאכעס, וואָס מענטשן קאָנען ניט שלאָפן, וואָס זיי מאטערן זיך אזוי. מײַן שאָכן, א פּראָפעסאָר פון קאזאנער אוניווערסיטעט, גנאט סאוועליעוויטש, וואָס איז געלעגן באנאנד מיט מיר אף דער אייבערשטער נארע, האָט אלעמאָל אף מיר אופגעהויבן זײַנע עטוואָס אויסגעסטארטשעטע בלאָוולעכע אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, טיף געזיפצט.

— אָט דאָס הייסט לעבן!.. אָט דאָס הייסט „א מענטש — קלינגט שטאָלץ!.."

מיר האָבן זיך אופגעכאפּט גאנצפרי, נאָך איידער דער נאדזיראטעל האָט אויסגעצויגן: „פּאָדיאָם!"

די דעזשורנע האָבן זיך גלײַך גענומען צו זייערע פליכטן — ווער אויסקערן, ווער ארויסטראָגן די פאראשע. אין דעם ענגן איבערבאפעלקערטן קאמער־באראק איז געוואָרן טומלדיק. אין דעם הו־הא האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען, א זידלערײַ פון די קעכער אין קאָרידאָר, וואָס האָבן געבראכט אין א דייזשע די „בוהדא" — די לייזע יויך, מיט די פּײַקעס ברויט, וואָס האָבן זיך גלײַך אף די הענט צעשאָטן אף ברעקלעך.

בא דער טיר האָט זיך אויסגעצויגן א ריי. יעדער איינער האָט באקומען דאָס אליומיני־שיסעלע מיטן גרויסארטיקן געקעכטס, וואָס האָט געשלאָגן צו דער גאל. מע האָט זיך ווי־ניט־איז אויסגעזעצט, ווער אף די נארעס, ווער פּאָשעט אפן דיל, לעבן דער „פאראשע", אין די ווינקלען. דער קאזאנער פּראָפעסאָר האָט זיך געסטארעט די גאנצע צײַט האלטן זיך נעענטער צו מיר, לאָזט זיך אויס, אז ער איז דאָ שוין אן אלטער טוישעוו. א שיינע פּאָר וואָכן, אז ער געפינט זיך דאָ. אלע טאָג ווארט ער, מע זאָל אים ארויסרופן אפן עטאפּ, און מע רופט אים ניט אויס. ער שטעלט זיך ניט פּאָר, וווּהין וועט מען אים פארשיקן און בא וואָס וועט ער קאָנען ארבעטן? מע זאָגט, אז די מערהײַט ארעסטאנטן שיקט מען איצט אף די שאכטעס. ער האָט פארן ארעסט איבערגעטראָגן א שווערן אינפארקט און שטעלט זיך ניט פּאָר, וויאזוי איז ער געבליבן לעבן. און דאָ נאָך איז די ריע בא אים א שרעקלעכע, ער זעט קוים. נאָר וואָס זשע, מענטשן זעט ער גוט אין קאמער. פאר די טעג האָט ער זיך מיט א סאך דאָ באקאנט. אָט זיצט אין ווינקל דער קאָנטער־אדמיראל לאפּושקין, קוזנעצאָוו, דעם אמאָליקן יאם־מיניסטערס גוטער־פרײַנט. מע האָט זיך צוזאמען געלערנט אין אקאדעמיע. אן אינטערעסאנטע „דיעלאָ" בא אים. דורכגעגאן די גאנצע מילכאָמע אפן פלאָט, באלוינט מיט א פולן איקאָנאָסטאס אָרדענס און מעדאלן. מע האָט אים געשיקט אין מיניסטעריום, אין קארטאָגראפישן אָפּטייל. פון הונדערטער יאָרן פירט זיך צווישן די מעלוכעס, וואָס האָבן יאמען, — מע בײַט זיך מיט די מאַפּעס — ווו עס געפינען זיך אין די יאמען ריפן, פעלדזן... נאָך בייס פּיאָטער דער גרויסער האָט

געהערשט, האָבן מעלוכעס זיך געטוישט מיט מאַפּעס. און דאָ האָט מען איַינגעזעצט לאַפּושקינען. עפּעס האָט ער דערציילט אייניקע אָפּיצערן אן אנעקדאָט. און מע האָט עס גלייַך אָפּגעטראָגן, וווּהין מע דאַרף. העכער א יאָר האָט מען דעם קאָנטר־אדמיראַל געהאַלטן אין טורמע אַף דער אויספאָר־שונג, נאָר ער האָט גאָרניט אונטערגעשריבן. האָט מען אים פאַרמישפּעט דערפאַר, וואָס ער האָט, קלוימערשט, אַרויסגעגעבן אייניקע „מיליטערישע סודעס" די ענגלענדער — עטלעכע מאַפּעס...

ער האָט גאָרנישט ניט געקאָנט דערווייַזן, פאַרענטפערן זיך. מע האָט אים געגעבן פינף און צוואַנציק יאָר. און דאָ, וווּ איר שלאָפט, האָט יענער געזאָגט, איז נעכטן געשלאָפן דער גענעראַל־לייטענאַנט טעלעגין... געהערט ווער טעלעגין איז? זשוקאָווס רעכטע האַנט, דער מיטגליד פון מילי־טער־ראַט פונעם ערשטן ווייַסרוסישן פראָנט... נעכטן האָט מען אים גענומען אפן עטאַפּ...

איך בין דערשטוינט געוואָרן, דערהערנדיק די פאַמיליע טעלעגין. זייַן פאַמיליע שטייט אַף עטלעכע מייַנע דאָקומענטן, וועלכע איך האָב באַקומען פון דער קאָמאַנדשאַפט פאַר אָנטיילנעמען אין דער באַפרייַונג פון א גאַנצער ריי שטעט בייַס דער מילכאָמע...

דער פּראָפעסאָר האָט מיר אָנגעוויזן אַף א שלאַנקן מיטליאָריקן פאַרשוין אין א קאַפּעליוש, און שטילערהייט אייַנגערוימט אפן אויער: „אָט דער באָכער איז דער באַרימטער טענאָר פון דער לענינגראַדער אָפּערע — פּענקאָווסקי... ער באַהערשט א גאָלדענע שטים. איך האָב זייַן געזאַנג ניט איין מאָל געהערט". שפּעטער א ביסל האָט דער פּראָפעסאָר מיר אָנגעוויזן אַף א ריי הויכע מיליטער־נאַטשאַלניקעס, פּאַרטיי־אָנפירער...

און איך האָב געקוקט אַף די מענטשן און געדאַכט האָט זיך, אז איך זע א שרעקלעכן כאָלעם. וואָס טוט זיך עס? וואָס קומט פאָר אין דער מעדינע? ווער האָט זיך גערירט פון די געדאַנקען? וויפל קאָן זיך אַזוינס ציִען?

דער נאַדזיראַטעל האָט געעפנט די טיר פון אונדזער באַראַק־קאַמער און געפרעגט, ווער וויל אַף דער פרישער לופט? דאָס הייסט, אַרויסגיין אין הויף. עפּעס בויט מען דאָרט אין ווייַטן הויף־ווינקל. ווער עס וויל באַקומען אן איבעריקע פּייַקע ברויט, קאָן גיין נעמען א זאַסטעפּ, א קירקע...

איידער זיצן אין דעם איפּעש, וואָלט טאַקע עפּשער געווען א פּלאַן אַרויסגיין אַף דער פרישער לופט אַרבעטן?

און א פּאָר צענדליק אַרעסטאַנטן זייַנען אַרויס אין קאָרידאָר, ווו עס האָבן שוין געוואַרט מענטשן, וועלכע האָבן געלעכצט א ביסל פרישע לופט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אין פינצטערן, נאַסן קאָרידאָר אויסגעצויגן א היפּשע קאָלאָנע. מע האָט אונדז אַרויסגעפירט אין הויף, געהייסן נעמען זאַסטעפּעס, קירקעס און מע האָט אונדז אַרויסגעפירט אין עק הויף, געוויזן, ווו גראָבן, איבערוואַרפן ערד, טראָגן ציגל צו די דיקע ווענט. און דאָ האָט זיך דער קאָנטר־אדמיראַל אָנגערופן:

— כעווירע, זעט נאָר, וווּהין מע האָט אונדז געבראַכט? דאָס בויט מען דאָך א נייַע טורמע... צי דען וועלן מיר פאַר אונדזערע מענטשן בויען טורמעס? מע וועט דאָך אונדז פאַרשעלטן די ביינער!

דער אוילעם איז שטיל געוואָרן, זיך אייַנגעקוקט אינעם אויפגערעגטן פּאָנעם פונעם געוועזענעם מיליטערמאַן.

— זעט נאָר, סאַרא דיקע ווענט!.. און דאָרטן ליגן אונטערן שניי גראַטעס... איר זעט, מענטשן?

— יאָ, גראַטעס... א טורמע בויט מען דאָ...

עטלעכע ווייַלעס האָבן מיר זיך איבערגעקוקט און אָנגעהויבן וואַרפן די לאָפּעטעס אין א זייַט. עס איז אויסגעוואַקסן א גרויסע קופּע זאַסטעפּעס, קירקעס, טאַטשקעס...

— היי, נאַטשאַלניק! פיר צוריק אין קאַמער!

— פיר אָפּ אין קאַמער! קיין טורמעס וועלן מיר ניט בויען!

— זאָלן די נאַטשאַלניקעס בויען טורמעס... זיי האָבן מוירע, זיי זאָלן ניט בלייַבן אַרבעטלאָז... פירט אָפּ צוריק אין קאַמער!

עס איז געקומען צו לויפן דער טורמע־נאַטשאַלניק, אָנגעהויבן שרייַען, דראָען, פאָדערן, מע זאָל גלייַך צוטרעטן צו דער אַרבעט. נאָר קיינער האָט אים ניט געהערט. א גאַנצע שאָ האָט מען אונדז מיט גוטן און שלעכטן אייַנגערעדט, נאָר קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

מע האָט אונדז אָפּגעהאַלטן עטלעכע שאָ אפן פראָסט און דאָך אָפּגעפירט די אויפגעבראַוזטע קאָלאָנע צוריק אין די באַראַקן־קאַמערן...

— גענוג טורמעס... אַף אונדזער דאָר וועט סטייַען!..

דאָס וואָס מיר האָבן דורכגעפירט א שטרייַק, האָט אַרויסגערופן גרימצאָרן מיצאַד דער אדמי־ניסטראַציע פון דער טורמע. מע האָט אונדז פאַרווערט דרייַ טעג אַרויסגיין אַף דער פרישער לופט, אַף אונדזער געזעצלעכן שפּאַציר. די פּאָכליאָבקע, די שיטערע יושקע, וואָס מע פלעג אונדז געבן,

איז געווען ערגער, ווי אַלע טאָג — דאָ האָט מען לאַנג געדאַרפט אַרודעווען, מישנדיק מיטן לעפל, ביז מיר האָבן געכאַפּט אַ שטיקל בלעטל פון קרויט. מע האָט אויך ניט אַרויסגעגעבן דאָס פּיצל צוקער און עס איז אויסגעקומען טרינקען דאָס ביסעלע אַקרעפּ מיט זאַלץ. נאָר ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס עטלעכע טעג האָט די נאַדזיראַטעלשע ניט געביטן די ביכלעך פון דער „ביבליאָטעק" און עס איז ניט געווען וואָס צו לייענען — די איינציקע פרייד אין אונדזער פּיללייַדנדיק לעבן.

דעם פערטן טאָג האָט מען אַראָפּגענומען פון אונדז די ביטערע שטראָף, און אָט האָט זיך באַוויזן בא דער „קאַרמושקע" פון יענער זייַט טיר די אַלטיטשקע ביבליאָטעקערן מיט דער טאַטשקע ביכער — פאַרלייענטע, פאַרשמאַלצעוועטע, נאָר דאָך ליבע און טייַערע.

עס האָט זיך אויסגעצויגן אַ לאַנגע ריי. די ביבליאָטעקערן האָט שנעל דערלאַנגט יעדן אַ ביכל און אונטערגעיַלט, מע זאָל גיכער נעמען, ניט פאַרהאַלטן. אייניקע האָבן געבעטן געבן אַנדערע ביכלעך, ווייַל דאָס האָט מען שוין געלייענט, נאָר זי האָט זיך געבייזערט, זי האָט ניט קיין צייַט איבערקלייַבן. מע זאָל נעמען, וואָס מע גיט, און זאָגן אַ דאַנק. קיין אַנדער ברירע איז ניט געווען, מע האָט געמוזט ווידער נעמען דאָס ביכל, וואָס מע האָט שוין פריִער איבערגעלייענט.

און אָט איז געקומען מייַן ריי. די ביבליאָטעקערן האָט אויף מיר אויפגעהויבן דעם בליק און דערלאַנגט צוויי ביכער, איך האָב פון אומדערוואַרטקייַט צעעפנט דאָס מויל און שיר ניט אויסגעשריגן. צווישן די צוויי ביכער האָב איך דערזען אַ זאַמלונג מייַנע דערציילונגען, וואָס איז דערשינען ערעוו דעם, ווי מע האָט מיר אַרייַנגעוואָרפן אין טורמע. איך האָב אַפילע ניט באַוויזן זיך צו זעט אָנשפּיגלען אין דעם. מיט האַרץ־צאַפּל האָב איך גענומען אין ביידע דלאָניעס מייַן סייפער, אָפּגעטראָטן צו מייַן ווינקל, זיך פאַרגראָבן אינעם בוך און גענומען שלינגען די שורעס. איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויִאַזוי איז מייַן בוך דערציילונגען דערגאַן אַהער, אין אָט דער שוידערלעכער הילצערנער יעקאַטערינינער טורמע? זעט אויס, אַז די טורעמשטשיקעס האָבן דאָס נאָך ניט באַוויזן פאַרברענען? און עפּשער איז אין דעם וויסטן קאַנט נאָך ניט דערגאַן דער באַפעל, מע זאָל אַזעלכע ביכער דרינגענד פאַרניכטן באַגלייַך מיט אַלע ביכער פון די „סאָנים פון פאָלק"? ווי קאָן מען דאָ האַלטן אַזאַ קראַמאָלע צוזאַמען מיט זייַן אַוטאָר?

דער פּראָפעסאָר פונעם קאַזאַנער אוניווערסיטעט האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר און דערזען, אַז איך בין פאַרטיפט אינעם בוך, האָט ער אים אויף אַ ווייַלע גענומען אין די הענט, געוואָרפן דעם בליק אויף דער פאָטאָגראַפיע, זיך טיף אייַנגעקוקט, איבערגעלייענט די פאַמיליע און דאָס פּאָנעם האָט זיך אויסגעצויגן:

— עפּעס זייער ענלעך אויף אייַך, „סוינע פון פאָלק". צי האָב איך ניט קיין טאָעס?.. אייַער פאַמיליע איז, דאַכט מיר, פונקט אַזאַ...

דאָס האַרץ איז פאַרקלעמט געוואָרן און איך האָב דערפילט, אַז עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן.

נאָך אַ קורצער פּאַוזע, האָב איך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין:

— ניט איך... איך האָב צו דעם בוך קיין שום שייַכעס ניט...

און דאָך האָב איך דערפילט עפּעס אַ מאָדנעם צופלוס פון וואַרעמקייַט אין האַרצן: ווער ווייסט, צי וועל איך אויסהאַלטן די צען יאָר אין די פאַרוואָרפענע קאַנטן, ווו צוועלף כאָדאָשים אין יאָר איז ווינטער, דאָס איבעריקע — זומער? עפּשער וועט כאָטש בלייַבן לעבן דאָס, וואָס איך האָב באַוויזן אָנשרייַבן פאַר די לעצטע מייַנע יאָרן?.. מייַן סייפער, וואָס געפינט זיך צוזאַמען מיט מיר אין דעם וויסטן העקדעש...

אויב דאָס הייסט לעבן, וואָס הייסט טויט?

אין קוימען פון דער גרויסער אייַזערנער הרובע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן אונדזער באַראַקקאַמער, האָט געוואָיעט דער ווינט, ווי טויזנט ווילדע כייַעס וואָלטן זיך צעבושעוועט. אויף דעם שפּאַציר איז קיינער ניט אַרויסגעגאַן — די וויוגע, די זאַווערוכע האָט געשלייַדערט פון די פיס. און דאָס איז נאָך ווייַט ניט דער קאַנט, וווהין מע וועט אונדז אין עטלעכע טעג אַרום אַוועקפירן. דאָרטן איז שוין לאַנג אַרייַנגעפאָרן דער ווינטער מיט זייַנע שרעקלעכע פרעסט.

מיר זיצן דאָ און זײַנען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. וואָס הערט זיך פון יענער זײַט שטעכלדראָטן? וואָס איז דאָרטן בײַ אונדז אינדערהיים? ווי לעבן איבער די צײַט אונדזערע ליבע און נאָענטע? שוין א יאָר, אַז עס איז נישטאָ קיין ידיעה פון זיי. וואָלט זיך שוין גיכער אויסגעלאָזט אָט דער שרעקלעכער וועג, מע זאָל שוין קאָנען אָנשרײַבן אַהיים א בריוו, געבן צו וויסן וועגן זיך! די באַגעגעניש מיט עסטערן דאָרטן, אין דער לוקיאַנאָווער טורמע, אין דער אַנוועזנהײַט פון א מאַניאַק, וואָס האָט קיין וואָרט ניט געלאָזט זאָגן, עפּעס אויספרעגן, האָט געדויערט עטלעכע געציילטע מינוט. מיר זײַנען געשטאַנען, אָפּגעזונדערטע מיט דער דראָט־פאַרצוימונג, און ניט געקאָנט זיך קאָנצענטרירן, עפּעס אַרויסברענגען. מיר האָבן ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, ווי דער פאַרשוין האָט א בורטשע געטאָן, אַז דער „געשפּרעך איז געענדיקט... פּאַשלי!". זעט אויס, ביזוואַנען איך וועל לעבן, וועט פאַר מײַנע אויגן שטיין א פאַרווייניטע עסטער, און איך וועל הערן איר קאָל: „האַלט זיך, ליבער, אַזוינס קאָן לאַנג ניט דויערן!"

נאָר אין קוויטל, וואָס מע האָט מיר אונטערגערוקט ערשט ניט לאַנג און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אונטערשרײַבן, איז געשטאַנען „צען יאָר"! דערצו נאָך, האָט מיך קיינער ניט געמישפּעט. מײַן נאָמען האָבן די הענקער ארײַנגעשטעלט אין א לאַנג צעטל, ווו עס זײַנען געווען עטלעכע הונדערט נעמען. אַלע קימאַט אַזעלכע „סאָנים", ווי איך. דאָס וויסטע צעטל האָט צונויפגעשטעלט „די באַזונדערע באַראַטונג" און עס שטייט דאָרטן די כסימע פונעם איבער־טאַליען פון לאַנד לאַווערענטי בעריאַ — סטאַלינס רעכטע האַנט, זײַן שלאַכט־פרײַנט. געניטע לאַגערניקעס, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין וועג, האָבן געזאָגט, אַז עס ענדיקן זיך די צען יאָר, רוקט מען דיר אונטער א נײַ פּאַפּירל — נאָך צען... און שפּעטער רוקט מען דיר אונטער א „נאַסעדקע". ער פאַרפּירט מיט דיר א שטיקל געשפּרעך און שרײַבט אויף דיר אָן, אַז דו האָסט מיט אים געפירט „אַנטיסאָוועטישע געשפּרעכן", און מע טיילט דיר צו נאָך 25 יאָר, אָט פּונקט ווי דעם אַלטן פּוטילאָווער אַרבעטער, וואָס זיצט דאָס גאַנצע לעבן אין די טורמעס און לאַגערן פאַר דעם, וואָס ער האָט אַמאָל, אין די ווײַטע צוואַנציקער יאָרן, אויפגעהויבן די האַנט, קעדיי אָפּטרײַבן פון דער נאָז אַן אײַנגעזאַקשנטע פליג.

א מעשוגאַס, וואָס איז איבערגעוואַקסן געוואָרן אין א מעלוכע־מעשוגאַס, און הונדערטער טויזנטער ערלעכע, טרײַע סאָוועטישע מענטשן שמאַכטן אין די טורמעס און לאַגערן. און דאָס דאַרף מען איבערקײַפּלען פינף, צען מאָל, ווײַל די פאַמיליעס, נאָענטע און ליבע, וואָס זײַנען איבערגעבליבן אינדערהיים, מוטשען זיך דאָרטן ווי אַפן טויט. פאַריאָגטע, פאַרהאַסטע. מע קאָן זיך ניט אײַנאָרדענען אויף אַרבעט, אָנקומען זיך לערנען, זאָגן א וואָרט, ווײַל מע איז דאָך מישפּאָכעס פון „סאָנים פון פאָלק", פון „שפּיאָנען", „נאַציאָנאַליסטן", „אַגענטן פון ראַזוועדקעס". מע שלאָפט ניט דורך די נעכט. יעדע מינוט, ווען עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר, ווערט מען דערציטערט פון פּאַכעד: „זעט אויס, דער „וואָראָנאָק" — די „שוואַרצע קאַרעטע" — דער מאַלכאַמאָוועס איז שוין געקומען.

איך האָב אויף עטלעכע מינוט זיך אָפּגעווענדט פון מײַנע שווערע מאַכשאָוועס, זיך אויפגעהויבן, דערהערט א גערודער בײַ דער טיר. דאָס האָט מען, זעט אויס, געבראַכט א נײַעם עטאַפּ, און עטלעכע אומגליקלעכע וועט מען באַלד ארײַנשטויסן אין אונדזער באַראַק־קאַמער. עס וועלן באַלד קומען נײַינקע, צאַפּלדיקע „שפּיאָנען", „אַגענטן", „סאָנים". וואָס וועלן זיי דערציילן? עפּשער וועלן זיי ברענגען א ביסל נײַעס פון דער גרויסער וועלט?

מע האָט ארײַנגעשטופּט צו אונדז א צענדליק אַרעסטאַנטן, מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. „דער פאָטער פון פעלקער" סטאַלין איז א גרויסער אינטערנאַציאָנאַליסט און ניט קיין גרויסער איבערקלײַבער, ער פאַרטרײַבט אַהער מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, מע זאָל, כאַלילע, אויף אים ניט זאָגן, אַז ער שאַנעוועט זײַנע לאַנדסלײַט, גרוזינער. אָט האָט איר טאַקע צווישן די אָקאָרשט געקומענע דרײַ גרוזינער צוויי אַרמענער, צוויי ייִדן, אַן אוקראַינער, א לעט, א ליטווינער, א דײַטש און א רוס... דער לעצטער איז א מענטש פון א יאָר פופציק מיט א פולבלעך אָפּן פּאָנעם און קורצע טונקעלע וואָנצעס, מיט א הויכן שטערן, ווי בײַ סאָקראַטן. ער איז אָנגעטאָן אין א בלאָוולעכן האַלבמיליטערישן קיטעל, פּונקט אַזעלכע טראָגט סטאַלין, אַפן קאָפּ, פאַרוקט אַרויף, א האַלבמיליטעריש היטל, דער גאַנצער אויסזען זײַנער איז פון א פאַרטיי־טשינאָווניק, וואָס האָט נאַרוואָס געענדיקט אויף א גרויסער פאַרזאַמלונג א ספּיטש.

די אויגן זײַנע, ליכטיקע, בלויכלעכע, זײַנען מאָדנע אַרומגעלאָפן איבער דער קאַמער. ער האָט מיט מוירע און פּאַכעד באַטראַכט די מענטשן, וועלכע האָבן אויף אים געקוקט מיט אינטערעס. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אַוועקגעלייגט זײַן אַרעסטאַנטיש טאָרבעלע, צעשפּיליעט דעם קאָלנער, צוגעגאַנגען צום ראַנד פון דעם שווערן גרויסן טיש, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן דער באַראַק־קאַמער, זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אין ראַנד טיש, און אָנגעהויבן ריידן, פּונקט ווי דאָ זאָל גיין א מיטינג:

— בירגער ריכטער! — האָט ער זיך אָנגערופֿן מיט אַ הייזעריקלעכער שטים, — בירגער ריכטער! וואָס קאָן איך זאָגן אין מײַן לעצטן וואָרט? איך בעט בלויז מיר גלייבן, אַז איך זאָג דעם ריינעם באָלשעוויסטישן עמעס...

מיר זײַנען אײַנגעשטילט געוואָרן, באַטראַכטנדיק דעם פּאַרשוין: ניט אַנדערש, ער האָט זיך געריירט פֿון די געדאַנקען, מיינט נאָך אַלץ, אַז ער געפֿינט זיך אין טריבונאַל, אָדער אין געריכט.

אַלע האָבן געשוויגן, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— איך בין זעקס יאָר געווען סעקרעטאַר פֿונעם קורסקער פּאַרטיי־קאָמיטעט... נאָכן פּראָצעס האָט מען מיך אַהין געשיקט. מע רופֿט מיך איוואַן וואַסיליעוויטש. איך אַנערקען דאָס, וואָס די אויספֿאָרשער פֿון קאָמיטעט פֿון מעלוכישער געפֿאַרלאָזיקײַט אויף לוביאַנקע, אין מאָסקווע, האָבן מיר געהייסן אַנערקענען... איך האָב זיך פֿאַרקויפֿט דעם אימפּעריאַליזם... געאַרבעט אויף דער טערקישער שפּיאָנישער נעץ, געווען באַ זיי אַן אַגענט... איך אַנערקען, אַז איך בין געווען אַ טראָצקיסט, אין רעכטן אָפּנייג, אין לינקן אָפּנייג, און בכלל אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, זיך פֿאַרנומען מיט אַנטיסאָוועטישער אַגיטאַציע... זײַענדיק אויפֿן פּראָצעס, האָב איך איבערגעגעבן היטלערן יעדיעס וועגן די סאָוועטישע קויכעס... בירגער און כאַווײרים ריכטער! איך אַנערקען, אַז איך בין אַלע יאָרן געווען אַ סוינע פֿון פֿאָלק... זיך פֿאַרקויפֿט די יאַפּאַנישע סאַמורײַען. נאָר ווי אַ טרײַער סטאַלינעץ, בעט איך אײַך מיך באַשטראָפֿן ניט שטרענג, ווײַל איך האָב אַלץ, וואָס איר האָט געפֿאָדערט פֿון מיר, אָן ערלעכן באָלשעוויק, אונטערגעשריבן... זאָל לעבן דער גרויסער, געניאַלער סטאַלין, וואָס פֿירט אונדז צום סאָציאַליזם! הורא, כאַווײרים!

עמעצער פֿון דער צווייטער נאַרע האָט ניט אויסגעהאַלטן און אַ שלײַדער געטאָן אין דעם רעדנערס זײַט אַ שטיוול:

— היי, סלאַוויאַנער! ווער עס זיצט נעענטער צום „אַגענט", פֿאַרמאַכט אים דאָס מויל! גענוג! מיר זײַנען שוין זאַט מיט אַזעלכע „שפּיאָנען"! ביזן גאָרגל.

— אַ ראַכמאָנעס אויף אַ מענטשן! — האָט עמעצער פֿון צווייטן ווינקל איבערגעשלאָגן. — וואָס זשע, איר זעט ניט, צו וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד מע האָט אים דערפֿירט?..

— באַפֿרײַט אים אַ ווינקל, און זאָל ער זיך צושפּאַרן! עפּשער וועט ער זיך אויסשלאָפֿן, וועט אים ווערן גרינגער, און ער וועט אָנהייבן ריידן, ווי אַ מענטש...

מע האָט ניט באַוויזן זיך באַרויִקן, ווי די „קאַרמושקע" האָט זיך צעעפֿנט און דער נאַדזיראַטעל האָט אויסגעשריגן:

— נאַלימאָוו! זעק נאַלימאָוו! מיט די זאַכן! שנעלער!

דער „טריבון" האָט זיך אַרומגעקוקט, פֿאַרשפּיליעט זײַן „סטאַלינקע" אויף אַלע קנעפּ, פֿאַריכט דאָס היטל אויפֿן קאָפּ און, געכאַפּט זײַן קלומעקל, זיך געלאָזט צו דער טיר. און די טיר האָט זיך געעפֿנט. עס האָט זיך דערהערט דאָס בייזע קול פֿונעם נאַדזיראַטעל:

— סוקין סין! וווהין ביסטו פֿאַרקראָכן? מע פֿירט דיך קיין קאַזאַן, אין דער פּסיכושקע, און דו?.. פּאַשלי!

דער אוילעם איז אײַנגעשטילט געוואָרן. ווער עס האָט זיך איבערגעבייגט איבער אַ בוך, ווער עס האָט פֿאַרנייט די הויזן, אַ העמדל, אָפּגעשאַרט די וואַנצן, זיי זאָלן כאָטש באַטאָג לאָזן צורו.

אין קאַמער איז געוואָרן שטיל. די „רעדע" פֿונעם סעקרעטאַר האָט אַ סאַך פֿון אונדז אופּגערודערט און דערמאָנט אין יענע שיינע טעג און וואָכן, ווען די אויספֿאָרשער האָבן אונדז געוואָלט צווינגען אונטערשרײַבן דער רועך ווייסט וואָס, און אונדז אויך שיר ניט דערפֿירט צו נאַלימאָווס צושטאַנד...

דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך צוגערוקט צו מיר, לאַנג פֿאַרדײַגעט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך אָנגערופֿן:

— נו, געפֿעלט אײַך, וואָס עס טוט זיך? און דאָס הייסט לעבן...

און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזער באַרימטער פֿאָלקסליד:

— אויב דאָס הייסט לעבן, וואָס הייסט טויט?..

וואָס זאָגט עס דאָרט, דאָס אַלטע שפּריכווערטל: זאָלסט ניט בעטן אויף קיין בעסערן קייסער...

די שרעקלעכע, קויטיקע אַלטע טורמע איז אונדז פֿאַר די טעג מוירעדיק נימאס געוואָרן, און מיר האָבן שוין מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט, געוואַרט, מע זאָל אונדז אוועקפֿירן ווײַטער. וואָס וואַרט אויף אונדז דאָרט, האָט קיינער ניט געקאָנט וויסן, נאָר דאָ ווילן מיר אַלע אומקומען פֿון דער קויט, פֿונעם געשטאַנק, פֿון די הילצערנע נאַרעס און כאַליאַסטרעס וואַנצן...

די צײַט איז געגאַן, און די קעלט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. עס האָבן מאַמעש געברענט די

פרעסט. אין קאָפּ זײַנען געקראָכן שווערע געדאַנקען: אויב אין דער צײַט איז דאָ אַזוי קאַלט, טאָ וואָס וואַרט אויף אונדז דאָרט, ערגעץ ניט ווײַט פון וואָרקוטאַ?..

און צי וועלן מיר ניט אומקומען אין וועג? מיר זײַנען אָנגעטאָן לײַכט, אָן וואַרעמע זאַכן, און ווער פון אונדז איז דען צוגעוווינט צו גרויסע פרעסט?

דער פּראָפעסאָר, וואָס איז באַקי אין א סאַך זאַכן, האָט דערציילט, אַז נאָך ווײַט פאַר דער רעוואָלוציע האָט זיך אַן עקספּעדיציע געלערנטע לײַט אוועקגעלאָזט אין יענעם קאַנט. דערנאָך זיך אומגעקערט קיין פּעטערבורג און דערציילט דעם קייסער ניקאָלקען, אַז זיי האָבן אַנטפּלעקט א גרויסן נײַעם ראַיאָן, וווּ עס איז פאַראַן א סאַך קוילן און נאַפט, און מע דאַרף אַהין שיקן מענטשן, זיי זאָלן אָט דאָס גוטס אַרויסבאַקומען פון די ערדטיפענישן, וועט די אימפּעריע זיך באַרײַכערן.

דער קייסער האָט פאַרמאַכט די מאַפּע, וואָס די עקספּעדיציע האָט אים באַוויזן, באַטראַכט דאָס אָרט און זיך צעבייזערט:

— איר זײַט בײַ די געדאַנקען? ווי זשע קאָנען לעבן מענטשן אין יענעם פאַרשאָלטענעם קאַנט? די ערד איז דאָרט אייביק פאַרפרוירן. ווי גראַניט...

און אוועקגעלייגט זײַן רעזאָלוציע אויף דער קאַרטע:

— כאָטש קוילן און נאַפט זײַנען דאָרט פאַראַן אין די ערדטיפענישן, נאָר קיין מענטשן קאָנען דאָרט ניט לעבן! אפילו קאַטאָרזשאַנעס פאַרוואָר איך אַהין שיקן...

לאַווורענטי בעריִאַ, סטאַלינס גרעסטער פרײַנט, האָט באַשטימט אַנדערש. וויבאַלד קיין מענטשן קאָנען אין יענעם קאַנט ניט אויסהאַלטן, וועט ער שיקן אַהין „די סאָנים פון פאָלק"! זאָלן זיי דאָרטן אומקומען, נאָר קוילן אַרויסבאַקומען... דאָרטן איז פאַראַן גענוג אָרט פאַר בעסוילעמס, און ער וועט ניט זשאַלעווען די מענטשן קיין דרײַ מעטער...

אָן יאַ פּראָסטיקן באַגינען, בײַס די זאַווערוכע האָט געדרייט מעשוגענערהייט און געוואָלגערט מענטשן פון די פיס, האָט מען אונדז אַרויסגעטריבן אין הויף, איבערגעציילט, ווי די שאָף, און אוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַנציע, וווּ עס האָט אויף אונדז געוואַרט אַן עשעלאָן פון טעפּלושקעס.

זיי זײַנען ניט געווען ענלעך אויף די אַמאָליקע פּראָנט־טעפּלושקעס, מיט וועלכע מיר פלעגן פאָרן אויפן פראָנט — מיט נאַרעס, אײַזעלעך, בײַ וועלכע מע האָט געקאָנט דערוואַרעמען די נעשאָמע. אין אָט די וואַגאָנען האָט מען נאָך ערשט ניט לאַנג געפירט פי אין די בוינעס, און דאָס האָט זיך געלאָזט פילן.

דאָ און דאָרט זײַנען געווען אָפּגעריסן ברעטער, די פענצטערלעך זײַנען געווען צוגעשלאָגן מיט פאַרזשאַווערטן בלעך און קיין סימען פון קיין בורזשויקע, קיין אײַזערן פעסל, מע זאָל קאָנען צעלייגן א פײַער.

איין גליק, וואָס אין די וואַגאָנען האָט מען אַרײַנגעשטויסן א סאַך אַרעסטאַנטן, מע האָט זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן און מיטן אָטעם זיך דערוואַרעמט.

יאָ, דער לאַקאַמאָטיוו האָט געקוקט אין יענער ריכטונג, וווּ עס דאַרף זיך געפינען די פאַרשאָלטענע וואָרקוטאַ, וווּ די ערד איז שטענדיק פאַרגליווערט, שטאַרק, ווי גראַניט, און וווּ עס בושעווען שוין מוירעדיקע זאַווייען, זאַווערוכעס, פייגלען ווערן פאַרפרוירן אין פלוג און פאַלן טויטע אויף דער ערד.

נאָר מיר האָבן געמוזט אויסהאַלטן. קיין אַנדער ברייֶרע איז ניט געווען. דאָ זיך פאַרקילן, קראַנק ווערן הייסט טויט, אומקום. און וויפל מאָל איז אין קאָפּ געקומען דער געדאַנק: אויב דאָס הייסט לעבן, וואָס הייסט טויט?

העכער פינף מעסלעס האָט זיך אונדזער פאַרוייעטער, פאַרקאָוועטער צוג געשלעפּט איבער דער פאַרשנייטער טונדרע, דער גאַנצער אַרום האָט אויסגעזען, ווי א ווײַסער מידבער, וווּ עס האָבן אַכזאָריעסדיק געוואָיעט די ווינטן, געריסן שטיקער פלייש. און מיר האָבן געטרוימט, זיך גיכער דערקלײַבן אויף אַן אָרט, צו די באַראַקן דערוואַרעמען וויִ־ניט־איז די נעשאָמע.

קיינער פון אונדז האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויפל קילאָמעטער זײַנען מיר שוין אָפּגעפאָרן פון דער „פּערעסילקע" און וויפל וועט אונדז נאָך אויסקומען לײַדן אין עקלדיקן, דורכגעלעכערטן וואַגאָן.

דער הונגער און די קעלט האָבן שרעקלעך געמאַטערט, און מיר האָבן געפילט, אַז די קויכעס גייען אויס.

עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן. דער פראָסט האָט געברענט. דער ווינט האָט געבושעוועט. פאַרויס האָבן זיך געוויַיסט הורבעס שניי. דער וועג איז געווען פאַרוואָרפן מיט שנייוואַלן. זעט אויס, אַז ווײַטער וועט שוין ניט אויסקומען פאָרן...

די טירן פון די טעפּלושקעס האָבן זיך צערוקט און מע האָט אונדז באַפוילן זיך אויסשטעלן צו פיר אין אַ ריי. ווײַטער, צום לאַגער, וועלן מיר גיין צופוס. עס איז שוין דאָ נאָענט.

אין דער טונדרע, דאָ און דאָרט, האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע הויכע טעריקאָנען. זעט אויס, אַז מיר זײַנען שוין טאַקע נאָענט צום ציל.

אינמיטן דער טונדרע, דער פאַרשנייטער און פאַרקאָוועטער, איז געבליבן אַ גרויסע מאַכנע איבערגעפרוירענע, אײַנגענורעטע, אָנגעטאָנענע ווער אין וואָס מענטשן. אַ גאַנצע כאָפּטע סאָלדאַטן אין שוואַרצע פּעלצן, פוישטן, פוטערנע היטלען האָט אונדז אַרומגערינגלט. אייניקע סאָלדאַטן האָבן געהאַלטן אויף לאַנגע רימענס דײַטשישע אָווטשאַרקעס, בייזע און מעכטיקע, ווי די לייבן, גרייטע זיך וואַרפן אויף אונדז און צערײַסן אויף שטיקער.

דער צוג האָט זיך אוועקגעשלעפּט ווײַטער, אין דער טונדרע, און אונדז האָט מען אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער קאָלאָנע. עפּעס אַ בייזער נאַטשאַלניק מיט אַן אווטאָמאַט אויפן אַקסל איז צוגעגאַן צו דער קאָלאָנע און מיט אַ הייזעריק־שיקערן קאָל געמאָלדן, אַז קיינער זאָל אין וועג ניט אָפּשטיין. אַ שפּאַן רעכטס, אַ שפּאַן לינקס רעכנט ער פאַר אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן און דער קאָנוואָי ווענדט אָן געווער, שיסט גלײַך אויפן אָרט...

פאַרשטאַנען? געוויס פאַרשטאַנען! ווער זשע קאָן ניט פאַרשטיין אַזעלכע טיף פילאָסאָפישע באַפעלן?

און די קאָלאָנע פאַרמישפּעטע, אומגליקלעכע, האָט זיך געלאָזט איבער דער פאַרקאָוועטער טונדרע. עס איז מוירעדיק שווער געווען שפּאַנען, נאָך דעם ווי מע איז עטלעכע מעסלעס אָפּגעזעסן אין די קאַלטע וואַגאָנען, מע איז געווען טויט הונגעריק און דאָרשטיק, נאָר מע האָט זיך געמוזט צונויפנעמען מיט אַלע קויכעס און גיין, ניט אָפּשטיין, זיך ניט אָפּקערן ניט רעכטס און ניט לינקס אַפילע אויף קיין טראָט, ווײַל דער קאָנוואָי וועט ניט שפּאַסן — ער וועט גלײַך שיסן!

איבער דער טונדרע האָט געוואָיעט די זאַווערוכע. איבערן טיפן שניי איז געווען שווער איבערשטעלן די פיס, שפּאַנען. צווישן אונדז זײַנען געווען יונגע כעוורע און אַלטע, באַיאָרטע מענטשן, קראַנקע, אויסגעמאַטערטע, פאַרצווייפלטע. וויפל קויכעס, נערוון האָבן צוגענומען די כאַדאָשים מאַטערנישן אין די טורמעס בײַס די „אויספרעגן"! וויפל קאַרצערס, קעלערס איז מען דורכגעגאַנגען! וויפל האָט מען זיך איזדיעקעוועט איבער די מענטשן, געשלאָגן, געמיימעסט, גערדראָט, באַליידיקט, דערנידעריקט די מענטשישע ווירדע, וואָס איז אָפּט געווען שווערער איבערטראָגן, ווי די פיזישע מיטלען, וואָס מע האָט בענעגייע אַ סאַך, אַ סאַך אָנגעווענדט!

און וויפל האָט מען זיך אָנגעמוטשעט אין דעם שוידערלעכן וועג, גייענדיק מיטן עטאַפּ, פאַרנדיק אין די קאַלטע, צעבראָכענע טעפּלושקעס, געפרירט, געהונגערט!

און אָט איז מען שוין, דאַכט זיך, באַם ציל. האָבן די פיס אָפּגעזאָגט, און עס איז אַזוי מוירעדיק שווער געווען שפּאַנען איבער די שנייען.

ניט ווײַט פון מיר איז געגאַנגען דער פּראָפעסאָר פונעם קאַזאַנער אוניווערסיטעט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זומערדיק בלייך מאַנטעלע, און אַ צעקנייטשן ליכטיקן קאַפּעליוש. עס האָט בײַ אים געקלונגען אַ צאָן אָן אַ צאָן, ער האָט געציטערט פון קעלט. עמעצער האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל האַנטעך, און ער האָט איבערגעבונדן דעם קאַפּעליוש אַזוי, אַז די אויערן זאָלן זײַן צוגעדעקט כאָטש ווי־ניט־איז. אין די זומערדיקע סאַנדאַלן, איבערגעבונדן מיט שמאַטעס, האָט ער געהאַט אַ שרעקלעכן אויסזען. מיר האָבן אים אונטערגעהאַלטן אונטער די הענט, געשלעפּט אויף זיך, נאָר ער האָט שוין ניט געהאַט קיין קויכעס זיך שלעפּן. דאָס האַרץ האָט בײַ אים אַלעמאָל אַ כאַפּ געטאָן, און ער האָט געשריגן, געבעטן, מע זאָל אים דערלויבן זיך אָפּשטעלן. נאָר דער קאָנוואָיִר האָט אים געזידלט מיט די לעצטע ווערטער: „אַנו, קאָנטריק, פאַשיסט, פאָרויס!" און אונטערגעמונטערט אים מיטן פּריקלאַד פונעם אווטאָמאַט. דער פּראָפעסאָר האָט געקרעכצט, זיך געמאַטערט, ווי אויפן טויט, געוויזן אויפן האַרצן, ער איז אָפּגעגאַן נאָך אַ ביסל און אַ פאַל געטאָן אויפן שניי, ווי אַן אונטערגעקאָסעטער.

די קאָלאָנע האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס איז געוואָרן אַ טומל. דער קאַראַול־נאַטשאַלניק האָט אויפגעהויבן אַ געשריי, זיך געלאָזט לויפן לענגאויס דער קאָלאָנע, לעמײַ האָט מען זיך אָפּגעשטעלט? ווער האָט געגעבן אַזאַ קאָמאַנדע? ער וועט באַפוילן שיסן!..

דערזען אַן אַרעסטאַנט ליגן אויפן שניי, האָט ער צעשטויסן די אַרומיקע, צוגערופן אַ יונגן סאָלדאַט, אַ קאָנוואָיִר, און באַפוילן זיך פאַרהאַלטן מיט דעם כוילע, זאָל יענער אַ ביסל קומען צו־זיך...

מיר האָבן אָבער באַמערקט, ווי דער נאַטשאַלניק האָט אַ ווונק געטאָן צו דעם סאָלדאַט, שטילערהייט געזאָגט, אַז אויב דער „זעק" וועט ניט קומען צו־זיך, זאָל ער אים דאָ ליקווידירן און דעריאָגן דעם קאָנוואָי...

מיר זײַנען דערציטערט געוואָרן. אַ ראַכמאָנעס געווען אויפן פּראָפעסאָר. נאָר עס האָט זיך צע־

טראָגן די קאָמאַנדע שנעלער זיך באַוועגן פאָרויס, און די קאָלאָנע האָט זיך אויפגעצויגן ווײַטער אין דער ריכטונג פונעם לאַגער, איבערלאָזנדיק אין דער טונדרע דעם קראַנקן מיטן יונגן סאָלדאַט.

מיר זײַנען שווער געגאַן איבער דער פאַרקאָוועטער און פאַרשנייטער טונדרע, און איך האָב זיך דערמאָנט דעם פּראָפעסאָרס ווערטער: „און דאָס הייסט לעבן"...

מיר זײַנען דערשטוינטע געגאַן, טראַכטנדיק וועגן דעם גורל פון אַ גוטן מענטשן. אָט דאָ, אין אויסערײַסעניש, אין עק וועלט, איז געבליבן ליגן אויפן שניי אַן אומשולדיקער מענטש אָן הילף, ווײַט פון זײַן מישפּאָכע, פון זײַן אַרבעט, פון זײַן ווײַב און קינדער. און אויב ער וועט דאָ אויסגיין אינמיטן דער טונדרע, צי דעם קאָנוואָיר וועט ביימעס ווערן זיך דאָ וואַזגען מיט אים, וועט ער אים דערשיסן און מע וועט דערנאָך צונויפשטעלן אַן אַקט, אַז באַם פּרוּוו צו אַנטלויפן האָט דער קאָנוואָיר געמוזט אָנווענדן קויעך, דאָס הייסט, געווער, און ניט יענעמס פרוי, ניט די קינדער, די סטודענטן זײַנע, די קאָלעגן וועגן זיך קיינמאָל ניט דערוויסן, ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען.

מיר האָבן זיך געשלעפּט איבער דער טונדרע, דערשיטערטע, אומבאַהאָלפענע, אומגליקלעכע, און דאָס האַרץ איז שיר ניט צעריסן געוואָרן פון ווייטיק. מיר האָבן מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן דעם מענטשן...

דער בייזער געוואָי פון דער זאַווערוכע האָט אונדז באַגלייט. מיר האָבן זיך נאָך לאַנג געשלעפּט, אַרומגערינגלטע. די קאָנוואָירן און בייזע דײַטשישע אָווטשאַרקעס, האָבן געשפּירט, קיינער זאָל, כאָלילע, זיך ניט אָפּנייגן פון דער קאָלאָנע. די קלאָווים האָבן געשטשירעט די מוירעדיקע ציינער, געבילט.

מיר האָבן ניט באַמערקט, ווי די זאַווערוכע האָט צוביסלעך גענומען גויסעסן, שטילער ווערן. דער הימל האָט אָנגעהויבן זיך אויסשיילן פון די כמאַרעס. אָט האָט זיך באַוויזן איבער אונדז אַ שטיקל לעוואָנע און באַשײַנט מיט אַ זילבערנעם גלאַנץ דעם וועג, עס איז שוין געבליבן ניט קיין סאַך צו אונדזער לאַגער, אָט האָט ער זיך באַוויזן דאָרט פאָרויס אויפן באַרג. גרויסע עלעקטרישע לאַמטערנס. אַ מוירעדיקער שעטעך און שטעכלדראָטן, דראָטן. אַקוראַט זײַנען געווען צעשטעלט די וואַכטע־טורעמס, אויף וועלכע עס זײַנען געשטאַנען סאָלדאַטן מיט אווטאָמאַטן, קוילנוואַרפערס און געהיט אָט די שרעקלעכע „שטאָט", ווו אָנשטאָט גאַסן האָבן זיך אויסגעצויגן פאַרשנייטע באַראַקן.

אָט זעט מען שוין דעם ברייטן טויער, וואָס וועט אונדז באַלד אײַנשלינגען...

עס איז שוין געווען נאַכט, ווען מיר האָבן זיך אַהין דערשלעפּט. כאָטש די זאַווערוכע האָט אויפגעהערט דרייען און דער ווינט איז געוואָרן שוואַכער, נאָר דערפאַר איז דער פראָסט געוואָרן ברענענדיקער, און מיר האָבן געטרוימט, דער טויער זאָל זיך גיכער צעעפענען און מיר זאָלן אַרײַן אין הויף, אין די באַראַקן, מע זאָל קאָנען אָנוואַרעמען די נעשאָמע, עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, אויסטרינקען אַ גלעזל וואַסער, אָדער אָקרעפּ, ווײַל מיט שלינגען שניי האָבן מיר ניט געקאָנט שטילן דעם דאָרשט.

אָבער מע האָט עפּעס ניט געזען, דער טויער זאָל זיך פאַר אונדז צעעפענען. קיינער האָט ניט געײַלט. און מיר האָבן זיך צונויפגעשטויסן פאַרפרוירענע, פאַרקאַלייטע, הונגעריקע און דאָרשטיקע אויפן בערגל, וואָס האָט געפירט אין לאַגער אַרײַן.

דאָס אָרט האָבן באַלויכטן גרויסע לאַמטערנס. מיר זײַנען געשטאַנען אין געהאַקטע ווונדן און אַרויסגעקוקט, אונטערגעטאַנצט, קעדיי די פיס זאָלן זיך דערוואַרעמען, זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, זיך געבייזערט, זיך געזידלט מיט די לעצטע ווערטער, לעמײַ מע לאָזט אונדז ניט אַרײַן אין אונדזער נײַעם גענעם.

די צײַט איז געגאַן. דאַכט זיך, צוויי שאָ זײַנען מיר דאָ פאַרן טויער געשטאַנען, שיר ניט פאַרפרוירן געוואָרן, און מיט אומגעדולד געוואַרט, דער טויער זאָל זיך עפענען, עס זאָל עמעצער אַרויסגיין, דערקלערן, וויפל מיר דאַרפן דאָ נאָך וואַרטן, וואָס קלײַבט מען זיך מיט אונדז טאָן?

מיר זײַנען געשטאַנען פאַרן טויער, געוואַרט. וויאַזוי עס זאָל ניט זײַן, וועט מען אונדז דאָך אַרײַנטרײַבן אין דער זאָנע און מירן זיך קאָנען דערוואַרעמען אין די באַראַקן. נאָר וואָס איז מיט יענעם מענטשן, דעם קאַזאַנער פּראָפעסאָר, וועלכער איז געבליבן ליגן אין דער טונדרע? און לעבן אים — דער קאָנוואָיר מיטן אווטאָמאַט וועט אים געוויס דערשיסן. ער וועט ניט וועלן פירן צוזאַמען מיטן „זעק". און דער ווייטיק אונדזערער האָט זיך געשטאַרקט.

עס איז אַדורך נאָך אַ שאָ, און עפּשער מער. דער טויער האָט זיך צעסקריפּעט, און עס האָט זיך באַוויזן אַ נעפּעש אין אַ שוואַרצן פּעלץ, אין אַ גרויס פוטערן היטל און גרויסע פוטערנע הענטשקעס, עפּעס אַ נאַטשאַלניק מיט אַ רויט, פעט פּאָנעם און בייזע אויגן. ער האָט באַטראַכט דעם אײַלעם מיט אַ געניטן גלײַכגילטיקן בליק, אַראָפּגענומען ניט געײַלט די הענטשקעס, פאַררייכערט אַ ציגאַר, זיך טיף פאַרבויגן מיטן געשמאַקן, טערפּקן רויך און זיך אָנגערופן:

— יאָ, אַ נישקאָשעדיקע פּאָפּאַלניעניע האָט מען אונדז צוגעשיקט! פאַרשטאַרקונגס־קויכעס, מישטיינס־געזאָגט. און וווּהין אײַך דאָ אַרײַנשטופּן, אויב עס איז שוין אַלץ, אָן אײַך, איבערגעפּולט?..

מיר באוויַזן ניט בויען קיין באראקן... נאָר נישקאָשע, מיר זיַינען גאסטפריַינטלעכע מענטשן. מירן אלעמען אריַינלאָזן אהער... אָרט וועלן מיר יאקאָס געפינען. א סאך יאָר האָט מען איַיך געגעבן, קאָנטריקעס?..

— פארשיידן... — האָט עמעצער פון דער געדיכטעניש א זאָג געטאָן.

— פארשיידן? — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, און זיַין פעט, אָנגעפרעסן פּאָנעם האָט זיך א קרים געטאָן פון א שמייכעלע. ער האָט זיך ווידער פארצויגן מיטן ציגאר, באטראכטנדיק דעם איבערגעפרוירענעם אוילעם מיט אויגן פון זעלבסטצופרידנקיַיט און אויבערהאנט איבער דער מאסע. ער האָט געמאכט א פּאָר טריט נעענטער צו דער כאליאסטרע „סאָנים”, און פּלוצעם א טיטשע געטאָן די האנט אַף מיר:

— וויפל יאָר האָט מען דיר געשענקט?..

איך האָב אים אָפּגעמאָסטן מיט אן אָנגעשטרענגטן בליק. דאָס עקלדיקע פּעטע, זעלבסטצופרידענע פּאָנעם האָט בא מיר ארויסגערופן האס, און איך האָב זיך אָפּגעקערט מיט פאראכטונג פון אים.

— איך האָב געפרעגט, וויפל יאָר האָט מען דיר געגעבן? — האָט ער בייז אויסגעשריגן און זיַין פּאָנעם האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רעציכעס.

עמעצער פון מיַינע שכיינים האָט פאר מיר א זאָג געטאָן:

— א צענערל, נאטשאלניק... צען יאָר... אָסאָ... „באזונדערע באראטונג”...

— א צענערל? — האָט יענער סקעפּטיש ארויסגעבראכט און א טיטשע געטאָן די האנט אַף א הויכן פּלייציקן לעט:

— און דיר וויפל האָט מען ניט געזשאלעוועט?..

יענער האָט זיך א קווענקל געטאָן און ניט מיטאמאָל מיט א שטארקן אקצענט ארויסגעבראכט:

— מיר? פינף און צוואנציק יאָר, נאטשאלניק...

— לויט וואָס פאר א סטאטיא? פארוואָס?

— פאר גאָרניט, נאטשאלניק. פאר גאָרניט!..

— נו, נו, פּלאפּלסט צופיל! — האָט מיט קאס איבערגעשלאָגן דער אָנגעפּעלצטער נאטשאלניק, — פאר גאָרניט, זאָגסטו? ליַיגסט!.. פאר גאָרניט גיט מען א צענערל... — האָט ער א ווונק געטאָן אַף מיר.

די ארומיקע האָבן זיך צעלאכט.

דער פארשוין האָט זיך געכאפּט, פארשטייענדיק, אז דאָס האָט זיך בא אים ארויסגעכאפּט א נארישקיַיט. און ער האָט גליַיך צוגעביסן די צונג...

ניט לאנג איז אונדז נאָך אויסגעקומען פרירן באם טויער. אָט האָט ער זיך צעעפנט, און ווי א טאבון האָבן מיר זיך א לאָז געטאָן אין דער זאָנע, פילנדיק, אז אונדזערע צאָרעס ענדיקן זיך.

און פּלוצעם האָט עמעצער, אומקוקנדיק זיך צוריק, אויסגעשריגן:

— זעט נאָר, דער פּראָפעסאָר!..

אלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט. דער סאָלדאט האָט אַף זיַינע פּלייצעס געטראָגן אהער דעם האלב־לעבעדיקן פּראָפעסאָר. און אונדז איז גרינגער געוואָרן אפן הארצן. יאָ, פאראן מענטשן אַף דער וועלט...

אין דער גרויסארטיקער שטיינהאקעריַי

דאָ, אין דעם גאניידן, עסט מען ניט אומזיסט דאָס שטיקל ברויט...

ביז נאָך האלבער נאכט זיַינען מיר געשטאנען אין דער ריי און באקומען שווארצע, ווי דער טויט, פופיַיקעס, בושלאטן, ווו אַף די פּלייצעס זיַינען געווען צוגענייט גרויסע נומערן. דאָ, אין דעם באזונדערן, שטרענגן מינלאג, איבער וועלכן דער באלעבאָס איז געווען סטאלינס רעכטע האנט, לאווורענטי בעריא, איז א מענטש קיין גראָשן ניט ווערט, מע האָט אים, דעם מענטשן, געדארפט האָבן, ביזוואנען ער האָט געקאָנט זיַין א קנעכט — האָרעווען. מע האָט אים באם נאָמען ניט אויסגערופן, נאָר לויטן נומער, וואָס איז געווען צוגענייט צום בושלאט. פאר דער וואָך איז דאָס געווען באקוועמער, ווי אָנרופן בא די נעמען, פאמיליעס.

איך, לעמאַשל, בין געוואָרן „זעק“ נומער — „ב.127.2.“ און ווען די באַלעבאַטים פון דעם גאַניידן פוילן זיך ניט, וואָלטן זיי אַף דער האַנט נאָך אויסגעבערנט דעם נומער. און ס'וואָלט אינגאַנצן געווען פונקט ווי אין טרעבלינקע אָדער אָשווענטשים...

נאָך גוט, וואָס קיינער פון אונדזערע נײַע באַלעבאַטים האָבן זיך נאָך דערצו ניט דערטראַכט. און עפשער האָט מען עס ניט געטאָן, ווײַל מע האָט מוירע געהאַט פאַר דער וועלט!

שפּעט באַנאַכט האָט מען אונדז פאַנאַנדערגעפירט איבער די קויטיקע, נאַסע באַראַקן. ווי די טויטע, זײַנען דאָרט געלעגן די אַרעסטאַנטן אַף צווייגאָרנדיקע נאַרעס, אַף דעם דיל. און אַפילע אונטער די נאַרעס. אַף די נאַרעס האָבן געהאַט די זכיע שלאָפן די „גליקלעכע“, וועמען עס האָט זיך אײַנגעגעבן נאָך דעם קאָנטראָל־איבערוף — נאָך דער „פּערעקליטשקע“ און נאָכן אָפּקלינגען, נאָכן ענד־סיגנאַל — דעם „אָטבאָי“, פאַרכאַפּן מיט שטורעם, מיט גוואַלד א שטיקל פּלאַץ. און דאָ איז געווען אַזאַ ענגשאַפט, ווי אין טורמע אַף דער פּערעסילקע: ליגן — בלויז אַף א זײַט, א קער טאָן זיך — לויט א קאָמאַנדע, אַלע מיטאַמאָל.

איך האָב זיך ניט באַוויזן אָנוואַרעמען, קומען א ביסל צו־זיך, ווי עס האָט זיך דערהערט דער געשריי פונעם נאַדזיראַטעל: „פּאַדיאָם!“. דער לאַנגער, געזעצטער האַלבפינצטערער באַראַק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויפגערודערט מוראַשקע־בערגל. עס האָט זיך אויפגעהויבן א געשריי, א זידלערײַ. איינער האָט ניט געטראָפן אַפן אָרט זײַנע שקראַבעס, דער אַנדערער — די אָנעטשעס, דאָס רעקל, דאָס טאָרבעלע האָב־און־גוטס...

דער פאַרקאָוועטער מיט פראָסט אינדרויסן איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער, נאָר דאָ, אין עק וועלט, האָט עס שוין געהייסן באַגינען. און וויבאַלד באַגינען, איז סאַמע צײַט גיין אַף אַרבעט. דער אוילעם איז אַוועקגעלאָפן אין קיך־באַראַק, באַקומען די פּײַקע ברויט, וואָס מע האָט אויפגעגעסן אין וועג, ביז די ריי איז דערגאַן צום פענצטערל, וווּ מע האָט אַרויסגעגעבן דאָס ביסל „בורדאַ“.

און שנעל אין סטראָי, מע זאָל, כאַלילע, ניט פאַרשפּעטיקן אַף קיין מינוט. און אָט ציט זיך שוין א לאַנגע קאָלאָנע צו דער וואַכטע, צום טויער, וווּ די נאַדזיראַטעלעס לויפן אַרום און ציילן די אַרעסטאַנטן. און אַזויווי קיין גרויסע מאַטעמאַטיקער זײַנען יענע ניט, שלאָגט מען זיך אַלעמאָל אַראָפּ פונעם כעזשבן און מע נעמט זיך ציילן אָפסנײַ. און דער פראָסט ברענט, ער סקריפּעט אונטער די פיס. דער אוילעם זידלט זיך: ווען וועט זיך ענדיקן דאָס ציילן? מע ווערט פאַרפרוירן! וויפל וועט מען זיך איזדיעקעווען איבער לעבעדיקע מענטשן? אַפילע אַף פּי האָט מען אויך ראַכמאָנעס! און די נאַדזיראַטעלעס זידלען זיך מיט די לעצטע ווערטער, מע דראָט מיטן קאַרצער, מיט עקזעקוציעס. וווּ איז דאָס געהערט געוואָרן, „סאָנים פון פאָלק“, „שפּיאָנען“, „פאַשיסטן“ זאָלן דיקטירן די היטער פון דער ראַטנמאַכט?..

דער פרימאָרגן ווערט עטוואָס ליטערער. מע האָט שוין די „קנעכט“ באַזוכט — דעם „שמאָן“ פאַרענדיקט, און מע קאָן שוין די „מוזשיקעס“ פירן צו דער אַרבעט. די טויערן צעעפענען זיך. די קאָלאָנע שוואַרצע בושלאַטן מיט גרויסע נומערן אַף די פּלייצעס פאַרלאָזט דעם זאַהאָן — די זאָנע.

און ווידער באַוועגט זיך א מעכטיקער טאַבון שוואַרצע בושלאַטן, פּלייצעס, אײַנגעגיווירעטע פונעם פראָסט.

וווּהין טרײַבט מען דעם אוילעם? וואָס הייסט וווּהין? „שטיל זאָל זײַן, קאָנטריקעס! וווּהין מע דאַרף, אַהין פירט מען! פאַרמאַכט די מײַלער, אַנדערש וועלן מיר זיי אײַך פאַרמאַכן מיט בלײַ. וואָס זשע מיינט איר, טײַוואָלאָנים, פאַשיסטן, מיר פירן אײַך צו דער שוויגער אַף וואַרעניקעס? שנעלער געגאַן!“

ווײַט פון דער זאָנע, אין דער טונדרע, ציט זיך א טיפע באַלקע. מע פירט אונדז אַהין צו דער שטיינהאַקערײַ. פון אונטערן שניי שטעקן אַרויס גרויסע הליבעס גראַניט. וווּ האָט זיך אַהער גענומען שטיין?

— ניט געזאָרגט, קאָנטריקעס! — צעשרײַט זיך דער נאַטשאַלניק פון קאָנוואָי, — דאָס האָט גאָט אַליין פאַר אײַך דאָ פאַרזייט גראַניטנע בערג. עס זאָל פאַר אײַך זײַן אַרבעט אַפן גאַנצן לעבן! פאַר אײַך און פאַר אײַערע קינדער און אייניקלעך...

מיר שטעלן זיך אָפּ באַם יאַר. דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך הליבעס גראַניט, וואָס מע האָט ערשט ניט לאַנג אויפגעריסן. אונדז וועט אויסקומען באַלד זיך אײַנשפּאַנען, נעמען די שווערע קוואַלדעס אין די הענט און צעקלאַפּן די הליבעס אַף קלענערע שטיקער, דערנאָך זיי אונטערכאַפּן און אַקוראַט אין גלײַכע קוואַדראַטן זיי אויסלייגן באַ דעם ראַנד וועג, און דערנאָך, ווען עס וועלן קומען די וועגענער, מאַשינען, זיי אָנלאָדן מיט שטיינער. דערווײַל דאַרפן מיר שטיין אונטערן ברענענדיקן פראָסט. די וועכטער צוימען אָפּ א שטיק פּלאַץ מיט א שטריק — דאָס וועט, הייסט עס, זײַן די גרענעץ. אין אָט דער „זאָנע“, וועלכע עס באַוואַכן סאָלדאַטן־אַווטאָמאַטלער, וועלן מיר באַלד אָנהייבן אַרבעטן. וואָס איז שײַך דער אָרדענונג, טאָרן די אַרעסטאַנטן ניט איבערטרעטן דעם שטריק, דער־

קלערט מען אונדז, ווײַל ווער עס וועט זיך דערוועגן מאכן א טראַט רעכטס אָדער לינקס, וועלן די סאָלדאטן שיסן אָן שום וואָרענונגען... ארבעטן דארף מען שנעל, נעמסטו א שטיין אפן אקסל, זאָלסטו זיך ניט שלעפן, ווי א טשערעפּאכע, נאָר לויפן מיט אים! און ווער עס וועט די נאָרמע ניט אויספילן, יענער וועט קיין פּײַקע ברויט ניט באקומען. ווײַל אלע דארפן וויסן דעם געזעץ פון דעם גרויסן סטאלין — „ווער עס ארבעט ניט, דער עסט ניט!"

און מיר לאָזן זיך אין אונדזער „נײַער זאָנע" צום פּלאץ, וואָס איז ארומגעצוימט מיטן שטריק. דערבײַ צעלייגן מיר אין יענע ווינקעלעך, ווו עס שטייען די אָנגעפּעלצטע און אָנגעפּוישטעטע קאָנוואָירן שײַטערלעך, יענע זאָלן זיך, כאָלילע, ניט צוקילן, ניט פארפרוירן ווערן, זיי זאָלן האָבן, ווו זיך וואַרעמען. און וואָס שײַעך די „זעקן", מיר, הייסט עס, וועט אונדז דער רועך ניט נעמען אָן שײַטערס — באַם האקן און טראָגן אף זיך די הליבעס גראניט וועלן מיר זיך יאַקאָס דערוואַרעמען...

און די פארשנייטע טונדרע פארפולט זיך מיט קלעפּ פון די שווערע קוואַלדעס...

די אופוזעער שרײַען, זידלען מיט ווילדע קלאָלעס און בענטש־ווערטער יעניקע, וואָס שטעלן זיך אָפּ מיט די שטיינער אף די אקסלען איבערכאַפּן דעם אָטעם. שנעלער! שנעלער! זאָלן די קאָנטריקעס, פאשיסטן ניט מיינען, אז זיי זײַנען אהער געקומען אף א קוראָרט!..

מיסטאָם אפּצילאָכעס ציט זיך דער לאנגער טאָג, ווי די אייביקײַט. מיר זײַנען אָפּגעגאָסן מיט שוויס. מע האלט זיך קוים אף די פיס. נאָך אזא שרעקלעכן עטאַפּ, אזא וועג, האָט מען ניט דערלייבט קיין איין שאָ זיך אָפּרוען. ווען מיר האָבן דערמאָנט דער נאטשאלסטווע וועגן דעם, האָבן יענע, די מער „שארפזיניקע", מיט גאדלעס געענטפערט, אז נישקאָשע, „איר וועט זיך שוין אָפּרוען אף יענער־וועלט", „דאָס לאנד דארף איצט שטיינער אף בויען דאָס נײַע לעבן!.." „בלויז די ערשטע פינף און צוואנציק יאָר וועט דאָ זײַן שווערלעך, נאָר שפּעטער וועט אלץ ארײַן אין זײַן קאָלייע..."

עס פאלט דאָ גיך צו די נאכט. די נאטשאלסטווע האָט ראכמאָנעס אף די... קאָנוואָירן. א ראכמאָנעס, נעבעך, אף זיי. וויפל איז דער שיר, זיי זאָלן זיך וואַרעמען בא די שײַטערס?

אין די לאנגע קאָלאָנע אויסגעהאָרעוועטע, טויט־פארמאטערטע „זעקן", קוים פלאָנטערנדיק מיט די פיס, אײַנגעהויקערטע, אומגליקלעכע, שלעפּן זיך צו די שווארצע טויערן, קעדיי באגינען ווידער געטריבן ווערן אהער אין דער קאטאָרזשנער שטיינהאקערײַ...

אף מאָרגן איז אונדזער קאָלאָנע „שטיינהעקער" געוואָרן שיטערער. א סאך פון אונדז זײַנען געבליבן ליגן אפן דיל אין באראק מיט הויכער היץ, אייניקע האָבן מוירעדיק געפיבערט, זײַנען געלעגן אָן קויכעס, זיך ניט געקאָנט אופהייבן, דערקריכן צום באראק, ווו מע גיט ארויס די פּײַקעס ברויט און דאָס אליומינענע שיסעלע „קאָנדיאָר". עטלעכע זײַנען דאָרט געבליבן ליגן מיט אָפּגעפרוירענע הענט און פיס... זיי האָבן שוין גאָרנישט ניט געוואָלט: זיי האָבן געבעטן אף זיך באַם הימל א גיכן טויט און ניט מער...

ארום — א שטאָט מיט לאנגע הילצערנע באראקעס מיט קליינע פארשאָטענע מיט שניי טורמעפענצטערלעך, א שטאָט פון שטעכלדראָטן. איין באראק פונעם אנדערן איז אָפּגעטיילט מיט א הויכן פארקן שטעכלדראָטן.

אין עק פון דער אומגעווייינלעכער שטאָט פון יעסורים און ווייטיקן שטייט אן אײַנגעהויקערטער באראק, האלב אײַנגעזונקען אין דער ערד, און אף זײַן שטענדיק פארשלאָסענעם טויער זעט מען ארייס א שילדל מיט א רויטן קרייץ.

דאָ איז דער „שפּיטאָל". דער לאגער־שפּיטאָל. א פּאָר אָנגעדראָלענע מאנצבלעך אין מונדירן פון טשעקיסטן. עפּעס גאָרנישט ניט ענלעך אף קיין מעדיקער. זיי קומען אהער גאנץ זעלטן. די הויפּט־ארבעט פילן דאָ אויס פאר זיי אָנגעפרעסענע, זאטע, זעלבסטצופרידענע ציניקער — די אומגליקלעכע דאָקטוירים און סאניטארן. פונקט אזעלכע „זעקן", ווי מיר אלע. דער כילעק אָבער איז אין דעם, וואָס אונדזערע זײַנען הייך קוואליפיצירטע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, וועלכע מע האָט, פונקט ווי אונדז, פארשפּארט הינטער די שטעכלדראָטן און געמאָלדן פאר „סאָנים פון פאָלק".

זונטיק, ווען עס טרעפט זיך א פּאָר פרײַע שאָ, לאָזן מיר זיך צו דעם באראק, ווו עס ליגן קראנקע, און מע קאָן זיך מיט זיי דורכשמועסן, עפּעס ברענגען.

מיט א צאפּלדיק הארץ בין איך געגאַן צום שפּיטאָל־באראק, ווו עס איז געלעגן מײַן ליבער פרײַנט, דער וווּנדערלעכער דיכטער־ליריקער שמואל האלקין.

איך האָב זיך מיט אים באגעגנט עטלעכע כאדאָשים פאר דעם, ווי מע האָט אים פארשפּארט אין לעפאָרטאָווער טורמע, צי אף דער לוביאנקע.

אָבער דער „געניאלער פאָטער פון אלע פעלקער" האָט באשטימט פארניכטן די יידישע קולטור, דעם יידישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. און אָנגעהויבן פון די יידישע שרײַבער. ווי זשע האָט ער

געקאָנט לאָזן אַף דער פרײַ אזא גרויסן דיכטער, ווי שמועל האַלקינען?! סארא אײדעלע נאַטור! סארא הארציקער מענטש, א וווּנדערשײנער, אַן אויסערגעוויינלעך באַשײדענער, א גרויסער טאַלאַנט!

ער האָט לאַנג זיך געקלאָגט אַפן הארצן. און איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אז מע האָט אים אײַנגעזעצט, וויאַזוי האַלט ער דאָרט אויס די טורמעס, „פּערעסילקעס", די שרעקלעכע „אויספאָרשונגען" פון די מאָסקווער „געזעצגעבער", וועלכע האָבן געשינדן די הויט בײַס די באַנאַכטיקע „אויספאָרשונגען". און דאָס, וואָס דער מענטש האָט מיט שטאָלץ אַלץ אויסגע־האַלטן און זיך דערשלעפּט אין אָט דעם גרויסאַרטיקן גאַניידן, איז געווען עפּעס א נעס פון גאָט, און איך בין געווען אַפן זיבעטן הימל, דערוויסנדיק זיך, אז איך וועל זיך באַגעגענען מיט שמועל האַלקינען. כאָטש אַף א קורצער צײַט.

אָבער ניט אַזוי גרינג איז זיך דורכשמוגלען אין דעם העקדעש. עס שטייט באַם טויער א בייזער נאַדזיראַטעל, א לייב און לאָזט נאָענט קיינעם ניט צו.

איך האָב לאַנג געוואַרט, כ'בין געווען אין פאַרצווייפלונג, ווײַל אין דעם געגנעם האָט מען לאַנג ניט געהאַלטן. אָפּגעווען עטלעכע טעג, און לאָז אַן אָרט א צווייטן, מע וועט דעם קראַנקן אוועקשיקן נאָך ווײַטער, אין א לאַגער פון אינוואַלידן...

לאַנג געוואַרט, ביז איך האָב דערזען א סימפּאַטישן קליינוווּקסיקן מענטשן אין א ווײַסן כאַלאַט און אַף דעם כאַלאַט אַרופגעוואָרפן א שוואַרצער בושלאַט מיט א נומער אַף דער פּלייצע. ער איז געגאַן אין דער ריכטונג פונעם טויער מיטן רויטן קרייץ און איך האָב אים איידל אָפּגעשטעלט:

— צי וועט איר מיר ניט אונטערזאָגן, וויאַזוי איך קאָן זיך זען מיט מײַנעם אַן אַלטן פרײַנט, א „זעק", וואָס געפינט זיך, ווי מע האָט מיר איבערגעגעבן, אין שפּיטאָל?..

דער מענטש האָט ברייט צעעפנט די אויגן, מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און אינטערעס. זײַנע ליכטיקע אויגן האָבן געשײַנט, ווען איך האָב אָנגערופן דעם נאָמען פונעם פּאָעט. לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז א באַרימטער דאָקטער פון לענינגראַד, אזא אַרעסטאַנט, ווי מיר אַלע. שמועל האַלקין געפינט זיך אין דער טעראַפּעווטישער אָפּטיילונג, וווּ דער דאָקטער אַרבעט. דאָס טאַקע היילט ער אים, נאָר ניט אַזוי ער היילט, ווי ער קאָן שאָענוויײַז אָפּזיצן לעבן קראַנקן דיכטער און הערן מיט פאַרגעניגן, ווי יענער לייענט. און שמועל האַלקין האָט פון אַלע צײַטן ליב געהאַט פאָרלייענען פאַר מענטשן זײַנע לידער און אויסהערן א מיינונג וועגן זיי.

יאָ, ריידנדיק וועגן האַלקינען האָט דער דאָקטער געשמייכלט. זײַן פּאָנעם האָט גוטמיטיק און קיינעוודיק געשײַנט, ווי דער מאָרגנשטערן. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אז דער דיכטער איז אַרומ־גערינגלט מיט ליבשאַפט. די דאָקטוירים און סאַניטאַרן, אַלע באַמיִען זיך אים העלפן. נאָר עס איז זייער שווער — די „מעדיקער" אין די מונדירן זאָרגן וויייניק וועגן געזונט פון די „סאָנים פון פאָלק" און זײַנען אין קאַס אַף די דאָקטוירים — „זעקן", וועלכע סטאַרען זיך שטעלן אַף די פיס זייערע כאַווײרים...

מיר איז געווען אָנגענעם זיך דורכשמועסן מיט דעם האַרציקן לענינגראַדער דאָקטער. נאָר מיך האָט געמאַטערט דער אומגעדולד — איך האָב וואָס גיכער זיך געוואָלט באַגעגענען מיט מײַן ליבן פרײַנט.

דער דאָקטער האָט זיך פאַרטראַכט, א קוק געטאָן אַפן אָנגעדראָלענעם נאַדזיראַטעל, וואָס איז געשטאַנען בא דעם טויער, און א ווונק געטאָן צו מיר, איך זאָל וואַרטן עטוואָס ווײַטער פונעם שפּי־טאָל־באַראַק, דאָרטן אַפן ראָג.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן דער דאָקטער. ער האָט געפירט אונטער דער האַנט א כוילע אין א לאַנגן בושלאַט מיט א גרויסן נומער אַף דער פּלייצע, אין אַן אָנגערוקטן איבערן שטערן טורמע־הוט, און איך האָב קוים דערקענט שמועל האַלקינען. דאָס פּאָנעם איז בא אים געווען עטוואָס פאַרשוואָלן, באַוואַקסן און בלויז לויט די גרויסע, שטענדיק פאַרוווּנדערטע, שיינע אייגן האָב איך פאַרשטאַנען: יאָ, דאָס איז ער!

— הערשל?.. — האָט האַלקין קוים אַרויסגעזאָגט און מיט דער האַנט זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן. אין זײַן שטים איז געווען אומרו, פאַרוווּנדערונג, פרייד...

איך האָב דערזען טרערן אין זײַנע אויגן און קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען, אָפּגעפירט אין א זײַט דעם בליק. אָט סאַרא באַגעגעניש!

איז דען פאַראַן א גרעסערער פאַרברעכן אַף דער ערד, ווי האַלטן אזא וווּנדער הינטער די גראַטעס, אין אזא וויסטן שפּיטאָל? אונטער שטעכלדראָטן?

ניט שעמענדיק זיך פאַרן דאָקטער, האָבן מיר זיך אַרומגענומען, צוגעדריקט זיך איינער צום אַנדערן און לאַנג ניט געקאָנט אַרויסברענגען א וואָרט.

דער גוטמוטיקער, האַרציקער דאָקטער האָט פאַרשטאַנען, אז ער שטערט אונדז, און געזאָגט, אז אין א האַלבער שאָ אַרום וועט ער קומען אַהער נאָך זײַן פּאַציִענט, מיט אַן אײַלעוודיק געזעגנט זיך געלאָזט צום שפּיטאָל־באַראַק.

— אָט אזוי, ברודערקע... — האָט האלקין געשאָקלט מיטן קאָפּ, קומענדיק צו־זיך. — ווען מען האָט זיך געקאָנט כאָלעמען, אז מיר וועלן זיך דאָ באגעגענען?.. סארא טאכלעס מע האָט געמאכט פון אונדזער ליטעראטור. אלץ אויסגעגלייכט מיט דער ערד... פארניכטעט דעם פארלאג „עמעס", דעם אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט, די צייטונג „אייניקייט", דיין זשורנאל אין קיִעוו... גאָרנישט ניט געבליבן. טויהו וואָוויהו. דו ביסט דעמלט ניט געווען אין מאָסקווע און האָסט ניט געזען, וואָס פאר א פּאָגראָם מע האָט איבער אונדז און אונדזער קולטור איינגעאָרדנט... אף דער פריי, אפאָנעם, איז שוין פון אונדזערע קיינער ניט פארבליבן?..

— קימאט ווי קיינער...

— איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז מע וועט אויך איינזעצן דיין דאָר... איר האָט זיך דאָך געשלאָגן קעגן פיינט אף די פראָנטן, בלוט פארגאָסן...

ער האָט זיך א רעגע פארטראכט און צוגעגעבן:

— איך דערמאָן זיך דעם זומער גלייך נאָך דער מילכאָמע, אין פינף־און־פערציקסטן יאָר... דו ביסט צו מיר געקומען נאָכן פאראד פון ניצאָכן אין דיין פאראד־מונדיר... גלייך פונעם פאראד ביסטו צו מיר געקומען, און מיר זיינען געזעסן באם טיש, געמאכט א לעכאיִם... אזא גרויסער יאָמטעוו געווען... און ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אז מירן היינט זיך זען אין אָט אָ־די מונדירן מיט נומערן אף די פלייצעס, ווי אין אָשווענטשים?

ער האָט געווישט מיט דער גרויסער הענטשקע די טרערן, וואָס זיינען געפלאָסן איבער זיינע פארוואקסענע באקן...

איך האָב געקוקט אף דעם קראנקן, צעבראָכענעם מענטשן, געפרווּוט אים בארויִקן, געזאָגט, אז דער קאָשמאר וועט לאנג ניט דויערן, נאָר ער האָט סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך ווייס, דו ביסט אן אלטער אָפּטימיסט... עס ווילט זיך גלייבן, נאָר די יאָרן גייען אוועק אזוי ווילד, אומנוצלעך אכזאָריעסדיק, און דאָס געזונט טרעט אָפּ פון אונדז... מיר זיינען דאָ אין העקדעש, אין עק וועלט. עפשער וועט גאָט געבן און מיר וועלן נאָך אמאָל געניסן פון דער פרייהייט? און וואָס איז מיט אונדזערע גדוילים? דו שטעלסט זיך פאָר? דאָוויד האָפשטיין אין טורמע, פּערעץ מארקיש, קוויטקאָ, פעפער... דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער... גאָטעניו ליבער, פאר וואָס? מיט וואָס האָבן מיר געזינדיקט? צי וועלן זיי דאָס איבערלעבן? מיילע, מיר קאָנען כאָטש ארויסגיין אף דער פרישער לופט, און זיי קומען אום אין די קעלערן פון לוביאנקע צי לעפאָרטאָוואָ... איך ווייס ניט, ווי בא אייך, אין קיִעוו, בא אונדז האָט מען געשינדן די הויט, געריסן פון אונדז שטיקער פלייש, געטאָן אין טויט אריין. צי וועלן אונדזערע גדוילים דאָס אויסהאלטן?.. איך גלייב ניט, מיר זאָלן זיך מיט זיי אמאָל טרעפן... ס'איז ניט צו באגרייפן, וואָס מע האָט אף זיי אויסגעטראכט! די האָר שטעלן זיך קאפויר. דאָוויד בערגעלסאָנען און איציק פעפערן האָט מען צוגעשריבן, אז זיי זיינען געפאָרן קיין בירא־בידזשאן פאר דער מילכאָמע, קעדיי דאָרטן אריינדרינגען אין דער אָנפירונג פון קאנט, און דערנאָך פארקויפן די געגנט די יאפאנישע אימפּעריאליסטן... דאָס דארף מען האָבן א מעשונעדיקע פאנטאזיע אזוינס צוטראכטן!.. און נאָך שענערס, ווען פעפער און מיכאָעלס זיינען געקומען פון זייער טריומפאלער רייזע קיין אמעריקע, נאָך דעם, ווי זיי האָבן דאָרטן צונויפגעזאמלט וואגיקע מיליאָנען לעטויוועס דער רויטער ארמיי, האָבן זיי בייס א באגעגעניש מיט מאַלאָטאָוון געבעטן, מע זאָל שאפן אין קרים א יידישן נאציאָנאלן ראיאָן אנשטאָט יענע יידישע קאָלווירטן און יישווּוים, וואָס די דייטשישע הענקער האָבן פארניכטעט... צוליב וואָס האָבן זיי געוואָלט שאפן אין קרים אזא ראיאָן? צוליב דעם, קעדיי פארקויפן קרים די טערקן... געהערט אזוינס? סארא ווילדע זאכן!.. און דער אנטיפאשיסטישער קאָמיטעט איז געמאָלדן, ווי א „שפּיאָנישער צענטער"... דער קאָפּ ווערט צעשפּאָלטן — אזעלכס אויסטראכטן! אזא וויסטן בילבל אף אונדזער פאָלק! סארא שוידערלעכע פּראָוואָקאציע!

שמועל האלקין איז נאָך, דאכט זיך, קיינמאָל ניט געווען אזוי אופגערעגט ווי אין דער מינוט. איך האָב געוואָלט און ניט געקאָנט אים בארויִקן.

איך האָב זיך איינגעהערט אין זיינע ווערטער, און אין זיקאָרן האָט זיך פלוצעם א ריר געטאָן א שורע פון זיינער א ליד „כ'האָב אמאָל געהאט א היים"... לאָזט זיך אויס, אז איך האָב זי פאָר־געדענקט אפן גאנצן לעבן. איין פערז נאָך א צווייטער האָבן זיך, ווי כוואליעס אפן ברעג יאם, אָנ־געקייקלט אף מיר און איך האָב אליין ניט פארשטאנען, וויאזוי דער ראש פון די וועלן האָט זיך איבערגעשטאלטיקט אין ווערטער. איך שעפטשע זיי, קיינער הערט ניט, נאָר איך הער בוילעט און קלאָר אלץ:

טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ'האָב אמאָל געהאט א היים.
פרילינג — פלעגן סעדער בליִען,
הארבסטצייט — פלעגן פייגלען ציִען,

ווינטער — פלעג דאָרט פאַלן שניי,
איצטער בליט דאָרט חינד און וויי.
ס'האָט מײַן היים א בראָך געטראָפן —
טיר און טויער זײַנען אָפן
פאַר די ראָצחים, פאַר די שינדער,
די, וואָס קוילען קליינע קינדער,
די, וואָס הענגען אויף די זקיינים,
די, וואָס שאַנעווען ניט קיינעם.
טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ'האָב אמאָל געהאַט א היים.

יאָר נאָך יאָר זײַנען אריבער,
פולע זײַנען יענע גריבער,
און נאָך רויטער איז די ליים,
יענע ליים איז איצט מײַן היים:
דאָרטן ליגן מײַנע ברידער,
די צעריסענע אויף גלידער,
די געשאָכטענע אין שטוב,
די געשאָסענע באַם גרוב.
טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ'האָב אמאָל געהאַט א היים.

קומען וועלן גוטע צײַטן —
וועט דאָס מאזל אויך זיך בײַטן,
וועלן ווייען ווערן לינדער,
וועלן וויַטער וואַקסן קינדער,
וועלן קינדער שפּילן, רוישן,
באַ די קוואָרים פון די קדושים —
באַ די טיפע פולע גריבער, —
אז דער וויי זאָל נישט אריבער.
טיפע גריבער, רויטע ליים —
כ'האָב אמאָל געהאַט א היים.

ווײַזט אויס אָבער, אז שמועל האלקין האָט מײַן שעפּטשערײַ דערהערט, ער האָט דערקענט זײַן ליד, איך האָב באַמערקט, ווי זײַן פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט, זיך אינגאנצן געענדערט. ער איז אויף א ווײַלע געדאַכטלעך אוועק אין די הימלען. נאָר באַלד איז ווידער זײַן פּאָנעם פאַרכמאַרעט געוואָרן. נאָך א לאַנגער ווײַלע האָט ער זיך אָנגערופן:

— א שאָד... ס'איז שווער פאַרפאַסן איצטער לידער... זעט אויס, ניט אומזיסט הערן אויף זינגען די פייגלען, ווען מע פאַרשליסט זיי אין שטײַג... העכער א יאָר צײַט בין איך געזעסן אין טורמע און ניט געהאַלטן אין די הענט קיין שטיקל בלײַער, קיין בייגעלע פּאַפּיר. שרײַבן — דאָס איז געווען דער שווערסטער פאַרברעכן. אז מע האָט געפונען באַ עמעצן אן אָפּשניצל — אן אָגריזאָק פון א בלײַער אָדער א זײַטעלע פּאַפּיר, פלעג מען יענעם פאַרשפּאַרן אין קעלער, אין קאַרצער... די קאַטן האָבן געטרוימט מיך אָפּגעווווינען שרײַבן, אנטווײנען פון מײַנע לידער. נאָר דאָס איז אומעגלעך, אלע נעכט כאָלעמען זיך מיר לידער. איך פאַרפאַס זיי פערמאַנענט. כ'פאַרגעדענק זיי. און כ'גלייב, אז די צײַט וועט קומען און איך וועל זיי פאַרשרײַבן, די לידער פון וויי און צאָרן, פון מענטשלעכע יסורים און טראַגעדיעס. אך, ווי עס גלוסט זיך שאַפן א רײַפע זאַך וועגן דעם טאַליען... איצט ווייס איך שוין אויף געוויס ,אונדזער בראָך — דאָס איז זײַן ארבעט. נאָר זײַנע. איך בין א שטיקל באַקי אין די קליינע אויסיעס. איך קען די ביבל קימאַט אויף אויסווייניק, איך קען אונדזער געשיכטע. אזעלכס האָט ניט קיין אנאַלאָגן, אז א גאַנץ פאָלק זאָל ווערן געראַידעפּט און זײַנע בעסטע זין זאָל מען אומברענגען, וואַרגן אין די טורמעס און לאַגערן. נישט געווען אזא פאַל!

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו א סטויפ, אָפּגעאָטעמט. אויף זײַן פּאָנעם האָט זיך אויסגעפּיקט א גוטער שמייכל:

— איך זוך א פאסיקע ריפמע. דערווייל שטעל איך זיך אפ אף „סטאלין — טאליען”... פרימיטיוו, אבער פינקטלעך. דאס פאלק וועט עס פארשטיין...

ער האט מיך פאר די פאלעס פונעם רעקל צוגעצויגן נעענטער צו זיך, אזוי שטיל, אז איך האב קוים געהערט, איינגערוימט מיר:

— דערווייל צווישן פיר אויגן, הער. און שוויג. די באלעבאטים זאלן מיך און דיך ניט צעטאפטשעט מיט די פיס.

איך האב שמואל האלקינען דערזען גאר א נייעם, ווען ער האט זיך צעזונגען וועגן דעם, אז „דער טאליען האט מיין פאלק געוואלט פארצוקן, פארניכטן, אפמעקן עס פון דער ערד, נאר ווען ער האט די האק געפרווט פארהייבן, איז א נעס געשען — געליימט געווארן איז דער טייוול — ארויסגעפאלן פונעם טאליענס האנט עס איז די האק...”

איך האב ניט דערקענט האלקינען. דער הארציקער, ליבלעכער מענטש, וואס איז געוועזן באשאנקען מיט אזויפיל מענטשלעכער גוטסקייט, וואס האט שטענדיק געלייענט זיינע לידער מיט א יאם צארטקייט, איז איצט געווען אייסערגעווייינלעך אופגערעגט, פול מיט קאס, וויט צארן. איך האב געזען פאר זיך גאר אן אנדער מענטשן.

די קויכעס האבן בא אים געטייעט. עטלעכע רעגעס האבן מיר געשוויגן. דערנאך האט ער געזאגט, אז די ליד איז נאך רוי, נאר ער גלייבט, אז ער וועט זי נאך קאנען לייענען פאר מענטשן, אפן גאנצן קאל, זיך פאר קיינעם ניט דארפן באהאלטן.

מיר זיינען פאמעלעך געגאן איבער דעם שמאלן לאגער־געסל. עס איז געווען אזויפיל צו ריידן, נאר די צייט האט זיך אויסגעלאזט, דער דאקטער האט זיך שוין באוויזן — צונעמען זיין כוילע, איינמאסטען אים אף דעם בעטל, געבן א רעפוע...

שמואל האלקין, די צירונג פון אונדזער דיכטונג, דארף ארומגיין א טויט־קראנקער צווישן די שרעקלעכע, פארזשאווערטע דראטן! וואס פאר אן אויסוורף האט אזוינס געקאנט צוטראכטן? עס וועט אוועקגיין א שטיק צייט, מע וועט דעם „פאטער פון אלע פעלקער” פארשעלטן די יארן, מע וועט זיין געביין ארויסווארפן פונעם קייווער. וויפל הונדערטער טויזנטער מענטשן האט ער פארניכטעט, פארשפארט הינטער די דראטן, דערשטיקט אין זיינע קאזעמאטן, צעשאסן, פארמוטשעט, דערנידעריקט! וויפל טייכן אומשולדיק בלוט האט ער פארגאסן!

שמואל האט זיך ניט געקאנט בארויקן. אים האט מען פארשפארט אין טורמע אף א גאנץ יאר פריער פון מיר, און ער האט מער פון מיר געוווסט. אין דעם געגעם בין איך די ערשטע פאר טעג, און ער איז שוין דא אן אלטער טוישעוו. ער האט זיך שוין צוביסלעך צוגעוווינט צו זיין גוירל, צו זיינע צארעס, געווען באקי אין א סאך זאכן און מיר געגעבן אייצעס, ווי איך דארף זיך דא אופהאלטן, אף וואס ווענדן מיין אופמערקזאמקייט.

ער האט מיר דערציילט וועגן דעם, וויאזוי מע האט אים געפייניקט אין די מאסקווער טורמעס, ווי מע האט זיך איזדיעקעוועט איבער דאוויד האפשטיינען, איציק פעפערן, פערעץ מארקישן, לייב קוויטקאן, דאוויד בערגעלסאנען. זיי האלט מען נאך אלץ אין יענע שרעקלעכע קעלערס, און קיינעם איז ניט באוווסט, וואס פאר א גוירל עס דערווארט זיי.

— דו שטעלסט זיך ניט פאר, וואס די טאליאנים האבן אף זיי אויסגעטראכט, וואס מע האט זיי צוגעשריבן? דער קאפ הייבט זיך, — האט ניט געאיילט דערציילט האלקין, — אזא פראוואקאציע איז נאך ניט געהערט געווארן. דרייפיסעס פראצעס, ביילסעס פראצעס בא אייך אין קיעוו — דאס איז א שפילכל אין פארגלייך דערמיט, וואס די נייע קאניבאלן טראכטן אויס אף אונדזערע ברידער. דאס איז יאסיפס פרעליודיע אף דורכפירן א שוידערלעכן פאגראם אף אונדזער פאלק. און מיר זיצן דא הינטער די שטעכלדראטן, מע האט אונדז פארמאכט דאס מויל. און וואס קאנען מיר טאן? מיר זיינען אומבאהאלפן...

ער האט איבערגעכאפט דעם אטעם, זיך פארטראכט און שווער פארגעזעצט:

— די ווייסט, וואס איך וועל דיר זאגן, מיר האבן נאך, זעט אויס, א שטיקל מאזל, מיר זיינען שוין דא, אין לאגער. עמעס, דאס לעבן הענגט דא אויך אף א האר, נאר וואס האט מען פארטראכט טאן מיט אונדזערע גדוילים? דער טאליען קאן זיי אומברענגען. אזעלכע דיכטער, אזעלכע מענטשן, אזא אויצער... ניט מיט אלע פון זיי בין איך באפריינדעט. מיט אייניקע אפילע געווען א ביסל צעקריגט, נאר דאס איז נארישקייטן. דא איז געשטעלט געווארן אין קאן דער גוירל פון דער צוקונפט פון אינדזער ליטעראטור. פארשאלטן זאלן ווערן די, וואס האבן בא אונדז געמאכט אזא שרעקלעכן כורבן. נישטא קיין גאט אף דער וועלט, אויב מע איז זיך מיט אונדז אזוי באגאנגען!

מיר האבן געשפאנט פאמעלעך לענגויס די דראט־פארצוימונגען, די טורעמלעך, ווו עס זיינען געשטאנען אינדזערע היטער, די סאלדאטן מיט קוילנווארפערס און אווטאמאטן. זיי האבן געשפירט נאך אונדז. פון יענער זייט דראטן האט זיך אין אלע זייטן געצויגן די פארשנייטע פארגליווערטע טונדרע.

— אַזעלכע לאַגערן זײַנען דאָ, אין דעם פּאַרקאָוועטן אין ווײַסן יִיעש קאַנט, פּאַראַן אַ סך. וווהין דו וועסט דאָ ניט וואַרפן מיט אַן אויג, וועסטו אַנטרעפן אויף אַ לאַגער, אַ שאַכטע. אין אַ לאַגער־אָפּטיילונג ניט ווײַט פון דאַנען געפינען זיך אַ סך אונדזערע באַקאַנטע, שרײַבער, דיכטער. און יעדן טאָג קומען אָן אַלץ נײַע און נײַע, — האָט שמועל צוגעגעבן, — פאַרשטייט זיך, בעסער וואָלט איך דיך אין דעם גאַנצן ניט באַגעגנט, נאָר אויב עס איז שוין געשען, וואָס דו ביסט אויך „אַ סוינע פון פאָלק", ווי מיר אַלע, וויל איך דיר זאָגן, אַז איך בין גליקלעך, וואָס מיר האָבן זיך געזען, געקאָנט אויסגיסן דאָס ביטער האַרץ. דאָ וועסטו באַגעגענען אַ סך אונדזערע „סאָנים"... דאָ ניט ווײַט געפינט זיך דער וווּנדערלעכער רוסישער דיכטער יאַראָסלאַוו סמעליאַקאָוו. ער איז אויך אַזאַ „סוינע", ווי איך מיט דיר. אָט אין יענע באַראַקן מאַטערט זיך דער לענינגראַדער פּאָעט סערגיי ספּאַסקי, אַן אַלטער דיכטער, מאַיאַקאָווסקיס און יעסענינס פרײַנט... דו וועסט דאָ באַגעגענען דעם באַרימטן קינאָ־סצענאַריסט אַלעקסיי קאַפּלער, דעם מעכאַבער פון „לענין אין אָקטיאַבער", „לענין אין 18־טן יאָר". זײַנע קינאָפילמען גייען אומעטום אין לאַנד, און דער אַווטאָר איז אין לאַגער... אויך „אַ סוינע פון פאָלק". אַ לעכערלעך־קאָמישע געשיכטע מיט אים! ער איז געווען באַקאַנט מיט סטאַלינס טעכטערל. דעם טאַטן איז דער ייִכעס ניט געפעלן געוואָרן, האָט ער אַ צי געטאָן מיט די וואָנצעס. אין גרימצאָרן, אָדער אָן, נאָר פאַרשיקט אַהער דעם מענטשן... ניט ווײַט פון דאַנען, אין אַבעז, לעבן סאַמע וואָרקוטאַ, איז צוריק מיט עטלעכע כאָדאָשים געשטאָרבן אין שפּיטאָל דער ניסתּר. מע האָט אים „אָפּעדירט". שטעלסט זיך פאָר די אָפּעראַציע אין לאַגער?.. מע האָט אים פּאָשעט פאַרשניטן, אונדזער ניסתּרן... אַזאַ גאָלדענע נעשאָמע, אַ לעבעדיקער קלאַסיקער... דאָרטן שמאַכט אויך דער קראַנקער כאַציע דאָברושין... גאָט מײַן לאָט! אַזאַ מענטשן האַלטן איז לאַגער! אויס וועלט! דאָרטן געפינט זיך הערשל זשיץ, דער רעדאַקטאָר פון אונדזער צײַטונג בײַם דער מילכאָמע „אײניקײַט". דאָרטן מאַטערט זיך שמועל גאָרדאָן... עס איז דען מעגלעך אויסרעכענען!

דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, און מיר האָבן ניט געפילט די קעלט — אַ קלייניקײַט אויסצורײדן — אַזאַ באַגעגעניש נאָך אַ לאַנגער צײַט צעשיידונג! געווען אַזויפיל צו ריידן, נאָר עס איז שוין געלאָפן אַנטקעגן דער דאָקטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר וואָלטן אַ גאַנצע נאַכט געקאָנט אַרומגיין און ריידן, זיך דערמאָנען, איבערלעבן. נאָר פאַר דעם כוילע וועט עס זײַן שווער. און איך האָב שוין געמוזט צוײַלן זיך מיטן אומקער צו זיך אינעם וויסטן, קויטיקן באַראַק, ווײַל מע וועט אונדז שוין גיך אָנהייבן איבערציילן, קעדיי פאַרשפּאַרן אויף אַ שלאָס אין באַראַק ביזן באַגינען, ווען דער הימל וועט עטוואָס נעמען זיך בלאָוון. דעמלט וועט מען אַוועקטרײַבן אין דער גרויסאַרטיקער קאָמענאָלאָמניע, אין דער שטיינהאַקערײַ, ווו עס וואַרט אויף מיר אַ שווערער האַמער — די קוואָלדע... „דער פאָטער פון אַלע פעלקער" דאַרף אַ סך שטיינער, קעדיי נײַע לאַגערן בויען אין דער וויסטער טונדרע.

דאָס מאָל האָט אַ שמייכל געטאָן

גאָר אָפּט האָבן די שרעקלעכע לאַגער־טויערן אײַנגעשלונגען נײַע פאַרמישפּעטע. אָנגעטאָן אויף זיך אַלטע, געניצטע בושלאַטן, וואַטאָווע היטלען־אושאַנקעס אויף די קעפּ, צעטאָפּטשעטע פוישטן, וואָס מאַכן די מענטשן אומגעלומפּערטע, צעפלאָסענע, שרעקלעכע, זײַנען די מאַרטירער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען איבער די געזעצטע האַלבפינצטערע, קויטיקע באַראַקן, זוכנדיק פאַר זיך אַ שטיקל פלאַץ אין דער ענגשאַפט, קעדיי זיך ערגעץ צושפּאַרן, איבערשלאָפן די נאַכט.

אויסשלאָפן זיך איז געווען ניט שײַעך. הערינג אין אַ פעסל האָבן זיך, מיסטאָם, געפילט בעסער, איידער די „זעקן" — די פאַרמישפּעטע — אין די באַראַקן. זײַנען די מענטשן מער געזעסן, ווי געלעגן, אַפן פאַרפרוירענעם דיל, אָדער ווו עס האָט זיך געמאַכט.

וועמען נאָר האָט איר דאָ ניט געקאָנט באַגעגענען! דער צוויט פון דער סאָוועטישער אינטעליגענץ: פראָפעסאָרן און אַקאַדעמיקער, באַוווּסטע פּאַרטיי־ און מעלוכע־טוער, מיניסטאָרן און טרעסט־דירעקטאָרן, אינזשעניערן, לערער, שרײַבער, זשורנאַליסטן, קינאָ־טוער, גאַלאָכים, סעקטאַנטן, ראַבאָנים, רעליגיעזע טוער, אַרבעטער, קאָלווירטלער, סטודענטן... און אַלץ — „שפּיאָנען", „פאַרווערבירטע מיצאַד דעם וועלט־אימפּעריאַליזם".

אַן אַ שיר אַרבעט האָבן דאָ געהאַט די בריגאַדעס באַגראַבער. ווײַל דער סאַמע קרעפּטיקסטער מענטש, וועלכער האָט איבערגעטראָגן „אויספרעגן", טורמעס, קאַרצערס, נאַסע קעלערס, קאָנווייערס פון שלאָפלאָזיקײַט, קלעפּ, קומענדיק אין די מעקוימעס פון אייביקער פאַרפרוירנקײַט, פלעג גלײַך דערפילן, ווי דער בלוטדרוק האָט זיך קאַטאַסטראָפאַל אַ הייב געטאָן. גיי האַלט אויס אַזאַ מין אַטאַקע.

יעדן גאנצפרי פֿלעג מען פֿון די באַראַקן אַרויסטראָגן, צוזאַמען מיט די טיופֿיאַקעס אויף דורכלייפֿטערן, מייסים...

איך האָב דאָ ניט איין מאָל באַגעגנט דעם קאַזאַנער פּראָפֿעסאָר, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צוביסלעך קומען צו־זיך נאָך דעם, ווי דער יונגער סאָלדאַט האָט אים געראַטעוועט, — געטראָגן אויף די פּלייצעס עטלעכע קילאָמעטער, אָנשטאָט דערשיסן, ווי עס האָט אים אָנגעזאָגט דער קאָראָול־נאַטשאַלניק. דער פּראָפֿעסאָר האָט, ווי פֿריער, אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— און אָט דאָס הייסט לעבן...

אים האָט אָפּגעגליקט. און יענע, וועלכע מע האָט אַלע טאָג געטריבן אין דער שטיינהאַקערײַ, זײַנען אים עמעס מעקאַנע געווען — ער האָט מיט אַ לאַפּעטע געריייניקט דעם שניי בײַ די באַראַקן. אָפּגעגליקט... איז דאָס דען ניט קיין הילעל־קודעש דערמאָנען אין אַזאַ געגנעם דאָס וואָרט?!

נאָר אַפֿילע אין די דאָזיקע באַדינגונגען פֿלעג אַרויסשײַנען צומאָל אַ שטיקל גליק: אין דער „בורדא” איז געשוואומען אַ פֿאַרפֿרוירענע קאַרטאָפֿל, אַ בלעטל פֿון קרויט, עמעצער האָט באַקומען אַ בריוול פֿון דער „פֿרײַ”, אַ גרוס פֿון דער היים, עמעס, אַ האַלבער בריוו איז געווען אויסגעמעקט מיט שוואַרצן טינט — דאָס האָט שוין די צענזור אָן אַרבעט געטאָן...

אויף אַ בריוו האָב איך געקאָנט אַרויסקוקן דער רועך ווייסט ווען. ביז מע וועט מיר פֿון דעם העקדעש דערלויבן אָנשרײַבן אַ בריוול אַהיים — און צי האָט מען נאָך מײַן פֿאַמיליע ניט אַרויסגע־שיקט ערגעץ, ווײַל דאָס איז דאָך אַ פֿאַמיליע פֿון אַ „סוינע פֿון פֿאָלק”, — וועט אַוועקגיין אַ יאָר צײַט. פֿונדאַנען האָב איך געהאַט רעכט אָפּשיקן צוויי בריוולעך אַ יאָר. און די היגע פּאָטשט, די צענזור וועט זיך באַמיִען, מײַנע בריוו זאָלן ניט דערגרייכן צום אַדרעסאַט...

יאָ, וואָס איז שײַעך גליק. דאַכט זיך, ווי קומט עס אין אונדזערע באַדינגונגען. פֿונדעסטוועגן טרעפֿט אַמאָל.

פֿאַר מיר איז דאָ געווען מײַן באַגעגעניש מיט שמועל האַלקינען.

אַלעמאָל, ווי נאָר דער קאָנוואָי האָט אונדז געבראַכט פֿון דער שטיינהאַקערײַ פֿאַרקאַליִעטע, דערפֿרוירענע, הונגעריקע, ווי די הינט, אין לאַגער און עס איז נאָך פֿאַרבליבן אַ האַלבע שאָ, פּערציק מינוט ביז דעם „אָטבאָי”, בין איך געלאָפֿן אַהין, צום שפּיטאָל־באַראַק, כ'פֿלעג זיך דורכשמוגלען צו האַלקינס נאַרע און מיר האָבן געשמועסט, זיך ניט געקאָנט אָנריידן. און יעדעס מאָל האָט ער גע־לייענט אויף אויסווייניק וווּנדערלעכע, ניט־פֿאַרשריבענע לידער. און עס איז קעדײַ געווען זען זײַנע אויגן, ווי זיי האָבן געשײַנט, בײַס ער האָט געלייענט, און, דאַכט זיך, ער איז געווען אויפֿן זיבעטן הימל, וואָס ער האָט פֿאַר וועמען זיי לייענען...

איך ווייס ניט, צי האָט ער באַוויזן פֿאַרשרײַבן אויף פּאַפּיר אַלע זײַנע לאַגער־לידער: אָפּט פֿלעג די וואַך דורכפֿירן „שמאָנען” — אונטערזוכונגען — בײַ די אַרעסטאַנטן, און אַז מע האָט געכאַפּט עמעצן בײַ דער האַנט — געפֿונען לידער, פֿאַרצייכענונגען, האָט מען געזעצט אין קאַרצער, אין „בור” — אין באַראַק פֿון פֿאַרשטאַרקטן רעזשים: אַ הילצערנע קאַמער מיט אַ נאַרע, פֿאַרפֿרוירענע ווענט, אָנגעקוואָלענע פֿון שניי. די נאַרע — אַ הוילע, אויך אַ פֿאַרקאַוועטע אין אײַז, אַ קוּערטל וואַסער און אַ שטיקל ברויט — די אַכילע אויפֿן גאַנצן טאָג... און קעדיי דו זאָלסט זיך דאָ ניט פֿילן, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, נעמט מען נאָך פֿון דיר אַראָפּ דעם בושלאַט, די שיך, צי די פֿוישטן, און בלײַבסט אינעם הינטערשטן וועש, באָרוועס. דער פֿראָסט איז דערבײַ העכער פֿון פֿערציק גראַד...

איידער אַזאַ עקזעקוציע, שוין בעסער ניט שרײַבן. נאָר ער, שמועל האַלקין, האָט נישט גע־קאָנט ניט שאַפֿן — און ער האָט פֿאַרפֿאַסט, אײַנשרויפֿנדיק די לידער זײַנע אין זיקאָרן, מיט ביטאָכן, אַז ער וועט וועלן־ס'ניט־איז די שעדעווערס פֿאַרשרײַבן אויף פּאַפּיר. די נאַטשאַלסטווע פֿונעם לאַגער האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון אונדז דאָס אויג. אין אַלע באַראַקן, אויף יעדן טריט און שריט האָט זי געפּלאַנצט מאָסרים — „קלאָפּפֿערס”, וואָס האָבן אונטערגעהערט געשפּרעכן און גלײַך אָפּגעטראָגן די באַלעבאַטים, — פֿאַרדינט אַ פּײַקע ברויט, אָן איבעריק שיסעלע „באַלאַנדע”. די אַרעסטאַנטן אָבער האָבן ניט געשוינט וואָזעלכע פֿאַרקויפֿטע נעשאָמעס און מע האָט זיך מיט זיי אַלעמאָל צערעכנט — פּאָשעטע פֿאַרניכטעט. און דאָס איז געווען דער סאַמע גערעכטער אורטייל. מע זאָל קיין וואָרט ניט קאָנען אַרויסברענגען?! דאָס איז שוין געווען ניט איבערצוטראָגן!

כאָטש שוידערלעך שווער איז געווען טאָג־אײַן, טאָג־אויס אין דער שטיינהאַקערײַ, דרייבלען פֿעלדזן מיט דער שווערער קוואַלדע, דערנאָך שלעפּן די שטיינער אויף זיך צו די מאַשינען אין וועג־געגער און אָנלאָדן זיי. דאָך פֿלעג ווערן גרינגער אויפֿן האַרצן, ווען איך האָב זיך געקאָנט טרעפֿן מיט דעם וווּנדערלעכן פֿרײַנט מײַנעם און דיכטער, זיך דורכשמועסן, אויסהערן אַ פּאָר לידער, וויסן, אַז עס איז דאָ אַזאַ מענטש אויף דער וועלט!

אָבער מײַן גליק האָט זיך אײַנגיכן געענדיקט. זעט אויס, אַז עמעצן איז ניט געפֿעלן געווען, וואָס מיר זעען זיך אַזוי אָפֿט, שפּאַצירן אַרום. און דאָ נאָך האָבן די אָרטיקע נאַטשאַלניקעס זיך דערמאָנט, אַז מיר זײַנען פֿון איין „כאַליאַסטרע” און ווער ווייסט, וועגן וואָס מיר ריידן צווישן זיך

אזויפיל, צי האָבן מיר ניט פאַרטראַכט אַנטלויפן פונעם לאַגער, דורכפירן אַ דיווערסיע, אויפהייבן אין לאַגער אַ בונט, אַן אויפשטאַנד?...

און מע האָט מיך אויפגעהערט אַרויספירן פון לאַגער אויף אַרבעט אין שטיינהאַקערײַ. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען מיך און נאָך עטלעכע „פאַרדעכטיקע" „סאָנים פון פאָלק" אוועקגעפירט אין שכײַנעסדיקן לאַגער, עטלעכע קילאָמעטער פונדאַנען, אויף אַ קוילן־שאַכטע. אָט דאָרטן וועל איך ניט האָבן קיין מעגלעכקייט זיך טרעפן מיט שמועל האַלקינען, דעם גרויסן „פאַרברעכער"...

פאַר מײַן פאַרלאָזן דעם „גאַניידן", האָב איך דאָך געקראָגן עטלעכע פרײַע מינוט אויף צולויפן געזעגענען זיך מיטן דיכטער.

איך בין געקומען צום שפּיטאָל, און דער באַקאַנטער דאָקטער האָט האַלקינען אַרויסגעפירט פונעם באַראַק, און מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל באַגעגנט.

געבליבן געציילטע מינוט. עס האָט זיך אזויפיל געוואָלט זאָגן דעם מענטשן, נאָר ווו נעמט מען צײַט?! און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין מײַן בושלאַט, אין דער וואַטע האָב איך באַהאַלטן די איינציקע זאַך, וואָס איז מיר געבליבן פון דער פרײַהייט. מיר האָט זיך אײַנגעגעבן עס אויסבאַהאַלטן פון אַלע אונטערזוכונגען, פון אַלע „שמאָנען". דאָס איז געווען אַ מאַטאָנע, וואָס איינער פון מײַנע פרײַנט האָט מיר אַמאָל אוועקגעשענקט: אַ קליין שוואַרץ אווטאָמאַטיש הענטל מיט אַ גאָלדענער פּען.

אַלפּי נעס איז מיר געלונגען עס אויסבאַהאַלטן פון אַלע היצעלס. און איך האָב עס געגעבן האַלקינען:

— ליבער שמועל מײַנער! דו שרײַבסט אַזעלכע גאָלדענע לידער, וויל איך, דו זאָלסט זיי שרײַבן מיט אַ גאָלדענער פּען...

ער האָט אָפּגעדאַנקט פאַר דער מאַטאָנע, זי באַטראַכט און געזאָגט:

— דו ווייסט, ווען מע וואָלט מיך דאָ געלאָזט שרײַבן לידער, וואָלט איך געשריבן אַפילו מיט אַ גראָשאָווער שילער־פּען... נאָר דו ווייסט דאָך, אַז קיין לידער האָבן די היטער אונדזערע ניט ליב... מע זוכט, מע נישטערט און אַז מע געפינט לידער, איז ווי זיי וואָלטן געפונען דינאַמיט... זיי האָבן ליב אין שאַנעווען באַנדיטן, קוילער, כוליגאַנעס. פון אונדז האַלטן זיי ניט.

מיר האָבן זיך אין יענעם פאַרנאַכט געזעגנט מיט ווייטיק און צאָרן. און קיינער פון אונדז האָט זיך ניט געריכט, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען...

שמועל האָט געזוכט, ניט געוווּסט, וווּהין באַהאַלטן מײַן מאַטאָנע, פאַרשטעקט עס ערגעץ אין דער וואַטע פונעם בושלאַט, געזאָגט:

— איך קען דיך פאַר אַ גרויסן אָפּטימיסט... אויב דו האָסט מיר געשענקט אַזאַ גרויסאַרטיקע פּען, דאַרף מען גלייבן, אַז איך וועל זיך נאָך מיט איר באַניצן, ווען גאָט וועט זיך דערבאַרעמען און מירן זיך אומקערן צו אונדזערע שרײַבטישן...

מיט ווייטיק און טרויער האָב איך פאַרלאָזט דעם דאָזיקן „גאַניידן". כאָטש עס איז געווען שוידערלעך שווער אַרבעטן אין דער שטיינהאַקערײַ, נאָר דאָך זײַנען דאָ געווען פרײדיקע מינוטן. ווער ווייסט, וואָס עס וואַרט אויף מיר?

ווידער איז אויסגעקומען דורכמאַכן אַ שווערן וועג אין דער טונדרע. נאָך האַלבטאָג מיט ווייענישן אין שווייס, האָב איך זיך דערקליבן צו אַ שפּאָגל־נײַעם לאַגער, אַן אַרומגערינגלטן, ווי אומעטום דאָ, מיט עטלעכע רייען שטעכלדראָטן, מיט אַן אַ שיר טורעמס, אויף וועלכע עס זײַנען געשטאַנען סאָלדאַטן מיט קײַלנוואַרפערס און אווטאָמאַטן.

דער פראָסט האָט מוירעדיק געברענט און געביסן דאָס פּאָנעם האָט דער האַסטיקער ווינט. מיר האָבן זיך קוים לעבעדיקע דערקליבן צום אײַזערנעם טויער פון אונדזער נײַעם „גאַניידן".

אויף אַ סאַך קילאָמעטער האָבן זיך אוועקגעצויגן די שטעכלדראָטן און געדאַכט האָט זיך, אַז די גאַנצע טונדרע האָט דער אייבערשטער ספּעציעל געשאַפן, מע זאָל זי איבערפלעכטן מיט שטעכלדראָטן, צונויפגעקנופּטע אויף יעדן טריט און שריט מיט שוואַרצע היטער־טורעמלעך. עמעס, דער פּייזאַזש איז דאָ געווען עטוואָס אַן אַנדערער: דאָ און דאָרט האָבן זיך געשוואַרצט הויכע טעריקאָנעס און שאַכטע־געבײַדעס. פון די שוואַרצע לאַגער־טויערן האָבן זיך אין עטלעכע ריכטונגען אוועקגעצויגן שמאָלע קאָרידאָרן פון שטעכלדראָט, וועלכע זײַנען פאַרגאַנגענען אַרום די היטער־טורעמס, וואָס האָבן געסטאַרטשעט אויף יעדן טריט און שריט. שוידערלעכע טורעמס, פּונקט אַזעלכע, ווי אין טרעבלינקע, מײַדאַנעק, אַשווענטשים. כ'האָב געהאַט די זכיה זיי זען, ווען מיר איז אויסגעקומען מיט מײַן מיליטערישן טייל אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן דורכגיין דורך יענע מעקוימעס.

ניט ווײַט פונעם טויער האָט מען אונדזער עטאַפּ אָפּגעשטעלט און באַפוילן וואַרטן. מיט דעם שרעקלעכן דראָטן־קאָרידאָר האָט מען געטריבן אַ גרענעצלאָזע קאָלאָנע מענטשן אין שוואַרצע בושלאָטן מיט גרויסע ווײַסע נומערן אויף די פּלייצעס. דעם האַמויך האָט מען געטריבן צו די שאַכטעס אַרויסבאַקומען פון די ערד־טיפענישן קוילן. דאָס לאַנד האָט געדאַרפט קוילן. און בעריאַ האָט געגעבן דאָס וואָרט זײַן בעסטן פרײַנט, „דעם גאָניאַלן פאָטער פון אַלע פעלקער", ער זאָל זיך ניט זאָרגן:

קוילן וועט ער, בעריא, געבן דעם לאנד, וויפל מע וועט דארפן. הונדערטער טויזנטער מענטשן האט ער שוין פארטריבן אין די שאכטעס, און אייב מע וועט דארפן נאך מער קוילן, וועט ער זיך ניט פוילן און פארטרייבן אהער, אף קאטארגע, נאך עטלעכע מיליאן „סאנים".

מיר זיינען געשטאנען בא דער וואכטע אין געווארט, מע זאל אונדז שוין גיכער ארייַנטרייבן אין לאגער, קעדיי יאקאס דערווארעמען די נעשאמע. דאס הארץ איז אפגעגאסן געווארן מיט בלוט, קוקנדיק אף דער שוידערלעכער קאלאנע פארפרוירענע, אויסגעמאטערטע, הונגעריקע קנעכט.

דעם ווינט, די זאווערוכע האט מיירעדיק געדרייט, געוואיעט, געשליידערט די מענטשן פון די פיס. אלע זיינען געווען פארשנייט און פארקאוועט, ווארטנדיק, ביז עס וועט זיך ענדיקן די צרעמאניע פון אונטערזוכן, איבערציילן, דורכקוקן דעם מעכטיקן האמוין. איך האב דערזען, ווי פיר ארעסטאנטן האבן געטראגן צו דער שאכטע א מענטשן. ער איז געווען שווארץ, ווי קויל, אויסגעמאטערט, דערצארנט, דערשלאגן. אט טראגט מען נאך איינעם, נאך איינעם. איך האב אפגעשטעלט דאס לעצטע פארל טרעגער און א פרעג געטאן:

— היי, מוזשיקעס, וווהין שלעפט איר זיי?..

איך האב אנגעוויזן אף די אומגליקלעכע ארעסטאנטן.

— וואס הייסט וווהין? אף דער שאכטע, גראבן קוילן, — האט מיר איינער פון די טרעגער בייז דערקלערט. דערנאך צוגעגעבן קוים הערבאר, — פאר דעם כאווער סטאלין...

איך האב געהערט די דערשטיקטע רייד פון די ארעסטאנטן־ראבאטיאגעס, און דעם עמעסן זין דערפון האב איך זיך עטוואס שפעטער דערוווּסט.

...א גרויסע גרופע אינזשעניערן, ווונדערלעכע ספעציאליסטן פון מאסקווע, פון דעם אווטאמאביל־זאוואד אף סטאלינס נאמען, האט מען מיט א צייט צוריק ארויפגעבראכט אהער אף די שאכטעס אינעם „שטרענגן, באזונדערן מינלאג", אף זייערע „דיעלעס" האט מען אנגעשריבן, אז די דאזיקע אינזשעניערן זאל מען אויסניצן אויסשליסלעך אף שווערער, קאטארזשנער אונטערערדישער ארבעט.

אין עטלעכע טעג ארום האב איך זיך דא, אין לאגער, באגעגנט מיט איניקע פון די דאזיקע אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע זיינען געווען דא אין א באזונדערער לאגע, זיי האט מען אפגעגעבן א באזונדערן „קאוועד".

איז ווער זשע זיינען זיי, אט די „אויסנעמלעכע פארברעכער", וועלכע האבן דא געהאט אן אומגעוויינלעכן רעזשים, וועלכע האבן ניט געטארט פארשלאפט ווערן, ווייל די דאקטוירים האבן אזעלכע מענטשן ניט געקאנט געבן קיין באפרייַונג פון דער ארבעט אפילע אף קיין איין טאג?

די געשיכטע איז אזא:

עטלעכע יאר נאך דער מילכאמע איז קיין מאסקווע געקומען א רעדאקטאר פון אן איסלענדישער יידישער טעגלעכער צייטונג, א לינקער צייטונג, וואס האט מיט גרויסער סימפאטיע זיך באציוגן צו אונדזער לאנד. אלע מילכאמע־יארן האט זי געזאמלט געלט און ווארעמע זאכן פאר דער רויטער ארמיי. איר רעדאקטאר און קארעספאנדענט איז געווען דער בארימטער זשורנאליסט גאלדבערג, וועלכן עס קען גוט לויט זיינע פובליציסטישע ארבעטן די גאנצע וועלט־פרעסע. דער דאזיקער גאלדבערג אין געווען שאלעם־אליייכעמס אידעם.

דער זשורנאליסט איז געווען באפרייַנדעט פון א סאך יארן מיט איציק פעפערן, פערעץ מארקישן, שלוימע מיכאעלסן, דאוויד האפשטיינען, דאוויד בערגעלסאנען, לייב קוויטקאן און מיט א סאך אנדערע סאוועטישע שרייבער, זשורנאליסטן, געזעלשאפטלעכע טוער.

פון מאסקווע האט ער געשיקט זיינע ארטיקלען, רעפארטאזשן, פארצייכענונגען אין זיין טעגלעכער צייטונג און אין אנדערע אויסגאבעס.

און אט האט ער פארטראכט אנשרייבן א רעפארטאזש, א פארצייכענונג פאר זיין צייטונג וועגן די ארבעטער, ספעציאליסטן פונעם אווטאמאביל־זאוואד...

אים האט מיט גרויס קאוועד אופגענומען דער דירעקטאר פונעם זאוואד, לאנג געשמועסט, דערציילט וועגן מענטשן פונעם זאוואד. און דא האט דער זשורנאליסט א פרעג געטאן, צי ארבעטן אפן זאוואד אויך אינזשעניערן, ספעציאליסטן פון יידישער אפשטאמונג? די לייענער פון דער צייטונג זיינען דאך יידן, זיי אינטערעסירן זיך מיטן לעבן פון יידן אין סאוועטנפארבאנד.

דער דירעקטאר האט אנגעקלונגען אין קאדרען־אפטייל און געבעטן ברענגען אים א צעטל פון ספעציאליסטן־יידן, וועלכע ארבעטן אפן זאוואד.

יענער פארשוין, דער „קאדראוויק", פארשטענדלעך, האט געבראכט דעם דירעקטאר פונעם זאוואד א צעטל פון עטלעכע צענדליק אינזשעניערן, ספעציאליסטן. באקאנט מיטן צעטל דעם זשורנאליסט. דערמיט האט זיך דער אינטערוויו מיטן דירעקטאר געענדיקט.

און איינגיכן איז „דערמאסקירט און אנטשעדיקט געווארן" א גרויסע גרופע „סאנים פון פאלק", „שפיאנען", דיווערסאנטן", וועלכע „האבן זיך פארקויפט דעם אמעריקאנער אימפעריאליזם"...

(סאף קומט)

צו אונדזער

דאָס לעבן און שאַפֿונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבשטעלער־קאָרבאָנעס פֿונעם סטאַלין־טעראָר

ה. בריל

(1937 — 1901)

אין די „מאַטעריאַלן פֿאַר א לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור", וועלכע ס'האָט פֿאַרעפֿנטלעכט נאָך אין סאָף פֿון די 70־ער יאָרן „סאָוועטיש היימלאַנד", זײַנען וועגן ה. ברילן אָנגעשריבן בלויז עטלעכע שורעס:

„פּובליציסט. געבוירן אין ווײַסרוסלאַנד. געענדיקט דעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט אָפּ מאַרכלעווסקיס נאָמען. מיטגליד פֿון דער רעדקאָלעגיע פֿונעם זשורנאַל „יונגוואַלד" און רעדאַקטאָר פֿון דעם קינדער־זשורנאַל „פּיאָנער". באַארבעט פֿאַר דער ייִדישער שול דעם זאַמלבוך פֿון א. ריזשאָוו „יונגער פּיאָנער".

און שוין. אויך איצט, נאָך לאַנגע זוכונגען, קאָנען מיר צו דעם קימאַט גאָרנישט ניט צוגעבן.

קימאַט... ווי אין יעדער ליטעראַטור, זײַנען פֿון טאָמיד אָן געווען בײַ אונדז האַרעפּאַשניקעס, וועמענס נעמען עס פֿלעגן פֿעלן אין דער אָפּשאַצונג פֿון אַן אַרבעט, אין וועלכער זיי האָבן אַרײַנגעלייגט די גאַנצע נעשאָמע. צו אַזעלכע האַרעפּאַשניקעס געהערט אויך ה. בריל (אַפֿילע דעם פֿולן נאָמען קאָנען מיר איצט ניט אויפֿשטעלן!).

ה. בריל איז געווען א גלענצנדיקער פּובליציסט. דאָס קאָן מען אורטיילן לויט די מאַטעריאַלן, וועלכע ער האָט געדרוקט אין די כוידעש־זשורנאַלן

„יונגוואלד" און „פּיאָנער". און נאָך קאָן מען פֿון זיי זען, אַז דער רעדאַקציע־מיטגליד ה. ברייל איז ניט געזעסן אויף איין אָרט — ער איז אַרומגעפֿאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פֿון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע, זיך באַגעגנט מיט קינדער אין די שולן און קלובן, און אין רעזולטאַט פֿון די דאָזיקע באַגעגענישן פֿלעגן זיך באַווײַזן זײַנע רײַזע־אײַנדרוקן אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן. אָט האָט ער זיך אומגעקערט פֿון אַ רײַזע קיין מינסק, און דער זשורנאַל „פּיאָנער" (יאַנוואַר — מאַרט 1927) דרוקט זײַן פֿאַרצייכענונג „צוגאַסט בא די מינסקער פּיאָנערן". וועגן וואָס גייט דאָרט אַ רייד? וועגן דעם, אַז די פּיאָנערן דאַרפֿן ניט בלויז דיסקוטירן מיקריעך סאַניטאַריע, נאָר דערייקער — זי אײַנפֿירן און אָפּהיטן אין שטייגער. „זײַט ניט באַרויגעז אויף מיר, וואָס איך האָב וועגן אײַך אַזוי געשריבן. איך וואָלט געוועזן אַ שלעכטער קאָמוניסט, אַ שלעכטער פּיאָנער־טוער, אויב איך זאָל שרײַבן וועגן אײַערע גוטע זײַטן, און ניט וועגן די שלעכטע".

און די דאָזיקע נאָטיצן גיבן צו נאָך איין שטריך צו ה. ברײלס ביאָגראַפֿיע: ער איז געווען אַ קאָמוניסט און אַ פּיאָנער־טוער.

ה. ברײלס פֿאַרצייכענונגען און רעפּאָרטאַזשן האָבן אַ היפּשע דערקענטעניש־ווערט. מע קאָן עס זען פֿון זײַן רעפּאָרטאַזש אונטערן נאָמען „אַן עקסקורסיע אין אַ וווּנדערלעכן צויבער־גאָרטן" (זשורנאַל „פּיאָנער", נומ. 8 [30] פֿאַרן 1927), פֿון וועלכן מיר ברענגען אַן אויסצוג:

„אונדזער לאַנד איז אַ לאַנדווירטשאַפֿטס, ד. ה. די מערהײַט מענטשן, אַרום 100 — 120 מיליאָן פֿאַרנעמען זיך מיט באַאַרבעטן די ערד. אויב דאָס יאָר איז אַ געראָטנס, אויב באַם פּויער בלײַבט איבעריקע תּבֿואה, פֿאַרקויפֿט ער זי דער מלוכה. די מלוכה קויפֿט אָפּ די תּבֿואה און פֿירט זי אַרויס אין אויסלאַנד. פֿאַר דער תּבֿואה באַקומט אונדזער מלוכה געלט, לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינען, רוישטאָף פֿאַר די פֿאַבריקן, מיט איין וואָרט — אַלץ, אין וואָס אונדזער לאַנד נייטיקט זיך. אַזוי פֿון יאָר צו יאָר פֿירן מיר אַרויס לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטן און פֿירן אַרײַן מאַשינען פֿאַרן דאָרף, מיר בויען אויס נײַע פֿאַבריקן, נײַע עלעקטרישע סטאַנציעס, פֿאַרבעסערן דעם טראַנספּאָרט, מיר בויען אויס נײַע שולן, מיר האָבן אַ מעגלעכקײַט פֿאַרבעסערן דאָס לעבן פֿונעם אַרבעטער, פֿון די לערער, פֿון דער אַרמײַ אאַז״ו."

לאָמיר פֿאַרגעדענקען, ווען עס איז אָנגעשריבן געוואָרן דער דאָזיקער רעפּאָרטאַזש — אין 1927, נאָך פֿאַר דער צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע, ווען אונדזער לאַנד האָט ניט אַרײַנגעפֿירט ברויט פֿון אויסלאַנד און ניט געצאָלט פֿאַר דעם מיט גאָלד, נאָר פֿאַרקערט — אַליין באַקומען גאָלד פֿון אויסלאַנד. עס ווילט זיך ניט מאַכן קיין היסטאָרישע פּאַראַלעלן — דאָס וואָלט געבראַכט צו גאַנץ טרויעריקע אויספֿירן, נעמענדיק אין אַכט די איצטיקע לאַגע אין אונדזער לאַנדווירטשאַפֿט.

אונדז פֿעלן ידיעות וועגן דעם ווײַטערדיקן לעבנסוועג פֿון ה. ברײלן. נאָכן „יונגוואַלד" און נאָכן „פּיאָנער" באַגעגענען מיט זײַן נאָמען אין אַנדערע ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן איז ער, לויט ניט קיין פֿאַרפֿינקטלעכטע ידיעות, אַריבערגעפֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן. דאָרט, אַפּאָנעם, האָט אים געטראָפֿן דער אומגליק, ווי פֿיל אַנדערע סאָוועטישע זשורנאַליסטן און קולטור־טוער. די דאַטע — 1937 — רעדט שוין אַליין פֿאַר זיך. ה. ברייל איז דעמלט אַלט געווען 36 יאָר...

כאַיִם גילדין

(1944 — 1884)

ער ערשטער נומער פֿונעם פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן און ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל „די רויטע וועלט" פֿאַרן 1930, וועלכער איז דערשינען אין כאַרקאָוו, האָט זיך

געעפנט מיט סטאַלינס פּאָרטרעט און מיט כאַיִם גילדינס ליד „סטאַלין". און אין דער דאָזיקער ליד זײַנען פֿאַראַן עטלעכע שורעס, געווידמעט דעם „געניאַלן פֿירער".

דײַן וואָרט איז האַרט און שטרענג,
אָן פֿליטערלעך, אָן פֿאַרבן;
מע קען דיך מער פֿון טאַט,
מע קען דיך מער פֿון מי;
פֿון יעדן דײַנעם ריר געטרישטשעט האָבן שאַרבנס.
און לייבן האָסט געשטעלט, ווי לעמער, אױף די קני...

מיר ווייסן ניט, צי מע האָט דעם דיכטער, ווען מע האָט אים אין סאָף פֿון די דרײַסיקער יאָרן געבראַכט אױפֿן ערשטן פֿאַרהער אין קיִעווער לוקיאַנאָווער טפּיסע, אַרויסגעשטעלט אַ באַשולדיקונג, אַז מיט זײַנע דיכטערישע שורעס האָט ער זיך פֿאַרמאָסטן אױף סטאַלינס אויטאָריטעט, נאָר אַ פּאָרטרעט פֿונעם בלוטיקן הענקער האָט זיך באַקומען בעעמעס אַ טרעפֿלעכער.

וואָס ווייסן די הײַנטיקע לייענער און ליבהאָבער פֿונעם ייִדישן וואָרט וועגן כאַיִם גילדינען? ערגעץ זײַנען צעוואָרפֿן איבער פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס פֿון די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן קנאַפּע ידיעות וועגן זײַן לעבן און שאַפֿונג. ווען מע האָט גענומען פֿאַרעפֿנטלעכן בײַ אונדז מאַטעריאַלן וועגן די אומשולדיק אומגעבראַכטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, האָט מען זיך נאָך געקווענקלט, צי מע קאָן דערמאָנען גילדינען, ווײַל קיין שום ידיעות, אַז מע האָט אים נאָכן צוואַנציקסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר רעאַביליטירט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע קאָרבאָנעס פֿונעם סטאַלין־קולט, זײַנען ניט געווען, קיין קרובֿים, וועלכע וואָלטן עפּעס מיטגעטיילט וועגן אים, זײַנען אויך ניט געווען.

און דאָך האָט דאָס לעבן אַזוי פֿאַראָרדנט, אַז גילדינס נאָמען זאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן. ער, דער שוסטער אין אַן אָדעסער שוך־פֿאַבריק, וועלכער איז צוויי מאָל געזעסן אין די צאַרישע טורמעס פֿאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט, ער, וועלכער האָט געדרוקט אין דער וואַרשעווער ייִדישער פּרעסע אַרטיקלען וועגן דעם אַרבעטער־לעבן נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ער, דער אַקטיווער אַנטיילנעמער פֿונעם בירגערקריג, וועלכער איז אַרײַנגעטראָטן אין 1919 אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איז געווען דער רעדאַקטאָר פֿון די ערשטע אָדעסער ייִדישע קאָמוניסטישע צײַטונגען, — האָט שוין פֿון די פֿריִע יאָרן געוווּסט, וווּהין ער גייט און צו וואָס ער שטרעבט.

צום צווייטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אין 1919 דרוקט ער אינעם מאָסקווער פּאָליטיש־ליטעראַרישן זשורנאַל „די קאָמוניסטישע וועלט" אַ באַגײַסטערטע ליד אונטערן נאָמען „איך בין דער גליקלעכסטער". זײַן ערשט ביכעלע לידער „האַמער־קלאַנגען" איז דערשינען אין מאָסקווע אין 1922. די „האַמער־קלאַנגען" האָט ער געהערט ניט פֿון דרויסן, נאָר שטייענדיק אומיטלבאַר באַם וואָרקשטעל, שרײַבנדיק וועגן זיי „מיט פֿלאַם, מיט ברען, ווי אָן אַמכאָ קען" (מוישע ליטוואַקאָוו האָט נאָך אין 1924 אים פֿירגעוואָרפֿן, אַז ער זינגט „וועגן שקיוון, סירענעס, קוימענס, טראַנסמיסיעס — „לאַמטאַדריטאַם, הוירא, הוירא"). און ניט אומזיסט האָט ער אין זײַנע זיכרוינעס (געדרוקט אין מינסקער זשורנאַל „שטערן" נום. 1 פֿאַרן יאָר 1940 — דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען בכלל זײַן לעצטע פּובליקאַציע) דערמאָנט, ווי איז אָקטיאַבער 1915, באַזוכנדיק אין אָדעס דעם ייִדן מענדעלע צוזאַמען מיט ביאַליקן, ראַווניצקין און פֿרישמאַנען, דערהערט, ווי דער ייִדע ווענדט זיך צו אים:

— דו מוזסט מיר טאָן אַ גרויסע טובֿה, דו אַרבעטסט דאָך אין אַ שוך־פֿאַבריק? בעט איך דיך רחמים — ראַטעווע! מײַנע טאַלמעטוירע־ייִנגלעך גייען, נעבעך, אום באָרוועס, און איך קאָן ניט קריגן פֿאַר זיי קיין שטיוועלעך, אַלע שוסטערס אַרבעטן פֿאַר דער מלחמה. געזען, אויס לעבן! בלויז מלחמה, מלחמה, אַ בייז יאָר אויף די אַלע מיט זייערע מלחמות!.. עפּשער דאַרף מען אָפּטאָן אַ טרייף שטיקל אַרבעט מיט עפּעס אַ מאַכינאַציע, איז טו עס — צוליב אַ מיצווה מעג מען אַלץ.

„איך האָב צוגעזאָגט עפּעס אונטערנעמען", — שרײַבט גילדין. און ער האָט, אַפֿאַנעם, געהאַלטן וואָרט...

לאָמיר דערמאָנען, אַז כאַיִם גילדין איז געווען דער אויטאָר פֿון די לידער־זאַמלונגען „רויטע פּורים־שפּיל" (בופֿאָנאַדע, 1923), „לעניניאַדע" (פּאָעמע, 1926), „בײַ אונדז אין לאַנד איז מײַ" (1932), „פֿאָנען אױף באַגנעטן" (צוזאַמען מיט אי. פֿעפֿערן, 1932), „געזאַמלטע ווערק", לידער און פּאָעמעס, 1932), פֿון די פּראָזעביכער „ברונעמס", „אָנגריף" און אַנדערע. ווען אין 1929 איז דערשינען זײַן בוך דערציילונגען „ברונעמס", האָט דער זשורנאַל „די רויטע וועלט" אָפּגעדרוקט אַ רעצענזיע, אין וועלכער ס'איז געזאָגט געוואָרן: „גילדין האָט אַלע גרונטלאַגעס, בײַ זײַן רײַכער רעוואָלוציאָנערער לעבנס־דערפֿאַרונג, בײַ זײַן גרויסן אויסוואַל פֿון לעבעדיקע אַקטועלע סוזשעטן, צו ווערן איינער פֿון אונדזערע באַדײַטנדיקסטע עמעס־פּראָלעטאַרישע שרײַבער" און „דער גאַנצער בוך איז אַ דערגרייכונג, וואָס באַרײַכערט אונדזער יונגע סאָוועטישע פּראָזע".

זײַן לעצט ביכל — די דערציילונג „דער קאַנטשיק" איז דערשינען אין 1936. אומגעקומען איז ער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין סיביר.

קינסטלער לעאָניד באלאקלאוו

אף א כאסענע

א מישפאָכע

קאיאָר

מײַן כאַווער אליקס פּאָרטרעט

אן אלטע גאס

א זונטיקדיקער כאָלעם

טאטע־מאמע

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!

קאַמף און לעבן

ערשיינט איין מאָל אין צוויי וואָכן

רעדאַקטאָר **זרח גרינבערג.**

זאַרעך גרינבערג

(? — 1887)

דער ייִדישער פובליציסט זאַרעך גרינבערג איז געווען דער קאָמיסאַר פון בילדונג און קונסט פון דער צאָפנדיקער (פעטראָגראַדער) קאָמונע. אין 1918 איז ער איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פונעם ייִדישן קאָמיסאַריאַט, געווען, ווי מע פלעגט דעמלט זאָגן, „די רעכטע האַנט" פון דעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי.

דער ייִדישער קאָמיסאַר זאַרעך גרינבערג האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געהערט צו די פרינציפּיעלע קעגנער פון העברעיִש, ער אַליין איז געווען אַ גרויסער קענער פון אָט דער שפּראַך, זײַן טאַטע, אַ מעלאַמעד, האָט געוואָלט, אַז דער זון זאָל קענען ביידע ייִדישע לעשוינעס. נאָר אין 1918 איז געשטאַנען די פראַגע, אויף וועלכער שפּראַך דאַרף מען בויען די נאַציאָנאַלע שול, און ייִדיש איז געווען די שפּראַך פון די ברייטע פאָלקסמאַסן. מע האָט די נײַע סאָוועטישע שול געדאַרפט בויען אויף דער מוטער־שפּראַך. דער ייִדישער קאָמיסאַריאַט האָט ניט געקאָנט שטיין אין אַ זײַט בײַסן אָרגאַניזירן די בילדונג פון די ייִדישע קינדער. זאַרעך גרינבערג איז אַרויסגעטראָטן אין דער צײַטונג „וואַרהײַט" מיט אַ קריגערישן, אין טאָן פון דער צײַט, אַרטיקל אויף אָט דער טעמע.

אין אַפּרעל 1919 איז אין פעטראָגראַד דערשינען דער ערשטער נומער פון דער צווייוואָכנשריפט „קאַמף און לעבן", וועמענס רעדאַקטאָר ס'איז געווען זאַרעך גרינבערג. שוין אינעם ערשטן נומער פובליקירט די רעדאַקציע, אין באַל־מאַכשאָוועסעס איבערזעצונג און מיט זײַן פאָרוואָרט, עטלעכע לידער פון דעם דײַטשישן רעוואָליוציאָנערן דיכטער היינריך לערש, מאַקסים גאָרקיס דערציילונג „דער זייגער", עס ווערט אָפּגעמערקט דער 10־יאָריקער יובילײ פון דער געזעלשאַפט פאַר ייִדישער פאָלקס־מוזיק. צוזאַמען מיט אַ רײַכער אינפאָרמאַציע וועגן דעם ייִדישן לעבן אין באַפרײַטן רוסלאַנד באַקומט דער לייענער באַל־מאַכשאָוועסעס „ליטעראַריש־קריטישע שמועסן" (און אָפּהאַנדלונג וועגן דעם קיִעווער זאַמלבוך „אייגנס").

זאַרעך גרינבערג האָט געהאַט אַ שאַרפע פען. דער צווייטער נומער פון „קאַמף און לעבן", וועלכער איז דערשינען אין קיִעוו, עפנט זיך מיט זײַנע נאָטיצן אַרום דעם פּראָצעס פון איבערבויען דאָס ייִדישע אַרבעטער־לעבן אויף קאָמוניסטישע יעסוידעס.

צוזאַמען מיט נ. בוכבינדערן און ש. דימאַנשטיינען רעדאַגירט. ז. גרינבערג נאָך עטלעכע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַריש־קינסטלערישע אויסגאַבעס, וועלכע האָבן דורכגעלייגט אַ וועג פאַר די ווײַטערדיקע ייִדישע ליטעראַרישע זשורנאַלן אין פעטראָגראַד, מאָסקווע, קיִעוו.

אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן גייט ז. גרינבערג אָפּ פון דער פובליציסטישער טעטיקײַט. ער פאַרנעמט זיך מיט אַקאַדעמישער און פּעדאַגאָגישער אַרבעט, אונטעריכטעט געשיכטע אין אַ רײ מאָסקווער הויכשולן. ווידער איז ער טעטיק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע אַלס מיטגליד פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

קיין פּינקטלעכע יעדיִעס וועגן דעם ווײַטערדיקן גוירל פונעם טאַלאַנטפולן ייִדישן פובליציסט, רעדאַקטאָר און היסטאָריקער האָבן מיר ניט. מע קאָן זיך בלויז אָנשטויסן, אַז אים האָט געטראָפן דער זעלבער גוירל, ווי אַלע אַנדערע אַקטיווע טוער פון דער ייִדישער קולטור, ווען מע האָט פאַרמאַכט דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און רעפּרעסירט זײַנע אָנטיילנעמער.

דעם מעמאָריאַל־אָפּטייל פירט כ א יִ ם ב יי ד ע ר

וועגן דעם פּערזאָנען־קולט און זײַנע פאָלגן

פאַרטראָג פון דעם ערשטן סעקרעטאַר פון צק קפּסס כאַוו. כרושטשאָוו נ. ס. דעם XX צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד[1]

25 פעווראַל 1956 יאָר

כאַווײרים! אין דעם באַריכט־פאַרטראָג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי דעם XX צוזאַמענפאָר, אין אַ ריי אַרויסטרעטונגען פון די דעלעגאַטן פונעם צוזאַמענפאָר און אויך פריִער אויף די פּלענומס פונעם צק קפּסס איז ניט ווייניק גערעדט געוואָרן וועגן פּערזאָנען־קולט און זײַנע שעדלעכע פאָלגן.

נאָך סטאַלינס טויט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי גענומען שטרענג און קאָנסעקווענט דורכפירן אַ קורס אויף צו דערקלערן, ווי אומדערלאָזבאַר עס איז, פרעמד דעם גײַסט פון מאַרקסיזם־לעניניזם, צו פאַרהערלעכן איין פּערזאָן, צו פאַרוואַנדלען זי אין עפּעס אַן איבערמענטש, וועלכער פאַרמאָגט איבערנאַטירלעכע אייגנשאַפטן, ווי אַ מין גאָט. דער דאָזיקער מענטש ווייסט קלוימערשט אַלץ, זעט אַלץ, טראַכט פאַר אַלעמען, קאָן אַלץ אויפטאָן, ער איז פרײַ פון פעלערן אין זײַנע מעשׂים.

אַזאַ פאָרשטעלונג וועגן אַ מענטשן, און, קאָנקרעט רײדנדיק, וועגן סטאַלינען, האָט מען אַ סאַך יאָרן קולטיווירט בײַ אונדז.

אינעם הײַנטיקן פאַרטראָג ווערט ניט געשטעלט די אויפגאַבע צו געבן אַן אַלזײַטיקע אָפּשאַצונג פון סטאַלינס לעבן און טעטיקייט. וועגן סטאַלינס פאַרדינסטן איז נאָך בײַ זײַן לעבן אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנץ גענוגדיקע צאָל ביכער, בראָשורן, פאָרש־אַרבעטן. ס'איז אַלגעמיין באַוווסט סטאַלינס ראָליע אין צוגרייטן און דורכפירן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, אין בירגערקריג, אינעם קאַמף פאַר אויפבויען דעם סאָציאַליזם בײַ אונדז אין לאַנד. דאָס איז אַלעמען גוט באַוווסט. איצט גייט אַ רייד וועגן אַ פראַגע, וואָס האָט אַ קאָלאָסאַלן באַדײַט סײַ פאַר דער קעגנוואַרט, סײַ פאַר דער צוקונפט פון דער פּאַרטיי, — עס גייט אַ רייד וועגן דעם, וויאַזוי עס האָט זיך בעהאַדראָגעדיק געשאַפן דער קולט פון סטאַלינס פּערזאָן, וועלכער האָט אויף אַ געוויסן עטאַפּ זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קוואַל פון אַ גאַנצער ריי אויסערסט גרויסע און זייער שווערע פאַרקריפּלונגען פון די פּאַרטייִשע פּרינציפּן, פון דער פּאַרטייִשער דעמאָקראַטיע, פון דער רעוואָלוציאָנערער געזעצלעכקייט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס נאָך ניט אַלע שטעלן זיך פאָר, צו וואָס עס האָט אין דער פּראַקטיק געבראַכט דער פּערזאָנען־קולט, וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלן שאָדן עס איז פאַרשאַפט געוואָרן דערמיט, וואָס עס איז געבראָכן געוואָרן דער פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער אָנפירונג אין דער פּאַרטיי און אין די הענט פון איין פּערזאָן האָט זיך קאָנצענטרירט אַן אומגעהײַערע, אַן אומבאַשרענקטע מאַכט, האַלט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פאַר נייטיק מיטצוטיילן דעם XX צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועגן די מאַטעריאַלן איבער דער דאָזיקער פראַגע.

• • •

דערלויבט, פריִער פאַר אַלץ, אײַך צו דערמאָנען, ווי שטרענג די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם האָבן פאַרורטיילט יעטווידע אַנטפּלעקונג פון פּערזאָנען־קולט. אין אַ בריוו צום דײַטשישן פּאָליטישן טוער ווילהעלם בלאָס[2] האָט מאַרקס דערקלערט: „...איס פײַנטשאַפט צו יעטווידן פּערזאָ־

[1] מיט קירצונגען.

[2] אַלע ציטאַטן אינעם פאַרטראָג פאַרופן זיך אויף רוסישע אויסגאַבעס (רעד.)

נען־קולט האָב איך בייס עס האָט עקזיסטירט דער אינטערנאַציאָנאַל קיינמאָל ניט דערלאָזט, עס זאָלן איבערגעגעבן ווערן דער עפנטלעכקייט די פּילצאָליקע ווענדונגען, אין וועלכע עס פלעגן אנערקענט ווערן מיינע פאַרדינסטן און מיט וועלכע מע איז צוגעשטאַנען צו מיר פון פאַרשיידענע לענדער, — איך האָב אפילע קיינמאָל ניט געענטפערט אף זיי, עפשער נאָר ווען־ניט־ווען פאַר זיי אויסגעמוסערט. דער ערשטער אריינטריט ענגעלסעס און מיינער אין דער געהיימער געזעלשאַפט פון קאָמוניסטן איז פאָרגעקומען מיט דעם באַדינג, אַז פונעם סטאַטוט זאָל ארויסגעוואָרפן ווערן אַלץ, וואָס ווירקט מיט דער אָבערגלויבערישער פאַרערונג פון אווטאָריטעטן (לאַסאַל האָט שפּעטער געהאַנדלט פּונקט פאַרקערט)" (ווערק פון ק. מארקס און פ. ענגעלס. ב. XXIV, 1־טע אויפלאַגע, ז. 487 — 488.

עטוואָס שפּעטער האָט ענגעלס געשריבן:

„סיי מארקס, סיי איך זיינען מיר שטענדיק געווען קעגן יעטווידע עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס בענעגייע צו באַזונדערע פּערזאָנען. אויסער בלויז יענע פאַלן, ווען דאָס האָט געהאַט עפּעס א באַדייטנדיקן צוועק; און מער פון אַלץ זיינען מיר געווען קעגן אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס, וואָס וואָלטן בא אונדזער לעבן געהאַט א שייכעס צו אונדז פּערזענלעך" (ווערק פון ק. מארקס און פ. ענגעלס, ב. XXVIII, ז. 385).

עס איז באַוווּסט די אויסערסט גרויסע באַשיידנקייט פון דעם געני פון דער רעוואָליוציע וולאַדימיר איליטש לענין. לענין האָט שטענדיק באַטאָנט די ראָליע פון דעם פאָלק, אַלס דעם שעפער פון דער געשיכטע, די אָנפירנדיקע און אָרגאַניזירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי אַלס א לעבעדיקן, זעלבסטעטיקן אָרגאַניזם, די ראָליע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט.

דער מארקסיזם לייקנט ניט אָפּ די ראָליע פון די לידערס פונעם ארבעטער־קלאַס אינעם אָנפירן מיט דער רעוואָליוציאָנער־באַפרייערישער באַוועגונג.

צוגעבנדיק א גרויסן באַדייט דער ראָליע פון די אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָרן פון די מאַסן, האָט לענין, צוזאַמען דערמיט, אומבעראַכמאָנעסדיק געטאַדלט יעטווידע אַנטפּלעקונגען פון פּער־זאָנען־קולט, געפירט אַן אומפשאָרעדיקן קאַמף קעגן די פרעמדע דעם מארקסיזם עסערישע אָנ־שווּנגען פון „העלד" און „האַמוין", קעגן די פרוּוון צו קעגנשטעלן דעם „העלד" די מאַסן, דעם פאָלק.

לענין האָט געלערנט, אַז די קראַפט פון דער פּאַרטיי באַשטייט אין דער ענגער פאַרבינדונג מיט די מאַסן, דערין, וואָס מיט דער פּאַרטיי גייט דאָס פאָלק — די ארבעטער, די פּויערים, די אינטעליגענץ. „בלויז דער וועט זיגן און איינהאַלטן די מאַכט, — האָט געזאָגט לענין, — ווער עס גלייבט אין פאָלק, ווער עס וועט זיך אריינוואַרפן אינעם קוואַל פון דער לעבעדיקער פאָלקס־שאַ־פונג (וו. אי. לענין, ב. 26, ז. 259)[1].

לענין האָט גערעדט מיט שטאָלץ וועגן דער באָלשעוויסטישער, קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווי וועגן דעם פירער און לערער פונעם פאָלק, ער האָט גערופן ארויסטראָגן אפן מישפּעט פון די באַוווּסטזיניקע ארבעטער, אפן מישפּעט פון דער אייגענער פּאַרטיי אַלע וויכטיקע פראַגן; ער האָט דערקלערט: „איר גלייבן מיר, אין איר זעען מיר דעם פאַרשטאַנד, די ערע און דעם געוויסן פון אונדזער עפּאָכע" (ווערק, ב. 25, ז. 239).

לענין איז אַנטשיידן ארויסגעטראָטן קעגן אַלערליי פּרוּוון צו פאַרמינערן אָדער אָפּצושוואַכן די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער פּאַרטיי אין דער סיסטעם פון דער סאָוועטישער מעלוכע. ער האָט אויסגעאַרבעט די באָלשעוויסטישע פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג אין די נאָרמעס פונעם פּאַרטיי־לעבן, באַטאָנענדיק, אַז דער העכסטער פּרינציפּ פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג איז איר קאָלעקטיווקייט. נאָך אין די פאַר־רעוואָליוציאָנערע יאָרן האָט לענין אָנגערופן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אַלס א קאָלעקטיוו פון אָנפירער, אַלס אַן אָפּהיטער און אויסטייטשער פון די פּאַרטיי־פּרינציפּן. „די פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי, — האָט אָנגעוויזן לענין, — היט אָפּ פון צוזאַמענפאָר צו צוזאַמענפאָר און טייטשט זיי אויס דער צענטראַל־קאָמיטעט" (ווערק, ב. 13, ז. 116).

באַטאָנענדיק די ראָליע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, זיין אווטאָריטעט, האָט וולאַדימיר איליטש אָנגעוויזן: „אונדזער צק האָט זיך אויסגעבילדעט אין א גרופּע, שטרענג צענטראַ־ליזירטע און הויך־אווטאָריטעטע..." (ווערק, ב. 33, ז. 443).

בא לענינס לעבן איז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי געווען אַן עכטער אויסדרוק פון קאָלעקטיווער אָנפירונג מיט דער פּאַרטיי אין אָט דעם לאַנד. זייענדיק א קריגערישער מאַרק־סיסט־רעוואָליוציאָנער, שטענדיק אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער אין פּרינציפּיעלע פראַגן, האָט לענין קיינמאָל ניט געפּרוּווט מיט קראַפט אָנבינדן זיינע אָנשויונגען די כאַווערים לויט דער ארבעט. ער

[1] אינעם פאָרטראָג ווערן די ציטאַטן געגעבן לויט דער 4־טער אויפלאַגע פון לענינס ווערק אין רוסיש (רעד.).

פלעג איבערצייגן, געדולדיק דערקלערן זיין מיינונג אנדערע. לענין פלעגט טאָמיד שטרענג נאָכשפּירן, אז ס זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן די נאָרמעס פונעם פּאַרטיי־לעבן, עס זאָל אָפּגעהיט ווערן דער פּאַרטיי־סטאטוט, עס זאָלן רעכטצייטיק צונויפגערופן ווערן די פּאַרטיי־צוזאמענפאָרן. די פּלענומס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט.

אויסער אלדאָס גראנדיעזע, וואָס וו. אי. לענין האָט אופגעטאָן צוליב דעם זיג פון דעם ארבעטער־קלאַס און דעם האָרעפּאשנע פויערטום, צוליב דעם זיג פון אונדזער פּאַרטיי און צוליב פאַרווירקלעכן די אידייען פון וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם, האָט זיין שאַרפזיכטיקייט זיך ארויסגעוויזן אויך דערין, וואָס ער האָט רעכטצייטיק באמערקט אין סטאלינען גראָד יענע נעגאטיווע אייגנשאפטן, וועלכע האָבן שפּעטער גורעם געווען שווערע קאָנסעקווענצן. א פאַרזאָרגטער מיקויעך די ווייטערדיקע גוראָלעס פון דער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע, האָט לענין געגעבן א פולקום ריכטיקע כאראקטעריסטיק סטאלינען, אָנווייזנדיק דערביי, אז מע דאַרף באטראכטן די פראגע וועגן איבערפירן סטאלינען פון דער שטעלע פון גענעראַל־סעקרעטאר מאכמעס דעם, וואָס סטאלין איז צו גראָב, איז ניט גענוג אופמערקזאם צו כאווײרים, איז קאפּריזנע און מיסברויכט מיט דער מאכט.

אין דעקאַבער 1922 יאָר האָט וולאדימיר איליטש אין זיין בריוו צום אָרדנטלעכן פּאַרטיי־צוזאמענפאָר געשריבן:

„דער כאוו. סטאלין, ווערנדיק דער גענסעק, האָט קאָנצענטרירט אין זיינע הענט אן אומגעהייערע מאכט, און איך בין ניט זיכער, צי וועט ער שטענדיק קאָנען גענוג פאָרזיכטיק זיך ניצן מיט דער דאָזיקער מאכט".

דער דאָזיקער בריוו — א ביז גאָר וויכטיקער פּאָליטישער דאָקומענט, וואָס איז באקאנט אין דער פּאַרטיי־געשיכטע ווי לענינס „צוואָע" — איז פאנאנדערגעגעבן געוואָרן די דעלעגאטן פונעם XX פּאַרטיי־צוזאמענפאָר. איר האָט אים געלייענט און וועט אים, ווארשיינלעך, נאָך לייענען ניט איין מאָל. טראכט זיך אריין אין די פּאָשעטע לענינישע ווערטער, אין וועלכע עס איז אויסגעדריקט וולאדימיר איליטשס זאָרג וועגן דער פּאַרטיי, וועגן פאָלק, וועגן דער מעלוכע, וועגן דער ווייטערדיקער ריכטונג פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק.

וולאדימיר איליטש האָט געזאָגט:

„סטאלין איז צו גראָב, און דער דאָזיקער כיסאָרן, וואָס ס'איז אים פולשטעדיק צו דערליידן אין דער סוויווע און אין פאַרקער צווישן אונדז, קאָמוניסטן, ווערט אומפאַרליידלעך בא דער שטעלע פון דעם גענסעק. דעריבער שלאָג איך פאָר די כאווײרים צו באטראכטן דעם אויפן פון אריבערפירן סטאלינען פון דעם דאָזיקן אָרט און באשטימען אף אָט דעם אָרט אן אנדער מענטשן, וואָס אונטערשיידט זיך אין אלע אנדערע הינזיכטן פונעם כאוו. סטאלין בלויז מיט איין פאָרצוג, נעמלעך, ער איז מער טאָלעראנט, מער לאָיאל, מער העפלעך און מער אופמערקזאם צו כאווײרים, ווייניקער קאפּריזנעקייט אאוו.

דער דאָזיקער לענינישער דאָקומענט איז פאָרגעלייענט געוואָרן אין די דעלעגאציעס פונעם XIII פּאַרטיי־צוזאמעפאָר, וועלכע האָבן באהאנדלט די פראגע וועגן אריבערפירן סטאלינען פונעם פּאָסטן פון גענעראַל־סעקרעטאר. די דעלעגאציעס האָבן זיך ארויסגעזאָגט פאר איבערלאָזן סטאלינען אף דעם דאָזיקן פּאָסטן, האָבנדיק אין זינען, אז ער וועט נעמען אין אכט וולאדימיר איליטשס קריטישע באמערקונגען און וועט קאָנען פאַריכטן זיינע כעסרוינעס, וועלכע האָבן דערוועקט בא לענינען ערנסטע פאַרדאכטן.

כאווײרים! ס'איז נייטיק צו מיטיילן דעם פּאַרטיי־צוזאמענפאָר וועגן צוויי נייע דאָקומענטן, וועלכע דערגאנצן די לענינישע כאראקטעריסטיק פון סטאלינען, וועלכע וולאדימיר איליטש האָט געגעבן אין זיין „צוואָע".

די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען א בריוו פון נאדעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא קרופּסקאיא צו קאָמעניעוון, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער פאָרזיצער אין פּאָליטביוראָ, און א פּערזענלעכער בריוו פון וולאדימיר איליטש לענין צו סטאלינען.

1. דער בריוו פון נ. ק. קרופּסקאיא.

„לעוו באָריסיטש,

אין צוזאמענהאנג מיטן קורצינקן בריוו, וועלכן איך האָב אָנגעשריבן אונטער לענינס דיקטאָווקע בא דער דערלויבעניש פון די דאָקטוירים, האָט סטאלין זיך דערלויבט נעכטן בענעגייע צו מיר א ביז גאָר ברוטאלן אויספאל. איך בין אין דער פּאַרטיי ניט קיין איין טאָג. פאר אלע 30 יאָר

האָב איך פון קיין איין כאווער ניט געהערט קיין איין גראָב וואָרט. די אינטערעסן פון דער פארטיי און פון איליטשן זיינען מיר ניט ווייניקער טייער, ווי סטאלינען. איצט דארף איך א מאקסימום פון זעלבסטבאהערשונג. וועגן וואָס מע מעג און וועגן וואָס מע טאָר ניט ריידן מיט איליטשן ווייס איך בעסער פון יעדן דאָקטער, ווייל איך ווייס, וואָס באומרויקט אים און וואָס ניט, און אלנפאלס בעסער פון סטאלינען. איך ווענד זיך צו אייך און צו גריגאָריען[1], ווי צו מער נאָענטע כאוויירים פון וו. אי., און בעט צו באשירעמען מיך פונעם ברוטאלן אריינמישן זיך אין פערזענלעכן לעבן, פון אומווירדיקער זידלעריי און דראָונגען. אין דעם איינשטימיקן באשלוס פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע, מיט וועלכער עס דערלויבט זיך צו דראָען סטאלין, צווייפל איך ניט, אָבער איך פארמאָג ניט נישט קיין קויכעס און נישט קיין צייט, וועלכע איך וואָלט געקאָנט פאטערן אף אָט די נאַרישע אינטריגעס. איך בין אויך א לעבעדיקער מענטש און די נערוון זיינען בא מיר אָנגעשטרענגט ביז לעצט.

נ. קרופסקאיא".

דעם דאָזיקן בריוו האָט נאדעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא אָנגעשריבן דעם 23 דעקאבער 1922 יאָר. אין דריטהאלבן כאדאָשים ארום, אין מארט 1923 יאָר, האָט וולאדימיר איליטש געשיקט סטאלינען פאָלגנדיקן בריוו:

2. דער בריוו פון וו. אי. לענין.

„דעם כאווער סטאלין.

א קאָפּיע: קאמעניעוון און זינאָוויעוון.

כאָשעווער כ׳ סטאלין,

איר האָט געהאט די גראָבקייט צורופן מיין פרוי צום טעלעפאָן און זי אויסזידלען. כאָטש זי האָט אייך יאָ אויסגעדריקט די האסקאָמע צו פארגעסן דאָס געזאָגטע, דאָך אָבער איז דער דאָזיקער פאקט טאקע דורך איר באוווּסט געוואָרן זינאָוויעוון און קאמעניעוון. איך האָב ניט בעדייע אזוי לייכט צו פארגעסן דאָס, וואָס איז געטאָן געוואָרן קעגן מיר, און שוין אָפגערעדט דערפון, אז דאָס, וואָס איז געטאָן געוואָרן קעגן דער פרוי, האלט איך, אז ס׳איז געטאָן געוואָרן אויך קעגן מיר. דעריבער בעט איך אייך באקלערן, צי זענט איר מאסקים נעמען צוריק אייערע ווערטער און זיך אנטשולדיקן אָדער איר האלט פאר גלייכער איבערייסן די באציִונגען צווישן אונדז. (א באוועגינג אין זאל).

5־טער מארט 1923 יאָר".

מיט אכטונג: לענין

כאוויירים! איך וועל ניט קאָמענטירן די דאָזיקע דאָקומענטן. זיי ריידן אויסדריקלעך אן און פאר זיך. אויב סטאלין האָט געקאָנט זיך אזוי פירן בא לענינס לעבן, האָט געקאָנט זיך אזוי באַציִען צו נאדעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא קרופסקאיא, וועמען די פארטיי קען גוט און שאצט הויך ווי לענינס א טרייען פריינט און אן אקטיוון קעמפער פאר דער זאַך פון אונדזער פארטיי פונעם מאָמענט, ווען זי איז אנטשטאנען, איז קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי סטאלין האָט זיך באנומען מיט אנדערע טוער. די דאָזיקע נעגאטיווע אייגנשאפטן זיינע האָבן זיך אלץ מער אנטוויקלט און אין די לעצטע יאָרן אָנגענומען אן אבסאָליוט אומדערלאָזלעכן כאראקטער.

ווי עס האָבן באוויזן די שפּעטערדיקע געשעענישן, איז לענינס אומרו ניט געווען קיין אומזיסטע. סטאלין האָט די ערשטע צייט נאָך לענינס טויט זיך נאָך גערעכנט מיט זיינע אָנווייזונגען, אָבער נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן זיך באציִען גרינגשעצעריש צו וולאדימיר איליטשס ערנסטע וואָרענונגען.

אויב דורכאנאליזירן די פראקטיק פון אָנפירן מיט דער פארטיי און מיטן לאנד מיצאד סטאלינען, אריינטראכטן זיך אין דעם אלעם, וואָס סטאלין האָט דערלאָזט, איבערצייגסטו זיך, ווי באַרעכטיקט עס זיינען געווען לענינס פארדאכטן. יענע נעגאטיווע שטריכן סטאלינס, וואָס האָבן בא לענינס לעבן זיך באוויזן ערשט נאָר אין עמבריאָנעלן צושטאנד, האָבן די לעצטע יאָרן זיך אנטוויקלט אין שווערע מיסברויכן מיט דער מאכט מיצאד סטאלינען, וואָס דאָס האָט געבראכט אָן א צאָל שאָדן אונדזער פארטיי.

---

[1] דה. זינאָוויעוון ג. יע.

מיר דאַרפֿן ערנסט פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך און ריכטיק דורכאַנאַליזירן אַט די פֿראַגע, קעדיי אויסשליסן יעטווידע מעגלעכקייט איבערצוכאַזערן אפֿילע עפּעס־וואָס ענלעכט אויף דעם, וואָס האָט געהאַט אַן אָרט בייס ס׳האָט געלעבט סטאַלין, וועלכער האָט אַבסאָליוט ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן קיין קאָלעקטיוויקייט אין דער אָנפֿירונג און אין דער אַרבעט, האָט אָנגעווענדט ווילדן גוואַלדטאַט בעגייע אַלץ, וואָס ס׳האָט אים ניט בלויז ווידערשפּרעכט, נאָר וואָס איס האָט זיך אויסגעוויזן באַ זײַן קאַפּריזנקייט און דעספּאָטישקייט, אַז עס ווידערשפּרעכט זײַנע אײַנשטעלונגען. ער האָט געווירקט ניט מיט מיטלען פֿון איבערצײַגן, דערקלערן, סקרופּולעז אַרבעטן מיט מענטשן, נאָר מיט דער הילף פֿון אַרופֿצווינגען זײַנע אײַנשטעלונגען, פֿאָדערנדיק, מע זאָל פֿולשטענדיק זיך אונטערוואַרפֿן זײַן מיינונג. יענער, וואָס האָט זיך דעם קעגנגעשטעלט אָדער האָט זיך געסטאַרעט באַגרינדן זײַן שטאַנדפּונקט, דערווײַזן גערעכטיקייט, יענער איז געווען פֿאַרורטיילט אויסגעשלאָסן צו ווערן פֿונעם אָנפֿירנדיקן קאָלעקטיוו און שפּעטער צו מאָראַלישער און פֿיזישער פֿאַרניכטונג. דאָס האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעוויזן אינעם פּעריאָד נאָכן XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, ווען קאָרבאָנעס פֿון סטאַלינס דעספּאָטיזם זײַנען געוואָרן פֿיל ערלעכע, טרײַע דער זאַך פֿון קאָמוניזם, אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער און געוויינלעכע פּאַרטיי־אַרבעטער.

סטאַלין האָט אַרײַנגעפֿירט דעם באַגריף „סוינע פֿון פֿאָלק". דער דאָזיקער טערמין האָט גלײַך באַפֿרײַט פֿון דער נויטווענדיקייט צו ברענגען וועלכע־ניט־איז באַווײַזן פֿון אידייִשער אומגערעכטקייט פֿון יענעם מענטשן אָדער פֿון יענע מענטשן, מיט וועלכע דו פֿירסט אַ פּאָלעמיק: ער האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אָנווענדן די סאַמע אַכזאָריעסדיקע רעפּרעסיעס, ברעכנדיק דערבײַ אַלע נאָרמעס פֿון רעוואָלוציאָנערער געזעצלעכקייט, צו יעדן איינעם, וועד ס׳איז אין עפּעס־וואָס ניט מאַסקים מיט סטאַלינען, צו יעדן, אויף וועמען ס׳איז בלויז געפֿאַלן אַ חשד, אַז ער האָט פֿײַנטלעכע קאַוואָנעס, צו יעדן, וואָס איז פּאַשעט פֿאַרמאַסערט געוואָרן.

דער דאָזיקער טערמין „סוינע פֿון פֿאָלק" האָט שוין אין טאָך אַראָפּגענומען, אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פֿון וועלכן־ניט־איז אידייִשן קאַמף אָדער פֿון אויסדריקן אַן אייגענע מיינונג איבער די אָדער יענע פֿראַגן אַפֿילע פֿון פּראַקטישן באַדײַט.

דער איקערדיקער און, אין טאָך גענומען, דער איינציקער באַווײַז פֿון שולד. איז געוואָרן, טראָץ אַלע נאָרמעס פֿון דער הײַנטיקער יורידישער וויסנשאַפֿט, די „אָנערקענונג" פֿון דעם באַשולדיקטן אַליין, דערבײַ איז די דאָזיקע „אָנערקענונג", ווי ס׳האָט שפּעטער באַוויזן די דורכקאָנטראָלירונג, באַקומען געוואָרן דורך פֿיזישע אויפֿווירק־מיטלען אויפֿן באַשולדיקטן.

דאָס האָט געבראַכט צו הימלשרײַענדיקע פֿאַלן פֿון אויווער זײַן אויף דער רעוואָלוציאָנערער געזעצלעכקייט, דערצו, אַז ס׳האָבן געליטן פֿיל אַבסאָליוטע אין גאָרנישט ניט שולדיקע מענטשן, וועלכע זײַנען אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן אַרויסגעטראָטן פֿאַר דער פּאַרטיי־ליניע.

מע דאַרף זאָגן, אַז אויך בענעגייע מענטשן, וועלכע זענען זײַנערצײַט אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאַרטיי־ליניע, איז אָפֿט ניט געווען קיין גענוג ערנסטער גרונט, מע זאָל זיי פֿיזיש פֿאַרניכטן. קעדיי צו באַגרינדן די פֿיזישע פֿאַרניכטונג פֿון אַזעלכע מענטשן, איז טאַקע אַרײַנגעפֿירט געוואָרן די פֿאָרמול „סוינע פֿון פֿאָלק". פֿיל פּערזענלעכקייטן, וועלכע מע האָט שפּעטער פֿאַרניכטעט, דערקלערנדיק זיי אַלס סאָנים פֿון דער פּאַרטיי און פֿון פֿאָלק, האָבן דאָך בייס וו. אי. לענין האָט געלעבט געאַרבעט צוזאַמען מיט לענינען. אייניקע פֿון זיי האָבן אויך אין לענינס צײַטן געמאַכט פֿעלערן, אָבער, ניט געקוקט דערויף, האָט לענין זיי אויסגענוצט אויף דער אַרבעט, אויסגעבעסערט, געשטרעבט, זיי זאָלן בלײַבן אין די ראַמען פֿון פּאַרטייִשקייט, געפֿירט זיי נאָך זיך.

אין אָט דעם צוזאַמענהאַנג דאַרף מען באַקענען די דעלעגאַטן פֿונעם צוזאַמענפֿאָר מיט וו. אי. לענינס אַ ניט־פֿאַרעפֿנטלעכט צעטעלע אין פּאָליטביוראָ פֿון צק פֿון אָקטיאַבער 1920 יאָר. באַשטימענדיק די אויפֿגאַבן פֿון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע, האָט לענין געשריבן, אַז די דאָזיקע קאָמיסיע דאַרף מען מאַכן פֿאַר אַן עכטן „אָרגאַן פֿונעם פּאַרטייִשן און פּראָלעטאַרישן געוויסן".

„אַלס באַזונדערע אויפֿגעבונג פֿאַר דער [קאָ]נטראָל־[ק]אָמיסיע, רעקאָמענדירן אַן אויפֿמערקזאַם־אינדיווידואַליזירטע באַציִונג, אָפֿט אַפֿילע אַ דירעקטע אייגנאַרטיקע היילונג בענעגייע די פֿאַרשטייער פֿון דער אָ[זוי]גן[ערופֿענער] אָפּאָזיציע, וועלכע האָבן געליטן אַ פּסיכאָל[אָגישן] קריזיס אין צוזאַמענהאַנג מיט די דורכפֿאַלן אין זייער סאָוועטישער אָדער פּאַרטייִשער קאַריערע. מע דאַרף זיך סטאַרען צו באַרויִקן זיי, דערקלערן זיי די זאַך כאַווערייש, צוזוכן פֿאַר זיי (אָן מיטלען פֿון באַפֿעלערישקייט) אַ צוגענגלעכע צו זייערע פּסיכאָלאָג[ישע] אייגנטימלעכקייטן אַרבעט, געבן אין דעם דאָזיקן פּונקט אייצעס און אָנווײַזונגען דער אָרגביוראָ פֿון צק אדג.".

אַלעמען איז גוט באַוווּסט, ווי אומקאָמפּראָמיסלעך איז געווען לענין צו די אידייִשע קעגנערס פֿון מאַרקסיזם, צו יענע, וועלכע האָבן זיך אָפּגענייגט פֿון דער ריכטיקער פּאַרטיי־ליניע. אין דער זעלבער צײַט האָט לענין געפֿאָדערט, ווי דאָס איז צו זען פֿונעם פֿאָרגעלייענטן דאָקומענט, פֿון

דער גאנצער פּראַקטיק בײַס ער האָט אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיי, דעם סאַמע אופמערקזאַמען פּאַרטייִשן צוגאַנג צו מענטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן וואַקלונגען, געהאַט אַפּווײַכונגען פון דער פּאַרטיי־ליניע, אָבער וועלכע מע האָט געקאָנט אומקערן אַפן וועג פון פּאַרטייִשקײַט. לעניִן האָט געשיצט געדולדיק דערציִען אַזעלכע מענטשן, ניט אָנווענדנדיק קיין עקסטרעמע מיטלען.

דערין האָט זיך אַנטפּלעקט לעניִנס קלוגשאַפט אינעם צוגאַנג צו מענטשן, אין דער אַרבעט מיט די קאַדרען.

גאָר אַן אַנדער צוגאַנג איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר סטאַלינען. סטאַלינען זײַנען אינגאַנצן פרעמד געווען די לעניִנישע שטריכן — דורכפירן אַ געדולדיקע אַרבעט מיט מענטשן, אָקשאָנעסדיק און סקרופּולעז דערציִען זיי, קענען פירן נאָך זיך מענטשן ניט מיט צוואַנג, נאָר מיטן גאַנצן קאָלעקטיווס, אופוירקנדיק אויף זיי פון אידייִשע פּאָזיציעס. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם לעניִנישן מעטאָד פון איבערצײַגן און דערציִען, איז אַריבערגעגאַנגען פון די פּאָזיציעס פון אידייִשן קאַמף אויפן וועג פון אַדמיניסטראַטיוו דערשטיקן, אויפן וועג פון מאַסן־רעפּרעסיעס, אויפן וועג פון טעראָר. ער האָט אַלץ ברייטער און אײַנגעשפּאַרטער געווירקט דורך די שטראָף־אָרגאַנען, אָפט ברעכנדיק דערבײַ אַלע עקזיסטירנדיקע נאָרמעס פון מאָראַל און די סאָוועטישע געזעצן.

דער ווילקיר פון איין פּערזאָן האָט סטימולירט און דערלאָזט דעם ווילקיר פון אַנדערע פּערזאָנען. די מאַסן־אַרעסטן און פאַרשיקונגען פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן, די הוריגעס אָן אַ געריכט און אָן נאָרמאַלער אויספאָרשונג האָבן געבוירן בײַ מענטשן אומזיכערקײַט, אַרויסגערופן שרעק און אַפילע פאַרביסנקײַט.

דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט מיטגעווירקט דער באַהעפטונג פון די פּאַרטיי־רייען, פון אַלע שיכטן פונעם אַרבעט־פאָלק, נאָר, פאַרקערט, ס'האָט געפירט צום פאַרניכטן, צום אָפּשנײַדן פון דער פּאַרטיי די ערלעכע אָבער פאַר סטאַלינען ניט־געווונטשענע טוער.

אונדזער פּאַרטיי האָט געפירט אַ קאַמף פאַרן פאַרווירקלעכן די לעניִנישע פּלענער פון אויפבויען דעם סאָציאַליזם. דאָס איז געווען אַן אידייִשער קאַמף. ווען אין דעם דאָזיקן קאַמף זאָל געווען זיך אַרויסווײַזן אַ לעניִנישער צוגאַנג, אַ גוטע באַהעפטונג פון פּאַרטייִשער פּרינציפּיעלקײַט מיט פילבאַרער און אופמערקזאַמער באַציִונג צו מענטשן, אַ ווילן ניט אָפּשטויסן, ניט פאַרלירן קיין מענטשן, נאָר צוציִען זיי אויף אונדזער זײַט, וואָלט אַזוי גראָב ניט געבראָכן געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע געזעצלעכקײַט, ניט אָנגעווענדט געוואָרן קיין מעטאָדן פון טעראָר בענעגייע פיל טויזנטער מענטשן. אויסשליסלעכע מיטלען וואָלטן אָנגעווענדט געוואָרן בלויז צו יענע פּערזאָנען, וועלכע זײַנען באַגאַנגעןווירקלעכע פאַרברעכנס קעגן דער סאָוועטישער אָרדענונג. [...]

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט לעצטנס, באַזונדערס נאָכן דעמאַסקירן בעריאַס באַנדע, באַטראַכט אַ ריי ענינים, וואָס די דאָזיקע באַנדע האָט פאַבריצירט. דערבײַ האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר ניט קיין שיין בילד פון גראָבן ווילקיר, וואָס איז פאַרבונדן מיט סטאַלינס ניט־ריכטיקע מעשׂים. ווי עס באַווײַזן די פאַקטן, האָט סטאַלין, אויסניצנדיק די אומבאַגרענעצטע מאַכט, דערלאָזט ניט ווייניק מיסברויכן, טוענדיק דאָס אין נאָמען פון צק, ניט פרעגנדיק די מיינונג פון די מיטגלידער פון צק און אַפילע פון די מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ פון צק, אָפט ניט געבנדיק זיי צו וויסן וועגן די איינפּערזאָניק דורך סטאַלינען אָנגענומענע באַשלוסן איבער זייער וויכטיקע פּאַרטייִשע און מלוכישע פראַגן.

• • •

באַטראַכטנדיק די פראַגע וועגן פּערזאָנען־קולט, דאַרפן מיר קוידעמקאָל קלאָר מאַכן, וואָס פאַר אַ שאָדן דאָס האָט געבראַכט די אינטערעסן פון אונדזער פּאַרטיי.

וולאַדימיר איליטש לעניִן האָט שטענדיק באַטאָנט די ראָליע און דעם באַדײַט פון דער פּאַרטיי אין דער אָנפירונג מיט דער סאָציאַליסטישער מלוכע פון די אַרבעטער און פּויערים, זעענדיק דערין דעם הויפּט־באַדינג פאַר דער דערפאָלגרײַכער בויונג פונעם סאָציאַליזם בײַ אונדז אין לאַנד. אָנווײַזנדיק אויף דער קאָלאָסאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַלס דער רעגירנדיקער פּאַרטיי פון דער סאָוועטישער מלוכע, האָט לעניִן גערופן שטרענג אָפּצוהיטן אַלע נאָרמעס פונעם פּאַרטיי־לעבן, צו פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פון קאָלעקטיווקײַט אין דער אָנפירונג מיט דער פּאַרטיי אין מיטן לאַנד.

די קאָלעקטיווקײַט אין דער אָנפירונג דרינגט אַרויס גופא פון דער נאַטור פון אונדזער פּאַרטיי, וועלכע איז געבויט אויף די יסודות פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם. „דאָס באַטײַט, — האָט לעניִן געזאָגט, — אַז אַלע ענינים פון דער פּאַרטיי פירן דירעקט, אָדער דורך פאָרשטייער, אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער, אויף גלײַכע רעכט און אָן שום אויסנאַמען; דערבײַ זײַנען אַלע אַמט־פּערזאָנען, אַלע אָנפירנדיקע קאָלעגיעס, אַלע פּאַרטיי־אַנשטאַלטן — געוויילטע, באַריכטפּליכטיקע, פאַרבײַטלעכע (ווערק, ב. 11, ז. 396).

ס'איז באוווּסט, אַז לעניז גופא האָט באוויזן אַ בײַשפּיל פון שטרענגסטן אָפּהיטן די דאָזיקע פּרינציפּן. ס'איז ניט געווען אַזאַ וויכטיקע פראַגע, איבער וועלכער לענין זאָל געווען איינער אַליין אָננעמען אַ באַשלוס, ניט האַלטנדיק זיך קיין אייצע און ניט באַקומענדיק קיין באַווילִיקונג פון דער מערהײַט צק־מיטגלידער אָדער מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ פון צק.

אין די סאַמע שווערע פאַר אונדזער פּאַרטיי און פאַרן לאַנד פּעריאָדן האָט לענין געהאַלטן פאַר נייטיק רעגולער דורכפירן צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן פון דער פּאַרטיי, פּלענומס פון איר צענטראַל־קאָמיטעט, אויף וועלכע ס'זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אַלע וויכטיקסטע פראַגן און אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן, אַלזײַטיק פאַנאַנדערגעאַרבעטע דורך אַ קאָלעקטיוו אָנפירער. [...]

צי זײַנען אָפּגעהיט געוואָרן אָט די הייליקע פאַר אונדזער פּאַרטיי לענינישע פּרינציפּן נאָך וולאַדימיר איליטשס טויט?

אויב די ערשטע יאָרן נאָך לענינס טויט זײַנען פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן און פּלענומס פון צק דורכגעפירט געוואָרן מער אָדער ווייניקער רעגולער, איז שפּעטער, ווען סטאַלין האָט אָנגעהויבן אַלץ מער מיסברויכן מיט דער מאַכט, פּלעגן די דאָזיקע פּרינציפּן גראָב געבראָכן ווערן. באַזונדערס האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן די לעצטע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר פון זײַן לעבן. צי קאָן מען דען האַלטן פאַר נאָרמאַל דעם פאַקט, אַז פון דעם XVIII ביז דעם XIX פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז דורכגעגאַנגען מער פון דרײַצן יאָר, אין משך פון וועלכע אונדזער פּאַרטיי און דאָס לאַנד האָבן איבערגעלעבט אַזויפיל געשעענישן? די דאָזיקע געשעענישן האָבן דרינגענדיק געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל אָננעמען באַשלוסן וועגן פראַגן פון לאַנדשוץ אין די באַדינגונגען פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און וועגן די פראַגן פון פרידלעכער בויונג אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן. אַפילו נאָכן סאָף פון דער מילכאָמע האָט דער צוזאַמענפאָר זיך ניט פאַרזאַמלט העכער זיבן יאָר.

עס זײַנען קימאַט ניט צונויפגערופן געוואָרן קיין פּלענומס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז פאַר אַלע יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז פאַקטיש ניט דורכגעפירט געוואָרן קיין איין פּלענום פון צק. עמעס, ס'איז געווען אַ פּרווו צונויפרופן אַ פּלענום פון צק אין אָקטיאַבער 1941 יאָר, ווען קיין מאָסקווע זײַנען ספּעציעל אַרויסגערופן געוואָרן פון גאַנצן לאַנד די מיטגלידער פון צק. צוויי טעג האָבן זיי געוואַרט, אַז דער פּלענום זאָל זיך עפענען, נאָר אַזוי זיך טאַקע ניט דערוואַרט. סטאַלין האָט אַפילו ניט געוואָלט זיך באַגעגענען און זיך דורכשמועסן מיט די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. אָט דער פאַקט רעדט וועגן דעם, ווי ווײַט סטאַלין איז געווען דעמאָראַליזירט די ערשטע כאָדאָשים פון דער מילכאָמע און ווי גרויסהאַלטעריש און גרינגשעצעריש ער האָט זיך באַצויגן צו די צק־מיטגלידער.

אין דער דאָזיקער פּראַקטיק האָט געפונען זײַן אויסדרוק דאָס איגנאָרירן מיצאַד סטאַלינען די נאָרמעס פון פּאַרטיי־לעבן, זײַן טרעטן מיט די פיס דעם לענינישן פּרינציפּ פון קאָלעקטיווקײַט אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג.

סטאַלינס ווילקיר לעגאַבע דער פּאַרטיי, איר צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַזונדערס זיך אַרויסגעוויזן נאָכן XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1934 יאָר.

פאַרמאָגנדיק פיל פאַקטן, וואָס זאָגן עדות וועגן גראָבן ווילקיר בענעגייע די פּאַרטיי־קאַדרען, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אויסגעשטעלט אַ פּאַרטיי־קאָמיסיע פונעם פּרעזידיום פון צק, וועלכע ער האָט באַאופטראָגט געניי זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דער פראַגע וועגן דעם, וויאַזוי זײַנען מעגלעך געוואָרן מאַסן־רעפּרעסיעס קעגן דער מערהײַט פונעם באַשטאַנד מיטגלידער און קאַנדידאַטן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וועלכן ס'האָט אויסגעוויילט דער XVII צוזאַמענפאָר פון דער אַלקפּ(ב).

די קאָמיסיע האָט זיך באַקענט מיט אַ גרויסער צאָל מאַטעריאַלן אין די אַרכיוון פון דעם נקווד — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערן־אָנגעלעגנהײַטן, מיט אַנדערע דאָקומענטן און האָט פעסטגעשטעלט פילצאָליקע פאַקטן פון פאַלסיפיצירטע איניאָנים קעגן קאָמוניסטן, פאַלשע באַשולדיקונגען, הימלשרײַענדיקע פאַלן פון אויווער זײַן אויף דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקײַט, אין רעזולטאַט דערפון זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אומשולדיקע מענטשן. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַ סאַך פּאַרטיייִשע, סאָוועטישע, ווירטשאַפטלעכע טוער, וועלכע מע האָט אין די יאָרן 1937 — 1938 דערקלערט אַלס „סאָנים", זײַנען אינדערעמעסן קיינמאָל קיין סאָנים, שפּיאָנען, שעדיקער אאַז"וו ניט געווען, אַז זיי זײַנען, אין טאָך, קעסיידער געווען ערלעכע קאָמוניסטן, מע האָט זיי אָבער פאַרמאַסערט און צומאָל, ניט אויסהאַלטנדיק די ראַצכישע פּײַניקונגען, האָבן זיי אָנגערעדט אויף זיך אַליין (דאָס, וואָס ס'האָבן זיי דיקטירט אויספאָרשערס — פאַלסיפיקאַטאָרן) אַלערליי שווערע און אומגלייבלעכע באַשולדיקונגען. די קאָמיסיע האָט צוגעשטעלט אין פּרעזידיום פון צק אַ גרויסן דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל וועגן די מאַסן־רעפּרעסיעס קעגן די דעלעגאַטן פונעם XVIII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און די מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכן דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעוויילט. דעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָט דער פּרעזידיום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט באַטראַכט.

ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פון 139 מיטגלידער און קאַנדידאַטן פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וועלכע זײַנען אויסגעווײלט געוואָרן אויפן XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, זײַנען אַרעסטירט און דערשאָסן געוואָרן (הויפּטזאַכלעך אין 1937 — 1938 יאָרן) 98 מענטשן. דאָס הייסט 70 פּראָצענט (רויש פון אָפּגעבראַכטקייט אין זאַל).

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער דעלעגאַטן־באַשטאַנד פונעם XVII צוזאַמענפאָר? ס'איז באַוווּסט, אַז 80 פּראָצענט פונעם באַשטאַנד פון די אָנטיילנעמער פונעם XVII צוזאַמענפאָר מיט באַשטימרעכט זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי אין די יאָרן פון רעוואָליוציאָנערן אונטערערד און פונעם בירגערקריג, דאָס הייסט ביזן 1920 יאָר אײַנגעשלאָסן. לויט דער סאָציאַלער לאַגע איז די גרונטמאַסע פון די צוזאַמענפאָר־דעלעגאַטן באַשטאַנען פון אַרבעטער (60 פּראָצענט פון די דעלעגאַטן מיט באַשטימרעכט).

דעריקער איז אַבסאָליוט אומגלעך געווען, אַז אַ צוזאַמענפאָר מיט אַזאַ באַשטאַנד זאָל אויסווײַלן אַ צענטראַל־קאָמיטעט, אין וועלכן די מערהײַט זאָל זײַן סאָנים פון דער פּאַרטיי. בלויז אין רעזולטאַט דערפון, וואָס מע האָט געטריבן רעכילעס אויף ערלעכע קאָמוניסטן און פאַלסיפיצירט די באַשולדיקונגען קעגן זיי, וואָס ס'זײַנען דערלאָזט געוואָרן שוידערלעכע פאַלן פון ברעכן די רעוואָליוציאָנערע געזעצלעכקייט, זײַנען 70 פּראָצענט מיטגלידער פון צק, וועלכע עס האָט אויסגעווײלט דער XVII צוזאַמענפאָר, דערקלערט געוואָרן אַלס סאָנים פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק.

אַזאַ גורל איז אויסגעפאַלן ניט נאָר די מיטגלידער פון צק, נאָר דער מערהײַט דעלעגאַטן פונעם XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. פון 1966 דעלעגאַטן מיט באַשטים־ און באַראַטונגס־רעכט איז אַרעסטירט געוואָרן לויט דער באַשולדיקונג אין באַגיין קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע פאַרברעכנס מער ווי אַ העלפט — 1108 מענטשן. בלויז אַליין אָט דער פאַקט רעדט וועגן דעם, ווי אומגלויבפערט, ווילד און ווידערשפּרעכלעך דעם געזונטן פאַרשטאַנד עס זײַנען געווען די באַשולדיקונגען אין באַגיין קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע פאַרברעכנס, וועלכע מע האָט אַרויסגעשטעלט קעגן, ווי עס ווײַזט זיך איצט אַרויס, דער מערהײַט אָנטיילנעמער פונעם XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (רויש פון אָפּגעבראַכטקייט אין זאַל). [...]

דאָס איז געשען אין רעזולטאַט דערפון, וואָס סטאַלין האָט מיסגעברויכט מיט דער מאַכט, אָנגעהויבן אָנווענדן מאַסן־טעראָר קעגן די פּאַרטיי־קאַדרען.

פאַרוואָס האָבן די מאַסן־רעפּרעסיעס קעגן דעם אַקטיוו זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט נאָכן XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר? דערפאַר ווײַל סטאַלין האָט צו יענער צײַט זיך אויף אַזויפיל דערהויבן איבער דער פּאַרטיי און איבער דעם פאָלק, אַז ער האָט שוין אײַנגאַנצן זיך ניט גערעכנט נישט מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט, נישט מיט דער פּאַרטיי. [...]

נאָך דער ראָצכישער דערמאָרדונג פון ס. מ. קיראָוו האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־רעפּרעסיעס און גראָבע פאַרקריפּלונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט. דעם 1 דעקאַבער 1934 יאָר אין אָוונט האָט דער סעקרעטאַר פונעם פּרעזידיום פון צי״ק[1] יענוקידזע אונטערגעשריבן לויט סטאַלינס איניציאַטיוו (אָן אַ באַשלוס פון דער פּאָליטביוראָ — דאָס איז אויסגעפורעמט געוואָרן דורך אַן אויספרעג ערשט אין 2 טעג אַרום) פאָלגנדיקע באַשטימונג:

„1) די פאָרשטייער פון דער אויספאָרשונגס־מאַכט זאָלן פירן די איניאָנים פון די באַשולדיקטע אין צוגרייטן אָדער באַגיין טעראָריסטישע אַקטן אויף אַ פאַרגיכערטן אופן;

2) די געריכט־אָרגאַנען זאָלן ניט פאַרהאַלטן דאָס אויספירן די אורטיילן וועגן דער העכסטער מאָס פון שטראָף צוליב די הישטאַדלעסן פון די פאַרברעכערס פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע וועגן באַגנעדיקונג, מאַכמעס דער ציק פונעם פאַרבאַנד ססר האַלט ניט פאַר מעגלעך אָנצונעמען אַזעלכע הישטאַדלעסן צום באַטראַכטן.

3) די אָרגאַנען פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערן־איניאָנים זאָלן אויספירן דעם אורטייל וועגן דער העכסטער מאָס פון שטראָף בענוגע די פאַרברעכער פון די העכער אָנגערופענע קאַטעגאָריעס באַלד, ווי עס ווערן אַרויסגעטראָגן די געריכט־אורטיילן".

די דאָזיקע באַשטימונג האָט געדינט אַלס גרונט פאַר די מאַסנהאַפטיקע פאַלן פון אויווערזײַן אויף דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט. אין פיל פאַלסיפיצירטע אויספאָרשונגס־איניאָנים האָט מען די באַשולדיקטע צוגעשריבן: „צוגרייטונג" פון טעראָריסטישע אַקטן, און דאָס האָט אָפּגענומען בא די באַשולדיקטע וועלכע־ניט־איז מעגלעכקייט קאָנטראָלירן זייערע איניאָנים אפילו דאַן, ווען זיי האָבן אין געריכט זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע געצוווּנגענע „אָנערקענונגען" און איבערצײַגעוודיק אָפּגעפרעגט די באַשולדיקונגען, וואָס מע האָט קעגן זיי אַרויסגעשטעלט.

מע דאַרף זאָגן, אַז די אומשטאַנדן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן דערמאָרדן דעם כ' קיראָוו, באַהאַלטן אויס אין זיך ביז איצט אַ סאַך אומפאַרשטענדלעכס און סוידעסדיקס און פאָדערן אַ ביז

[1] צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט — רוסישע אַבריוויאַטור (רעד.).

גאַר געניע אויספאָרשונג. עס איז דאָ א גרונט צו טראַכטן, אז קיראָווס מערדער — ניקאָלײַעוו האָט מיטגעהאָלפן עמעצער פון די מענטשן, וואָס זײַנען מעכויעוו געווען אָפּצוהיטן קיראָוון. מיט אַנדערהאַלבן כאָדאָשים פאר דעם מאָרד־טאַט האָט מען ניקאָלײַעוון אַרעסטירט מאכמעס זײַן פאר־דעכטיקער אויפירונג, אָבער מע האָט אים אַרויסגעלאָזט און אַפילע אים ניט אונטערזוכט. העכסט פאַרדעכטיק איז דער אומשטאַנד, וואָס ווען מע האָט דעם 2 דעקאַבער 1934 יאָר געפירט אויף א פאַרהער דעם טשעקיסט, וועלכער איז געווען צוגעפעסטיקט צו קיראָוון, איז ער דערהאַרגעט גע־וואָרן בײַס אַן „אַוואַריע" פון דער אַוטאָמאַשין, דערבײַ האָט קיינער פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן אים קאָנוואָירט, בעשאַסמײַסע ניט געליטן. נאָך קיראָווס מאָרד האָט מען די אָנפירנדיקע טוער פון לענינגראַדער נקוווד אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און זייער ווייך באַשטראָפט, אָבער אין 1937 יאָר האָט מען זיי דערשאָסן. מע מעג דענקען, אז מע האָט זיי געשאָסן, כדי צו פאַרווישן די שפורן פון די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דאָס דערמאָרדן קיראָוון. (א באַוועגונג אין זאַל).

די מאַסן־רעפּרעסיעס האָבן זיך זייער פאַרשטאַרקט ענדע 1936 יאָר נאָך סטאַלינס און זשדאַנאָווס טעלעגראַם פון סאָטשי דעם 25 סענטיאַבער 1936 יאָר, אַדרעסירט קאַגאַנאָוויטשן, מאָלאָטאָוון און אַנדערע מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ, אין וועלכער ס'איז געזאָגט געוואָרן פאָלגנדיקס:

„מיר האַלטן פאַר אַן אַבסאָליוט נויטווענדיקער און דרינגלעכער זאַך צו באַשטימען דעם כ' יעזשאָוו אויפן פּאָסטן פון פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אינערן־איניאָנים. יאַגאָדאַ האָט באַשײַמפּער־לעך זיך אַרויסגעוויזן ניט אויף דער הייך פון זײַן אויפגאַבע צו דעמאַסקירן דעם טראָצקיסטיש־זינאָ־וויעווישן בלאָק. די אָגפּאָו[1] האָט פאַרשפּעטיקט אין דעם איניען אויף 4 יאָר. וועגן דעם ריידן אַלע פּאַרטיי־טוער און די מערהײַט געגנטלעכע פאָרשטייער פון נקוווד". מע דאַרף דאָ אָגעוו באַמערקן, אז מיט פּאַרטיי־טוער האָט סטאַלין זיך ניט באַגעגנט און דעריבער ניט געקאָנט וויסן זייער מיינונג.

אָט די דאָזיקע סטאַלינישע אײַנשטעלונג וועגן דעם, אז „די נקוווד האָט פאַרשפּעטיקט אויף 4 יאָר" מיטן אָנווענדן מאַסן־רעפּרעסיעס, אז מע דאַרף שנעל „אָניאָגן" די דורכגעלאָזטע צײַט, האָט דירעקט געשטויסן די טוער פון נקוווד אויף מאַסן־אַרעסטן און צעשיסונגען.

עס קומט אויס צו באַמערקן, אז די דאָזיקע אײַנשטעלונג איז אָנגעבונדן געוואָרן אויך דעם פעווראַל־מאַרט־פּלענום פונעם צק אַלקפּ(ב) אין 1937 יאָר. אין דער רעזאָליוציע פונעם פּלענום לויט יעזשאָווס פאָרטראָג „וואָס דאַרף מען אָפּלערנען פון דער שעדיקערײַ, פון די דיווערסיעס און דעם שפּיאָנאַזש פון די יאַפּאַניש־דײַטשיש־טראָצקיסטישע אַגענטן" איז געזאָגט געוואָרן:

„דער פּלענום פון צק אַלקפּ(ב) האַלט, אז אַלע פאַקטן, וועלכע זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג לויט די איניאָנים פונעם אַנטיסאָוועטישן טראָצקיסטישן צענטער און זײַנע אָנהענגער אויף די ערטער, באַווײַזן, אז מיטן דעמאַסקירן די דאָזיקע ערגסטע סאָנים פון פאָלק האָט דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערן־איניאָנים פאַרשפּעטיקט לעכאָלהאַפּאָכעס אויף 4 יאָר".

די מאַסן־רעפּרעסיעס זײַנען אין יענער צײַט דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער פאָן פון קאַמף קעגן די טראָצקיסטן. צי האָבן די טראָצקיסטן אין דער דאָזיקער צײַט בעעמעס פאָרגעשטעלט אַזאַ געפאַר פאַר אונדזער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער מעלוכע? מע דאַרף דערמאָנען, אז אין 1927 יאָר, ערעוו דעם XV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָבן פאַר דער טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישער אָפּאָזיציע געשטימט בלויז 4 טויזנט מענטשן, דאַן ווען פאַר דער פּאַרטיי־ליניע האָבן געשטימט 724 טויזנט. פאַר די 10 יאָר, וואָס זײַנען דורך זינט דעם XV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר ביזן פעווראַל־מאַרט־פּלענום פונעם צק, איז דער טראָצקיזם פולשטענדיק צעשמעטערט געוואָרן, א סאַך געוועזענע טראָצקיסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פריערדיקע אָנשויונגען און געאַרבעט אויף פאַרשיידענע באַצירקן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. קלאָר, אז קיין גרונט פאַר מאַסן־טעראָר אין לאַנד אין די באַדינגונגען, ווען דער סאָציאַליזם האָט געזיגט, איז ניט געווען.

אין סטאַלינס פאָרטראָג אויפן פעווראַל־מאַרט־פּלענום פונעם צק אין 1937 יאָר „וועגן די כעסרוינעס אין דער פּאַרטיי־אַרבעט און די מאָסמיטלען צו ליקווידירן די טראָצקיסטישע און אַנ־דערע צוויפּענעמניקעס" איז געמאַכט געוואָרן א פּרווו טעאָרעטיש צו באַגרינדן די פּאָליטיק פון מאַסן־רעפּרעסיעס אונטערן אויסרייד, אז אין דער מאָס פון אונדזער פאָרויסבאַוועגונג צום סאָ־ציאַליזם דאַרף דער קלאַסן־קאַמף קלוימערשט אַלץ מער און מער זיך פאַרשאַרפן. דערבײַ האָט סטאַלין באַהויפּט, אז אַזוי לערנט די געשיכטע, אַזוי לערנט לענין.

אינדערעמעסן אָבער האָט לענין אָנגעוויזן, אז די אָנווענדונג פון רעוואָליוציאָנערער געוואַלט ווערט אַרויסגערופן דורך דער נייטיקײַט צו דערדריקן דעם ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַרישע קלאַסן, און די דאָזיקע אָנווײַזונגען לענינס האָבן באַלאַנגט צו יענעם פּעריאָד, ווען ס'האָבן עק־זיסטירט און ס'זײַנען געווען שטאַרק די עקספּלואַטאַרישע קלאַסן. ווי נאָר די פּאָליטישע לאַגע

[1] פאַרייניקטע פּאָליטישע פאַרוואַלטונג (רעד.).

אין לאַנד האָט זיך פאַרבעסערט, ווי נאָר די רויטע אַרמיי האָט אין יאַנוואַר 1920 יאָר אײַנגענומען ראָסטאָוו און ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער הויפּט־ניצחון איבער דעניקינען, האָט לענין געגעבן אַן אָנווײַזונג דזערזשינסקין וועגן אָפּשאַפן דעם מאַסן־טעראָר און וועגן אָפּשאַפן טויט־שטראָף. לענין האָט אויף אַזאַ אופן באַגרינדעט דאָס דאָזיקע וויכטיקע פּאָליטישע מאָסמיטל פון דער סאָוועטנמאַכט אין זײַן פּאָרטראָג אויף דער סעסיע פון וציק[1] דעם 2 פעברואַר 1920 יאָר:

„טעראָר האָט אונדז אָנגעצוואונגען דער טעראָריזם פון דער אַנטאַנטע, ווען די אַלוועלטלעך־מעכטיקע מלוכות האָבן זיך אַרופגעוואָרפן אויף אונדז מיט זייערע כוואַליעס, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר גאָרניט. מיר וואָלטן אַפילו קיין צוויי טעג ניט געקאָנט זיך האַלטן, אויב מיר זאָלן ניט געווען ענטפערן אויף אָט די פּרוּוון פון די אָפיצערן און ווײַסגוואַרדייער אויף אַן אומבאַרעכמאַנעסדיקן אופן, און דאָס האָט באַטײַט טעראָר, אָבער דאָס איז אונדז אָנגעצוואונגען געוואָרן דורך די טעראָריסטישע גענג פון דער אַנטאַנטע. און ווי נאָר מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אַנטשיידענעם זיג, נאָך איידער די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, באַלד ווי ס'איז אײַנגענומען געוואָרן ראָסטאָוו, האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט אָנצווענדן טויט־שטראָף און דערמיט באַוויזן, אַז צו אונדזער אייגענער פּראָגראַם באַציִען מיר זיך אַזוי, ווי מיר האָבן צוגעזאָגט. מיר זאָגן, אַז די אָנווענדונג פון געוואַלט ווערט אַרויסגערופן דורך דער אויפגאַבע צו דערדריקן די עקספּלואַטאָטאָרן, דערדריקן די גוטבאַזיצערס און קאַפּיטאַליסטן; ווען דאָס וועט ווערן מעגלעך, זאָגן מיר זיך אָפּ פון יעטווידע אויסנאַם־מיטלען. מיר האָבן עס דערוויזן בפועל־ממש" (ווערק, ב. 30, ז. 303 — 304).

סטאַלין האָט אָפּגעגעבן די דאָזיקע דירעקטע און קלאָרע פּראָגראַם־אָנווײַזונגען לענינס. נאָך דעם, ווי עס זײַנען שוין ליקווידירט געוואָרן אַלע עקספּלואַטאָטאָרישע קלאַסן בײַ אונדז אין לאַנד און עס איז שוין ניט געווען קיין שום וויפל־ניט־איז ערנסטער גרונט אויף מאַסנהאַפטיק אָנצווענדן אויסנאַם־מיטלען, מאַסן־טעראָר, האָט סטאַלין אָריִענטירט די פּאַרטיי, אָריִענטירט די אָרגאַנען פון נקווד אויף מאַסן־טעראָר.

דער דאָזיקער טעראָר, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז פאַקטיש געווען געווענדט ניט קעגן די רעשטלעך פון די עקספּלואַטאָטאָרישע קלאַסן, נאָר קעגן די ערלעכע קאַדרען פון דער פּאַרטיי און סאָוועטישער מלוכה, וועמען מע האָט אַרויסגעשטעלט פאַלשע, רעכילעסדיקע, אומזיניקע באַשולדיקונגען אין „צווייפּנעמדיקײַט", „שפּיאָנאַזש", „שעדיקערײַ", צוגרייטונג פון וועלכע־ניט־איז אויסגעטראַכטע „אַטענטאַטן" אאַז"וו.

אויף דעם פעבראַל־מאַרט־פּלענום פון צק (1937) זײַנען אין די אַרויסטרעטונגען פון אַ רײ מיטגלידער פון צק אין טאַך אַרויסגעזאָגט געוואָרן ספּייקעס צי איז ריכטיק דער קורס, וועלכער האָט זיך אָנגעמערקט אָנצווענדן מאַסן־רעפּרעסיעס אונטערן אויסרייד פון קאַמף קעגן די „צווייפּנעמיקעס".

אַמערסטן בוילעט זײַנען די דאָזיקע ספּייקעס געווען אויסגעדריקט אין דער אַרויסטרעטונג פון כאַוו. פּאָסטישעוו. ער האָט געזאָגט:

„איך האָט געטראַכט אַזוי: עס זײַנען דורך אַזעלכע האַרבע יאָרן פון קאַמף, די צעפוילטע פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן זיך צעבראָכן אָדער אַוועק צו די שׂונאים. די געזונטע האָבן זיך געשלאָגן פאַר דער זאַך פון דער פּאַרטיי. דאָס זײַנען געווען יאָרן פון אינדוסטריאַליזאַציע, פון קאָלעקטיוויזאַציע. איך האָב בשום־אופן זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז, דורכגעמאַכט אַזאַ האַרבן פּעריאָד, וועט קאַרפּאָוו און ענלעכע אויף אים אָנטרעפן אין סוינעס לאַגער. (קאַרפּאָוו דאָס איז אַ מיטאַרבעטער פון צק פון דער פּאַרטיי פון אוקראַיִנע, וועלכן פּאָסטישעוו האָט גוט געקענט). און אָט לויט די באַווײַזן איז קאַרפּאָוו קלוימערשט געווען פאַרווערבירט דורך די טראָצקיסטן. איך פאַרזענלעך מיין, אַז ס'איז ניט צו גלייבן, אַ געזונטער מיטגליד פון פּאַרטיי, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ דויער־האַפטן וועג פון פאַרביטערטן קאַמף קעגן די שׂונאים פאַר דער זאַך פון דער פּאַרטיי, פאַרן סאָציאַליזם, זאָל אין 1934 יאָר אָנטרעפן אין לאַגער פון די שׂונאים. איך גלייב ניט אין דעם... איך שטעל זיך ניט פאָר, ווי קאָן מען דורכגיין שווערע יאָרן מיט דער פּאַרטיי און נאָכדעם אין 1934 יאָר אַוועק צו די טראָצקיסטן. דאָס איז משונהדיק..." (אַ באַוועגונג אין זאַל).

אויסניצנדיק סטאַלינס אײַנשטעלונג וועגן דעם, אַז וואָס נעענטער צום סאָציאַליזם, אַלץ מער וועלן זײַן אויך שׂונאים, אויסניצנדיק די רעזאָלוציע פונעם פעבראַל־מאַרט־פּלענום פון צק לויט יעזשאָווס פּאָרטראָג, האָבן די פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן זיך דורכגעשמוגלט אין די אָרגאַנען פון מלוכישער זיכערהײַט, ווי אויך די געוויסנלאָזע קאַריעריסטן אָנגעהויבן פאַרענטפערן מיטן נאָמען פון דער פּאַרטיי דעם מאַסן־טעראָר קעגן די קאַדרען פון דער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מלוכה, קעגן געוויינלעכע סאָוועטישע בירגער. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז די צאָל אַרעסטירטע,

[1] אַלרוסלענדישער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט (רעד.).

וועלכע מע האָט אינקרימינירט קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע פארברעכנס האָט אין 1937 יאָר זיך פארגרעסערט אין פארגלייך מיטן 1936 יאָר מער ווי אין צען מאָל.

ס׳איז באוווּסט, וואָס פאר א גראָבער ווילקיר איז דערלאָזט געוואָרן אויך בעת ביי די אָנפירנדיקע פארטיי־טוער. דער פארטיי־סטאַטוט, וועלכן ס׳האָט אָנגענומען דער XVII צוזאמענפאָר, האָט זיך באזירט אויף די לענינישע אָנווייזונגען אין פעריאָד פונעם X פארטיי־צוזאמענפאָר און אין אים איז געזאָגט געוואָרן, אז א טנאי אויף אָנצוווענדן צו מיטגלידער פון צק, צו קאנדידאטן פאר מיטגלידער פון צק און מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פון פארטיי־קאָנטראָל אזא עקסטרעם מאָסמיטל, ווי אויסשליסן פון פארטיי, „דארף זיין דאָס צונויפרופן א פלענום פון צק מיט דער איינלאדונג פון אלע קאנדידאטן פאר מיטגלידער פון צק און אלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פון פארטיי־קאָנטראָל“, אז בלויז מיטן טנאי, אז אזא אלגעמיינע פארזאמלונג פון די פאראנטוואָרטלעכע פארטיי־אָנפירערס וועט מיט צוויי דריטל שטימען אנערקענען דאָס פאר נויטווענדיק, קאָן פאָרקומען דאָס אויסשליסן פון פארטיי א מיטגליד אָדער א קאנדידאט פון צק.

די מערהייט מיטגלידער און קאנדידאטן פון צק, וועלכע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן אויפן XVII צוזאמענפאָר און זיינען ארעסטירט געוואָרן אין די יאָרן 1937 — 1938, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פארטיי אומגעזעצלעך און ס׳איז דערביי גראָב געבראָכן געוואָרן דער פארטיי־סטאַטוט, ווייל די פראגע וועגן אויסשליסן זיי איז נישט געשטעלט געוואָרן צום באהאנדלען אויף א פלענום פון צק. [...]

דער צענטראַל־קאָמיטעט האלט פאר נייטיק אינפאָרמירן דעם צוזאמענפאָר וועגן א ריי פאלסיפיצירטע „איניאָנים“ קעגן מיטגלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פארטיי, וועלכע זיינען געווען אויסגעוויילט אויפן XVII פארטיי־צוזאמענפאָר.

א ביישפיל פון נידערטרעכטיקער פראָוואָקאציע, בייזוויליקער פאלסיפיקאציע און פארברעכערישע איבערגריינקייט(?) —

ריש איוועער זיין אויף דער רעוואָליוציאָנערער געזעצלעכקייט שטעלט מיט זיך פאָר דער איניען פונעם געוועזענעם קאנדידאט פאר א מיטגליד פון דער פאָליטביוראָ פון צק, איינעם פון די אָנגעזעענע טוער פון דער פארטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע כ׳ אייכע, א פארטיי־מיטגליד פונעם 1905 יאָר. (א באוועגונג אין זאל).

כאַוו. אייכע איז ארעסטירט געוואָרן דעם 29 אפרעל 1938 יאָר לויט רעכילעסדיקע מאַטעריאלן אָן דער סאנקציע פונעם פראָקוראָר פון פססר, וועלכע איז באקומען געוואָרן ערשט אין 15 כאָדאָשים ארום נאָכן ארעסט.

די אויספאָרשונג פון אייכעס איניען איז דורכגעפירט געוואָרן אין באדינגונגען פון גראָב פארקריפלען די סאָוועטישע געזעצלעכקייט, ווילקיר און פאלסיפיקאציע.

מיט דער הילף פון פייניקונגען האָט מען געצווּנגען אייכען אונטערצושרייבן פארפריער צונויפגעשטעלטע דורך די אויספאָרשערס פראָטאָקאָלן פון פארהערן, אין וועלכע מע האָט אים אליין און א ריי אָנגעזעענע פארטייִשע און מעלוכישע טוער באשולדיקט אין אנטיסאָוועטישער טעטיקייט.

דעם 1 אָקטיאבער 1939 האָט אייכע זיך געווענדט מיט א מעלדונג אויף סטאלינס נאָמען, אין וועלכער ער האָט קאַטעגאָריש געלייקנט זיין שולד און געבעטן צו פאנאנדערקלייבן זיך אין זיין איניען. אין דער מעלדונג האָט ער געשריבן:

„עס איז ניטאָ קיין מער ביטערע פיין, ווי צו זיצן אין טורמע בא אן אָרדענונג, פאר וועלכער דו האָסט טאָמיד געקעמפט“.

עס האָט זיך פארהיט אייכעס צווייטע מעלדונג, וועלכע ער האָט געשיקט סטאלינען דעם 27 אָקטיאבער 1939 יאָר... [...]

„...אצינד גיי איך איבער צום סאמע שענדלעכן בלעטל פון מיין לעבן און צו מיין ווירקלעך שווערער שולד פאר דער פארטיי און פאר אייך. דאָס איז וועגן מיין מודע זיין זיך אין קאָנטער־רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט... די זאך איז פאָרגעקומען אזוי: ניט אויסגעהאלטן די אינויִם, וועלכע ס׳האָבן צו מיר אָנגעווענדט אושאקאָוו און ניקאָלייעוו[1], באזונדערס דער ערשטער, וועלכער האָט קונציק אויסגעניצט דאָס, וואָס נאָך אן איינברוך זיינען בא מיר נאָך שלעכט זיך צונויפגעוואָקסן די רוקנביינער, און ער האָט מיר פארשאפט אומדערטרעגלעכן ווייטיק, האָט דאָס מיך געצווּנגען אָנרעדן אויף זיך און אויף אנדערע מענטשן.

די מערהייט פון מיינע באווייזן האָט אונטערגעזאָגט אָדער דיקטירט אושאקאָוו און די איבעריקע האָב איך לויטן זיקאָרן איבערגעשריבן פון די מאטעריאלן פון נקווד אין מייערעוו־סיביר, צושרייבנדיק זיך אלע פאקטן, וואָס זיינען געבראכט געבראכט געוואָרן אין די מאטעריאלן פון נקווד. אויב אין דער לעגענדע, וועלכע ס׳האָט געשאפן אושאקאָוו און איך האָב געכאסמעט, האָט זיך עפעס ניט געקלעפט, האָט מען מיך געצווּנגען כאסמענען אן אנדער וואַריאַנט. אזוי איז געווען מיט

[1] מיטארבעטער פון נקווד.

רוכימאָוויטשן[1], וועלכן מע האָט צוערשט פאַרשריבן אין רעזערוו־צענטער, און דערנאָך, אפילע ניט זאָגנדיק מיר גאָרניט, אויסגעשטראָכן, אזוי איז אויך געווען מיטן פאָרזיצער פונעם רעזערוו־צענטער, וועלכן ס'האָט קלוימערשט געשאפן בוכארין אין 1935 יאָר. צוערשט האָב איך זיך פאַרשריבן, אָבער נאָכדעם האָט מען מיר געהייסן פאַרשרײַבן מעזשלאָוקין[2], און א כאך אנדערע מאָמענטן...

...איך בעט און באשווער אײַך צו באופטראָגן דורכפירן א צוגאָב־אויספאָרשונג פון מײַן איניען, און דאָס איז ניט צוליב דעם, מע זאָל מיך שוינען, נאָר צוליב דעמאסקירן די געמיינע פראָוואָקאציע, וועלכע האָט, ווי א שלאנג, פאַרפּענטעט א סאך מענטשן, דערונטער אויך איבער מײַן שוואכמוטיקײַט און פאַרברעכערישן רעכילעס־טרײַבן. אײַך און די פּאַרטיי האָב איך קיינמאָל ניט פאַראטן. איך וויים, אז איך קום אום איבער דער געמיינער, נידערטרעכטיקער ארבעט פון די סאָנים פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק, וועלכע האָבן געשאפן א פּראָוואָקאציע קעגן מיר" (אייכעס איניען, ב. 1, פּאַקעט).

עס וואָלט זיך געדוכט, אז אזא וויכטיקע מעלדונג האָט אומבאַדינגט געדאַרפט באהאנדלט ווערן אין צק. אָבער דאָס איז ניט פאָרגעקומען. די מעלדונג איז אָפּגעשיקט געוואָרן בעריאַן, און דער אכזאָריעסדיקער גוואַלדטאַט איבערן פאַרמאַסערטן קאנדידאַט פאַר א מיטגליד פון פּאָליטביוראָ כּאָוו. אייכע האָט ווײַטער געדויערט. [...]

דעם 4 פעווראַל [1940 יאָר] איז אייכע דערשאָסן געוואָרן. (א רויש פון אָפּגעבראַכטקײַט אין זאַל). הײַנטצוטאָג איז אומבאַשטרײַטלעך פעסטגעשטעלט, אז אייכעס איניען איז געווען פאַלסיפיצירט, און ער איז נאָכן טויט רעאַביליטירט.

פולשטענדיק האָט אפן געריכט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַנע געצוווּנגענע באַווײַזן דער קאנדידאַט פאַר א מיטגליד פון פּאָליטביוראָ דער כּאָוו. רודזוטאַק, א פּאַרטיי־מיטגליד פון 1905 יאָר, וועלכער איז 10 יאָר אָפּגעקומען צארישע קאַטאָרגע. [...]

א גענויע קאָנטראָלירונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1955 יאָר, האָט פעסטגעשטעלט, אז דער איניען וועגן באשולדיקן רודזוטאַקן איז געווען פאַלסיפיצירט און ער איז פאַרורטיילט געוואָרן אפן סמאַך פון רעכילעסדיקע מאטעריאַלן. רודזוטאַק איז נאָכן טויט רעאַביליטירט.

אַף וואָס פאַר אן אויפן די געוועזענע מיטאַרבעטער פון נקווד האָבן מיט קינסטלעך־פּראָוואָקאַציאָנעלע מעטאָדן געשאפן פאַרשיידענע אנטיסאָוועטישע „צענטערס" און „בלאָקן" איז צו זען פון די באַווײַזן פונעם כ׳ ראָזענבליום, א פּאַרטיי־מיטגליד פון 1906 יאָר, וועלכן ס'האָט אַרעסטירט די לענינגראַדער פאַרוואַלטונג פון נקווד אין 1937 יאָר.

ווען ער, ראָזענבליום, איז אין 1937 יאָר אַרעסטירט געוואָרן, האָט מען צו אים אָנגעווענדט אכזאָריעסדיקע פּײַניקונגען, אין פּראָצעס פון וועלכע מע האָט בא אים ארויסגעצווּנגען פאַלשע באַווײַזן סײַ אַף זיך אליין, סײַ אויך אַף אנדערע מענטשן. דערנאָך האָט מען אים ארײַנגעפירט אין קאַבינעט צו זאַקאָווסקין[3], וועלכער האָט אים פאָרגעלייגט באַפרײַונג באַם באַדינג, אײב ער וועט אפן געריכט געבן פאַלשע באַווײַזן לויטן „איניען וועגן לענינגראַדער שעדיקערישן, שפּיאָנישן, דיווערסיאָנעלן, טעראָריסטישן צענטער", וואָס די נקווד האָט אין 1937 יאָר פאַבריצירט (א באַוועגונג אין זאַל). מיט אויסערגעוויינלעכן ציניזם האָט זאַקאָווסקי אויפגעדעקט די נידערטרעכטיקע „מעכאַניק" פונעם קינסטלעכן שאפן אויסגעטראַכטע „אנטיסאָוועטישע פאַרשווערונגען".

„צוליב אָנשוילעכקײַט, — האָט דערציילט ראָזענבליום, — האָט זאַקאָווסקי פאַר מיר פאַנאַנדערגעוויקלט עטלעכע וואַריאַנטן פון די פאָרויסגעזעצטע סכעמעס פון דעם דאָזיקן צענטער און פון זײַנע אָפּצווײַגן...

מיך באַקענט געמאַכט מיט די דאָזיקע סכעמעס, האָט זאַקאָווסקי געזאָגט, אז די נקווד גרייט אן איניען וועגן אָט דעם צענטער, דערבײַ וועט דער פּראָצעס זײַן אן אָפענער.

...דער פּראָצעס וועגן לענינגראַדער צענטער דאַרף אוועקגעשטעלט ווערן סאָליד. און דאָ האָבן אן אנטשיידנדיקן באַדײַט די איידעס. דאָ שפּילט א גאַנץ וויכטיקע ראָליע סײַ די געזעלשאַפטלעכע לאַגע (די פריערדיקע, פאַרשטייט זיך), סײַ דער פּאַרטיי־סטאַזש פונעם איידעס.

דיר אליין, — האָט געזאָגט זאַקאָווסקי, — וועט גאָרניט אויסקומען אויסצוטראַכטן, די נקווד וועט צונויפשטעלן פאַר דיר א גרייטן קאָנספּעקט לויט יעדן פיליאַל באַזונדער, דײַן זאַך איז אויסכאַזערן אים, גוט פאַרגעדענקען אלע פראַגעס און ענטפערס, וועלכע מע קאָן פאַרגעבן אפן געריכט. אָט דעם איניען וועט מען גרייטן א 4 — 5 כאַדאָשים, און עפּשער אפילע א האַלב יאָר. אָט די גאַנצע צײַט וועסטו זיך גרייטן, קעדיי ניט אונטערפירן די אויספאָרשונג און זיך. פונעם גאַנג און אויסגאַנג פון דעם געריכט וועט זײַן אָפּהענגיק דײַן ווײַטערדיקער גוירל. וועסטו ארויסווײַזן פּאַכדאָנעס און אָנהייבן פאַלשעווען — איז האָב טײַנעס צו זיך אליין. וועסטו אויסהאַלטן,

---

[1] פונעם 1925 יאָר פאָלקס־קאָמיסאַר פון דער שוך־אינדוסטריע פון פססר.
[2] שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון ראַטפאָלקאָם.
[3] אין 1937 שעף פון דער פאַרוואַלטונג פון נקווד פון דער לענינגראַדער געגנט.

וועסטו אײַנהיטן דאָס היפּטל (דעם קאָפּ), מיר וועלן דיך שפּײַזן און קליידן ביזן טויט אויף קאַזיאָנעם כעזשבן".

אָט וואָס פאר א נידערטרעכטיקע זאכן האָבן זיך אָפּגעטאָן אין יענער צײַט. (א באַוועגונג אין זאַל).

נאָך ברייטער האָט מען פּראַקטיקירט די פאַלסיפיקאַציע פון די אויספאָרש־איניאַנים אין די געגנטן. די פאַרוואַלטונג פון נקווד אין סווערדלאָווסקער געגנט „האָט אויפגעדעקט" דעם אַזויגעטרופענעם „אוראַלער אויפשטענדלערישן שטאב — אן אָרגאַן פונעם בלאָק פון די רעכטע, פון די טראָצקיסטן, עסערן, גײַסטלעכע", מיט וועלכן ס'האָט קלוימערשט אָנגעפירט דער סעקרעטאַר פונעם סווערדלאָווסקער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי און מיטגליד פונעם צק פון אַלקפ(ב) קאַבאַקאָוו, א פּאַרטיי־מיטגליד פון 1914 יאָר. לויט די מאַטעריאַלן פון די אויספאָרש־איניאַנים פון יענער צײַט באַקומט זיך, אז קימאַט אין אַלע קאַנטן, געגנטן און רעפּובליקן האָבן עקזיסטירט קלוימערשט ברייט צעצווײַגטע „רעכט־טראָצקיסטישע שפּיאָניש־טעראָריסטישע, דיווערסיע־שעדיקערישע אָרגאַניזאַציעס און צענטערס" און, אַלס קלאַל, זײַנען בעראָש פון די דאָזיקע „אָרגאַניזאַציעס" און „צענטערס", ניט קלאָר פאַרוואָס, געשטאַנען די ערשטע סעקרעטאַרן פון די געגנטקאָמען, קאַנטקאָמען אָדער פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די נאַציאָנאַלע קאָמפּאַרטייען. (א באַוועגונג אין זאַל).

אין רעזולטאַט פון אָט דעם שווינדלערישן פאַלסיפיצירן אַזעלכע „איניאַנים", אין רעזולטאַט דערפון, וואָס מע האָט געגלייבט פאַרשיידענע רעכילעסדיקע „באַווײַזן" און געצוווּנגענע בילבולים אויף זיך און אויף אַנדערע, זײַנען אומגעקומען פיל טויזנטער ערלעכע, אין גאָרנישט ניט־שולדיקע קאָמוניסטן. אויף דעם זעלבן אופן זײַנען „פאַבריצירט" געוואָרן די „איניאַנים" אויף די אָנגעזעענע פּאַרטיי־ און מעלוכע־טוער — קאָסיאָר, טשובאַר, פּאָסטישעוו, קאָסאַריעוו און אַנדערע.

אין יענע יאָרן זײַנען אומבאַגרינדעטע רעפּרעסיעס דורכגעפירט געוואָרן אין מאַסנהאַפטע מאַסשטאַבן, אין רעזולטאַט דערפון האָט די פּאַרטיי געליטן גרויסע פאַרלוסטן פון קאַדרען.

עס האָט זיך געשאַפן א פּעלערהאַפטע פּראַקטיק, ווען אין נקווד פלעגן צונויפגעשטעלט ווערן צעטלען פון מענטשן, וואָס זייערע איניאַנים האָבן געדאַרפט באַטראַכט ווערן אויף דער מיליטערישער קאָלעגיע און ס'איז פאַרפריִער באַשטימט געוואָרן די שטראָפמאָס פאַר זיי. די דאָזיקע צעטלען פלעגט יעזשאָוו שיקן פּערזענלעך סטאַלינען סאַנקציאָנירן די פאָרגעשלאָגענע שטראָפן. אין די יאָרן 1937 — 1938 זײַנען סטאַלינען אָפּגעשיקט געוואָרן 383 אַזעלכע צעטלען אויף פיל טויזנטער פּאַרטייִשע, סאָוועטישע, קאָמיוגישע, מיליטערישע און ווירטשאַפטלעכע טוער און ס'איז באַקומען געוואָרן זײַן סאַנקציע.

א באַדײַטנדיקער טייל פון די דאָזיקע איניאַנים ווערט איבערגעקוקט און א גרויסע צאָל פון זיי ווערן ליקווידירט אַלס אומבאַגרינדעטע און פאַלסיפיצירטע. גענוג צו זאָגן, אז פונעם 1954 יאָר ביז הײַנטצוטאָג האָט די מיליטערישע קאָלעגיע פונעם אויבער־געריכט שוין רעאַביליטירט 7679 מענטשן, דערבײַ זײַנען א סאַך פון זיי רעאַביליטירט נאָכן טויט.

די מאַסן־אַרעסטן פון פּאַרטייִשע, סאָוועטישע, ווירטשאַפטלעכע, מיליטערישע טוער האָבן אָנגעטאָן א קאָלאָסאַלן שאָדן אונדזער לאַנד, דער זאַך פון סאָציאַליסטישער בויונג.

די מאַסן־רעפּרעסיעס האָבן נעגאַטיוו געווירקט אויפן מאָראַליש־פּאָליטישן צושטאַנד פון דער פּאַרטיי, האָבן גורעם געווען אומזיכערקײַט, מיטגעווירקט דער פאַרשפּרייטונג פון קרענקלעכער פאַרדעכטיקײַט, פאַרשפּרייט קעגנזײַטיקן אומצוטרוי צווישן די קאָמוניסטן. עס האָבן זיך אַקטיוויזירט אַלערליי רעכילעסניקעס און קאַריעריסטן.

און נאָר דערפאַר, וואָס אונדזער פּאַרטיי פאַרמאָגט א גרויסע פּאָליטיש־מאָראַלישע קראַפט, איז זי געווען בעיכוילעס זיך ספראַווען מיט די שווערע געשעענישן פון די יאָרן 1937 — 1938, איבערלעבן די דאָזיקע געשעענישן, אויפציִען נײַע קאַדרען. ס'איז אָבער קיין ספק ניטאָ, אז אונדזער פאָרויסבאַוועגונג צום סאָציאַליזם און די צוגרייטונג צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד וואָלטן פאַרווירקלעכט געוואָרן מיט מער דערפאָלג, ווען ניט די קאָלאָסאַלע פאַרלוסטן פון קאַדרען, וועלכע מיר האָבן געהאַט מאַכמעס די מאַסנהאַפטע, אומבאַגרינדעטע און אומגערעכטיקע רעפּרעסיעס אין די יאָרן 1937 — 1938.

מיר באַשולדיקן יעזשאָוון אין די פאַרקריפּלונגען פון 1937 יאָר און באַשולדיקן ריכטיק. אָבער מע דאַרף ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגן: צי האָט דען יעזשאָוו געקאָנט אַליין, אָן סטאַלינס וויסן, אַרעסטירן, לעמאָשל, קאָסיאָרן? צי איז געווען א מיינונג־אויסטויש אָדער א באַשלוס פון פּאָליטביוראָ וועגן אָט דער פראַגע? ניין, ס'איז ניט געווען, פונקט ווי דאָס איז ניט געווען אין שײַכעס מיט אַנדערע ענלעכע איניאַנים. האָט דען יעזשאָוו געקאָנט לייזן אַזעלכע וויכטיקע פראַגן, ווי די פראַגע וועגן גורל פון אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער? ניין, עס וואָלט געווען נאַיִוו צו מיינען, אז דאָס איז די אַרבעט נאָר פון יעזשאָוון. קלאָר, אז אַזעלכע זאַכן האָט געלייזט סטאַלין, אָן זײַנע אָנווײַזונגען, אָן זײַן סאַנקציע האָט יעזשאָוו גאָרניט נישט געקאָנט טאָן.

מיר האָבן אצינד זיך פאַנאַנדערגעקליבן און רעאַביליטירט קאָסיאָרן, רודזוטאַקן, פּאָסטישעוון, קאָסאַריעוון און אַנדערע. אַף וואָס זשע פאַר אַ סמאַך האָט מען זיי אַרעסטירט און פאַרורטיילט? דאָס דערלערנען די מאַטעריאַלן האָט באַוויזן, אַז קיין שום סמאַך דערצו איז ניט געווען. אַרעסטירט האָט מען זיי, ווי אַ סאַך אַנדערע, אָן דער סאַנקציע פון אַ פּראָקוראָר. און כּוץ דעם, האָט מען אין יענע באַדינגונגען אַפילע ניט געניטיקט זיך אין קיין שום סאַנקציע; וואָס פאַר אַ מין סאַנקציע דאַרף מען נאָך האָבן, אַז אַלץ האָט דערלויבט סטאַלין. ער איז געווען דער הויפּט־פּראָקוראָר אין אָט די פראַגן. סטאַלין האָט געגעבן ניט בלויז דערלויבעניש, נאָר אויך לויט זיין איניציאַטיוו אָנווייזונגען וועגן אַרעסטירן. וועגן דעם דאַרף געזאָגט ווערן, קעדיי עס זאָל זיין פאַר די דעלעגאַטן פונעם צוזאַמענפאָר אַ פולשטענדיקע קלאָרקייט, קעדיי איר זאָלט קאָנען געבן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג און מאַכן די געהעריקע אויספירן.

די פאַקטן באַווייזן, אַז אַ סאַך מיסברויכן זיינען געמאַכט געוואָרן לויט סטאַלינס אָנווייזונג, ניט רעכענענדיק זיך מיט וועלכע־ניט־איז נאָרמעס פון פּאַרטייִשער און סאָוועטישער געזעצלעכקייט. סטאַלין איז געווען אַ מענטש זייער אַ פאַרדאַכטפולער, מיט קרענקלעכער כשאַדימדיקייט, אין וואָס מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַרבעטנדיק צוזאַמען מיט אים. ער האָט געקאָנט אַ קוק טאָן אַף אַ מענטשן און זאָגן: „עפּעס לויפן בא אייך הייַנט די אויגן", אָדער: „פאַרוואָס קערעוועט איר זיך אָפּ הייַנט אָפּט, קוקט ניט גלייַך אין די אויגן". די קרענקלעכע כשאַדימדיקייט האָט אים געבראַכט צו אַהולנע אומצוטרוי, דערונטער אויך בענעגייע צו גלענצנדיקע פּאַרטייטוער, וועלכע ער האָט געקענט אַ סאַך יאָרן. אומעטום און איבעראַל האָט ער געזען „סאָנים", „צווייפּענעמניקעס", „שפּיאָנען".

פאַרמאָגנדיק אומבאַגרענעצטע מאַכט, האָט ער דערלאָזט אַכזאָריעסדיקן ווילקיר, דערשטיקט דעם מענטשן מאָראַליש און פיזיש. עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ אַטמאָספער, אין וועלכער דער מענטש האָט ניט געקאָנט אויסדריקן זיין ווילן.

ווען סטאַלין האָט געזאָגט, אַז אַזאַ און אַזאַ מענטשן דאַרף מען אַרעסטירן, האָט מען געדאַרפט אָננעמען פאַר אַ רעכטן עמעס, אַז דאָס איז אַ „סוינע פון פאָלק". און בעריאַס באַנדע, וואָס האָט באַלעבאַטעוועט אין די אָרגאַנען פון מעלוכע־זיכערהייט, איז פון דער הויט געקראָכן, אַבי דערווייַזן, אַז די אַרעסטירטע זיינען שולדיק, אַז די מאַטעריאַלן, וועלכע זיי האָבן פאַבריצירט, זייַנען ריכטיק. און וועלכע באַווייַזן האָט מען געלאָזט אין גאַנג? די אָנערקענונגען פון די אַרעסטירטע. און די אויספאָרשערס האָבן אַרויסבאַקומען אָט די „אָנערקענונגען". אָבער וויאַזוי קאָן מען באַקומען פון אַ מענטשן אָן אָנערקענונג אין פאַרברעכנס, וועלכע ער איז קיינמאָל ניט באַגאַנגען? בלויז מיט איין מיטל — אָנווענדן פיזישע מעטאָדן פון אופוווירקונג, פּייַניקנדיק, צווינגענדיק פאַרלירן דעם באַוווסטזיין, פאַרלירן דעם סייכל, פאַרלירן די מענטשלעכע ווירדע. אַזוי זייַנען אַרויסבאַקומען געוואָרן די קלוימערשטע „אָנערקענונגען".

ווען די כוואַליע מאַסנהאַפטיקע רעפּרעסיעס האָט אין 1939 יאָר אָנגעהויבן ווערן שוואַכער, ווען אָנפירער פון אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן באַשולדיקן די מיטאַרבעטער פון נקווד, אַז זיי ווענדן אָן פיזישע אופוווירקונג צו די אַרעסטירטע, — האָט סטאַלין געשיקט דעם 10 יאַנוואַר 1939 יאָר אַ שיפרירטע טעלעגראַם די סעקרעטאַרן פון די געגנטקאָמען, קאַנטקאָמען, צק פון די נאַצקאָמפּאַרטייען, די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון אינערן־איניאָנים, די שעפן פון די פאַרוואַלטונגען פון נקווד. אין דער דאָזיקער טעלעגראַם איז געזאָגט געוואָרן:

„דער צק אַלקפּ(ב) מאַכט קלאָר, אַז די אָנווענדונג פון פיזישער אופוווירקונג אין דער פּראַקטיק פון נקווד איז פונעם 1937 יאָר דערלאָזט מיט דער דערלויבעניש פון צק אַלקפּ(ב)... ס'איז באַוווסט, אַז אַלע בורזשואַזע אויספּיר־אָרגאַנען ווענדן אָן פיזישע אופוווירקונג בענעגייע צו די פאָרשטייער פונעם סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט און דערבייַ ווענדן זיי זי אָן אין די סאַמע עקלהאַפטע פאָרמען. פרעגט זיך, פאַרוואָס דאַרף די סאָציאַליסטישע אויספּיר־דינסט זיין מער הומאַניש בענעגייע די טרייַע אַגענטן פון דער בורזשואַזיע, די פאַרביסענע סאָנים פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון די קאָלווירטניקעס. דער צק אַלקפּ(ב) האַלט, אַז דער מעטאָד פון פיזישער אופוווירקונג דאַרף אומבאַדינגט אָנגעווענדט ווערן אויך אַף ווייַטער, ווי אַן אויסנאַם, בענעגייע די אָפענע סאָנים פון פאָלק, וועלכע אַנטוואָפענען זיך ניט, אַלס אַ פולקום ריכטיקער און צוועקמעסיקער מעטאָד".

אַזויאַרום האָט סטאַלין אין נאָמען פונעם צק אַלקפּ(ב) סאַנקציאָנירט די סאַמע גראָבע פאַלן פון אויוועך זיין אַף דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט, די פּייַניקונגען און איִנויִם, וועלכע האָבן געוירעם געווען, ווי דאָס איז פריִער באַוויזן געוואָרן, אַז אומשולדיקע מענטשן זאָלן מאַכן בילבולים אַף זיך אַליין און אַף אַנדערע.

דאָ ניט לאַנג, סאַכאַקל עטלעכע טעג פאַרן איצטיקן צוזאַמענפאָר, האָבן מיר אַרויסגערופן אַף אַ זיצונג פונעם פּרעזידיום פון צק און אויסגעפרעגט דעם אויספאָרשער ראָדאָס, וועלכער האָט זייַנערצייַט געפירט די אויספאָרשונג און פאַרהערט קאָסיאָרן, טשובאַרן און קאָסאַריעוון. דאָס

איז א נישטיקער מענטש, מיט א וועלט־באנעם פון א הון, אין מאַראלישן זין פּאַשעט אן אויס־ווורף. און אַט אזא מענטש האָט באשטימט דעם גורל פון באוווסטע פּארטיי־טוער, באשטימט אויך די פּאָליטיק אין די דאָזיקע פראגן, ווײַל דערוויַזנדיק זייער „פארברעכערישקייַט", האָט ער דערמיט גופע געגעבן מאטעריאַל אַף צו מאכן גרויסע פּאָליטישע אויספירן.

פרעגט זיך, האָט דען אזא מענטש אליין, מיט זײַן אייגענעם פארשטאנד, געקאָנט פירן די אויספאָרשונג אזוי, עס זאָל דערוויזן ווערן די שולד פון אזעלכע מענטשן, ווי קאָסיאָר און אנדערע? ניין, ער האָט ניט געקאָנט קיין סאך אופטאָן אָן די געהעריקע אָנווייַזונגען. אַף דער זיצונג פון־נעם פרעזידיום פון צק האָט ער אונדז אזוי דערקלערט: „מע האָט מיר געזאָגט, אז קאָסיאָר און טשובאר זײַנען סאָנים פון פאָלק. דעריבער דארף איך, אלס אן אויספאָרשער, ארויסרײַסן פון זיי די אנערקענונג, אז זיי זײַנען סאָנים". (א רויש פון אופגעבראכטקײַט אין זאל).

דאָס האָט ער זיך געקאָנט דערשלאָגן נאָר אָנווענדנדיק דויערהאפטע פּײַניקונגען, וואָס דאָס האָט ער טאקע געטאָן, באקומענדיק א געוויעם אינסטרוקטאזש פון בעריאן. עס דארף געזאָגט ווערן, אז אַף דער זיצונג פונעם פרעזידיום פון צק האָט ראָדאָס ציניש געמאָלדן: „איך האָב גע־האלטן, אז איך פיל אויס דעם אופטראָג פון דער פארטיי". אָט וויאזוי עס פלעגט אין דער פראקטיק אויסגעפילט ווערן סטאלינס אָנווייַזונג וועגן אָנווענדן צו די אסירים מעטאָדן פון פיזישער אופווירקונג.

די דאָזיקע און פיל ענלעכע פאקטן זאָגן איידעס וועגן דעם, אז אלע נאָרמעס פון ריכטיק פּארטייִש לייזן פראגן זײַנען געווען ליקווידירט, אלץ איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם ווילקיר פון איין פערזאָן.

(סאָף אין קומענדיקן נומער)

אָט דאָס איז געבליבן אין זינען...

זאָל לעבן דאָס לעבן

דאָס לעבן הײַנט פּרילינגט:
מע זייט — און עס וואַקסט.
ניט אַלץ גיט זיך ביליק,
און ס׳ציטערט מײַן האַרץ.

דורך ווייען, זאַווייען
געגאַנגען כ׳בין לאַנג.
זעמליאַנקעס, טראַנשייען
נאָך אַלץ אין געדאַנק.

ווי קען איך פאַרגעסן,
וואָס איך האָב געזען?
איך בין דאָך מעסלעסן
אין פײַער געווען.

ווונדן און ווונדן —
פאַרבלוטיקטע טעג.
דער פײַנט האָט געצונדן
די דערפער, די שטעט.

אַזוי האָט דער סוינע
דער בייזער געטאָן.
איך ווינטש עס ניט קיינעם,
וואָס איך הײַנט דערמאָן.

דערפאַר ווינטש איך יעדן
געזונט נאָר און גליק.
דער זאָקן זאָל לעבן,
דאָס קינד, וואָס אין וויג.

ווער קאָן מער פון אונדז

ווער קאָן מער פון אונדז זײַן גרייט
העלפן יעדן,
וואָס וויל ברויט, און וואָס וויל פרייד,
און וואָס וויל לעבן?

ווער קאָן מער פון אונדז פאַרשטיין,
וואָס הייסט ליבע
צו אונדזער ערד, צו אונדזער היים,
צו שוועסטער, ברידער?

ווער קאָן בעסער, זאָגט, פון אונדז
פילן זאָרגן?
זעט, ווי שיין ס׳גייט אויף די זון
פון אונדזער מאָרגן!

אַזאַ איז געווען מײַן באַגינען

כ׳האָב קיינמאָל קיין גאָלד אין די הענט ניט געהאַלטן,
אין קאַסטן קיין גאָלד האָט מײַן טאַטע באַהאַלטן.
און אויך ניט געהאַט האָט קיין זײַד און קיין סאַמעט
מײַן ליבע, מײַן טײַערע מאַמע.
בלויז צאָרעס אַריבער אַ לעפל...
דוקאָר האָט געהייסן מײַן שטעטל.
אַ הײַזל, ווי פּישקע דער קרומער,
און אַ פאַרוואָלקנטער זומער. —
אָט דאָס איז געבליבן אין זינען,
אַזאַ איז געווען מײַן באַגינען.

א פּאָעט

א פּאָעט האָט אין זינען די וועלט —
די לײדן, די פרײדן, די טרערן.
ער ווייסט, וואָס איז גוט און וואָס פעלט.
ער הערט, וואָס עס רעדן די שטערן.

ער קאָן ניט זײַן גלײַכגילטיק, נײן,
צו פרייד און לייד און צו אומעט,
ווען ס'רופט פונדערווײַטן די היים,
ער קומט, ווײַל ער קאָן נישט ניט קומען...

אין מײַן זיקאָרן

'עס טליִען נאָך די האָלאָווּעשקעס
פון די מילכאָמעדיקע טעג.
איך זע נאָך בלוט אף יענע סטעזשקעס
און טויטע זע איך אפן וועג.

איך זע נאָך איצטער די סאָלדאטן,
אין בלוט, אין שוויס, אין שניי און קויט.

איך זע מײַן מאמען און מײַן טאטן,
איך זע דעם גרויל פון שווארצן טויט.

איך זע נאָך איצטער יענעם פײַער,
וואָס האָט געשלונגען שיינע ווענט,
דערפאר איז נאָענט מיר און טײַער
די וועלט, ווי צו דעם לײַב דאָס העמד.

איך האָף

איך האָף, אז מײַן פאָטערלאנד דארף מיך נאָך האָבן,
איך קום נאָך, ווי אלע, מיט עפּעס צוניץ.
איך טראָג נאָך מײַן קלומעק און וועל אים נאָך טראָגן,
טאָ זאָלן מיר דינען די הענט און די פיס.

מײַן טיר איז אָפן

טיפע נאכט.
אלע שלאָפן.
נאָר מײַן הארץ —
מײַן טיר איז אָפן.

קומען געסט
פון אלע עקן.
די — פון ברעסט,
און די — פון שטעטל.

די — פון ריגע,
די — אָרעסער.
אלע — ברידער,
אלע שוועסטער.

אלע זײַנען
זיי מיר טײַער.
אייביק שײַנען
זאָל דאָס פײַער!

●

אנדריי אָסטאַלסקי

זיבן טעג אין ייִסראָעל

קעדיי ארויספליען פון ייִסראָעל, דארף מען דורכגיין אן אויסערגעוויינלעך טשיקאווע פּראָצעדור אפן פּלי־פּעלד. קיין שום ענלעכס האָב איך ניט געזען אין ערגעץ. פּאַפּערעק דעם זאָל — 10 — 15 נידעריקע, ברייטע געשטעלן, אף וועלכע מע לייגט אוועק דעם באגאזש. בא יעדן פון זיי שטייט פון איין זייַט דער פּאסאזשיר, פון דער אנדערער — א פּאַרשטייער פון די מאכט־אָרגאנען אין א בלויער אוניפּאָרם. אָנבייגנדיק זיך איינער צום אנדערן מיט די קעפּ, פירן זיי שטילערהייט איבערן געשטעל ניט קיין אײַליקן פּרייַנטשאפטלעכן שמועס. ס'איז דערגאנגען מייַן ריי, און דער ייִסראָעלדיקער טאמאָזשנע־דינער האָט אקוראט אוועקגעשטעלט אף דער סטאָיקע אויך מייַנע זאכן און צוטרוילעך, קימאט צארט פארפירט מיט מיר, אָט שמייכלענדיק, אָט אנטשולדיקנדיק זיך, א מאָדנעם געשפּרעך. ער האָט געפרעגט סייַ וועגן דעם וועטער, סייַ וועגן מייַנע אייַנדרוקן פון דער רייַזע, וועגן דעם האָטעל, וועגן דעם, וועלכע שטעט איך האָב באזוכט, ווו עס איז מיר געפעלן געוואָרן עסן מיטיק. בלויז איין פראגע האָט זיך מיר אויסגעוויזן גאנץ באזיניקט און פארשטענדלעך: צי האָב איך ניט איבערגעלאָזט מייַנע זאכן אָן אן אויפזיכט, צי האָט עמעצער א זייַטיקער ניט געקאָנט זיך דערקלייַבן און אָן מייַן וויסן אונטערלייגן עפּעס־וואָס אין באגאזש? אין א מינוט צען ארום האָט אונדזער שמועס זיך פארענדיקט מיט ווונטשן פון א גליקלעכן פלוג.

איך האָב געהערט פארשיידענע מיינונגען וועגן דעם, וואָס עס קומט אינדערעמעסן פאַר אינעם זאָל פון דעם ארויספלי. די סאמע, זעט אויס, עמעסדיקע ווערסיע — אז אלע זאכן ווערן אף אוועלכן־ניט־איז אויפן דורכגעלויכטן פון אונטן, ביזוואנען מע „פארעדט אייַך די ציין". אן אנדער ווערסיע, וועלכע האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווייניקער עמעסדיק, — אז מיט די פּאסאזשירן שמועסן ספּעציעל צוגעגרייטע פּסיכאָלאָגן, שיר ניט „עקסטראסענסן", וועלכע טאפּן אויס אין געדאנק ניט נאָר אייַערע זאכן, נאָר אויך די נעשאָמע.

ווי ס'זאָל ניט זייַן, האָט מען מייַנע זאכן, ווי אויך די זאכן פון אלע אנדערע פּאסאזשירן, וועלכע זייַנען געפלויגן קיין ציפּערן, דורכגעלאָזט גיך און אָן שטערונגען. קיינער האָט אפילע ניט געעפנט קיין איין רענצל. דער פּאַרשטייער פון די מאכט־אָרגאנען האָט אבסאָליוט גלייַכגילטיק א גליטש געטאָן דאָס אויג איבערן פּאקעט פון הארטגעל פּאפּיר בא מיר אין די הענט, וועלכער איז זאָרגזאם פארקלעפּט געווען און פארשטעמפּלט מיט א ספּעציעלן שטעמפּל און האָט געהאט אן אויפשריפט: „קאָנטראָלירט מיצאד דער מיליטערישער צענזור. דערלויבט ארויסצופירן פון ייִסראָעל".

עמעס, דער פאָרגעקומענער פארן אָפּפליען וויזיט צום מיליטערישן צענזאָר איז אויך געווען ניט זייער קיין אייַנמידנדיקער. גלייבנדיק מיר אפן וואָרט, אז איך האָב ניט פאָטאָגראפירט קיין מיליטערישע אָביעקטן, ניט אָפּגעמאָלט קיין פּלענער פון די פארפעסטיקונגען, ניט אויסגעקלאָרט דעם נאָמען פונעם נייַעם שעף פון דער אויסשפּירונג אאוו., האָט דער צענזאָר, דאכט זיך, אפילע ניט א קוק געטאָן, וואָס איך האָב אריינגעלייגט אין דעם געלן קאָנווערט. און דאָרט זייַנען געלעגן זיבן פּאָטאָ־לענטעס און צוויי בלאָקנאָטן, וועלכע זייַנען קימאט אינגאנצן געווען פארפולט מיט נאָטיצן, וואָס איך האָב געמאכט אין דער וואָך פון מייַן רייַזע איבער דער מעדינע. עמעס, דער עצעם פאקט, וואָס א זשורנאליסט איז מעכוייעוו צושטעלן אין דער צענזור אלע פּאָטאָגראפיעס, ווי אויך די שוין אָנגעשריבענע ארטיקלען, אפילע סקיצן און פארנאָטירונגען, און מוז געבן וועגן דעם א שריפטלעכע פארפליכטונג, רעדט אן און פאר זיך.

די ייִסראָעלדיקע טאמאָזשנע־דינער און ספּעציעלע אמטן ווייַזן ארויס ניט ווייניק באמיונגען, קעדיי זייער לאנד זאָל ניט שאפן דעם אייַנדרוק פון א באלאגערטער פעסטונג. לעמאָשל, בייס מייַן אריינפאָרן האָט דעם פּאספּאָרט־קאָנטראָל דורכגעפירט ניט עפּעס א שטרענגער פעטער אין אן אוניפאָרם, נאָר א יונג מיידל מיט א וואלד קופּערנע האָר און גרויסע בלויע אויגן. די וואָך פון דער מעלוכישער גרענעץ האָט זי געטראָגן א ביסל קאָקעטיש, מיט וויצן און ווערטלעך, אָבער — איך בין זיכער — גאנץ עפעקטיוו.

אין יענעם ערשטן טאָג פון די זיבן האָבן אונדזערע באַלעבאַטים — מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג „אַט־טאַליאַ" גלײַך אונדז געבראַכט — מיך און מײַן קאָלעגע פון דער אַגענטור „נאָוואָסטי" — אינעם אָוונטיקן ירושאָלאַיִם. און באַלד האָבן מיר דערזען, ווי איבעראַשנדיק עס אונטערשיידן זיך אײנער פונעם אַנדערן דער מיזרעכדיקער און מײַרעוודיקער טײלן פון דער שטאָט.

דער מײַרעוודיקער, יִידישער סעקטאָר, האָט שימערירט מיט פײַערן, מענטשן האָבן שפּאַצירט, עס האָבן אַרומגעשמײַעט הין און צוריק אויטאָמאָבילן. אָבער וואָס נעענטער צום אומזעבאַרן ראַנד, וואָס צעטײלט די שטאָט, אַלץ געשפּאַנטער איז די אַטמאָספער, אַלץ געדיכטער איז די פינצטערניש. און אָט זײַנען שוין די גאַסן פונעם אַראַבישן ירושאָלאַיִם — פּוסטע, ווי אויסגעשטאָרבענע. דאָס איז אײנע פון די אַנטפּלעקונגען פון דער „אינטיפאַדאַ" — דעם פּאַלעסטינער אויפשטאַנד קעגן דער אָקופּאַציע.

אונדזערע באַלעבאַטים האָבן אויסגעקליבן אַף צו עסן אָוונטברויט דעם רעסטאָראַן מיט אַ זיךדוכטנדיקן נײטראַלן נאָמען — „באַנגקאָק". און ווירקלעך, עס האָבן אונדז באַגעגנט עכטע טאַילאַנדער אָפּיציאַנטן, און די שפּײַז איז געווען אַ רײן טאַילאַנדישע, לעכאָלהאָפּאָכעס אַן אַבסאָליוט אומבאַקאַנטע, שאַרפע, געווירצטע און אַ זײער געשמאַקע. אָבער דאָ האָט זיך באַוויזן דער באַלעבאָס, און ס'איז גענוג געווען אַ קוק טאָן אַף אים, קעדײ ניט צווײפלען אין זײַן קאַווקאַזער אָפּשטאַמונג.

— וואָס, איר זײַט פונעם פאַרבאַנד? — האָט ער אַ ביסל אומצוטרויִלעך געפרעגט מיט אַ גרוזינישן אַקצענט, און, באַקומענדיק אַ פּאָזיטיוון ענטפער, איז ער שוין ניט אָפּגעגאַנגען פונעם טיש. ער האָט דערצײלט וועגן זײַן לעבן, וועגן דעם, וויִאַזוי ער איז פון טבילִיסי אַוועקגעפאָרן צו די עלטערן קײן יִסראָעל אין 1974. אין אונטערשײד פון אײניקע אַנדערע אימיגראַנטן האָט ער ניט מוירע געהאַט צו ריזיקירן און דעריבער געמאַכט גופע געשעפטן, געוואָרן אַן אײגנטימער פון אָט דעם רעסטאָראַן (צוערשט האָט דער רעסטאָראַן זיך ספּעציִאַליזירט אַף דער רוסישער קיך, אָבער אַזעלכע זײַנען אין יִסראָעל פאַראַן צופיל), ווי אויך פון אַ קינאָפּראָקאַט־פירמע, פון אַ ספּאָרטקלוב מיט אַ סאַונע און אַ באַסײן און פון נאָך עפּעס. איצט וויל ער אינוועסטירן געלט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, שאַפן, לעמאָשל, אַוועלכע־ניט־איז געמײנזאַמע אונטערנעמונג, צי איז עס מעגלעך? ער האָט גערעדט און גערעדט, און די אויסגעמושטירטע טאַילענדער האָבן אַרומגעשמײַעט, ברענגענדיק נײַע עקזאָטישע מײַכאָלים און פאַרשפּרײטנדיק אומוואַרשײַנלעכע אַראָמאַטן. פאַר דער לאַכלוטן ניט ביליקער וועטשערע האָט אונדזער נײַער באַקאַנטער קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען געלט.

— הײַנט זײַט איר אַלע מײַנע געסט, — האָט ער מיט שטאָלץ דערקלערט.

דאָס האָט געהאַט, פאַרשטײט זיך, אַ שײַכעס צו דער גאַנצער קאָמפּאַניע — סײַ צו די צווײ סאָוועטישע זשורנאַליסטן, סײַ צו די דרײַ אַראַבער, וועמענס גאַנץ לעבן איז געווידמעט דעם קאַמף קעגן דער אָקופּאַציע.

פאַרנעמענדיק זיך פּראָפעסיִאָנעל אַ סאַך יאָרן מיטן נאָענטמיזרעכדיקן קאָנפליקט, האָב איך שוין פון לאַנג אויסגעקלאָרט פאַר זיך זײַן כאַראַקטער. עמעס, וואָס ווײַטער, אַלץ מער איבערצײַגסטו זיך, אַז קאָנפליקטן אין דער איצטיקער וועלט זײַנען ניט קײן שוואַרץ־ווײַסע, פּונקט ווי ס'איז ניטאָ אין זײ קײן אַבסאָליוט גוטס און אַבסאָליוט שלעכטס, אויסגעשפּראָכענע אומשולדיקע שעפּעלעך און הונדערטפּראָצענטיקע ראָצכים. און געקומען זײַנען מיר קײן ירושאָלאַיִם ניט צוליב דעם, קעדײ זוכן אַ באַשטעטיקונג פאַר אונדזערע מײנונגען, נאָר קעדײ זען מיט די אײגענע אויגן, וויִאַזוי דאָס אַלץ קומט פאָר, פּרוּוון פאַרשטײן יעדן פון די צדאָדים, צופּאַסן זיך צו זײערע געפילן. און די גאַנצע וואָך איז אונדז אויסגעקומען באַאָבאַכטן, ווי קרענקלעך, ווי קאָמפּליצירט, טאָמיד אַפן ראַנד פון אַן אויפרײַס, עס גײט דורך דער קאָנטאַקט צווישן פּאַלעסטינער און די יִסרעײלים. איבער ירושאָלאַיִם און יִסראָעל האָט מען אונדז געפירט אין אויטאָמאָבילן מיט געלע נומערן, און אַפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן — מיט אַ בלאָווע נומער. זאָל גאָט היטן צו טאָן פאַרקערט! מיר האָבן אַלײן געזען, ווי קרענקלעך עס רעאַגירן צומאָל די יִסראָעלדיקע סאָלדאַטן אַף אַ בלאָווע נומער אויסער די גרענעצן פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס. מיט אַ געלן נומער איז בעסער ניט באַווײַזן זיך אַפן מײַרעוו־ברעג. אַפילע אין ירושאָלאַיִם גופע האָט מען צעקלאַפּט באַנאַכט די מאַשין פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער ראַדיאָ פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וועלכע ער האָט אַרענדירט, — פאַרן געלן, יִסראָעלדיקן נומער. אונדז איז נאָך דערצו אויסגעקומען אַלע מינוט אַראָפּנעמען פונעם גלאָז אינעם אויטאָמאָביל די אויפשריפט „פּרעסע": זי האָט אָנגעהויבן ווירקן אַף די פּאַלעסטינער יונגעלײַט, ווי אַ רויטע שמאַטע אַף אַן אָקס, זינט דעמלט, ווען מע האָט די מיטאַרבעטער פונעם יִסראָעלדיקן זיכערהײַט־אַמט דעמאַסקירט אין אויסניצן דעם דאָזיקן צודעק.

פאַרשטײט זיך, אַז די ליניע פון דער העכסטער שפּאַנונג אינעם אַראַביש־יִסראָעלדיקן קאָנפליקט גײט דורך דירעקט אין ירושאָלאַיִם — דער וווּנדערלעכער שטאָט, וווּ עס געפינען זיך בישכײנעס די גרעסטע הײליקטימער און סימבאָלן פון דרײַ וועלט־רעליגיעס — קריסטנטום, יודאַיִזם און איסלאַם. דאָ זײַנען פאָרגעקומען די באַשריבענע אין דער ביבל און אין קאָראַן געשעענישן, עס זײַנען דאָ געשאַפן געוואָרן די מערקווירדיקסטע לעגענדעס און מיפן פון דער מענטשהײַט, פאַרלײגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער ציוויליזאַציע, פון די זיטלעכע און פילאָסאָפישע סיסטעמען און וועלט־אָנשויונגען.

פונעם אויסטערלישן פּראַוואָסלאַווּנעם טעמפּל „מאַריִע מאַגדאַלינע" עפנט זיך אויף אַ פאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמע פון אַלט־ירושאָלאַיִם. אַף לינקס — די לעגענדאַרע מעטשעט אַל־אַקסאַ, אַף רעכטס — דער גאָלדענער (אין בוכשטעבלעכן זין)

קופּאָל פון דער מעטשעט קובאַט אַס־סאַכראַ — דער סאַמע באַרימטער שעדעווער פון דער אַראַבישער רעליגיעזער אַרכיטעקטור. דאָרט געפינט זיך דער הייליקער פאַר די מוסולמענער פעלדז, אויף וועלכן דער נאַווי מוכאַמעד האָט זיך אויפגעהויבן, לויט דער לעגענדע, צום הימל. ווײַטער — די מײַרעוו־וואַנט, דער קויסעל מאַראַווי, דאָס הייליקטום בײַ די ייִדן, וואָס איז פאַרבליבן פונעם רוינירטן בייס־האַמיקדעש. און ניט ווײַט פונדאַנען — די טעמפּלען פון אַלע קריסטלעכע קאָנפעסיעס. וויאַזוי צעטיילט מען דאָס אַלץ, ווו דורכפירן א גרענעץ?

עס דוכט זיך, אַז גענוג דאָ צו זײַן עטלעכע מינוט, כּדי אויף אייביק זיך אָנשטעקן מיטן כּישעף פון אָט דעם אָרט, פון דער מאַגנעטישער אויסשטראַלונג פון דער ערד, פון די שטיינער, פון די אוראַלטע ווענט, פון דער לײַכטער, קלוימערשט דורכגעזאַפּטער מיט בלויער שײַן לופט. דאָ פילט מען ניט די צײַט, עס דוכט זיך, אַז די גרויסע האַנדלונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט יאָרטויזנטער צוריק, דויערט נאָך אַלץ. מע דאַרף נאָר אָנשטרענגען דעם געהער, און וועסט דערהערן נעוויִישע שטימען, דערזען אומעגלעכע אין אַן אַנדער אָרט ניסים. ס'איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז א געבוירענער דאָ, אויסגעכאָוועטער מיצאַד אָט דער כּישעפדיקער ערד, וועט אין קיין פאַל ניט מאַסקים זײַן פאַרלאָזן זי, אָפּגעבן זי עמעצן. און ניט אומזיסט וואַרפן אַקשאָנעסדיק אָפּ די אַראַבער־פּאַלעסטינער דעם באַשלוס פון ייִסראָעל, וועלכער האָט דערקלערט ירושאָלאַיִם נאָך דער פאַרכאַפּן פון זײַן מיזרעך־טייל אַלס „אייביקע און אומצעטיילבאַרע הויפּט־שטאָט" פון דער מעדינע. אָבער אויך אַלע ייִסרעיילים, מיט וועלכע מיר האָבן גערעדט, באַהויפּטן פּונקט אַזוי אַקשאָנעסדיק: וועגן איבערקוקן דעם דאָזיקן באַשלוס קאָן קיין רייד ניט זײַן. די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס האָט פאָרויסגעזען, אַז אײנצײַטיק מיט דער אויסבילדונג פון מעדינאַס־ייִסראָעל און פון אַן אַראַבישער מעלוכע זאָל געגעבן ווערן א צווישנפעלקערלעכער סטאַטוס דער שטאָט ירושאָלאַיִם, מיט וועלכער עס וועט אָנפירן די צווישנפעלקערלעכע געמיינשאַפט. צי דען איז עס ניט טײַכלדיק? ס'איז דאָך עפּעס ענלעכס צו דער דאָזיקער שטאָט מער אין דער וועלט ניטאָ. צי געהערט זי ניט דער גאַנצער מענטשהײַט?

פאַראיאָרן האָבן אַראַבישע און ייִדישע שריפטשטעלער, אַרטיסטן און זשורנאַליסטן צוגעטראַכט זייער אייגענעם פרידלעכן אַראַביש־ייִסראָעלדיקן אָפּמאַך. זיי האָבן געשאַפן אויף פּאַפּיר אַן אומאָפּהענגיקע פּאַלעסטינער מעלוכע, וועלכע גייט אַרײַן אין אַן עקאָנאָמישער קאָנפעדעראַציע מיט ייִסראָעל. ירושאָלאַיִם האָבן זיי געמאַכט פאַר אַן אַלגעמיינער און אומצעטיילבאַרער הויפּט־שטאָט פון ביידע מעלוכעס, אַן אָפענע, פאַרשטייט זיך, פאַר פּילגרימען און טוריסטן פון אַלע לענדער אין דער וועלט.

אָבער אין דעם רעאַלן, הײַנטיקן ירושאָלאַיִם זײַנען די אַראַבער און די ייִדן אַרײַנגעצויגן אַלץ טיפער אין א טויטגעפערלעכן געראַנגל. יעדן טאָג פון אונדזער זײַן אויף דער הייליקער ערד זײַנען אומגעקומען מענטשן. ייִסראָעלדיקע פּלאַסטיק־קוילן (איך האָב געבראַכט מיט זיך איינע אַזאַ — א שווערער מעטאַלענער קײַלעך עטוואָס גרעסער פון א וואַלד־נוס, אין א שוואַרץ גומי־הײַטל) האָבן געבראָכן הענט און פיס די ניט־אונטערטעניקע ייִנגלעך, און בײַ קויסעל מאַראַווי זײַנען געפלויגן איבער די קעפּ פון די דאַוונענדיקע שטיינערנע הליבעס, וועלכע זײַנען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, כּדי פלעטן די שאַרבנס. לעם דער וואַנט האָט, צום גליק, קיינער ניט געליטן. דער 17־יאָריקער מוכאַמעד, וואָס האָט באַקומען א פּלאַסטיק־קויל אין מויעך, האָט געגויסעט פאַר אונדזערע אויגן אין דער רעאַנימאַציע־אָפּטיילונג פונעם ירושאָלאַיִמער שפּיטאָל. לעבן זײַן בעטל זײַנען געשטאַנען דעלעגאַציעס פון שטעט און ייִשוווים אויף די אָקופּירטע באָדנס. מאַנצבלען און פרויען, ייִנגעלעך און מיידעלעך האָבן געוויינט און זיך אָנגעשטעקט מיט האַס בײַ אָט דעם בעטל, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי געטראָגן די דאָזיקע אָנלאָדונג אויף די גאַסן פון ירושאָלאַיִם. און אָט האָט זיך שוין ניט ווײַט, אינעם ראַיאָן פון קובאַט אַס־סאַכראַ, פאַנאַנדערגעבונדן א שלאַכט מיט דער אַרמיי, עס זײַנען געפלויגן אין די סאָלדאַטן שטיינער און פלעשער, עס האָבן געהילכט שיסערײַען, ס'האָבן זיך געהערט געשרייען פון ווייטיק. און אָט פירט מען שוין נאָך פיר שווער־פאַרוווּנדעטע אין דעם זעלבן שפּיטאָל.

עס נעמט אָן קראַפט א שווערער פינצטערער ווי כער, ער זאַמלט אין זיך אויסראַטנדיקע ענערגיע אויף ביידע זײַטן פון דער פאַרבאַרגענער גרענעץ.

אין סאָף פונעם שאַסיי אַנטקעגן די דאַמעסקער טויערן פון דער ירושאָלאַיִמער פעסטונג האָט פון אינדערפרי אָן זיך געשאַפן א פאַרפּראָפּונג — סאָלדאַטן האָבן קאָנטראָלירט אויטאָמאָבילן. זיי האָבן אויך אָפּגעשטעלט א ווײַסן „טאָיאָט" מיט א בלאָוון נומער, וואָס איז געפאָרן פאַרויס פון אונדז. מיר האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט און געקוקט, וויאַזוי א סאָלדאַט אין א קאַסקע און מיט אַן אויטאָמאַט גייט ניט־אײַלנדיק אַרום דעם „טאָיאָט". פּלוצעם האָט ער מיט א שאַרפער באַוועגונג אויפגעפּראַלט דאָס טירל לעם דעם שאָפער און א ווינק געטאָן, ער זאָל אַרויסגיין פון דער מאַשין. יענער איז געהאָרכזאַם אַרויס. איצט האָט מען געזען, ווי זיי זײַנען ענלעך איינער אויפן אַנדערן: ביידע זײַנען אַלט א יאָר צוואַנציק, ניט מער, ביידע זײַנען זיי דאַרע און הויכוווּקסיקע, אויך די פּנעמער בײַ זיי זײַנען אַלציינס ברוינלעכע און נערוועזע. מע האָט זיי געקאָנט אויפנעמען ווי ברידער, כאָטש איינער פון זיי איז אָנגעטאָן אין א כאַקי־אוניפאָרם און האַלט אין דער האַנט אַן אויטאָמאַט, און דער אַנדערער אין דזשינסן און אין א פוטבאָלקע. יענער, וואָס איז באַוואָפנט, זאָגט עפּעס, און דער פּאַלעסטינער דערלאַנגט אים געהאָרכזאַם די דאָקומענטן. דער סאָלדאַט כאַפּט אַרויס פון זײַנע הענט דאָס קליינע ביכעלע און,

ניט אַרײַנקוקנדיק אין דעם, שלײַדערט ער עס אָף דער ערד. דערנאָך זאָגט ער עפּעס צווישן די ציין, און דער פּאַלעסטינער שאָקלט מיטן קאָפּ.

„באַנד וועט ער אים אַ פּאַטש טאָן אָדער אויסשיסן אים אין בויך", — קומט מיר פּלוצעם אויף אַ געדאַנק. אינווייניק לויפט דורך אַ ווינטל, אין די שלייפן און אין גאָרגל קלאַפּט עפּעס און עס דוכט זיך, אַז איך וועל ניט אויסהאַלטן, אַרויסשפּרינגען פון דער מאַשין און עפּעס אויסשרײַען, כאָטש פון דעם וועט קיין גוטס ניט אַרויס.

דער סאָלדאַט אָבער שיסט ניט, ער נעמט דעם אַראַבער פאַרן קאָלנער און גיט אים האַסטיק אַ שלעפּ. דער פּאַלעסטינער פירט דערשראָקן אָפּ דאָס פּנים אין אַ זײַט, און איך זע קלאָר, ווי עס ציטערן בײַ אים די ליפּן. ער שטעלט זיך לאַכלוטן ניט קעגן, האַלט די הענט אויסגעצויגן: דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך קאָן אים טײַער קאָסטן. און דער סאָלדאַט כאַפּט אים פאַר די האָר אָדער פאַר אַן אויער, איך זע שוין איצט ניט, ווײַל די מאַשין פון לינקס האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, און אונדזער שאָפער אימאַד גיט זיך אַ ריס גלײַך נאָך איר. איך באַמערק, אַז עס שפּילן בײַ אים די קינבאַקן און די בלויע אויגן פלאַמען מיט אַ קאַלט פײַער.

אין זעלבן טאָג האָב איך דערציילט וועגן אָט דער עקלהאַפטער סצענע דעם פּאָליטישן ראַטגעבער פונעם ייִשׂראלדיקן אויסערן־מיניסטעריום סאַליי מערידאָר.

— באַזונדערע פאַלן, אַזעלכע ווי די, זײַנען, פאַרשטייט זיך, מעגלעך, אָבער דאָס איז אַן אינדיווידועלער ווילקיר. די סאָלדאַטן האָבן שטרענגע אינסטרוקציעס, וועלכע פאַראָרדענען אַ קאָרעקטע באַציִונג מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג, — האָט ער געענטפערט. — מיר סטאַרען זיך אויסצופאָרשן יעדע אַזאַ געשעעניש און באַשטראָפן די שולדיקע.

מיט אָט דער דערקלערונג וואָלט מען געקאָנט זײַן צופרידן, ווען ס'וואָלט ניט געוואַקסן די רעשימע פון קאָרבאָנעס, אומגעקומענע און צעקאַליעטשעטע אײַנוווינער פונעם מײַרעוודיקן יאַרדן־ברעג און פונעם עזה־סעקטאָר.

די אַראַבישע באַפעלקערונג אין ייִשׂראל מערט זיך באַדײַטנדיק שנעלער, איידער די ייִדישע. דער קאָנטראָל איבער די אָקופּירטע טעריטאָריעס ווערט אַלץ טײַערער, אַלץ ריזיקירנדיקער. דעריבער הייבט אָן די מערהײַט ייִסרעיילים זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז דעם מײַרעוו־ברעג און דעם עזה־סעקטאָר וועט אויסקומען צוריקערן. וואָס טוט מען אָבער, אַז מע זאָל זיי אָפּגעבן אַלס אומבײַט אָף אַ זיכערן, גאַראַנטירטן שאָלעם? די דאָזיקע פראַגע באַאומרויִקט, אָפּאָנעם, הײַנט די ייִסרעיילים מער פון אַלץ, עס איז זיי דערעסן דער צושטאַנד פון קריגס־שפּאַנונג. עס וואַקסט די צאָל ייִסרעיילים, וועלכע זײַנען גרייט, זאָל זײַן מיט באַוואָרענישן, אונטערשטיצן דעם דיִאַלאָג מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע. די רעגירונג אָבער איז טויב צו דעם. עס האָט דאָרט די איבערהאַנט דער בלאָק פון „ליקוד" און ניט פון דער אַרבעטספּאַרטיי, וועלכע איז גרייט, אורטיילנדיק לויט אַלעם, אַרויסצווײַזן אַן עלאַסטישן צוגאַנג. ביזוואַנען אָבער בײַ דער מאַכט אין ייִשׂראל שטייט די איצטיקע רעגירונג, ווילט זיך פונדעסטוועגן אויסהערן איר אָפיציעלן שטאַנדפּונקט.

אָט איז אַ פראַגמענט פון מײַן גאַנץ האַרבן, האַגאַם קאָרעקטן שמועס מיט דעם זעלבן סאַליי מערידאָר: פאַרוואָס איז אוממעגלעך אַ פרידלעכער דיִאַלאָג מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע?

— די גאַנצע פראַגע איז — מיט וועמען ריידן. ווען בײַ אײַך קומט פאָר אַ קאָנפליקט מיט מעלוכעס, פירט איר אַ דיִאַלאָג מיט זייערע רעגירונגען. וואָס טוט מען אָבער אינעם פאַל מיט די פּאַלעסטינער? צוערשט לאָמיר פעסטשטעלן, וואָס עס באַטײַט פּאַלעסטינע. 73 פּראָצענט טעריטאָריע פון דער געוועזענער פּאַלעסטינע אין די צײַטן פונעם ענגלישן מאַנדאַט געהערט איצט יאָרדאַניע. דאָרט, אָף מיזרעך פונעם טײַך יאַרדן, לעבן הײַנט מער מײַרעוודיקע פּאַלעסטינער, איידער אָף דעם עצעם מײַרעוו־ברעג און אין עזה־סעקטאָר צוזאַמען גענומען. פיל יאָרן האָבן אַ סאַך מענטשן געהאַלטן, אַז קעדיי לייזן די פּאַלעסטינער פּראָבלעם, דאַרף מען ריידן מיט דער רעגירונג פון יאָרדאַניע. איך האַלט אויך איצט, אַז אָן איר אָנטייל קאָן מען ניט דערגרייכן אַן אײַנרעגולירונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם.

— אָבער דער קיניג כוסיין האַלט דאָך ניט, אַז ער איז אַ פאָרשטייער פון די פּאַלעסטינער!

— אָ'קעי, אָ'קעי. מיטן קיניג באַקומט זיך ניט. מיט וועמען זשע דעמלט ריידן? מיר האַלטן, אַז מיט מענטשן, וועלכע לעבן ווירקלעך אָף די טעריטאָריעס. וויִאַזוי קאָן מען באַשטימען די דאָזיקע פאָרשטייער? בלויז מיט דער היקף פון פרײַע דעמאָקראַטישע וואַלן. מיר ווילן ניט ריידן מיט סאַמאָזוואַנצעס פון טוניס, זיי האָבן דאָך זיך אַליין באַשטימט אַלס פאָרשטייער פונעם פּאַלעסטינער פאָלק! זיי וועלן קיינמאָל ניט אָנערקענען די רעכט פון ייִשׂראל אָף עקזיסטענץ.

— אָבער יאַסיר אַראַפאַט האָט שוין אָנערקענט מעדינאַס־ייִשׂראל!

— ס'איז פאַראַן אַ גרויסער כילעק צווישן דעם, וואָס די דאָזיקע מענטשן ריידן אָף ענגליש און וואָס זיי זאָגן אַרויס אָף אַראַביש.

— איר שלאָגט פאָר וואַלן. וויִאַזוי זשע אָבער דורכפירן זיי אין באַדינגונגען פון אָקופּאַציע? צי איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט געווען כאָטש איין פּרעצעדענט, אַז אין באַדינגונגען פון קריגס־קאָנטראָל זאָלן דורכגיין פרײַע וואַלן?

— די וואַלן וועלן זײַן אַבסאָליוט פרײַע, און וועמען מע זאָל ניט אויסוויילן, זײַנען מיר גרייט טייקעף אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט זיי. כוץ דעם, האַלטן מיר ניט די ייִשׂראלדיקע מיליטערישע אַנוועזנהײַט אָף די טעריטאָריעס אַלס אָקופּאַציע...

— צי זײַט איר גרייט דערלויבן בײַס די וואַלן אײַנשליסן אין די ביולעטענען פאַר אָפּשטימונג פּערזאָנען, וועלכע לעבן אויסער די גרענעצן פון די טעריטאָריעס? אַראַפאַטן, אַשטייגער?

— פאַרשטייט זיך, אַז ניין!

— אויב אָבער די פּאַלעסטינער האַלטן אים פאַר זייער לידער?

— מאַלע וואָס... עפּשער האַלט איך פאַר מײַן לידער רייגאַנען, וועט מען מיר דאָך ניט דערלויבן שטימען פאַר אים אין ייִסראָעל.

— לויט מײַן מיינונג, איז עס ניט קיין געלונגענער בײַשפּיל... זאָגט אָבער, פאַרוואָס איז שלעכט א דיִאַלאָג מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע? מיט וואָס ריזיקירט איר?

— דאָס קאָן ווערן דער וועג אַף צו שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע פּאַלעסטינער מעלוכע.

אָפּענע דיבורים! עמעס, אין ייִסראָעל זײַנען אויך פאַראַן אַבסאָליוט אַנדערע מיינונגען. לעמאָשל, דער פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג „שאָלעם — איצט", וועלכע ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, גאַליע גאָלאַן איז זיכער: די סיטואַציע אַנטוויקלט זיך אַזוי, אַז אָדער שאַמירס רעגירונג וועט נאָכגעבן דעם דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט, אָדער זי וועט מוזן אַוועקגיין.

לויט דער לעגענדע, האָט די בסולע מאַריִע, דורכגייענדיק איינמאָל אינדערנאָענט פון יערושאָלאַיִם, דערזען א מענטשן, וואָס האָט פאַרזייט דאָס פעלד מיט אַרבעס, האָט זי בא אים געפרעגט: „וואָס זייסטו?" — „שטיינער", — האָט יענער אירא־ניש געענטפערט. דער אַרבעס איז אין איין אויגנבליק פאַרשטיינערט געוואָרן, און דאָס גאַנצע פעלד האָט זיך באַדעקט מיט דריבנע קײַלעכדיקע שטיינלעך.

האָבנדיק אין זינען די הײַנטיקע ווירקלעכקײַט, קאָן מען זאָגן, אַז די ערד איז אין יאָרטויזנטער אַרום נאָך די ביבלישע געשעענישן אָפּגענומען פאַרזייט אין איניקע רעגיאָנען פון דער וועלט מיט שטיינערנעם „אַרבעס". אין שײַכעס מיט דער אומגעבונג אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס איז שוין קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דער פּאָליטישער אַרסענאַל פון דער „אינטיפאַדאַ" איז פּראַקטיש אומויסשעפּלעך. צי איז אָבער אומענדלעך דער רעזערוו פון געדולד בא די פּאַלעסטינער, פון זייער גרייטקײַט צו לײַדן? אַליין די פּאַלעסטינער זײַנען זיכער אין זייערע קויכעס, אָבער מיר שטעלן זיך ניט טאָמיד קלאָר פאָר, מיט וועלכער פרײַז צאָלן זיי פאַר דער „אינטיפאַדאַ".

פיל יאָרן האָט אונדזער פּרעסע געשריבן האַלב עמעס וועגן די געשעענישן אַפן נאָענטן מיזרעך: סײַ וועגן דער געשיכטע פון דער אויסבילדונג פון מעדינאַס־ייִסראָעל, סײַ וועגן דער ראָליע אין דעם (א גאַנץ באַדײַטנדיקער) פון אונדזער לאַנד, סײַ וועגן די סיבעס און דעם גאַנג פון די אַראַביש־ייִסראָעלדיקע מילכאָמעס. א געוויסע צײַט האָבן מיר פּאַקטיש פאַרשוויגן דעם פּאַלעסטינישן פּאַקטאָר, די טראַגעדיע און די נאַציִאָנאַלע האָפענונגען פון אָט דעם פאָלק. נאָכדעם, שטעלנדיק זיך אַף אַנדערע פּאָזיציעס, אונטערשטיצנדיק די אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרײַען פּאַלעסטינע, האָבן מיר

דער אויסערן־מיניסטער פון סאָוועטנפאַרבאַנד ע. שעוואַרדנאַדזע און דער אויסערן־מיניסטער פון ייִסראָעל מ. אַרענס שמועסן מיט זשורנאַליסטן נאָך זייער באַגעגעניש אין קאַיִר

אויסגעמיטן צו דערמאָנען וועגן דעם, אַז זי האָט
ניט אנערקענט, פונקט ווי קימאט אַלע אראבישע
לענדער, דאָס רעכט פון יִשׂראָעל אויף עקזיסטענץ.
אזוי איז אונדז געווען דעמלט באקוועם. צי מאָלן
מיר שטענדיק אָן אויך הייַנט פאר דעם לייענער
א פּינקטלעך בילד פון דעם, וואָס עס קומט פאָר,
צי גיבן מיר זיך ניט אונטער די געוויינלעכע סטע־
רעאָטיפּן?

לעמאַשל, ס׳וואָלט ניט געווען קעדייַ איבער־
צוטרייַבן: דער מייַרעוו־ברעג — דאָס איז ניט דאָס
אָקופּירטע מיצאַד די פאשיסטן ווייַסרוסלאנד, און
די אָנטיילנעמער פון דער „אינטיפאדא" זייַנען ניט
קיין „פאָלקס־נעקאָמענעמער" און ניט קיין פראנ־
צויזישע „מאקי". צומאָל קאָן מען פיל שאָען זיך
געפינען אינעם ראַיאָן און ניט באמערקן קימאט
גאָרנישט אומגעוויינלעכס. די קראָמען זייַנען פול
מיט סכוירעס, מענטשן זיצן אין די קאָפייניעס, עסן,
טרינקען קאווע. האגאם, אויב זיך צוקוקן, וועסטו
דערזען, פארשטייט זיך, סייַ א קנויל שטעכלדראָט
און באריקאדעס פון בלעכענע דייזשקעס, וועלכע
בלאָקירן די לאגערן פון די פאלעסטינער פליטים,
סייַ כורוועס פון רוּינירטע מיצאַד די יִשׂרעילים
הייַזער, סייַ אויף די וועגן מיליטערישע פאטרולן.
און, פארשטייט זיך, שרעקלאָזע יאַטן, וועלכע
האלטן, אַז באקומען א וווּנד פון א פלאסטיק־קויל
איז שיר ניט א באזונדערע באלוינונג.

ניט אינגאנצן א פּינקטלעכע פאָרשטעלונג
שאפט זיך צומאָל אויך וועגן די יִשׂראָעלדיקע רע־
פרעסיעס. מייַנע פאלעסטינער פרייַנט האָבן קרי־
טיקירט איינע א פּובליקאציע אין אונדזער פרעסע,
אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז די אָנטיילנע־
מער פון דער „אינטיפאדא" ווארפט מען אראָפּ פון
העליקאָפּטערס און מע פארברענט זיי לעבעדיקער־
הייט, באגיסנדיק זיי מיט בענזין. וויער נייטיקט זיך
אין אזעלכע אויסטראכטענישן? ריכטיק זאָגן יִס־
ראָעלדיקע אָפיציעלע פערזאָנען: ווען זיי וואָלטן
געהאנדלט לויט די רעצעפּטן פון טאָטאליטארע
מעלוכעס, וואָלטן זיי געקאָנט דערשטיקן די „אינטי־
פאדא" אין עטלעכע טעג אָדער אפילע אין עטלעכע
שאָ. מע קאָן זיי אָבער דערווידערן: ווען די יִס־
רעילים וואָלטן אזוי געטאָן, וואָלטן זיי אויף לאנג,
אויב ניט אויף שטענדיק, אָנגעווירן יעטווידן קרע־
דיט פון צוטרוי אפן מייַרעוו, אָנגעווירן די אזוי
אויך זיך־פארקלענערנדיקע מאָראלישע, און דערי־
קער — מאטעריעלע שטיצע, אָן וועלכער די מעדי־
נע וואָלט פּאָשעט ניט געקאָנט עקזיסטירן.

מע קאָן ניט פארמאכן די אויגן אויך אויף די
ווירקלעכע אכזאָריעס און אויף די פארלעצונגען פון
מענטשן־רעכט אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, עס
האָט וועגן זיי געמאָלדן אפילע דער מעלוכע־
דעפּארטאמענט פון פשא. דאָס זייַנען הונדערטער
דערהארגעטע, טויזנטער פארוווּנדעטע און צעקא־
ליעטשעטע, ווי אויך ארויסשיקונגען, ארעסטן און
דאָס אופהאלטן טויזנטער מענטשן אונטער אַן אד־
מיניסטראטיוון ארעסט אָן א געריכט און אָן אַן
אויספאָרשונג אין מעשעך פון פיל כאדאָשים.

א באזונדער טעמע איז די לאגע פון די
מענטשן אין די פליטים־לאגערן. שוין פון לאנג
האָב איך ניט געזען אזעלכע כייַשע, אומענטש־
לעכע באדינגונגען. עמעסע מיטלאלטערלעכע גע־
טאָס אָן עלעמענטארע באקוועמלעכקייַטן און סאני־
טארע נאָרמעס, מיט געשטאנק, צונויפגעדרענגט־
קייַט, קראנקהייַטן... די דאָזיקע מענטשן (הונדער־
טער טויזנטער מענטשן!) לאָזט ניט שטארבן פון
הונגער די אָרגאניזאציע פאר באפרייַען פאלעסטי־
נע, אָבער וואָס קומט פאָר מיט זייערע נעשאָמעס
נאָך פערציק יאָר לעבן אין אזא קִיעם? (מע האָט
זיי פארטריבן אין די דאָזיקע לאגערן נאָך דער
מילכאָמע פון 1948 — 1949). צי דארף מען זיך
כידעשן, וואָס אין די לאגערן פארשפרייטן זיך אלץ
מער ראדיקאלע שטימונגען, וואָס די ווענט פון די
באראקן זייַנען דאָרט באדעקט מיט אזעלכע לאָ־
זונגען, ווי „טויט יִשׂראָעל!", „נידער מיט דער
רעזאָלוציע 242!" אאוו. ווִיאַזוי אייַנהיטן די
מעסיקייַט און די נייגונג צו קאָמפּראָמיסן נאָך
פערציק יאָר פון אזא עקזיסטענץ? און ביכלאַל,
וואָס פאר אַן אכזאָריעסדיקע איראָניע פונעם
גוירל: א פאָלק, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון
דער געטאָ, פארטרייַבט אהין אַן אנדער פאָלק...

צווישן דער יִשׂראָעלדיקער אינטעליגענץ קלינ־
גען אלץ שטארקער אַליארמירנדיקע שטימען: ווי
לאנג וועט זיך אייַנגעבן פארייניקן די צוויי געזיכ־
טער פון יִשׂראָעל? איין געזיכט — א דעמאָקרא־
טישע מעדינע, און דאָס אנדערע — א הארבער
דעראָבערער...

בלויז פאר זיבן טעג איז אוממעגלעך אלץ צו
זען און באטראכטן. אָבער איך האָב געזען מיט
די אייגענע אויגן אויך א הויכע מאדרייגע פון
באוווּסטזיניקייַט און דיסציפּלין, פון זעלבסט־אָרגא־
ניזירטקייַט בא א באדייַטנדיקן טייל פון דער פא־
לעסטינישער געזעלשאפט. דאָס זייַנען סייַ די גע־
שאפענע אויף די ערטער פאָלקס־ראטן — אָרגאנען פון
זעלבסטפארוואלטונג, סייַ א פארצווייַגטע סיסטעם
פון מעדיצינישער הילף די געליטענע, סייַ די אזוי־
גערופענע „שטוב־עקאָנאָמיק" און „פאָלקס־לער",
וועלכע זייַנען בארופן אין א וועלכער־ניט־איז מאָס
קאָמפּענסירן דעם העזעק. אַן אָנגענעמער סיורפּריז
איז געווען פאר מיר אויך די אקטיווע ראָליע אין
דעם אלעם פון דער פאלעסטינישער קאָמפּארטיי
און איר פּאָפּולערקייַט אין די פאָלקסמאסן. אַן אומ־
אָנגענעמער — די שארפקייַט פון די כילוקע־דייעס
צווישן פארשיידענע פאלעסטינער אָרגאניזאציעס.

געזען האָב איך אויך בייט־סאכור — א ניט־
גרויסן יִשׁעוו ניט ווייַט פון בייטלעכעם, דאָס גע־
בורט־אָרט פון יעזוס קריסטוס, ווו עס האָבן זיך
געטראָפן, פולקום אין די קריסטלעכע טראדיציעס,
אראבער און יִדן. די יִדן איז צומאָל אויסגעקו־
מען צוליב דעם ריזיקירן, בייַקומען ארמייִשע
גרענעץ־וואכן. דאָרט האָבן זיך באפרייַנדעט זייערע
קינדער, דאָרט האָט מען צוזאמען געטרוימט וועגן
שאָלעם און פרייַנטלעכער גוטשכייִנישער קאָעקזיס־
טענץ פון צוויי פאלעסטינער סוווערענע מעלוכעס.

און גראָד דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאר
דעם סאמע וווּנדערלעכן, סאמע סימפּאטאָמאטישן
פון דעם געזעענעם — די דאָזיקע אקשאָנעסדיק
זיך־דורכשלאָגנדיקע שפּראָצלינגען פון צוטרוי, דער
דאָרשט צו שאָלעם און מענטשלעכקייַט, צו א
נאָרמאַל, ציוויליזירט לעבן.

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

זאַלמען ליבינזאָן

אַ פאָרשער, אַ קריטיקער אַ קעמפער

ייִצחאָק נוסינאָוו

דעם 9 מײַ 1947 האָט די צײַטונג „קולטורא אי זשיזן" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „צו דער פאַרטײדיקונג פון פּושקינען". דער אווטאָר פונעם אַרטיקל — דער רוסישער פּאָעט ניקאָלײַ טיכאָנאָוו האָט זיך אַרופגעוואָרפן אויף י. נוסינאָווס בוך „פּושקין און די וועלט־ליטעראַטור"[1]. ס'איז געווען מאָדנע, וואָס די רעצענזיע האָט זיך באַוויזן אין זעקס יאָר אַרום נאָך דעם, ווי דער בוך איז דערשינען, אָבער אינגיכן האָט זיך עס אויפגעקלערט: אין די הויכע ספערן האָט מען באַשלאָסן פאַנאַנדערוויקלען אַ קאַמפּאַניע קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם. נאָך אין דער באַשטימונג פון צק אַלקפּ(ב) וועגן די זשורנאַלן „זוועזדא" און „לענינגראַד" (ניט לאַנג צוריק, דעם 11 אָקטיאַבער 1988, האָט די פּאָליטביוראָ פון צק קפּסס זי אָפּגעשאַפן אַלס אַ פעלערהאַפטע) איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז מע דאַרף פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן פאַרנייגן זיך פאַר דער אויסלענדישער בורזשואַזער קולטור. און דאָס איז שפּעטער געוואָרן איינע פון די הויפּט־מאָטיוון פון אַ. זשדאַנאָווס טרויעריק באַוווּסטן פאָרטראָג וועגן דער דאָזיקער באַשטימונג.

מע האָט געדאַרפט געפינען דאָס ערשטע קאָרבן־הינדל צו דער קאַמפּאַניע, און דער גורל איז געפאַלן אויף ייִצחאָק נוסינאָוון. ס'איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן פאַר וואָס.

ייִצחאָק נוסינאָוו איז געווען אַ באַוווּסטע פיגור אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט און קריטיק. דער דיאַפּאַזאָן פון זײַנע אינטערעסן איז בעעמעס געווען אַ קאָלאָסאַלער: די וועלט־ליטעראַטור אין פולן זין פונעם וואָרט — די מײַרעוו־אייראָפּעיִשע, רוסישע און ייִדישע ליטעראַטורן. איינע פון זײַנע בעסטע פאָרשונגען באַהאַנדלט די באַציִונג פּר־נעם גרויסן רוסישן שריפטשטעלער אַ. ס. פּושקין צו די מעסטערעס פון דער וועלט־ליטעראַטור. אַנאַליזירנדיק פּושקינס ווערק, אין וועלכע ס'ווערן אַנטוויקלט די מאָטיוון פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער און אַנדערע ליטעראַטורן — „אַ סצענע פון פאַוסט", „דער קאַרגער ריטער", „מאָצאַרט און סאַליערי", „דער שטיינערנער גאַסט" און אַנדערע, שטרײַכט נוסינאָוו אונטער: פּושקין איז אַ רוסישער פאָלקס־שרײַבער, זײַנע בעסטע ווערק, אַזעלכע ווי „יעווגעני אָניעגין", „באָריס גאָדונאָוו" אַ. אַנד. — זײַנען ווערק וועגן דער רוסלענדישער ווירקלעכקײַט, מיט זיי האָט ער אַרײַנגעטראָגן אַ גרויסן צושטײַער אין דער

---

[1] И. Нусинов. Пушкин и мировая литература, «Советский писатель», М., 1941.

װעלט־ליטעראַטור, װעלכע „האָט ביז דעם נאָך
ניט געװוּסט פון אַזאַ עמעסן און פּאַשעטן רעאַ־
ליזם, אַזאַ טיפן הומאַניזם, װאָס איז פול מיט
אָפּטימיזם און סאָציאַלער אַקטיװקייט. אַדאַנק
אַזעלכע אייגנשאַפטן האָט פּושקין אַפּסנײַ באַלויכטן
אויך די געשטאַלטן פון שעקספּירן, געטען, בײַ־
ראָנען און אַנדערע גאונים פון דער װעלט־ליטע־
ראַטור. זײַנע באַגעגענישן מיט זיי לויט די גרעס־
טע מאַדרייגעס פון דער מענטשלעכער קונסט זײַ־
נען געװען ניט קיין צװייקאַמף, נאָר אַ בײַשפּיל־
לאָזע באַשאַפונג, װעלכע האָט אויפגעהויבן די
געשטאַלטן אויף נײַע, אומבאַקאַנטע ביז דעם
הייכן".

דאַכט זיך, אַז ס'איז אוממעגלעך צו אָפּלייקע־
נען אַזאַ באַהויפּטונג, אָבער פאַר נ. טיכאָנאָװן האָט
מען געשטעלט אַן אויפגאַבע צו דיסקרעדיטירן דעם
אָנגעזעענעם פאַרשער, און באַם רעצענזענט קומט
אויס, אַז נוסינאָװ האָט „באַליידיקט דעם רוסישן
נאַציאָנאַלן שטאָלץ און פּושקינס גאָען", אַז נוסי־
נאָװ טײַטשט קלוימערשט אויס פּושקינען און די
גאַנצע רוסישע ליטעראַטור װי אַ צוגאָב צו דער
מײַרעװ־ליטעראַטור. דעמאָלט, אין סאָף פון די פערצי־
ציקער יאָרן, האָט עס גלײַך באַקומען אַ גרויסן
אָפּקלאַנג, ס'איז געװען דער ערשטער זאַלפּ קעגן
„די אַנשטאַמיקע קאָסמאָפּאָליטן און אַנטיפּאַ־
טריאָטן", צו װעלכע מע האָט גלײַך פאַררעכנט נו־
סינאָװן, װי אַלע מיטגלידער פונעם יידישן אַנטיפאַ־
שיסטישן קאָמיטעט, װוּ ער האָט אַקטיװ מיטגעאַר־
בעט, און באַלד אים פאַרשפּאַרט אויף דער לוביאַנ־
קע, פון װעלכער ער איז שוין ניט אַרויס.

אַזאַ איז געװען דער פינאַל פון נוסינאָװס
פאַרהעלטניסמעסיק גאָר ניט לאַנג לעבן — ער איז
דעמאָלט אַלט געװען עטװאָס מער פון זעכציק
יאָר — פון דעם לעבן, װאָס איז פון דער יוגנט
אָן געװען פול מיט רעװאָלוציאָנערן ברויז, מיט
קאַמף פאַר אַן עכטער מענטשלעכער סאָציאַלער
געזעלשאַפט. אויף די שטעגן פון דער רעװאָלוציאָ־
נערער באַװעגונג האָט ער צומאָל אומגעבלאָנד־
זשעט, אומופּהערלעך און אויפריכטיק זוכנדיק דעם
עכטן װעג צו סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַ־
פרײַונג, צו סאָציאַליסטישער קונסט.

געבוירן געװאָרן איז יִצחק נוסינאָװ דעם
14 יולי 1889 אין שטעטל טשערניכאָװ, איצט
זשיטאָמירער געגנט. פון דער קינדהייט און יוגנט
האָט ער אַרויסגעװיזן אַן אויסערגעװיינלעכן
דראַנג צו אַלזײַטיקער בילדונג. די עלטערן,
מענטשן גאַנץ פאַרמעגלעכע, האָבן אים מיט אַלע
מיטלען אונטערגעהאַלטן, ער האָט זיך ניט באַ־
נוגנט מיט שטודירן דעם טאַנאַך און מיט באַקאַ־
נען זיך מיט די אוצרעס פון דער רוסישער און
אייראָפּעישער ליטעראַטורן, נאָר שוין דעמאָלט גע־
װען פאַרכאַפּט מיטן גורל פון דער יידישער קול־
טור. אָפּגעגעבן עקסטערן די עקזאַמענעס אין
װאַרשעװער גימנאַזיע, האָט ער זיך אַרײַנגעצויגן
אין דער יידישער אַרבעטער־באַװעגונג, טרעט
אַרײַן אין „בונד", און אין דער צײַט פונעם רע־
װאָליוציאָנערן אויפשטײַג אין 1905 נעמט ער אַן
אַקטיװן אָנטייל אין די יוגנטלעכע קרײַזלעך. נאָך
דעם, װי די רעװאָלוציע איז דערשטיקט געװאָרן,

פאָרט ער אַרויס קיין אויסלאַנד, באַזעצט זיך אין
דער שװייץ. קנאַפּע צװעלף יאָר איז ער דאָרט און
אין איטאַליע אָפּגעװען. דאָס זײַנען געװען יאָרן,
װען ס'האָט זיך אויסגעפאָרמירט זײַן אַלזײַטיקע גע־
בילדעטקייט און רעװאָליוציאָנערע װעלט־אָנשױונג.

באַלד נאָך דעם, װי ער איז געקומען אין דער
שװייץ, איז ער קראַנק געװאָרן. דער טובערקוליאָז
פון דער כּוט־האַשעדרע האָט אים געבראַכט אין
אַ סאַנאַטאָריע, װוּ ער האָט געמוזט ליגן אומבאַ־
װעגלעך אין בעט, אָבער ער האָט אויסגעניצט די
צײַט צו פאַרטיפערן זײַנע קענטענישן: באַהערשט
אַ ריי אויסלענדישע שפּראַכן — פראַנצויזיש,
דײַטש, ענגליש, איטאַליעניש, מיט היסלײַװעס
שטודירט די װערק פון פאַרשיידענע שריפטשטע־
לער און פילאָסאָפן. אויפגעשטאַנען פונעם קראַנקן־
בעט, שליסט ער זיך אײַן אין די קרײַזלעך פון
די רוסישע עמיגראַנטן, לייענט די װערק פון
ק. מאַרקס און פ. ענגעלס, פון לענינען און פּלע־
כאַנאָװן, באַטייליקט זיך אין פּילצאָליקע דיסקו־
סיעס, װוּ עס האָט זיך בולעט אַנטפּלעקט זײַן
פּאָלעמישע באַגאַבונג, זײַן קויעך־האַדיבער. אינעם
לאָזאַנער רוסישן קלוב פלעג ער אָפט אַרויסטרעטן
מיט לעקציעס װעגן דער קלאַסישער און הײַנט־
צײַטיקער ליטעראַטור.

בײַס דער ערשטער װעלט־מילכאָמע טרעט נו־
סינאָװ צוזאַמען מיט די באָלשעװיקעס אַרויס קעגן
דער אימפּעריאַליסטישער בלוטבאָד, אין זײַן אָפּע־
נעם בריװ צו ג. פּלעכאַנאָװן קריטיקירט ער די
פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע פונעם אויסנעמלעכן רו־
סישן סאָציאַל־דעמאָקראַט, װעמען ער האָט הויך
געשעצט, װאַרפט אים אויף, אַז ער איז אָפּגע־
טראָטן פונעם אינטערנאַציאָנאַליזם. אויף פּלעכאַ־
נאָװן האָט געװירקט דער אויפריכטיקער טאָן פו־
נעם בריװ, און ער האָט געענטפערט דעם אומבאַ־
װוּסטן יונגן קריטיקער מיט אַן אַרטיקל „נאָכאַמאָל
װעגן דער מילכאָמע. אַן ענטפער דעם כאַװ.
ב־נאָװ", װוּ ער האָט אויפגעקלערט זײַן אייגענע
אַנטי־אימפּעריאַליסטישע פּאָזיציע און אונטערגע־
שטראָכן, אַז איצט דאַרף מען פאַרטיידיקן דאָס
היימלאַנד. י. נוסינאָװ האָט ניט געקאָנט מאַסקים
זײַן מיט אַזאַ װידערשפּרעכלעכער דערקלערונג.

אַ גרויסע באַדײַטונג האָט פאַר נוסינאָװן גע־
האַט די באַקאַנטשאַפט מיט אַ. װ. לונאַטשאַרסקין,
װעלכער האָט אין די יאָרן פון דער רעאַקציע אויך
עמיגרירט קיין אויסלאַנד. פאַר נוסינאָװן איז לו־
נאַטשאַרסקי, ניט געקוקט אויף אַלע פעלערן, װעל־
כע לענין האָט קריטיקירט, געװאָרן אַ מוסטער פון
איבערגעגעבנקייט דער רעװאָליוציע, דער מאַרקסי־
סטישער װעלט־אָנשױונג, דער קונסט. אין זײַן
אַרטיקל אין דער זאַמלונג „צום אָנדענק פון
אַ. װ. לונאַטשאַרסקי", װעלכע איז דערשינען אין
1935, האָט נוסינאָװ אים פאַרגלײַכט מיט די טי־
טאַנען פון רענעסאַנס און מיט די ענציקלאָפּעדיסטן
פונעם XVIII יאָרהונדערט: „צו די טוער פון דער
רענעסאַנס־עפּאָכע איז ער קרויװיש מיטן אויסער־
געװיינלעכן אָפּטימיזם, לעבנסלוסטיקייט, מיט זײַן
אויסערגעװיינלעכן דאָרשט נאָך אַלזײַטיקער קול־
טור. צו די ענציקלאָפּעדיסטן איז ער קרויװיש מיט
זײַן פילזײַטיקייט, מיט זײַן שטרעבונג אַלץ אָפּסנײַ

איבערצושאַצן, מיטן דאָרשט איבערצואַנדערשן די וועלט". נוסינאָוו באַוווּנדערט אין לונאַטשאַרסקין די אויסערגעוויינלעכע באַהאַוונטקייט אין אַלע געביטן פון דער קלאַסישער און הײַנטצײַטיקער קונסט.

אַזאַ ענציקלאָפּעדיש באַהאַוונטער מענטש האָט געשטרעבט צו זײַן אויך יִצחאָק נוסינאָוו. ער האָט ניט דערגרייכט לונאַטשאַרסקיס מאַסשטאַבן, נאָר טאָמיד זיך געצויגן צו אים, וואָס עס באַווײַזן זײַנע זיכרוינעס וועגן דעם גרויסן קולטור־טוער פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און זײַן בריוו־אויסטויש מיט אים[1].

ווי נאָר צו דער שווייץ איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן דער פעברואַר־רעוואָליוציע, האָט נוסינאָוו צוזאַמען מיט אַנדערע רוסישע און ייִדישע לינק־געשטימטע עמיגראַנטן גענומען זוכן אַ וועג אויף אומצוקערן זיך קיין רוסלאַנד, און ער איז אַוועקגעפאָרן אינעם צווייטן עשעלאָן פון די רוסלענדישע עמיגראַנטן, זיך אָפּגעשטעלט אין קיִעוו, וווּ ער האָט זיך גלײַך אײַנגעשלאָסן אין דעם רעוואָליוציאָנערן אויפבוי. ווען די פּעטליוראָווצעס האָבן פאַרנומען די שטאָט, האָט מען אים אַרעסטירט, באַשולדיקט אין פאַראַט און פאַרמישפּעט צו טויט־שטראָף, אָבער די כאַווײרים זײַנען געקומען אים צו הילף און אָרגאַניזירט זײַן אַנטלויפן פון דער לוקיאַנאָווער טורמע.

ער פאָרט אַוועק קיין מאָסקווע, וווּ עס האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט זײַן ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. די פּאָליטיק פונעם „בונד" האָט אים שוין ניט באַפרידיקט. באַגײַסטערט פון די פּערספּעקטיוון פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם ייִדישן פאָלק, ווען נאָך דער פעברואַר־רעוואָליוציע איז געוועזן אָפּגעשאַפן דער טכום־האַמושעוו און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז אָנגענומען געוואָרן „די דעקלאַראַציע פון די רעכט פון די פעלקער פון רוסלאַנד", האָט נוסינאָוו, דער אינטערנאַציאָנאַליסט, זיך אָפּגעזאָגט פון דער אידיי וועגן אַ קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר די ייִדן, איז אַרויס פונעם „בונד" און אין 1919 אַרײַנגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

די ערשטע צײַט נאָך דעם בירגערקריג האָט נוסינאָוו איבערהויפּט זיך פאַרנומען מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, געווען פאַרכאַפּט פון דער שאַפונג פונעם יונגן דאָר שרײַבער, וואָס האָט מיט היספּײַלעס באַגריסט דעם גרויסן אָקטיאַבער. זײַן בײַטראָג אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרנומען דרײַסיק יאָר (פון 1918 ביז 1948), איז אַ גאַנץ היפּשער. פון דער גלענצנדער פּלעיאַדע ייִדישע סאָוועטישע קריטיקער, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַן אַזעלכע גדולים, ווי מ. ליטוואַקאָוו, נ. אויסלענדער, א. גורשטיין, מ. ווינער, י. דאָברושין, טיילט זיך י. נוסינאָוו שטאַרק אויס מיט ברייטקײַט פון ערודיציע.

אין 1922 קומט ער אָן אין ערשטן אַנשטאַלט פון מאַרקסיסטיש־לענינישער געזעלשאַפט־קענטעניש, אין „ראַניאָן"[1], אין צוויי יאָר אַרום פאַרטיידיקט ער דאָרט די דיסערטאַציע „די פּראָבלעם פונעם היסטאָרישן ראָמאַן", וועלכע ער האָט געווידמעט „דעם ערשטן אַרויסלאָז (1925) פונעם ייִדישן סעקטאָר פון דעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פון די מײַרעוודיקע נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן". די דאָזיקע פּראָבלעם לייזט נוסינאָוו אויפן סמך פון צוויי ראָמאַנען וועגן דער גרויסער פראַנצויזישער בורזשואַזער רעוואָליוציע — „דאָס דרײַ־און־נײַנציקסטע" פון וו. הוגאָ און „די געטער דאָרשטן" פון א. פראַנס. ניט צופעליק איז זײַן ווענדונג צו די ווערק וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע: אין די צוואַנציקער יאָרן האָט מען בײַ אונדז אין לאַנד ברייט דערלערנט איר דערפאַרונג, אירע דערגרייכונגען און פאַרלוסטן. נוסינאָוו האָט אויסגעקליבן ראָמאַנען וועגן דעם סאַמע קריטישן מאָמענט פון דער רעוואָליוציע, ווען עס האָט זיך געלייזט איר גורל — דאָס 1793 יאָר, וואָס האָט געבראַכט צום נײַנטן טערמידאָר. ניט מיט אַלע אויספירן פון י. נוסינאָוון קאָן מען הײַנט אײַנשטימען, אויף זיי ליגט אויך דער שטעמפּל פון דער צײַט, ווען זיי זײַנען געווען געמאַכט, אָבער לייענענדיק דעם בוך, ווערט מען אויך איצט פאַרכאַפּט מיט דער לײַדנשאַפטלעכקײַט פונעם אַנאַליז. דעם אויטאָר האָט מען גלײַך באַמערקט און אויסגעוויילט אַלס אַ ווירקלעכן מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער אַקאַדעמיע, וווּ ער האָט זיך אָפּגעגעבן דער פּעדאַגאָגישער און וויסנשאַפטלעכער טעטיקײַט.

י. נוסינאָוו גייט אַרײַן אין דער רעדקאָלעגיע פון דער ערשטער סאָוועטישער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון וועלכער ס'איז געווען א. וו. לונאַטשאַרסקי. דאָרט רעדאַגירט ער די אַלגעמיין־טעאָרעטישע אַרטיקלען און די אַרטיקלען וועגן דער מײַרעוודיקער און ייִדישער ליטעראַטור. חוץ דעם, געהערט אים זעלבסט אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען, צווישן זיי — דער פּרינציפּיעל וויכטיקער צענטראַלער אַרטיקל — „ליטעראַטור", — וווּ ס'איז באַגרינדעט אַ נײַער צוגאַנג צום כאַראַקטער פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור. איצט געפינען מיר דאָרט פעלערהאַפטע אידייען, אָבער דער יעסאָד איז געווען אַ ריכטיקער: די קינסטלערישע ליטעראַטור איז „אַ באַזונדערע וועלט־געשטאַלטלעכע פאָרם פונעם געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן און דערקענטעניש פון דער ווירקלעכקײַט". עס איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן — און דאָס באַווײַזט נוסינאָווס וועלט־אָנשויונג — דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור, וועלכע ווערט געשאַפן מיצאַד געמיינזאַמע באַמיִונגען פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

דער אַלגעמיינער אַרטיקל וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור געהערט אויך נוסינאָוון (בלויז דעם ערשטן אָפּטייל — וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור ביזן XVIII יה. — האָט אָנגעשריבן מאַקס עריק).

---

[1] זע י. נוסינאָווס בריוו צו לונאַטשאַרסקין פונעם 1 יול 1931 אינעם צענטראַלן אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט (ЦГАЛИ, ф. 279, оп. 2, е. хр. 441).

[1] Ранион — Российская ассоциация научно-исследовательских институтов общественных наук.

דאָרט ווערט כאראקטעריזירט די האסקאָלע־ליטעראטור ביז מענדעלע מויכער־ספאָרים, די פאָלקס־רעליגיעזע ריכטונג, וואָס האָט געפונען אן אויסדרוק אויך אין די כאסידישע לעגענדעס און מייסעס, וועלכע האָבן דערנאָך באקומען א געוויסן אָפּקלאנג בא י.־ל. פּערעצן און באם ניסטער. שאָלעם־אליינעם איז אוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט די ערשטראנגיקע הומאָריסטן פון דער וועלט־ליטעראטור, באזונדערס זיינען אויסגעטיילט די ערשטע ארבעטער־דיכטער (מ. ווינטשעווסקי, מ. ראָזענפעלד, י. באָוושאָווער, ד. עדעלשטאט). דער לעצטער אָפּטייל פון דעם ארטיקל איז געווידמעט דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור, אירע ערשטע צען יאָר, אין וועלכע דער פאָרשער האָט דערזען נייע האָריזאָנטן. צום ערשטן מאָל איז אין א קאָמפּאקטן און פארהעלטניסמעסיק קליינעם פארנעם געגעבן אן איבערזיכט פון דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור אף יידיש פאר זיבן יאָרהונדערטער.

אינקורצן איז אוממעגלעך צו געבן א פולע פאָרשטעלונג וועגן י. נוסינאָווס בעעמעס קאָלאָסאלער ליטעראריש־קריטישער, וויסנשאפטלעכער און פּעדאגאָגישער טעטיקייט אין די דרייסיקער יאָרן. פילצאָליקע ארטיקלען וועגן טעאָרעטישע און פּראקטישע פראגן פון פארשיידענע ליטעראטורן פארעפנטלעכט ער אין דער פּעריאָדישער פּרעסע. אליין די איבערעכענונג פון די שרייבער, וועלכע האָבן אים אינטערעסירט, שאפט אן איינדרוק וועגן דעם פארנעם פון זיינע אינטערעסן. „לעוו טאָלסטאָי, אנטאָן טשעכאָוו, מאקסים גאָרקי" (אונטער אזא נאָמען איז אין 1930 דערשינען זיין בוך אף יידיש, אין א פּאָר יאָר ארום — א ספּעציעלער בוך וועגן מאקסים גאָרקי (אויך אף יידיש), אנדריי בעלי, לעאָניד לעאָנאָוו, באָריס פּאסטערנאק. פון די מיירעוו־אייראָפּעישע שריפטשטעלער — סטענדאל, אלפרעד דע־וויני, פּאָל בורזשע, מארסעל פּרוסט, זשאן זשיראָדו, ראָמען ראָלאן און פיל אנדערע. ער זוכט אויס שרייבער, וועלכע זיינען אומבאוווסט (אזא איז, לעמאָשל, זיין ארטיקל, געווידמעט דעם גורל פונעם פארגעסענעם נאָוואטאָר שארל נאָדיע, ווו ער האָט ניט בלויז פארן רוסישן לייענער, נאָר אפילע פארן פראנצויזישן אנטפּלעקט דעם דיכטער פונעם 19־טן יה.).

י. נוסינאָוו שרייבט קימאט וועגן אלע יידישע שריפטשטעלער, נאָר אמערסטן האָט אים אינטערעסירט מענדעלע מויכער־ספאָרים, וועמענס ווערק ער אנאליזירט געניי און סקרופּולעז אין פארשיידענע ווערסיעס. „פון בוך צו בוך" — אזוי איז אָנגערופן זיין ארטיקל וועגן דער געשיכטע פון די מענדעלע־וואריאנטן.

אין 1932, אינגיכן נאָך דעם באשלוס פון צק אלקפּ(ב) וועגן איבערבויען די ליטעראטור־קינסטלערישע אָרגאניזאציעס, לאָזט י. נוסינאָוו ארויס אף יידיש א בוך „פּראָבלעמען פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור", ווו ער האָט געשטעלט פאר זיך א ציל צו פאראלגעמיינערן די דערפארונג פון דער יונגער סאָוועטישער ליטעראטור. פארשטייט זיך, דער בוך טראָגט אף זיך די סימאָנים פון יענער צייט, פון דער צייט, ווען עס האָט זיך געדאכט, אז אָט־אָט וועט אונדזער לאנד דערגרייכן די הייכן פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט (דער אריינפיר־ארטיקל הייסט טאקע „אף די לעצטע עטאפּן פון דער אָנקלאסן־געזעלשאפט"). איצט, ווען מיר האָבן זיך דערוווסט, וויאזוי, מיט וועלכע מיטלען און מעטאָדן ס'האָט זיך געדארפט בויען אזא געזעלשאפט, איז לייכט צו קריטיקירן דעם אווטאָר, אָבער איבערלייענענדיק היינט נוסינאָווס ארבעט, געפינען מיר אין איר ניט ווייניק שטעלן, וואָס זיינען ביז אדהייעם וויכטיק און אפילע אקטועל.

נוסינאָוו טרעט ארויס קעגן דער דאָגמאטישער פארקריפּלונג פון דער פּארטיי־ליניע בענעגייע ליטעראטור און קונסט מיצאד דער אָנפירונג פון וואפּפּ און ראפּפּ, קעגן זייער לאָזונג „א פארבינדעטער אָדער א קלאסן־סוינע". ווי באוווסט, האָט דער לאָזונג געבראכט פריער אָדער שפּעטער צו פיזישער פארניכטונג פון א ריי באגאבטע פאָרשטייער פון דער ליטעראטור — רוסישער און ניט נאָר רוסישער. ער האלט פאר א מעכאניש־וולגארישן אויך זייער לאָזונג — „דעריאָגן און איבעריאָגן די קלאסיקער". דאָס איז באזונדערס וויכטיק. ווי עס זאָל ניט זיין פעלערהאפט די אָדער יענע נוסינאָווס שטעלונג בענעגייע אייניקע ליטעראַרישע ריכטונגען, האָט ער שטענדיק געהאלטן פאר נייטיק אונטערצושטרייכן די ראָליע פון די פריערדיקע קלאסישע טראדיציעס: „אפן יעסאָד פון לענינישן אופנעמען די ליטעראַרישע ירושע וועט די פּראָלעטארישע ליטעראטור געפינען נייע פאָרמען, וואָס וועלן ווערן א שריט פאָרויס אין דער קינסטלערישער אנטוויקלונג פון דער גאנצער מענטשהייט". ס'איז געזאָגט מיט צופיל זיכערקייט, אָבער די שטעלונג וועגן דעם, אז „דער קינסטלערישער מעטאָד פון טאָלסטאָיען און טורגעניעוון טויג פאר אונדז ניט", ווארפט ער אנטשיידנדיק אָפּ.

ביכלאל איז דער בוך „פּראָבלעמען פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור" פול מיט ווידערשפּרוכן. קריטיקירנדיק דעם ראפּפּ, ניצט נוסינאָוו אויס זיין קלאסיפיקאציע פון דער דעמלטיקער ליטעראטור אף מיטגייערישע, רעכטע, לינקע און אנדערע גרופּירונגען. ראָמאנטיזם, ווי אויך סימבאָליזם, זיינען פאר אים פרעמדע קינסטלערישע שולן, בלויז איין אייגנשאפט פון די ראָמאנטיקער דארף מען אופנעמען — זייער אקטיווקייט.

אקשאָנעסדיק און קאָנסעקווענט פארטיידיקט דער פאָרשער איינעם פון די הויפּט־פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור — איר אינטערנאציאָנאלן כאראקטער. ער דערקלערט, אז דער דאָזיקער פּרינציפּ אנטפּלעקט זיך לאכלוטן ניט אין דעם, וואָס אין א ווערק פיגורירן פאָרשטייער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן. „אונדז איז אויסגעקומען צו הערן, — לייענען מיר דאָרט, — ווי מע האָט דערקלערט איינעם א יידישן שרייבער פאר א פּראָלעטארישן הויפּטזאכלעך דערפאר, וואָס אין זיינע ווערק באגעגענען זיך ניט־יידישע פּערסאָנאזשן. פון דער צווייטער זייט, געדענקען מיר, ווי מע האָט באשולדיקט אין אידעאָלאָגישער ניט־אויסגעהאלטנקייט איינעם א לינקן יידישן מיטגייער

נאָר דערפאר, וואָס אין זײַנע ווערק פיגורירט קי־
מאט אויסשליסלעך א ייִדישער פערסאָנאזש". אזא
מין אינטערנאציאָנאליזם ווערט טראקטירט אלס א
מעכאניסטישער.

דער אינטערנאציאָנאלער צוגאנג צו ליטערא־
טור איז בא נוסינאָוון בוילעט צו זען אין דער בא־
האנדלונג פון פראגן פון דער ייִדישער ליטערא־
טור.

אנאליזירנדיק די אלגעמיינע טעאָרעטישע
פרינציפּן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור,
שטעלט ער אָרגאניש ארײַן אין זײַן בוך אויך די
ייִדישע ליטעראטור, סײַ די קלאסישע, סײַ די
הײַנטצײַטיקע. די ייִדישע ליטעראטור איז פאר אים
א באשטאנדטייל פון דער אלוועלטלעכער ליטערא־
טור. אינעם בוך ווערן גאנץ אָפט פארגלײַכט די
אָדער יענע ווערק פון דער ייִדישער ליטעראטור
מיט מערקווירדיקע ווערק פון דער רוסישער און
מײַרעוו־אייראָפּעיִשער. מענדעלע און לינעצקי זעצן
פאָר די מעסוירעס פון די סאטיריקער — וואָלטער,
גאָגאָל, סאלטיקאָוו־שטשעדרין. שאָלעם־אליכעם
שליסט זיך אָן צו אזעלכע אויסנעמלעכע הומאָ־
ריסטן, ווי מארק טווען. בערגעלסאָן ווערט פאר־
גלײַכט מיט פלאָבערן און מאָפּאסאנען. מיט איין
וואָרט, די בײַשפּילן פון די ייִדישע שרײַבער דארפן
באשטעטיקן די אלגעמיינע געזעצמעסיקײַטן אין
דער אנטוויקלונג פון דער וועלט־ליטעראטור. כוץ
דעם, זײַנען אָן און פאר זיך אינטערעסאנט נו־
סינאָווס באמערקונגען וועגן דעם אָדער יענעם
ייִדישן שרײַבער.

אין דער יונגער ייִדישער סאָוועטישער ליטערא־
טור האָט נוסינאָוו אנטפּלעקט איר נאָוואטאָריש־
קײַט. איר נײַער אינהאלט האָט געבראכט צו א
טראנספאָרמאציע פון די פריִערדיקע שטאנדהאפּ־
טיקע זשאנרען. אָנשטאָט, לעמאָשל, דעם ראָמאן,
וועלכער האָט זיך איבערהויפּט פארנומען מיטן
שטעטלדיקן באלמעלאָכע און הענדלער, מיט די
לופט־מענטשן אויף דער בירזשע, קומט א נײַער
פּראָדוציר־ראָמאן וועגן ייִדישע בויער, פּויערים,
פאבריק־ארבעטער. אלס באווײַז דערפון ברענגט ער
אָרלאנדס „הרעבליעס", אבטשוקס „הערשל שאמײַ",
עליע גאָרדאָנס „בוריאן". דאָס זײַנען נאָך ווערק
פון אָנפאנגער, זיי פארמאָגן ניט ווייניק קינסטלע־
רישע כעסרוינעס, אָבער די דאָזיקע שרײַבער זײַנען
„דרייסטע אָנפאנגער", פּיאָנערן פון א נײַעם
זשאנער.

אן אויפמערקזאמער פאָרשער פון די נײַע פּראָ־
צעסן, וואָס קומען פאָר אין דער ליטעראטור, האָט
נוסינאָוו — און דאָס איז א זייער וויכטיקע אייגנ־
שאפט פון זײַן כאראקטער — זיך ניט באנוגנט
מיט אייגנטלעך שפּעציפישע קונסט־פּראָבלעמען. ער
האָט געשפּירט נאָך די ענדערונגען, וואָס זײַנען
פאָרגעקומען אינעם ייִדישן לעבן. ער דערציילט,
ווי אין איינעם א זומער האָט ער באזוכט א בײַ־
שטעטלדיקן קאָלווירט אויף אוקראַיִנע און איז גע־
וואָרן אן איידעס פון טשיקאווע וויקוכים. ווען א
געוועזענער קרעמער האָט מיט לאָמדישע פּסוקים
זיך געקלאָגט אויף די שוועריקײַטן אין קאָלווירט,
האָט אים א טעוויע־האָרעפּאשניק מיט ביטל איבער־
געריסן: „איר האקט פּסוקים, זאָגט שוין זאָכארנו
עס האדאָגאָ"[1]. און א געזונטער געוועזענער
קאצעוו־יונג האָט זיי ביידע אויסריידן ניט געלאָזט:
„מיר וועלן שוין דאָ אליין אונדזער לאנד בויען,
מע דארף נאָר פּראצע, וועט שוין ווערן א לאנד".

י. נוסינאָוו איז געווען אן אקטיווער געזעל־
שאפטלעכער טוער, אָבער זײַן הויפּט־אינטערעס איז
געווען ליטעראטור־וויסנשאפט, מיט דער צײַט און
אדאנק דעם באדײַטנדיקן אופשטײַג פון דער סאָ־
וועטישער ליטעראטור־וויסנשאפט נאָכן ערשטן
שרײַבער־צוזאמענפאָר, א דעלעגאט פון וועלכן ער
איז געווען, האָט ער אלץ מער זיך באפרײַט פון
די פריִערדיקע, צומאָל וווּלגאר־סאָציִאָלאָגישע אײַנ־
שטעלונגען און געשאפן ארבעטן פון הויכן וויסנ־
שאפטלעכן ניוואָ, וועלכע באווײַזן אָנשוילעך זײַן
קאָלאָסאלן וויסן פון דער געשיכטע פון דער וועלט־
ליטעראטור, אָנהייבנדיק פונעם טיפן אלטערטום,
פון דעם טאנאך, פון דער אנטיק ביז דער צוויי־
טער העלפט פונעם XX יאָרהונדערט.

צווישן די דאָזיקע ארבעטן דארף מען אין
דער ערשטער ריי אָנרופן דעם בוך „דוירעסדיקע
געשטאלטן", וועלכער איז צום ערשטן מאָל דערשי־
נען אין 1937 און דערנאָך — מיט צוואנציק יאָר
שפּעטער (שוין נאָכן טויט פונעם מעכאבער) אין
א פארברייטערטן פארנעם, אונטערן נאָמען „די
געשיכטע פון ליטעראַרישע העלדן". י. נוסינאָוון
געהער די טעאָרעטישע אויספאָרשונג פון דער
עצעם פּראָבלעם — עפּאָכאלע (זיי שפּיגלען אָפּ א
געוויסע היסטאָרישע טקופע) און דוירעסדיקע גע־
שטאלטן, וועלכע זײַנען אויך געשטאלטן סאָציִאל־
פּסיכאָלאָגישע און דערצו פאראלגעמיינערט־פילאָ־
סאָפישע. דאָס צורעכענען די אָדער יענע גע־
שטאלטן צו די צוויי קאטעגאָריעס קאָן באשטרײַט
ווערן. א געשטאלט, וואָס איז כאראקטעריסטיש
פאר א באזונדערער עפּאָכע, קאָן דערנאָך פאר־
וואנדלט ווערן, אויב עס איז הויך קינסטלעריש
געשילדערט, אין א דוירעסדיקן. מע קאָן אויך בא־
שטרײַטן דעם אונטערשייד, וועלכן נוסינאָוו פירט
דורך צווישן געשטאלטן דוירעסדיקע און אייביקע.
ער ווארפט ביכלאל אָפּ דעם באגריף „אייביקע גע־
שטאלטן", אייביקע באגלייטער, וועלכן ער האלט
אלס אן אויסער־היסטאָרישן און אבסטראַקט־מעטאַ־
פיזישן. אָבער דער עצעם אנאליז פון א ריי דוי־
רעסדיקע געשטאלטן — פּראָמעטיי, דאָן־קיכאָט,
האמלעט, פאוסט, קאַיִן, כלעסטאקאָוו, אָבלאָמאָוו
און אנד. — ווידערשפּרעכט אין טאָך דער דאָזי־
קער האנאָכע. „די דוירעסדיקע געשטאלטן שיידן
זיך אָפּ פון אנדערע, — לייענען מיר אין דעם
בוך, — מיט אומפארגלײַכלעך מערערער קאָמפּלי־
צירטקײַט פון זייערע פּראָבלעמען, מערער פולקײַט
און טיפקײַט אינעם שילדערן די גרונט־קאָנפליקטן
פון דער מענטשהײַט, מיט דער גראנדיִעזקײַט פון
אָפּשפּיגלען די פּראָצעסן, וועלכע האָבן באקומען
אן אלוועלטלעך־היסטאָרישע באדײַטונג". דאָס איז
שוין א נײַער שטאנדפונקט וועגן דער אלמענטש־
לעכקײַט פון עכטער קונסט, וועלכער אין באגרינ־

---

[1] זחרנו את הדגה (דערמאָנט די פיש) — א פּאָסעק פון כומעש.

דעט געוואָרן אין נוסינאָווס פֿאָלגנדיקן בוך „פּושקין און די וועלט־ליטעראַטור“.

לויטן כאַראַקטער איז יִצחק נוסינאָוו געווען אַן ענערגישער קעמפֿער, און ניט צופֿעליק האָט ער אינעם בוך „דווירעסדיקע געשטאַלטן“ מער פֿון אַלץ געלייגט אויפֿמערקזאַמקייט אויף דער געשיכטע פֿון פּראָמעטייס געשטאַלט.

די אינטערפּרעטאַציע פֿון פּראָמעטייען האָט זיך געביטן אין משך פֿון יאָרהונדערטער, יעדעס מאָל האָט ער באַקומען אַ נײַעם אינהאַלט, וועלכער האָט אויפֿגעדעקט נײַע זײַטן אינעם אומופֿהערלעכן פּראָצעס פֿון דערקענען די געזעמסיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿון דער נאַטור. פּראָמעטייִשע אייגנשאַפֿטן האָט געיאַרשנט די גרענעצלאָזע ריי פֿון רעוואָלוציאָנערע קעמפֿער — פֿון ספּאַרטאַקן ביז ראָבעספּיערן. פֿון ראַזינען און פּוגאַטשאָוון ביז טשערנישעווסקין און אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוון, זיי זײַנען אויך געווען טיטאַנען פֿון געדאַנק און סאָציאַלער אַקטיווקייט.

מיטן זעלבן היסטאָרישן מעטאָד ווערן אַנאַליזירט אויך די אַנדערע דווירעסדיקע געשטאַלטן — האַמלעט, פֿאַוסט, ליר, וועלכע בלײַבן טראַגישע דענקמעלער פֿון פֿילדווירעסדיקער שמערץ און אומצופֿרידנקייט פֿונעם מענטשן, וואָס וועט סאָפֿקאָלסאָף באַפֿרײַט ווערן. דעם דאָזיקן אויסגעליטענעם גלויבן אין הערלעכן אָסיר האָט קיינמאָל נוסינאָוון ניט אָפּגעלאָזט.

אין זײַן נעשאָמע איז דאָך אויך אַרײַנגעפֿאַלן אַ פֿונקעלע פֿון פּראָמעטייען. ער איז אויך טאָמיד געווען אין קאַמף פֿאַר אַן עכטער סאָציאַליסטישער וועלט־אָרדענונג. ווי נאָר עס האָט אויסגעבראָכן די פּאַטערלענדישע מילכאָמע איז נוסינאָוו — צוזאַמען מיט פֿיל אַנדערע פּראָפֿעסאָרן, דאָצענטן אַספּיראַנטן פֿונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, ווו ער האָט דעמאָלט פֿאַרוואַלטעט מיט דער קאַטעדרע פֿון אַלגעמיינער ליטעראַטור, — אַרײַנגעטראָטן אין דער פֿאָלקס־אָפּאָלטשעניע. מיר, דעמאָלט יונגע זײַנע שילער, זײַנען געווען שטאָלץ, וואָס אין איין ריי מיט אונדז מאַרשירט אויך דער באַיאָרטער פּראָפֿעסאָר. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אים איז שוין געווען איבער פֿופֿציק, פֿלעג ער ווירדיק איבערטראָגן די אָווידעס־פֿערעך פֿונעם מיליטערישן לעבן. עמעס, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען אים — איבער זײַן עלטער — באַפֿרײַט פֿון דער דינסט, נאָר אין אונדזער זיקאָרן האָט זיך פֿאַרהיט זײַן אָנבליק אין דער כאַקי־פֿאָרם.

דעם קאַמף מיטן היטלערישן פֿאַשיזם האָט נוסינאָוו פֿאָרגעזעצט אויף אַן אַנדער אופֿן, אײַנשליסנדיק זיך אין דער טעטיקייט פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. זײַנע לײַדנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען באַווײַזן זיך אָפֿט אויף די זײַטלעך פֿון דער צײַטונג „איינִיקייט“, ווערן איבערגעשיקט דורך דער סאָווינפֿאָרמביוראָ קיין אויסלאַנד. מיר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט אים אין דער צײַט פֿון דער מילכאָמע, נאָך אַ פֿאַרווונדונג בין איך געלעגן אין אַ שפּיטאָל הינטער מאָסקווע. אין אַ פֿרײַען אָוונט, ווען מיר איז געוואָרן בעסער, האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ייִדישן טעאַטער. גרויס איז געווען מײַן פֿרייד, ווען אינעם אַנטראַקט איז צו מיר צוגעגאַנגען, נײַן, — צוגעלאָפֿן דער ליבער פּראָפֿעסאָר, וועלכער האָט גלײַך גענומען אויספֿרעגן וועגן דער לאַגע אויפֿן פֿראָנט.

באַגעגנט האָבן מיר זיך אויך נאָכן גרויסן ניצאָכן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אַלס אָפֿיציעלער אָפּאָנענט פֿון מײַן קאַנדידאַט־דיסערטאַציע איז באַשטימט געוואָרן י. נוסינאָוו.

דעמאָלט, אין סאָף 1946, האָט זיך זײַן געזונטצושטאַנד שטאַרק געענדערט. ס'איז שוין געווען פֿאַרעפֿנטלעכט די באַשטימונג פֿון צק אַלקפּ(ב) וועגן די זשורנאַלן „זוועזדאַ“ און „לענינגראַד“, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן די דעקאַדענטישע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך קלוימערשט באַוויזן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, קעגן אידייענלאָזיקייט, אַפּאָליטישקייט. אין די צײַטונגען באַווײַזן זיך פֿאַרמאַסקירטע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען. י. נוסינאָוו האָט נאָך געטראַכט, אַז דאָס זײַנען דערשײַנונגען צופֿעליקע, וועלכע מע וועט באַלד בײַקומען.

צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע פּובליקירט ער אין 1947 אַן אַרטיקל „גרויסע סאַכאַקלען“, וווּ ס'איז באַטאָנט ניט בלויז די נאָוואַטאָרישקייט פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועגן וואָס ער האָט פֿריִער געשריבן, נאָר אויך די העמשעכדיקייט פֿון אירע מעסוירעס: „אין די בילדער און מאָטיוון פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער קונסט זײַנען אײַנגעוועבט בילדער און מאָטיוון פֿון טאַנאַך, פֿון די פֿאָלקסטימלעכע אַגאָדע־אויצרעס, פֿון די מיטלאַלטערלעכע ייִדישע דיכטער און פֿאָלקס־לעגענדעס פֿונעם טראַגישן מיטלאַלטער, פֿונעם פֿאָלקס־שאַפֿן פֿון די לעצטע יאָרהונדערטער און פֿון די קלאַסישע ווערק פֿון די גרונטלייגער פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור“.

דער טאָן פֿונעם אַרטיקל איז נאָך אַ מונטערער, אַ קעמפֿערישער. אַן אידעאַל איז פֿאַר נוסינאָוון דאָס לעבן און דער העלדישער טויט פֿון אָשער שוואַרצמאַן, באַ וועמען דאָס וואָרט און דער טאַט זײַנען געווען אומצערײַסבאַר. ער האָט אויך געוואָלט זיך באַהעפֿטן צו דער דאָזיקער איינהײַט, אָבער די ווירקלעכקײַט האָט אים אַלץ מער אַנטוישט.

ער האָט שטאַרק איבערגעלעבט ניקאָלײַ טיכאָנאָווס רעצענזיע אויף זײַן בוך „פּושקין און די וועלט־ליטעראַטור“. ער איז געווען זייער צערודערט פֿון דער פֿולער אומבאַגרינדעטקייט, פֿון אינקרימינירן אים אַזעלכע געדאַנקען, וועלכע זײַנען אַבסאָליוט אים געווען פֿרעמד. נוסינאָוו האָט נאָך ניט געקאָנט פֿאַרויסזען די פֿאָלגן פֿון אָט דער ליטעראַריש־קריטישער אַרויסטרעטונג, ניט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ סיגנאַל צו פֿאַנאַנדערוויקלען אַ גאַנצע קאַמפּאַניע. ווען איך האָב אים אויסגעדריקט מײַן אופֿגעבראַכטקייט מיטן אַרטיקל און געזאָגט, אַז מע טאָר עס אַזוי ניט דורכלאָזן, האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז ער האָט גלײַך אָנגעשריבן אין צק אַ גרויסן בריוו, וועלכן ער האָט אָנגערופֿן „צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם עמעס“. קיין שום ענטפֿער האָט ער ניט באַקומען, און די קאַמפּאַניע פֿונעם קאַמף קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם האָט אָנגענומען אַלץ נײַע און נײַע קאָמפּליקאַציעס. אין פֿאַר־

שיידנע צײַטונגען באַווײַזן זיך אַרטיקלען — רעדאַקציאָנעלע, אָפיציעלע, אויפרופנדיקע: „קאָסמאָפּאָליטיזם — דאָס אידעאָלאָגישע געווער פון דער אַמעריקאַנער רעאַקציע", „קעגן בורזשואַזן קאָסמאָפּאָליטיזם אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט", „וועגן אַן אַנטיפּאַטריאָטישער גרופּע פון טעאַטראַלע קריטיקער" און ענלעכע. עס זײַנען געפאַלן די ערשטע קאָרבאָנעס פון דער קאַמפּאַניע. ביזן סוף באַנעמען די סיבעס און דעם גרונט פון איר האָט י. נוסינאָוו ניט געקענט, אָבער ער האָט דערפילט, אַז זי אַנטשפּרעכט ניט דעם אידעאַל פונעם סאָציאַליזם, וועלכן ער איז מיט לײַב און לעבן געווען איבערגעגעבן.

אין איינעם אַ שמועס אין יענע שווערע פּאָר אים כאַדאָשים האָט ער מיר דערציילט וועגן אַ פאַרטראַכט פון אַ דראַמע, וועלכע ער האָט זיך געקליבן אָנשרײַבן. דער דראַמאַטישער זשאַנער איז אים ניט געווען פרעמד. ער איז טאָמיד געווען אין שטרײַטן, אַ פּאָלעמיסט איז ער געווען אַ גלענצנדער. זײַנע אַרויסטרעטונגען אויף פאַרשיידענע דיסקוסיעס, וועלכע האָבן זיך אָפט געפירט אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, פלעגן שטענדיק אַרויסרופן, אַדאַנק זייער שאַרפזיניקײַט, אַ שטאַרקן אינטערעס. צוזאַמען מיט יעכעזקל דאָברושינען האָט ער אָנגעשריבן אַ דראַמע „כאַוער אינזשעניער", וועלכע איז אונטערן נאָמען „ספּעץ" געגאַנגען אין אַ ריי ייִדישע, ווי אויך רוסישע, טעאַטערס.

דער סיוזשעט פון דער דראַמע, וועגן וועלכער נוסינאָוו האָט מיר דערציילט, האָט געדאַרפט זײַן אַזאַ: 1905 יאָר, דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטײַג אינעם לאַנד. נאָך אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע, וועלכע די פּאָליציי האָט צעטריבן, האָט זיך פאַרנאַכט צונויפגעקליבן אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן, קעדיי רעדן וועגן דער קינפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער זיי שלאָגן זיך איצט און וועלכע — אין דעם סאָפעקן זיי ניט — וועט דערגרייכט ווערן. און דעמאָלט, ווען זייערע פּנימער זײַנען צעהיצט פון די טרוימען, קומט צו זיי אַרײַן מענטש פונעם 1948 יאָר און דערציילט וועגן דעם סאָציאַליזם, וואָס איז שוין אויסגעבויט, וועגן דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס איז נאָך מער פאַרשאַרפט...

דעם 15 יאַנואַר 1949 האָט מען געבראַכט צו קווורע שלוימע מיכאָעלסן. צווישן זיך האָבן די פּילצאָליקע פרײַנט און פאַרערער פונעם פאָלקס־אַרטיסט גערעדט, אַז זײַן טויט איז ניט קיין צופעליקער. נאָך מיכאָעלסעס לעווײַע האָט מען אײַנגיכן פאַרמאַכט דעם ייִדישן טעאַטער, דעם פאַרלאַג „דער עמעס", פאַנאַנדערגעלאָזט דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן פון די ייִדישע קולטור־טוער, דעם גוירל האָט ניט אויסגעמיטן אויך ייִצכאָק נוסינאָוו. ווי עס האָט מיר מיטגעטיילט זײַן פרוי סאָפיע נעלס (אויך אַ באַוווּסטע ליטעראַטור־פאָרשערן), האָט מען אים אַ קראַנקן דעם 18 יאַנואַר 1949 אַוועקגעפירט אויף לוביאַנקע.

נאָך דער רעאַביליטאַציע האָט מיר דערציילט סאָפיע נעלס, אַז נוסינאָוו איז געשטאָרבן אין טפיסע דעם 30 נאָיאַבער 1950 (אַזוי, אַלנפאַלס, האָט מען איר אָפיציעל מיטגעטיילט). צו דער זיצונג פון דער מיליטער־קאָלעגיע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין יול 1952 איבער די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער, האָט נוסינאָוו ניט דערלעבט.

אפילע אין כאָלעם האָט ער ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַזאַ סוף. ער איז פולקום געווען איבערגעגעבן דער זאַך פון סאָציאַליזם. ניט אומזיסט האָט ער געפּרוּווט אין איינעם פון זײַנע לעצטע אַרטיקלען אונטערצײַען אַ מין סאַכאַקל, נײַן, ניט פון זײַן לעבן און שעפערישער טעטיקײַט, — פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, פאַר דער אַנטוויקלונג פון וועלכער ער האָט אַזויפיל אויפגעטאָן. מיט גרויס פּאַטאָס האָט ער געשריבן: „דאָס ברויזנדע שעפערישע לעבן פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד האָט אָנגעפילט די ליטעראַטור מיט געשטאַלטן פון ייִדן — בויער, ייִדן — קעמפער, ייִדן, וואָס לייזן קאָמפּליצירטע סאָציאַלע, פּאָליטישע פּראָבלעמען, טרעגער, פון נײַע עטישע נאָרמעס".

נוסינאָווס לעצטער אַרטיקל איז געווידמעט שלוימע מיכאָעלסן.

פון אָנהייב אָן האָט מיכאָעלס אין זײַן טעאַטראַלער טעטיקײַט פאָרגעשטעלט די גרויסע טראַגיק פונעם ייִדישן פאָלק. נוסינאָוו האָט עס געפונען שוין אין מיכאָעלסעס ערשטע ספּעקטאַקלען. אינעם שאָלעם־אַליינעם־אָוונט (אויפגעפירט אין נײַ־יאָר 1921) איז אויפגעשטאַנען „דער אַפּסנײַ אַנטפּלעקטער שאָלעם־אַליינעם — דער ליריש־טראַגישער". ס'איז געווען „דער אָנהייב פון אַנטפּלעקן די ליריש־טראַגישע דערהויבנקײַט, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין דער גאַנצער ייִדישער קלאַסיק". אין מענאַכעם־מענדלען, שימעלע סאָראָקערן, אין פּערעצעס באַדכן איז נאָך מער צו זען די טראַגעדיע פונעם פאָלקס־מענטש, וועלכע האָט דערגרייכט די העכסטע פאַרקערפּערונג אין טעוויע דעם מילכיקן און אינעם קיניג ליר.

אין שעקספּירס טעקסט האָט מיכאָעלס באַזײַטיקט לירס באַהויפּטונג „ניטאָ אין דער וועלט קיין שולדיקע". „מיכאָעלסעס ליר קומט צו פאַרשטיין זײַן אייגענע אַמאָליקע שולד און מאָנט פאַר איר בײַ זיך אַליין". טעוויע גייט בײַ אים ווײַטער, ער „פאַרשטייט, פאַרוואָס עס זײַנען אַזוי באַגרענעצט און צופרידן די גווירים, פאַרוואָס זײַנען אַזוי טעמפּ זײַנע צאַרישע פאַרפאָלגער, נאָר ניט ער איז זיי מויכל, ער פאַראַכטעט זיי", און ווײַטער שטרײַכט נוסינאָוו אונטער: „דער ברענענדיקער האַס צו מענטשלעכן אומגליק און צו די אַלע, וואָס זײַנען אים גוירעם, און די ליבע צום שיינעם מענטשן האָט מיכאָעלס אויסגעדריקט אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס „טעוויע און זײַנע טעכטער".

עפּשער האָבן די דאָזיקע געדאַנקען וועגן דער טראַגיק פון מיכאָעלסעס סצענישע העלדן געהאָלפן נוסינאָוון איבערצוטראָגן זײַן אייגענע שרעקלעכע לאַגע, ווען ער האָט זיך געמאַטערט אין קאַמער.

און עפּשער האָט ער זיך דערמאָנט וועגן זײַנע אייגענע געדאַנקען אַרום הוגאָס ראָמאַן „דער

דרײַ־און־נײַנציקסטער". אין דעם ראָמאַן האָט דער פראַנצויזישער שרײַבער קעגנגעשטעלט צוויי פּאָליטישע סיסטעמען: די אָראָפּגעשלײַדערטע מאָנאַרכיע, וועלכע האָט זיך נאָך ניט אונטערגעגעבן, און די רעפּובליק, וועלכע האָט נאָך געפירט פאַרביטערטע שלאַכטן פאַר איר עקזיסטענץ. דעם מאָנאַרכישן פּרינציפּ וואַרפט הוגאָ אַנטשיידנדיק אָפּ, ס'איז דער אָוואַר, וואָס איז פאַרמישפּעט אויף אומקום. די צוקונפט איז פאַר דער רעפּובליק, נאָר הוגאָ שטעלט קעגן צוויי מינים פון א רעפּובליק. די רעפּובליק פון טעראָר: זי ווייסט בלויז איין מיטל צו גוויוער זײַן אירע קעגנער — די גיליאָטינע, און די רעפּובליק פון באַרעמהאַרציקײַט, וועמעס פּרינציפּ איז דער פאַרנונפט, הומאַנישקײַט אפילו בענעגייע די סאָנים. אײַנינעם מיט הוגאָ האָט דער סאָוועטישער פאָרשער געהאַלטן, אז די רעפּובליק איז א מער הומאַנישע סאָציאַלע סיסטעם איידער די באַרבאַרישע מאָנאַרכיע, דעריבער מעג מען אָננעמען אַלע מיטלען, בעסויכעם אויך טעראָר, קעדיי זי צו פאַרניכטן. אָבער נוסינאָוו קריטיקירט דעם פראַנצויזישן ראָמאַניסט און זײַנע אָנהענגער פאַר זייער שטעלונג, אז באַרעמהאַרציקײַט קאָן מען דערלאָזן בלויז נאָך דעם, ווען עס וועלן זיך פאַרענדיקן די שלאַכטן.

און אָט האָט ער זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם באַגעגנט מיט א נײַער סיסטעם פון טעראָר, וועלכע מע קאָן בעשום־אויפן ניט באַרעכטיקן, מיט דער סיסטעם פון סטאַלינישן טעראָר. אז מע וועט קומען צו א גרוילעכן טעראָר אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט ער קיינמאָל ניט געטראַכט, ער האָט דאָך געהאַלטן, אז די רעפּובליק פון דער צוקונפט וועט זײַן א רעפּובליק פון מענטשלעכקײַט. דעם גלויבן אין אן עכטער הומאַניסטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק איז ער געווען טרײַ ביזן לעצטן אָטעם, און דערפאַר איז נייטיק צו דערמאָנען זײַן קאָמפּליצירטן און באַלערעוודיקן אידייִש־שעפערישן וועג, וועלכער האָט זיך אַזוי אומזיניק טראַגיש איבערגעריסן.

פאָטאָ־כראָניק

מיטן נאָמען פונעם אוראַלטן ייִדישן מוזיקאַלישן אינסטרומענט — קינאָר — איז אָנגערופן געוואָרן דער ריגער קינדערשער פאָלקלאָר־אַנסאַמבל.

באַזונדערס וואַרעם נעמט מען אויף דעם נײַעם זעלבסטעטיקן קאָלעקטיוו אויף די קאָנצערטן, וואָס גייען דורך אונטער דער עגידע פון דער לעטלענדישער געזעלשאַפט פון ייִדישער קולטור.

איסאַק באַבעל. עטוואָס וועגן דער געשיכטע פון זײַנע לעצטע ווערק

מאָסקווע. 1939. 15 מײַ. אין איסאַק באַבעלס דירע גייט אַן אונטערזוכונג אין דער אַנוועזנהײַט פון זײַן ווײַב — אַנטאָנינאַ ניקאָלײַעוונאַ פּיראָזשקאָווא. געוויינלעך, קוקט מען דורך די ביכער, קסאַוויאַדן, בריוו. פאָטאָגראַפיעס לייגט מען אָפּ אין אַ זײַט. אין אַ שאָ אַרום פאָרט אַרויס דער אויטאָמאָביל אײַנעם מיט דעם שרײַבערס ווײַב קיין פּערעדעלקינאָ (הינטער מאָסקווע), וווּ באַבעל האָט אין יענע טעג געאַרבעט איבער אַ קינאָ־סצענאַרי וועגן מאַקסים גאָרקין. אין אָט דעם טאָג האָט ער געוואַרט, עס זאָל קומען צו אים דער רעזשיסער מאַרק דאָנסקאָי.

די אונטערזוכונג ווערט פאָרגעזעצט אין פּערעדעלקינאָ. ווידער, ווי געוויינלעך, קוקט מען דורך די ביכער, קסאַוויאַדן, בריוו. פאָטאָגראַפיעס לייגט מען אָפּ אין אַ זײַט...

די ידיעה וועגן באַבעלס אַרעסט איז אין איין אויגנבליק באַוווּסט געוואָרן אין דעם שרײַבער־שטעטל פּערעדעלקינאָ. באַבעלס באַגעגעניש מיט דאָנסקאָיען איז ניט פאָרגעקומען.

דעם 27 יאַנואַר 1940 האָט מען דעם גרויסן סאָוועטישן שריפטשטעלער צעשאָסן.

אין פערצן יאָר אַרום, דעם 18 דעקאַבער 1954, האָט אים רעאַביליטירט נאָכן טויט די מיליטערישע קאָלעגיע פונעם העכסטן געריכט פון פססר.

דער גורל פון די „אַרעסטירטע" קסאַוויאַדן איז אונדז דערווײַל ניט באַוווּסט. און צוגענומען האָט מען, לויט די דערינערונגען פונעם שרײַבערס אַלמאָנע, גאַנצע פינף פּאַפּקעס. וווּ האָט מען צעשאָסן באַבעלן? וווּ איז זײַן קייווער? קיין ענטפער אויף אָט די פראַגעס זײַנען דערווײַל ניטאָ. וואָס איז שייך זײַנע ווערק, וואָס האָבן געדאַרפט דערשײַנען אין דער נאָענטסטער צײַט נאָכן אַרעסט, וועלן מיר דאָ דערציילן אייניקע דעטאַלן.

אין 1964 האָט דער באַוווּסטער עסטראַדע־זינגער לעאָניד אוטיאָסאָוו פּובליקירט אַ ציקל פאַרפאַסטע מיניאַטיורן „מײַן אָדעס". אין דער האַקדאָמע לייענען מיר: „אַרבעטנדיק איבער דעם קסאַוויאַד, האָט דער אויטאָר געפונען אין זײַן היימישן אַרכיוו אַן עכט אינטערעסאַנטן דאָקומענט — די האַקדאָמע צו זײַן בוך „שריפטן פון אַן אַקטיאָר", וועלכע ס'האָט אָנגעשריבן אין 1939 זײַן לאַנדסמאַן און פרײַנט אי. באַבעל. פאַרן דערשײַנען פונעם בוך, אין צוזאַמענהאַנג מיט אי. באַבעלס אַרעסט, האָט מען די האַקדאָמע אַרויסגענומען..."

לעאָניד אוטיאָסאָווס בוך האָט געגרייט צום דרוק פאַביאַן אַבראַמאָוויטש גאַרין (געב. 1895, מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר). וועגן יענער צײַט דערמאָנט ער זיך אין זײַנע מעמוארן „איין אַליין מיט דער פאַרגאַנגענהײַט", וועלכע ער האָט געשריבן אין אָנהייב פון די 60־ער יאָרן. מיט פ. א. גאַרינס דערלויבעניש ברענג איך דאָ קורצע פראַגמענטן פון די זיכרוינעס:

„[...] איך וועל זיך אומקערן צו דער טעמע. אַרבעטן איז געווען זייער און זייער שווער — כ'בין געווען איבערגעלאָדן מיט רעפּעטיציעס, עס איז געגאַנגען אַ רעמאָנט פון דער דירע. אָבער דאָס סאַמע וויכטיקסטע — די לאַגע איז געווען אַ שרעקלעכע, יעדן טאָג זײַנען פאָרגעקומען אַרעסטן. וויפל מאָל איז אויסגעקומען איבערמאַכן דעם קסאַוויאַד, אַרויסוואַרפן אויף אַ סך זײַטן די נעמען פון נײַע „סאָנים פון פאָלק".

די אַרבעט איז געגאַנגען מיט אַ סקריפּ, אָבער פונדעסטוועגן איז זי פאָרגעזעצט געוואָרן. מיר האָבן געאַרבעט בלינדערהייט. אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ניט הײַנט, איז מאָרגן וועט מען אונדז אויך אַרעסטירן. נאָר ס'האָט אונדז אָפּגעגליקט.

אין איינעם אַ טאָג האָט אוטיאָסאָוו מיר געזאָגט: „אַלע אונדזערע שרעק וואָלטן פאַרבײַ, ווען מיכאַיל קאָלצאָוו זאָל אָנשרײַבן אַ האַקדאָמע. „דאָס איז אויסגעשלאָסן, — האָט אוטיאָסאָוו געענטפערט, — ער וועט ניט אָנשרײַבן כאָטשבי דערפאַר, ווײַל ער איז אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון דער „פּראַוודאַ". — „נו, איז זאָל זײַן באַבעל". — „אָט דאָס איז אַ געדאַנק!"

...באַבעל האָט געגעבן זײַן האַסקאָמע, און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן מײַנע אָפּקומענישן. מיר האָבן מיט אים געפירט לאַנגע שמועסן וועגן כאַראַקטער פון דעם קינפטיקן בוך. איך האָב אים דערציילט דעם אינהאַלט און אַפילע געלייענט אים די ערשטע קאַפּיטלען. נאָך דעם, ווי ער האָט אַליין זיי איבערגעלייענט, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז אַ פרעכטיק הישטאַפּכעס־האַנעפּעש פון אַ טאַלאַנטפולן טײַוול. אַזאַ איז די בוכשטעבלעכע אָפּשאַצונג, פון וועלכער אוטיאָסאָוו איז געווען אַנציקט, ווען איך האָב אים וועגן דעם דערציילט.

אין מעשעך פון עטלעכע כאָדאָשים האָט באַבעל צוגעזאָגט געבן די האַקדאָמע אָט מיטוואָך,

אַט פֿרײַטיק, אַט מאָנטיק. איך האָב שוין פֿאַרלוירן יעדע האָפֿענונג. („דער אוטאָר דריקט אויס א האַרציקן דאַנק זײַן פֿרײַנט פּ. א. גאַרין, וועלכער האָט מיט גרויסער ליבע און אויפֿמערקזאַמקײַט סיסטעמאַטיזירט און ליטעראַריש אויספֿאָרמירט די דאָזיקע נאָטיצן"). (אוטיאָסאָוו ל. נאָטיצן פֿון אַן אַקטיאָר. מ. — ל., „איסקוסטוואָ". 1939 — אַו. ס.).

איינמאָל האָט זיך מיר אײַנגעגעבן פֿויעלן בא באַבעלן, ער זאָל צופֿאָרן צו אוטיאָסאָוון. מיר ביידע, איך און אוטיאָסאָוו, זײַנען צו אים געקומען אין וואָראָנצאָוואָ פּאָליע און אוועקגעפֿירט אים אויף קראַסנאָסעלסקאַיאַ און נאָך א האַלבשאָעדיקן שמועס אויף פֿאַרשידענע טעמעס איבערגעלאָזט אים אײנעם אַליין אין דער פּוסטער דירע מיט א בויגן פּאַפּיר און א בלײַער. אומקערנדיק זיך אין דרײַ שאָ ארום, האָבן מיר אים געטראָפֿן שטיין פֿאַרטראַכט לעם פֿענצטער: ער האָט געקוקט אויף דער מעטראָ־סטאַנציע און א פֿאַרלוירענער געשמייכלט:

— עס באַקומט זיך גאָרנישט ניט. האָט אויף מיר קיין פֿאַריבל ניט...

די האָפֿענונג אויף א האַקדאָמע איז פֿאַרשוווּנדן. אָבער טיף אין האַרצן האָב איך מיט דעם ניט געקאָנט שאָלעם מאַכן.

ס'איז געקומען דער פֿרילינג פֿונעם 1939 יאָר. איך פֿלעג ווידער אָפֿט זײַן בא באַבעלן. איינמאָל האָב איך אים דערציילט, אַז אוטיאָסאָוו איז אַרײַנגעפֿאַלן אין א מאָרעשכוירע (די צײַטן זײַנען דאָך שווערע!) און נאָר די האַקדאָמע וואָלט אים געלאָזט אויפֿלעבן.

— איך בין ניט קיין דאָקטער, — האָט באַבעל זיך צעלאַכט. — אָבער איך קאָן אײַך דערפֿרייען: איך האָב אַלץ דורכגעטראַכט, און אין א וואָך ארום וועט די האַקדאָמע זײַן פֿאַרטיק.

פּונקט אין א וואָך ארום קום איך צו פֿאָרן אין דעם באַשטימטן טאָג. און, אָ — א נעס! באַבעל גיט מיר די האַקדאָמע (דאָס איז געווען אין מאַרט 1939. דעם 9־טן אַפּרעל איז דער בוך אונטערגעשריבן געוואָרן צום דרוק). איך בין געווען אַזוי צופֿרידן און גליקלעך, אַז, געזעגענענדיק זיך מיט באַבעלן, האָב איך אים אַרומגענומען און געגעבן א קוש. צי דען האָב איך דאַן געקאָנט וויסן, אַז איך זע אים דאָס לעצטע מאָל?

דער אָריגינאַל פֿון דער האַקדאָמע איז געבליבן בא מיר (ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין די מילכאָמע־יאָרן. אין ל. אוטיאָסאָווס אַרכיוו האָט זיך פֿאַרהיט איין עקזעמפּליאַר, אָפּגעדרוקט אויף א מאַשינקע, מיט דעם רעדאַקטאָרס אָנמערקונגען. — אַו. ס). באַבעלס האַקדאָמע איז אויסגענומען געוואָרן, און מע האָט אויסגעזעצט א נײַעם טעקסט — „פֿונעם אוטאָר". איינצײַטיק האָט מען אָפּסנײַ אויסגעזעצט די 11־טע און 12־טע זײַטן, וווּ עס ווערט דערמאָנט באַבעלס נאָמען".

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט מען אין מאָסקווע אַרויסגעגעבן אויף רוסיש, דײַטש, ענגליש און פֿראַנצויזיש אַן איליוסטרירטן כוידעש־זשורנאַל «СССР на стройке» („פּססר אויף דער בויונג"). אין דער רעדקאָלעגיע זײַנען געווען פֿאַרגעשטעלט: מ. גאָרקי, א. יענוקידזע, מ. קאָלצאָוו, ג. פּיאַטאַקאָוו (פֿאַראַנטוו. סעקרעטאַר), ס. אוריצקי אא. דער הויפּטרעדאַקטאָר איז געווען יע. ס. יעזשאָווא (גלאַדון־כאַיוטינאַ). צו דעם אויספֿאָרמירונג פֿונעם זשורנאַל פֿלעג מען צוציִען די בעסטע קינסטלער. אָפֿט האָבן די נומערן געגרייט ל. און ס. ליסיצקי, וו. א. פֿאַוואָרסקי, ס. ב. טעלינגאַטער, וו. כאָדאַסעוויטש, א. גאָנטשאַראָוו. די דיִאָראַמעס פֿלעגט מען געוויינלעך באַופֿטראָגן צו מאַכן ז. פּ. דיינעקאַן. פֿון די פֿאָטאָקאָרעספּאָנדענטן וועל איך אָנרופֿן מ. אַלפּערטן, ג. פּעטרוסאָוון, יאַ. כאַליפּן, ס. פֿרידליאַנדן. ווי געוויינלעך, האָבן די קאָנקרעטע נומערן געגרייט באַוווּסטע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער צוזאַמען מיט אײנעם אָדער צוויי מיטהעלפֿער. צווישן די, וועלכע האָבן סטיליסטיש רעדאַגירט די מאַטעריאַלן און וועמענס נאָמען עס שטייען אויף דער הילע, זײַנען געווען א. פֿאַדייעוו, על־רעגיסטאַן, ל. ניקולין, פּ. פּאַוולענקאָ. געוויינלעך איז יעדער נומער געווען געווידמעט איין טעמע. אַזוי, צום בײַשפּיל, איז דער נום. 8 פֿאַרן 1935 געווידמעט דער מעטראָ, און געגרייט האָט אים וויקטאָר שקלאָווסקי. דעם צוועלפֿטן נומער, וועמענס זײַטן זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן די פּאַראַשוטיסטן, האָט צוגעגרייט לעוו קאַסיל.

אַקטיוו און מיט כיישעק האָט מיטגעאַרבעט אין גאָרקיס זשורנאַל איסאַק באַבעל. יע. יעזשאָווא האָט זייער הויך געשעצט דעם שרײַבערס אָנטייל אין דער אַרבעט. מע דאַרף אָפּמערקן, אַז דעם זעלבסטמאָרד (זי האָט אָנגענומען סאַם) איז זי באַגאַנגען דאַן, ווען איר מאַן האָט נאָך געהאַט די פֿולע מאַכט, אָבער איר זעלבסט, ווי עס האָט זיך אָפּגערופֿן אויף איר טויט באַבעל, איז שוין דערגאַנגען ביז צו דער לעבער, ווײַל זי האָט וועגן א סאַך זאַכן זיך אָנגעשטויסן אָדער געוווּסט.

...אין 1936 איז אויפֿן טאָוול פֿונעם דריטן נומער פֿון דעם זשורנאַל געווען אָנגעצייכנט: „איבער די קאָלווירטן פֿון דער קיִעווער געגנט, אוקראַיִנישע ססר. פּלאַן און טעקסט — אי. ע. באַבעל". אויסגעפֿאָרמירט דעם נומער האָט וו. א. פֿאַוואָרסקי.

אין 1937 האָט מען באַבעלן געבעטן צוגרייטן דעם פֿערטן נומער פֿאַר אַט דעם יאָר. אויפֿן טאָוול איז געווען אָנגעוויזן, אַז „דער נומער איז געווידמעט דעם לעבן און דער שאַפֿונג פֿונעם גרויסן פּראָלעטאַרישן שרײַבער מ. גאָרקי. פּלאַן, הויפּטאַרטיקל און מאָנטאַזש פֿונעם טעקסט — אי. באַבעל". אינעם נומער זײַנען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון מיכאַיִל קאָלצאָוון און אַנדרע מאַלראָ אין דעם טאָג, ווען זיי האָבן איניינעם מיט באַבעלן באַזוכט מ. גאָרקין אין טעסעלי (מאַרט, 1936).

נאָך באַבעלס אַרעסט, אין יוני 1939, איז דערשינען דער זעקסטער נומער פֿון „פּססר אויף דער בויונג". ער איז געווען געווידמעט דער באַרימטער אין יענע יאָרן דינאַסטיע פֿון מעטאַלורגן — די קאָראָבאָווס. דער עלטסטער פֿון זיי, דער אָבערמײַסטער פֿונעם מאַקייעווער מעטאַלורגישן זאַוואָד איוואַן גריגאָריעוויטש קאָראָבאָוו, זײַנע דרײַ זין און די טאָכטער זײַנען דאַן געווען גוט באַוווּסט.

אויפֿן טאָוול זײַנען, ווי געוויינלעך, אָנגעוויזן



געוואָרן די אַנטיילנעמער אין דעם נומער: פֿאָטאָגראַפֿן, קינסטלער אאַ. דעם נאָמען פֿונעם פֿאַראַנטוואָרטלעכן סטיל־רעדאַקטאָר האָט מען ניט דערמאָנט. מיר איז געלונגען פֿעסטצושטעלן, אַז דעם נומער פֿונעם זשורנאַל, וועלכער איז געווען געווידמעט די קאַראַבאַוס, האָט צוגעגרייט באַבעל, און ווײַל ער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט מען זײַן נאָמען ניט אָנגעוויזן. באַבעלס געהילף איז געווען דער קומענדיקער רוסישער פּראָזע־שרײַבער וואַדים קאָזשעווניקאָוו, וועלכער האָט גוט געוווסט די מישפּאָכע מעטאַלורגן — זײַן ווײַב איז געווען קאַראַבאַוס טאָכטער, די אַקטריסע ק. אי. קאַראַבאַוואַ. זי האָט געשפּילט די ראָל פֿון נאַטאַשען אין די קינאָפֿילמען „לענין אין אָקטיאַבער" און „לענין אין 1918".

אין זײַנעם אַ שמועס מיט מיר, דעם 30־טן אויגוסט 1980, האָט וואַדים מיכײַלאָוויטש קאָזשעווניקאָוו געזאָגט: „באַבעל האָט מיך בעשאַס דער אַרבעט געלערנט, וויאַזוי מע דאַרף קאָנצענטרירן אַ פּראָזע". און, פֿאַרשטייט זיך, וועגן דעם, ווי ס'איז געגאַנגען די אַרבעט איבערן נומער פֿונעם זשורנאַל, געדענקט גוט באַבעלס ווײַב — אַ. נ. פּיראָזשקאָוואַ.

צום ערשטן מאָל האָט באַבעל זיך באַגעגנט מיט אי. ג. קאַראַבאַוון אין דעקאַבער 1935, ווען ער איז געווען אַפֿן „צוגיפֿלי" פֿון מעטאַלורגן אין דאָנבאַס. אין מאַקייעווקע האָט באַבעל געזען דעם פֿרײַלעכן איוואַן גריגאָריעוויטשן בײַם דער אַרבעט, געהערט זײַנע געשיכטעס וועגן די זין. דאָרט טאַקע האָט באַבעל זיך געטיילט מיט יורי אָלעשאַן, וויאַזוי ער וועט אָנהייבן די פֿאַרצייכענונג וועגן די קאַראַבאַוס. איינער פֿון אי. ג. קאַראַבאַוס זין — אי. אי. קאַראַבאַוו האָט פֿאַרגעדענקט באַבעלן אין זײַן העלן קאַסטיום, אין אַ קעפּי מיט אַן אופֿגעהויבענעם אָקאָלישעק, ווי אױף די היטלען בײַ די קאָזאַקן. ער האָט אויך פֿאַרגעדענקט, וויאַזוי באַבעל איינעם מיט דירעקטאָר פֿונעם זאַוואָד ג. וו. גוואַרפֿיִאַ האָבן געשמועסט מיט זײַן פֿאָטער אין דאָמנע־צעך.

דער דערשײַנער אין יון זשורנאַל וועגן דער מישפּאָכע קאַראַבאַוו איז געווען די לעצטע אַרבעט, וועלכע איז אַרויס פֿון דרוק בײַ איסאַק באַבעלס לעבן. אַרויס איז ער, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, אָנאָנים.

ס'איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז באַבעלס ווערק האָבן אין 1939 יאָר געקאָנט אַרויסגיין בלויז ביזן 15־טן מײַ, דה. ביז זײַן אַרעסט. און ווי שטאַרק איז געווען מײַן פֿאַרוווּנדערונג, ווען איך האָב אין קאַטאַלאָג פֿון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן פֿון די פֿעלקער פֿון פּססר אין דער מעלוכישער לענין־ביבליאָטעק געפֿונען אַ קאַרטל, ווו עס איז געווען אָנגעוויזן, אַז אין 1939 האָט דער פֿאַרלאַג „דער עמעס" אַרויסגעגעבן אױף ייִדיש באַבעלס אויטאָביאָגראַפֿישע נאָוועלע „די געשיכטע פֿון מײַן טויבנשלאַק"! ס'איז ניט געווען קיין שום ספֿק, אַז דער בוך האָט געקענט דערשײַנען ביזן 15 מײַ. אָבער די ביכער־צײַטשריפֿט (Книжная летопись») פֿאַרן יאָר 1939 האָט אינפֿאָרמירט אַנדערש. אינעם קאַרטל איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער בוך איז אַרויס פֿון דרוק דעם 18 — 20 יוני 1939, דה. קימאַט אין אַ חודעש אַרום נאָכן אַרעסט! באַקאַנענדיק זיך מיטן עקזעמפּליאַר אין פֿיליאַל פֿון דער לענין־ביבליאָטעק אין כימקי, האָב איך פֿעסטגעשטעלט, אַז די איבערזעצונג איז געווען אָפּגעגעבן אין זאַץ דעם 10־טן מאַרט און איז אונטערגעשריבן געוואָרן צום דרוק אַ וואָך פֿאַרן אַרעסט — דעם 8־טן מײַ 1939. דאָס קלײנע ביכעלע איז, ווײַזט אויס, אין איין אויגנבליק אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער פֿאַבריק פֿונעם נאַציאָנאַלן בוך.

ס'איז מיר געלונגען צו געפֿינען נאָך צוויי עקזעמפּליאַרן אין דער מעלוכישער ביבליאָטעק אױף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען (לענינגראַד). איך מיין, אַז די ביכלעך, וועלכע האָבן זיך פֿאַרהיט, זײַנען די אָבליגאַטאָרישע עקזעמפּליאַרן, וועלכע ס'האָבן באַקומען די גרויסע ביבליאָטעקן. וואָס איז שײַך דעם גאַנצן טיראַזש, האָט מען אים אין פֿאַרקויף ניט געלאָזט.

דער איבערזעצער פֿון דער דערציילונג (זי איז געווען געווידמעט גאָרקין, וועלכער האָט זי דאַנקבאַר אָפּגענומען) איז געווען דער זעקס־און־צוואַנציקיאָריקער, ווײַניק אין יענע יאָרן באַוווּסטער ייִדישער פּאָעט עמאַנויל קאַזאַקעוויטש, דער קינפֿטיקער אויטאָר פֿון די ביכער „דער שטערן", „אַ באַגעגעניש באַם אָדער" אאַ.

אַלס טעכנישער רעדאַקטאָר פֿונעם בוך איז אָנגעוויזן ק. פּאָטאַשניק. מיר איז געלונגען זי צו געפֿינען און אויסקלאָרן אייניקע פּראַטים. קלאַרע פּאָטאַשניק האָט אין פֿאַרלאַג „דער עמעס" רעדאַגירט ביכעלעך, וועלכע פֿלעגן דערשײַנען אין דער סעריע „מאַסן־ביבליאָטעק". אין דער דאָזיקער סעריע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ע. קאַזאַקעוויטשעס איבערזעצונג. קלאַרע פּאָטאַשניק געדענקט גוט דעם יונגן דיכטער, וועלכער, ווי זי דערמאָנט זיך, פֿלעג אין יענע טעג געוויינלעך אַרײַנקומען אין

פאַרלאַג אײַנײנעם מיט פּערעץ מאַרקישן און אַרן װערגעליסן.

רעדאַגירט האָט די איבערזעצונג טעוויע גען. אין אַ שמועס מיט אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין פאַרלאַג אין 1933 נאָכן פאַרענדיקן די ייִדישע אָפּטיילונג פון ליטעראַטור און שפּראַך באַם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. די סעריע „מאַסן־ביבליאָטעק" געדענקט ער גוט. ער האָט פאַר איר איבערגעזעצט אויף ייִדיש א. פּ. טשעכאָווס „דושענקאַ", ל. נ. טאָלסטאָיס „נאָכן באַל". סײַ קלאַרע פּאָטאַשניק, סײַ טעוויע גען היטן אָפּ אין זייערע היימישע ביבליאָטעקן די דאָזיקע סעריע. אָבער, צוליב באַוווּסטע סיבות, איז בײַ ביידן, „די געשיכטע פון מײַן טויבנשלאַק" אין ע. קאַזאַקעוויטשעס איבערזעצונג ניט פאַראַן.

נאָך אַ לעבעדיקער, נאָך ניט ביז צום סאָף אָן אונטערגעבראָכענער, בײַס דער אויספאָרשונג האָט באַבעל געשריבן מעלדונגען, אין וועלכע ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די פריִערדיקע, אַרויסגעריסענע דורך פּײַניקונגען באַווײַזן. אין יענע טראַגישע פאַר אים טעג האָט ער, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן דעם גורל פון זײַן האַקדאָמע צו ל. אָטיאָסאָווס בוך. אין מאַרט 1979, אין אַ שמועס מיטן אויטאָר פון די דאָזיקע שורות, האָט לעאָניד אָסיפּאָוויטש אָטיאָסאָוו דערציילט, אַז נאָך באַבעלס אַרעסט האָט ער דערפילט, אַז „די סנאָר ריאַדן פאַלן שוין נאָענט, זייער נאָענט". און דאַן האָט ער פאַרניכטעט אַלע באַבעלס בריוו, פאָטאָגראַפיעס און זײַנע דאַנקבאַרע אויפשריפטן. דער פאַרגעפיל האָט אים ניט אָפּגענאַרט. און ניט נאָר אים.

איסאַק באַבעל האָט אויך ניט געקאָנט וויסן וועגן דעם, אַז דער יוני־נומער פון „פּססר אויף דער בויונג" פאַרן 1939 איז דערשינען אָן זײַן נאָמען, און, פון דער צווייטער זײַט, אַז עס איז דערשינען אויף ייִדיש, שוין נאָך זײַן אַרעסט, די דערציילונג „די געשיכטע פון מײַן טויבנשלאַק".

נאָכן שרײַבערס אַרעסט האָט מען געמאָלדן א. נ. פּיראָזשקאָווען, אַז אין דער פאַרוואַלטונג פאַר אָפּהיטן די אויטאָר־רעכט פון שרײַבער איז אויף אי. ע. באַבעלס נאָמען אָנגעקומען אַ געוויסע סומע געלט. ס'קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען דער האָנאָראַר פאַר די אָנגערופענע ווערק. באַקומען שריפטלעכע אַרעוו־צײַגענישן פון וו. קאַטײַעוון און ש. מיכאָעלסן, אַז זי איז באַבעלס ווײַב און זײַן יורש, איז אַנטאָנינאַ ניקאָלײַעוונאַ אַוועק באַקומען דאָס געלט, אָבער עמעצער האָט שוין געגעבן אַ קאָמאַנדע, און זי האָט זיך אומגעקערט מיט ליידיקע הענט.

אושער ספּעקטאָר

פאָטאָ־כראָניק

דער ווײַסרוסישער שרײַבער וואַסיל ביקאָוו טרעט אַרויס אויפן טרויער־מיטינג אין מינסק, געווידמעט די קדושים פון מינסקער געטאָ.

פאָטאָ — יע. זילבערגלייט

שפּערישע רײַכקײַט



כאַים מעלאַמודס בוך „אומפאַרגעסלעכס" באַשטייט פון צוויי טיילן: „אומפאַרגעסלעכע דערציילונגען" און „דערציילונגען וועגן שרײַבער". דאָס זײַנען פאַרשיידענע זשאַנרען: קינסטלערישע פּראָזע און עסייען וועגן דער שאַפונג פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער.

אין ערשטן טייל קערט אונדז אום דער אַווטאָר צו דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אין מעשעך פון וועלכער אונדזער לאַנד האָט פאַרן ניצאָכן איבער דעם דײַטשיש־פאַשיסטישן סוינע באַצאָלט די העכסטע פּרײַז — 20 מיליאָן מענטשלעכע לעבנס. באַזונדערס שוידערהאַפטיק איז געווען דער גוירל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע איז צום ערשטן מאָל אין דער לאַנגדויערנדיקער היסטאָריע פון דער מענטשהײַט פאַרמישפּעט געוואָרן צו טאָטאַלער פאַרניכטונג אין די באַדינגונגען פון ליידן, פאַר וועלכע דאָס מענטשלעכע לאָשן פאַרמאָגט ניט קיין פּאַסיקן אויסדרוק.

אין נאָכמילכאָמע־פּעריאָד איז די קינסטלערישע ליטעראַטור באַרײַכערט געוואָרן מיט דערציילונגען, זיכרוינעס, ראָמאַנען וועגן די דאָזיקע געשעענישן. זייער אינהאַלט איז פילזײַטיק און פאַרשיידן אין אַזאַ מאָס, אַז עס קאָן זיך אויסווײַזן: ס'איז שוין ניט געבליבן קיין אָרט פאַר צוגאָבלעכע פראָטים, פאַר נײַע ראַקורסן, פאַר פרישע בילדער און אויסדרוקפאָרמען. כאַים מעלאַמוד און אונדזערע שרײַבער פון זײַן דאָר באַווײַזן, אַז דאָס איז ניט אַזוי.

זײַנע „אומפאַרגעסלעכע דערציילונגען" הייבן זיך אָן פון אַן אַלגעמיינער, אַפן ערשטן קוק „נייטראַלער" סקיצע, אין וועלכער מיר קאָנען לייענען צום סאָף אַזאַ אַרויסזאָג: „אַ מענטש איז שטענדיק גענייגט צו זוכן אין אַ צווייטן דעם זיקאָרן בא זיך אַליין". אין די ראַמען פון דער דאָזיקער ניט איבעריקס קלאָרער סענטענץ שרײַבט מעלאַמוד: „ער לעבט אין זיקאָרן ניט נאָר פון יענעם דאָר מיידלעך, וועלכע האָבן געטראָגן צו די אָקאָפּעס קריגלעך מילך, נאָר אויך אין זיקאָרן פון זייערע קינדער און אייניקלעך, פון די, וואָס טראָגן איצט האַלדזטיכלעך און ווער ס'וועט אײַנגיכן זיך זעצן צום רודער פון די טראַקטאָרס און קאָמבײַנען און טאָן אַלץ, אַז קובאַנער ווייץ זאָל געבן נאָך העכערע גערעטענישן". מע דאַרף זיך ניט וווּנדערן פון דעם, וואָס דער אַווטאָר האָט דאָ אַרײַנגעבראַכט אַ לעפּאָנעם זײַטיקע סקיצע — זי האָט איר טיפן זין פאַרן פאַרגלײַך צווישן דעם לעבעדיקן, פילקאָליריקן לעבן, וואָס האָט געבראַוזט ערעוו דעם דײַטשיש־פאַשיסטישן אָנפאַל, און דעם קאָשמאַר, וועלכער איז געקומען דערנאָך.

דער לייענער טראָגט זיך אַריבער אין די פּעוור־ראַל־טעג פונעם צוויי־און־פערציקסטן. צוויי פּאָליצײַען האָבן אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון דער שטוב, אין וועלכער ס'האָט געוווינט די „געמישטע מישפּאָכע" — דאַנילקע און זײַן פרוי, די ייִדישקע אַריסיע:

— הײַדאַ, אַריסיע, טו זיך אָן, נעם דאָס מיידעלע און קום אַרויס.

אין שול איז געווען דער זאַמלפּונקט פון דער פאַרורטיילטער ייִדישער באַפעלקערונג. דער אַווטאָר דערציילט: „אַלע זײַנען געשטאַנען האַלבנאַקעטע און באָרוועסע, און אַלעמאָל האָט אַ דונער געטאָן אַ שיקערע קאָמאַנדע:

— צוואַנציק מענער אַרויס!

— צוואַנציק פרויען אַרויס!"

צווישן די צוואַנציק פרויען איז געווען אויך אַרי־

סיע. דער פראָסט האָט א שניט געטאָן, ווי מיט א מעסער. דאנילע איז צוגעלאָפן צו אריסיען, גענומען דאָס קינד אף די הענט. פון דער שול צו די גריבער איז ניט געווען שטארק ווײַט... באָרוועסע איבערן אײַז זײַנען די אסירים אהין צוגעקומען.

א פּאָליצײַ האָט געוואָלט ארויסרײַסן בא דאנילען דאָס מיידעלע, ס׳איז פאָרגעקומען א געשלעג, אן אומזיניקער און האָפענונגסלאָזער. און דער אווטאָר גיט צו: „מע האָט טאקע שוין געדארפט זײַן א בײַסעלע גערירט, נאָר אזעלכע זײַנען געווען אלע, וואָס זײַנען געשטאנען אפן ראנד פון די גריבער". ווען דער פּאָליצײַ האָט געריסן דאָס קינד פון דאנילעס הענט, האָט דאנילע דערלאנגט אים א קלאַפּ מיטן גאנצן קויעך, און איז געפאלן א דערשאָסענער אינײנעם מיטן קינד אין דער זעלבער גרוב, ווו ס׳איז געלעגן אריסיע.

דער לייענער דארף זיך ניט אײַלן מיט אויספירן און נאָך ווייניקער — מיט סאכאקלען. דאָס אויבנדערציילטע איז דאָך געווען פראקטיש א מין האקדאָמע, נאָך וועלכער דער אווטאָר האָט זיך אליין גענדארפט שענקען א קורצן אָפּרו, קעדיי צו שטארקן זײַן הארץ פאר דער טעמע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם גאנצן ווערק — „אומפארגעסלעכס". דאָס דרינגט ארויס פון דעם, ווי אויסערסט פארשיידן עס זײַנען געווען די טראגישע געשעענישן, ווי אכזאָריעסדיק זיי האָבן זיך אנטוויקלט אין גאנג פון דער מילכאָמע. אין דער דערציילונג „ארום דעם אלטן בעסוילעם" זעען מיר די ערשטע בלוטיקע שריט פון דער דײַטשיש־פאשיסטישער כײַע. דאָס בילד פון די גריבער, וווהין מע ווארפט ארײַן צעשאָסענע און ניט ביזן סאָף דערשאָסענע מענטשן, איז געווען, אזוי צו זאָגן, „פרימיטיוו", מיר האָבן דאָס שוין געזען אין סענטיאבער 1941 אין באבי יאר און אין אנדערע ערטער. נאָר די מאשין פון פארטיליקונג האָט זיך געפונען אין פּראָצעס פון קעסיידערדיקער פארפולקומונג. און ניט נאָר דאָס — די אומענדלעכע האריגעס פון גרויס און קליין האָט בא די ראָצכים צערייצט די בלוטן און די מענטשלעכע רעפּטיליע האָט געזוכט און צוגעטראכט אלץ מער סאדיסטישע פאָרמען פון אומברענגען, וועלכע זײַנען געווען גרויזאמער פון אלץ, וואָס עס איז באוווסט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט. דאָס ווערט דערציילט אין „אומפארגעסלעכס". דער אווטאָר שילדערט סצענעס פון ספּעציעל צוגעטראכטע, פאר דעם מענטשן אומדערטרעגלעכע פּײַניקונגען, וועלכע ברענגען די קאָרבאָנעס צום יִיעש־געדאנק, „מע זאָל שוין גיכער שיסן, און זאָל נעמען א סאָף".

אזוי איז אנטשטאנען אין „אומפארגעסלעכס" די שילדערונג „וויפל טויטן קאָן איבערלעבן א מענטש". עס רעדט זיך דאָ וועגן מאוטהאוזען־לאגער. מעלאָמוד וויל ניט, מע זאָל אים גלייבן אפן וואָרט, און ער דערציילט וועגן געשעענע פאקטן, וועלכע דארפן פארשריבן ווערן אף די טאָוולען פון דער געשיכטע, קעדיי עס זאָלן וויסן וועגן זיי אלע קומענדיקע דוירעס.

דער שרײַבער ווייסט דעם סאָד פון ליכט און שאָטן אין קינסטלערישן געמעל, און ער ניצט עס דערפאָלגרײַך אויס. ער שרײַבט:

„א ריינער, א לויטערער פארצײַטיקער הימל. און א ביסעלע ווײַטער — א וואלד, וואָס דערגרייכט ביזן הימל מיט די אייביקע גרינע יעלן. און די ערד! פון יענער זײַט לאגער איז די ערד גאָר אן אנדערע, א געוויינלעך ערדישער וועג... א וועלדל פון רעכטס, רויזן־קוסטעס פון לינקס... מע קאָן פילן די אָפּרישנדיקע פײַכטקײַט, וואָס ציט זיך פונעם וועלדל, און די שארפע, שיקערנדיקע רייכעס פון די רויזן־קוסטעס. נאָר איצט..."

איצט קומט דער שאָטן פונעם בילד, דאָס שלעכטס אין דער וועלט, אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט, פינקטלעכער געזאָגט — אין מענטשלעכן מין. קיין מאוטהאוזען האָט מען געבראכט א שטראָפקאָמאנדע. די אסירים ווייסן נאָך ניט, וווהין מע פירט זיי און וואָס עס באטײַט דאָס ברענגען זיי אהער. דער געהילף־שעף פונעם לאגער, דער שטורמבאנפירער בארמײַער האָט עס געגעבן זיי צו פארשטיין אָן ווערטער.

ער און זײַן הונט „לאָרד" זײַנען געווען ענלעך איינער אפן צווייטן און איינער דעם אנדערן האָבן גוט פארשטאנען. „אין יענעם גאנצפרי, — שרײַבט מעלאמוד, — האָט „לאָרד" זיך א וואָרף געטאָן אף איינעם, לויט זײַן אייגענעם אויסוואל, ארויסגעריסן אים פון דער ריי און פאר געציילטע סעקונדעס אים צעביסן און צעריסן". בארמײַער איז געשטאנען ווי פארקישעפט. ס׳איז בא אים געווען דער גרעסטער פארגעניגן צו קוקן, ווי זײַן „לאָרד" פילט אויס זײַן „פליכט".

די אסירים זײַנען צום ערשטן מאָל ארויס אף דער ארבעט. אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין ארבעט, נאָר א מין פאנטאסמאגאָרישער אומזין, בעשאס וועלכן דער ציל איז געווען דערפירן די קאָרבאָנעס צום טויט דורך דיליידן פון אן אָרגאניזירטער אומגעלומפערטער איזדיעקעניש. צוליב דעם זײַנען געגעבן געוואָרן אין געציילטע מינוטן און אפילע סעקונדעס פארשיידענע באפעלן:

— לויפן!
— לייגן זיך!
— פויזען!
— אופשטיין!

דאָס זעלבע כאזערט זיך איבער אָן א שיר מאָל. דער אָטעם בא די פארורטיילטע קאָרבאָנעס איז שוין פראקטיש פארלוירן, נאָר פאלן אָן א באפעל איז פארבאָטן, און הונדערטער אומגליקלעכע טשעפּען זיך אָן אווטאָמאטיש איינער אין אנדערן, קעדיי ניט צו פאלן און אזויארום פארגיכערן דעם אומפארמײַדלעכן טויט.

קאָן עס לאנג אויסהאלטן א מענטש? דעריבער איז ניט שווער צו פארשטיין, אז די אסירים געפינען זיך אין א פסיכישן צושטאנד, ווען אלץ ארום האָט ווי אופגעהערט צו עקזיסטירן, און די גאנצע וועלט איז געוואָרן פינצטער און אויסגעלאָשן, יעדערער פון זיי „האָט קוים געגלייבט, אז ער איז אמאָל א קינד געווען און אים האָט א מוטער געהאט".
נאָר דער אויסלייזנדיקער טויט איז נאָך ניט געקומען, און עס לאָזט זיך הערן א נײַע קאָמאנדע פון די עסעסאָווצעס:
— שנעלער, שנעלער!

אזוי דערגרייכן זיי די שטיינגרובנס מיט די הונדערט זעקס און אכציק טרעפּ.

— לויפן, לויפן!

אף די טרעפּ דאַרפן די אסירים אַראָפּלויפן אין איין אָטעם, כאַפּן א שווערן שטיין און מיט דער זעלבער גיכקײַט, מיטן שטיין אף די פּלייצעס לויפן ארויף די הונדערט זעקס און אכציק טרעפּ — ניט אומזיסט האָט מען עס גערופן „טויט־לייטער".

איז דאָס שוין אַלץ? ניין. פון אויבן פליט אַראָפּ א לאַגערניק, א „פּאַראַשוטיסט", וועלכן די עסעסאָווצעס האָבן — אלס שטראָף אָדער פּאָשעט צוליב פאַרווײַלונג — אַראָפּגעשטויסן. דער קאָרבן איז געפלויגן אף דעם טויט־לייטער מײַסע פּאַראַשוטיסט איבער די שפּיציקע שטיינער און אומעטום איבערגעלאָזט א ביסל בלוט.

ווי דער טויט זאָל ניט זײַן געוווּנטשן אין לעצטן סאַכאַקל, ווערט ער אָפּגעוואָרפן אינסטינקטיוו, ווען ער קאָן פּאַסירן טייקעף, אין געציילטע מינוטן. דערפאַר טאַקע האָבן די לאַגער־קאָרבאָנעס אָפּגעהאַלטן זייערע נאָענטסטע כאַווײרים און זיך אַליין פון פאַלן, ווײַל דאָס האָט באַטײַט די סאַקאָנע פון געטייט ווערן. מעלאַמוד שטרײַכט אונטער דעם געדאַנקענגאַנג פון די אסירים: „ווי ס׳זאָל זיך דיר ניט וועלן זאָגן צו זיך אַליין, אז דו קאָנסט מער ניט, זאָלסטו אָנשרײַען אף זיך: „דו קאָנסט!", ווײַל דו טאָרסט ניט ווערן א זעלבסטמערדער". אָבער דער טענדענץ אומבאַדינגט אויסצולעבן האָבן די דײַטשן קעגנגעשטעלט אויסגאַנגסלאָזע סיטואַציעס. זיי האָבן געוווּסט, אז אף אוועקשלעפּן א וואַגאָנעטקע מיט שטיינער דאַרף מען האָבן ביז צען מענטשן, האָבן זיי אײַנגעשפּאַנט בלויז איין ייִדן און געהייסן שלעפּן. זיי האָבן זיך פאַרווײַלט, מיט אַלע קוילעס אונטערגעטריבן דעם אײַנגעשפּאַנטן, געגוואַלדעוועט און געשמיסן אים, ווער מיט גומענע שטעקנס און ווער מיטן אווטאָמאַט, — אזוי לאַנג ביז דער געמײמעסטער איז אומגעפאַלן און שוין ניט געקאָנט אופשטיין. דאַן האָט מען אײַנגעשפּאַנט א צווייטן, א דריטן און אזוי ווײַטער — מיט דעם זעלבן טויט־רעזולטאַט.

איז דאָס שוין אַלץ? ניין. איינער פון די פאַשיסטישע אופזעער האָט ליב געהאַט אַרײַנשטעקן דעם קאָפּ פון זײַן קאָרבן אין א פאַס וואַסער און אזוי אים האַלטן, ביז ער וועט פאַרלירן זײַן אָטעם. מעלאַמוד רופט אָן דעם קאַפּאָ לינצער, וועלכער האָט געקאָנט אומוואַלגערן אף דער ערד זײַן קאָרבן און א שטעל טאָן דעם שווערן שטיוול אף זײַן האַלדז, קוועטשן און שטיקן אזוי לאַנג, ביז יענער וועט אופהערן צו כאָרכלען און א דריגע טאָן מיט די פיס.

אין דער וועלט־ליטעראַטור איז „דאַנטעס גענעם" געוואָרן א קלאַל־נאָמען. נאָר „דאַנטעס גענעם" איז בלויז א וויזיע, וועלכע דריקט דעם מענטשנס גײַסט, נעמט אָפּ בא אים די רו, דערשלאָגט זײַן געמיט. זי טייט אָבער ניט און, ווי קימאַט יעדע וויזיע, איז זי יענוועלטיש און קאָן דעריבער ניט גיין אין פאַרגלײַך מיטן ווירקלעכן גענעם פון די פאַשיסטישע גזיירעס. איר גרויל האָט ניט, לויט די מאַסשטאַבן און דער מאָס פון אכזאָריעס, קיין בײַ־

שפּיל אין דער געשיכטע. נעמלעך דערפאַר האָט זי ארויסגערופן אַן אומענדלעך ברייטן ליטעראַרישן שטראָם, אין וועלכן ס׳האָט זיך איצט אַרײַנגעגאָסן מעלאַמודס „אומפאַרגעסלעכס" מיט זײַן אויסגעשפּראָכענער טענדענץ צו דאָקומענטאַלער שילדערונג, וועלכע וואַרפט ניט אָפּ קיין פּראָטים. דאָס איז באַזונדערס ווערטפול, ווען מע נעמט אין אכט, אז מעלאַמודס באַרוף אין דער ליטעראַטור איז לעבנסבאַשטעטיקנדיקע פּראָזע.

מעלאַמוד קומט צום אויספיר, אז „די טויזנטער אסירים, וואָס זײַנען צונויפגעטריבן אהער פון גאַנץ אייראָפּע נאָך דעם, ווי מע האָט אויסגעפּרוּווט אף זיי אַלע טויטן פון די דאַכאַוס און טרעבלינקעס, האָבן געהערט צו דעם אויסגעפּרוּווטסטן, פאַרהאַרטעוועטסטן, פאַראַקשנסטן, גײַסטפולן טייל פון דער מענטשהײַט, פאַר וועמען די סאַמע שווידערלעכע צײַט האָט אָפּגעקליבן דעם העכסטן פּרוּוו אף באַשטימען, וואָס אזוינס איז א מענטש און אף וואָס איז ער פעיִק".

איינעם מיט „אומפאַרגעסלעכס" האָט דער אווטאָר פאַרעפנטלעכט אין זײַן בוך א ציקל עסייען וועגן דער שאַפונג פון אונדזערע הײַנטצײַטיקע שרײַבער. די דאָזיקע טעמע האָט אין א געוויסער מאָס א שײַכעס צו די אומפאַרגעסלעכע פאַקטן פונעם לעצטן קריג. און דאָך איז דער כאַראַקטער זייערער א גאַנץ אַנדערער, איידער פון די קינסטלערישע דערציילונגען. באַם לייענער קאָנען זיי ארויסרופן מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן, א וויקועך וועגן די אָפּשאַצונגען, וועלכע דער אווטאָר האָט פאָרמולירט.

דער רוישעם פון „אומפאַרגעסלעכס" וועט באַם לייענער אָפּגעשוואַכט ווערן. אַדעראַבע: אפן פאָן פון דער נײַער ווירקלעכקײַט וועט דער הײַנטיקער לייענער נאָך טיפער באַנעמען די דערגרייכונגען פון דעם איצטיקן טאָג. ס׳וועלן נאָך לאַנגע יאָרן דערשיטערט ווערן די קומענדיקע נײַע דורות, לייענענדיק וועגן די שרעקלעכע געשעענישן פון יענע פאַרהעלטניסמעסיק ניט־ווײַטע יאָרן, ווען ס׳האָט עקזיסטירט אין דער וועלט דער אומענטשלעכער גענעם, וועלכן ס׳האָט געבראַכט דער דײַטשישער פאַשיזם. אין „אומפאַרגעסלעכס" ווערט צום אָרט דערמאָנט דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע". נאָך מער: דאָס, וואָס מיר געפינען אין דאַנטעס ווערק, קאָן ניט פאַרגלײַכט ווערן מיט די שרעקלעכע פאַרברעכנס, וועלכע האָבן ניט קיין אַנאַלאָגן אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכקײַט.

אַנדערש קלינגען איצט אייניקע ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זײַנען בעשײַטע געווען „הײַנטצײַטיק" און איצט זײַנען זיי שוין בלויז א דערמאָנונג וועגן אמאָליקע, גאַנץ ווײַטע פון אונדז סיטואַציעס, ערטערווײַז אומפאַרשטענדלעכע זאָרגן און ניט שטענדיק אינטערעסאַנטע פּראָטים. בלויז די בעסטע פון זיי זײַנען אַלפּי קלאַל פעיִק ארויסרופן דעם אינטערעס פונעם לייענער אף דער גרענעץ פון די אכציקער און נײַנציקער יאָרן.

מוישע מאַרגאָלין

א וויכטיקער רעכטצײַטיקער אופּטו (וועגן דעם „קורצן ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך“)

די אלץ וואַקסנדיקע צאָל פון די מענטשן, וואָס לערנען ייִדיש, האָבן מיט גרויס באַפרידיקונג אויפגענומען דעם ערשטן העפט פונעם „קורצן ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך“, וואָס איז דערשינען אלס בײַלאַגע צום זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, נומ. 1, 1989. דאָס איז א גרויסער און וויכטיקער אופּטו, און טאַקע צו דער רעכטער צײַט אַן אופּטו, וואָס וועט פּראַקטיש העלפן שוין איצט עפעקטיווער אויסצונוצן די נײַ־געשאַפענע גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער ייִדישקולטור אין אונדזער לאַנד.

יעדער איינער, ווער עס האָט צו טאָן מיט דער אָרגאַניזאַציע און דורכפירונג פון ייִדיש־לימודים, ווייסט פון דער אייגענער דערפאַרונג, ווי וויכטיק עס איז, אז סײַ דער לערער, סײַ דער שילער זאָלן האָבן א ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך, וועלכער איז באַזונדערס נייטיק באַם לייענען אָריגינעלע ייִדישע טעקסטן און ווערק פון ייִדישע שרײַבער. די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אָן שום ספק ריכטיק געהאַנדלט, ווען זי האָט באַשלאָסן ניט אָפּצוּען דעם איניען אין דער לאַנגער באַנק, ביז עס וועט דערשײַנען א גרויסער ייִדיש־רוסישער ווערטערבוך, און האָט זיך אָפּגערופן אף די דרינגענדיקע פאָדערונגען, אַרויסגעבנדיק דעם „קורצן ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך“. ס׳קומט דער רעדאַקציע און דעם צונויפשטעלער פונעם ווערטערבוך ג. עסטרײַכן א יאַשער־קויעך.

דער ווערטערבוך האָט א ריי מײַלעס. דער צונויפשטעלער האָט ריכטיק געהאַנדלט, אויסשליסנדיק פון דער ווערטער־ליסטע („סלאָווניק“) ענגספּעציעלע טערמינען און אויך ווערטער, הויפּטזאַכלעך אינטערנאַציאָנאַליזמען, וואָס זייער באַטײַט איז קלאָר דעם רוסיש־ריידנדיקן לייענער און פאָדערט ניט קיין איבערזעצונג אף רוסיש. פאַרשטייט זיך, אז אַנשטאָט די אויסגעשלאָסענע ווערטער שאַפט זיך א מעגלעכקײַט אין די ראַמען פון א קורצן ווערטערבוך אַרײַנעמען א גרעסערע צאָל גאַנגבאַרע, וואָס זייער באַטײַט דאַרף דערקלערט ווערן.

ווערטער זײַנען, ביכלאַל גענומען, פּילבאַטײַטיק, און פאַרן צונויפשטעלער איז געשטאַנען די פראַגע: וועלכער באַטײַט דאַרף אין אזא קורצן ווערטערבוך געגעבן ווערן אלס רוסישער עקוויוואַלענט. כ׳האַלט, אז דער צונויפשטעלער האָט געהאַט רעכט, אויסקלײַבנדיק פון אלע מעגלעכע באַטײַטן דעם גרונטיקן, קאָנקרעטן הויפּט־באַטײַט, וואָס וועט דערמעגלעכן דעם לייענער אין דער מערהײַט פאַלן צו פאַרשטיין אויך די אנדערע, אָפּטמאָל מעטאַפאָרישע, איבערגעטראָגענע ניואַנסן פון דעם וואָרט־באַטײַט.

פאַר די אָנפאַנגער, ווען עס קומט אָפט אויס זעלבשטענדיק, אָן דער הילף פון א לערער זיך אויסלערנען לייענען ייִדישע טעקסטן, איז זייער גוט, וואָס דער צונויפשטעלער האָט געגעבן דעם ייִדישן אלעפבייס מיט דער געהעריקער טראַנסקריפּציע און מיט דערקלערונגען אף רוסיש.



דער גרעסטער כיסאָרן איז אָבער — דער צו קליינער טיראַזש! שוין איצט קאָן מען מיט דער פולער זיכערקײַט פעסטשטעלן, אז א סאַך פון די, וואָס נייטיקן זיך אמייַנסטן אין דעם ווערטערבוך, האָבן אים ניט באַקומען. עס איז פאַראַן א גרונט צו האָפן, אז די רעדאַקציע וועט אַנטקעגנקומען די דרינגענדיקע באַקאָשעס פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט און וועט צוגרייטן און אַרויסגעבן א צווייטע אויפלאַגע פונעם ווערטערבוך.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָלט, לויט מײַן מיינונג, זײַן געווּנטשן אַרײַנטראָגן אין דעם ווערטערבוך געוויסע ענדערונגען און אויסבעסערונגען, די וויכטיקסטע פון וועלכע זײַנען פאָלגנדיקע:

א) די נײַע אויפלאַגע דאַרף מען ז׳ערגאַנצן מיט א ריי נײַע ווערטער און וואָרט־פאָרמען, וואָס פעלן אין דער איצטיקער אויפלאַגע. 1) עס פעלן, לעמאָשל, אזוינע וויכטיקע וואָרט־איינסן ווי: „איר“ — איר שרײַבט, „איר“ — איך גיב איר, „איר“ — איר בוך; „ביז“, און מעגלעך אויך אנדערע ענלעכע ווערטער פונעם גרונט־באַשטאַנד פון דער ייִדישער לעקסיק. 2) אף די געהעריקע אלפאַבעטישע פּאָזיציעס דאַרף מען אַרויסטראָגן אלע סופּלעטיווע פאָרמעס אָדער פאָרמעס, וואָס ווערן געבילדעט מיט אן ענדערונג פונעם וואָרט־וואָרצל.

אין איצטיקן וואַריאַנט פעלן אזעלכע סופּלעטיווע פאָרמעס ווי „איז“, „געווען“, „ביסט“; אזעלכע פאָרמען מיט א געענדערטן וואָרצל ווי, „געבראַכט“, „געשטאַנען“, „געגאַנגען“, און אלע אנדערע ענלעכע פּאַרטיציפּן מיט א געענדערטן וואָרצל. די דאָזיקע ווערבן דאַרף מען פון סאַמע אָנהייב ברענגען אין אינפיניטיוו און אין פּאַרטיציפּ, און כוץ דעם, דאַרף

מען נאָך באַזונדער ברענגען דעם פּאַרטיציפּ מיט דעם אָנווייַז „פּאַרטיציפּ פון...". לעמאָשל, דעם ווערב „האָבן" וואָלט מען געדאַרפט געבן אַזוי: „האָבן (האָב, האָסט, האָט; פּאַרטיציפּ — געהאַט)" — און נײַדעריקער לויטן אַלעפבייס — „האָסט" — 2־טע פּערזאָן איינצאָל, פון „האָבן" און פריִער (אין דעם טייל אָף „גימל") „געהאַט" פּאַרטיציפּ פון „האָבן".

וואָס שייַעך די סובסטאַנטיוון, ווערן זיי אויך אין איצטיקן וואַריאַנט געבראַכט מיט דער געענדערטער מערצאָל־פאָרם. לעמאָשל, ז. 78: „גאַנדז, ס, 2 גענדז". אָבער די פאָרם „גענדז" דאַרף מען נאָכאַמאָל איבערכאַזערן אָפן געהעריקן אַלפאַבעטישן אָרט, נעמלעך: „גענדז מערצאָל פון גאַנדז", (דה. אַזוי ווי עס איז פאָרגעשטעלט אינעם איצטיקן וואַריאַנט דאָס וואָרט „אָף, אויפעס" (ז. 55) און באַזונדער „אויפעס" (ז. 24). בלויז אין דעם פאַל וועלן די אָנפאַנגער (און ניט נאָר זיי) זייַן אימשטאַנד צו געפינען און איבערזעצן דעם באַטייַט פון דער סופּלעטיווער אָדער געענדערטער וואָרט־פאָרם!

ב) מע דאַרף זיך האַלטן באַם קלאַל, אַז אַ ווערב ווערט טאָמיד געבראַכט אין דער אינפיניטיוו־פאָרם און אַלע אַנדערע פאָרמען, געבילדעטע פונעם ווערב אָן דער ענדערונג פון דעם וואָרצל אָדער פונעם לעקסישן באַטייַט, ווערן אין ווערטערבוך דורכגעלאָזן.

אין איצטיקן וואַריאַנט פעלט דער אַלצייַנער צוגאַנג צו די ווערבן און צו די פון זיי געבילדעטע פּאַרטיציפּן און גערונדיוון (וואָס ווערן לויטן מוסטער פון דעם ווערטערבוך פון מ. ראָכקינד און ה. שקליאַר באַצייכנט אַלס „אַדיעקטיוון").

1) פאַראַן פאַלן, ווען עס ווערן נאָכאַנאַנד געבראַכט אַלע דרייַ פאָרמען פונעם זעלביקן ווערב. לעמאָשל, אָף דער זייַט 64: „1) באַרויִקטער, 2) באַרויִקן, 3) באַרויִקנדיקער" מיט די איבערזעצונגען. 1) успокоенный, 2) успокаивать, 3) успокаивающий. עס איז דאָך קלאָר, אַז דאָס ערשטע און דאָס דריטע וואָרט זייַנען בלויז גראַמאַטישע פאָרמען — אַן אַטריבוטישער פּאַרטיציפּ און אַן אַטריבוטישער גערונדיוו — פונעם זעלבן ווערב „באַרויִקן" און האָבן ניט קיין שום נייַע לעקסישע באַטייַטן אין פאַרגלייַך מיט „באַרויִקן". מיר קומען צום אויספיר, אַז „באַרויִקטער" און „באַרויִקנדיקער" דאַרף מען אינעם ווערטערבוך אַדורכלאָזן.

2) מע דאַרף אויך אויסשליסן אַ גאַנצע רייִ פון די אַזוי־גערופענע אַדיעקטיוון (אייגנטלעך, פּאַרטיציפּן אין דער פולער פאָרם), וואָס ווערן געבראַכט אינעם ווערטערבוך צוגלייַך מיט די אַנטשפּרעכיקע אינפיניטיוון. אַזעלכע זייַנען, לעמאָשל, די ווערטער „אויפגעראַמטער", „אויסגעאַרבעטער", „אויסגעבויטער", „אויסגעבעסערטער", „אויסגעטאָקטער", „איבערגעכאַזערטער", „איבערגעמאַכטער", „איבערגעקערטער" און אַ רייִ אַנדערע, וואָס ווערן געבראַכט, ניט געקוקט אָף דעם, וואָס זיי שיידן זיך לעקסיש ניט אונטער פון די אינעם ווערטערבוך שוין פאַראַנענע אינפיניטיוון „אויסאַרבעטן" „אויפראַמען" אאַוו.

3) אין געוויסע פאַלן ווערן אינעם ווערטערבוך געבראַכט „הוילע" פּאַרטיציפּן, צו וועלכע עס פעלן ביכלאַל די אַנטשפּרעכיקע אינפיניטיוון. אַזעלכע זייַנען, לעמאָשל, די ווערטער „אויפגעעפנטער", „אויפגעפּראַלטער", „אויפגערודערטער", „אויפגענייטער", „איבערגעדעקטער", „איבערגעדרייטער" און אַ רייִ אַנדערע. לויט מייַן מיינונג, דאַרף מען אָנשטאָט די דאָזיקע פאָרמען געבן די אַנטשפּרעכיקע אינפיניטיוון „אויפעפענען", „אויפפּראַלן", „אויפנייען" אאַוו.

דאָס אויבנגעזאָגטע באַציט זיך בלויז צו פּאַרטיציפּן און גערונדיוון, וואָס אונטערשיידן זיך ניט לויט זייער לעקסישן באַטייַט פון די אַנטשפּרעכיקע ווערבן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע פּאַרטיציפּן און גערונדיוון, וואָס זייַנען שוין געוואָרן עכטע אַדיעקטיוון און האָבן זיך סעמאַנטיש אָפּגעריסן פון זייערע אָפּשטאַם־ווערבן, דאַרפן אַרייַן אין ווערטערבוך. אַזעלכע זייַנען, לעמאָשל, די אַדיעקטיוון „אָנגעצויגענע", „אָנגעשטרענגטע" (באַציִונגען), „געשפּאַנטע" (אויפמערקזאַמקייַט), „שפּאַנענדיקער" (ראָמאַן), „געבילדערטער" (מענטש), געזעצטער" (סאָלידער) אדג. אין אונטערשייד פון די אַטריבוטיוו־געברויכטע פּאַרטיציפּן און גערונדיוון, וועלכע אַנטהאַלטן אין זייער באַטייַט די ווערבאַלע גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס פון גענוס (אַקטיווקייַט אָדער פּאַסיווקייַט) און פון דער רעלאַטיווער צייַט (פריִערדיקייַט אָדער אייַנצייַטיקייַט), באַצייכענען די פולשטענדיק אַדיעקטיווירטע פּאַרטיציפּן און גערונדיוון בלויז אַ קוואַליטאַטיוו, אייכעסדיקן סימען אָן וועלכע־ניט־איז צוגאָבלעכע באַטייַטן פון אַקטיווקייַט אָדער פּאַסיווקייַט, פריִערדיקייַט אָדער אייַנצייַטיקייַט. פאַרגלייַכט, לעמאָשל: „דער אויפגעראַמטער צימער", ווו „אויפגעראַמטער" האָט די ווערבאַלע קאַטעגאָריעס פון פּאַסיווקייַט און פריִערדיקייַט, און „די געשפּאַנטע אויפמערקזאַמקייַט", ווו אין דער פאָרם „געשפּאַנטע" פעלן די דאָזיקע ווערבאַלע קאַטעגאָריעס, און עס איז געבליבן בלויז דער אַדיעקטיווישער באַטייַט פון דעם אייכעסדיקן סימען „געשפּאַנט", „אָנגעצויגן". אַנאַלאָגיש — „דער באַרויִקנדיקער ראָמאַן" (אַקטיווקייַט און גלייַכצייַטיקייַט) און „דער שפּאַנענדיקער ראָמאַן", אָן וועלכע־ניט־איז גענוס־ און צייַט־באַטייַטן.

ג) אין דעם ערשטן העפט טרעפן זיך געוויסע שפּראַכלעכע טאָעסן, וועלכע מע דאַרף אויסבעסערן, לעמאָשל:

ז. 72: אָנשטאָט „בסאָלים" דאַרף זייַן „בסאָמים"; ז. 73 (דאָס וואָרט „בעטן"): דאָ זייַנען פעלערהאַפט פאַרייניקט צוויי ווערבן: „בעטן" (פּאַרטיציפּ „געבעטן") באַטייַט „ווענדן זיך מיט אַ באַקאָשע", און „בעטן" (פּאַרטיציפּ „געבעט") באַטייַט „צוגרייטן אַ געלעגער". דאָס זייַנען האָמאָנימען, און מע דאַרף זיי יעדן געבן באַזונדער; ז. 74. אָנשטאָט „בעסוירעס־האַלוואָע" דאַרף זייַן „בעטוירעס־האַלוואָע"; אָנשטאָט „בעקייפל־קיפּלאַיִם" דאַרף זייַן „בעקייפּל־קעפּלאַיִם"; ז. 75. „ברוכים האיוישווים" איז אַפילע לויטן נייַעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך (מאָסקווע, 1984, ז. 31) אַן אַרכאַיִזם און מע וואָלט דאָס בײַכלאַל ניט געדאַרפט אַרייַנשטעלן אין דעם קורצן ווערטערבוך. אויסער דעם, איז די איבערזעצונג („אַ גוטן אַפּעטיט") גילטיק נאָר אין פאַל, ווען די עסנדיקע זיצן. דער אַדעקוואַטער באַטייַט פון „ברוכים האיוישווים" איז „אַן ענטפער פונעם אָנקומענדיקן אָף דער באַגריסונג „באָרעכהאַבאָ!", דה. אַ סאַך ברייטער, איידער „מיט אַ גוטן אַפּעטיט!"

דאָס זעלבע איז שײַעך אויך דעם וואָרט „הוילעך" (ז. 177), וואָס ווערט סײַ אין דעם קורצן ווערטערבוך, סײַ בא ראָכקינד און שקליאר איבערגעזעצט — повадка. די ריכטיקע איבערזעצונג פון „הוילעך" איז „האלבאָשע", „אָנטאָן", „קליידונג", מיט אן איראָנישן בײַ־באטײַט. זעט אויס, אז די צונויפשטעלער פון ביידע ווערטערביכער האָבן איבערגעפלאָנטערט „הוילעך" מיט „הילעך" וואָס באטײַט סײַ „אופירונג", „טעווע", „געוווינשאפט" (רוסיש — повадка), סײַ „גאנג" (רוסיש — походка), סײַ „האלבאָשע", „אָנטאָן" (наряд, одежда).

אן אויבנופיקער איבערבליק באווײַזט, אז דער צונויפשטעלער האָט געשטרעבט אײַנצושליסן אין קורצן ווערטערבוך א גאנץ גרויסע צאָל ווערטער פון העברעיִשן אָפּשטאם, וועלכע זײַנען בעשײַטע דערקלערט געוואָרן פאר פארעלטערטע ארכאיִזמען. די דאָזיקע שטרעבונג איז אָן ספק צו באגריסן, און זי וועט העלפן אויסצומײַדן א ניט בארעכטיקטע פאראָרעמונג פון דער ייִדישער לעקסיק. דערבײַ אָבער מיין איך, אז דער צונויפשטעלער טרײַבט טיילמאָל איבער און צוגלײַך מיט אזעלכע גאנגבארע ווערטער ווי „אריכאס־יאָמים", „בעשאָלעם", „בעסאָד־סוידעס" און אנדערע פירט ער ארײַן ווירקלעך פארעלטערטע אָדער ענג ספּעציִעלע ווערטער, וועלכע אנטשפרעכן ניט די פאָדערונגען פון א ווערטער־אָפּקלײַב פאר א קורצן ווערטערבוך. אזעלכע זײַנען, לעמאָשל, די ווערטער „בסאָמים" (ספּעציִעלע געווירצן, געברויכט בעשאס דער האוודאָלע־טפילע מויצע־שאבעס), „ברוכים האיוישווים" (וועגן דעם ספּעציפישן באטײַט — זע אויבן), „בייס האקיסע" (פארעלטערט אָנשטאָט „אָפּטרעט", „טואלעט"), „האזשגאָכע פראָטעס" (כאָטש עס איז שוין פאראן „האזשגאָכע", וואָס האָט אויך דעם זעלבן באטײַט ווי „האזשגאָכע פראָטעס"), „הישטאפּכעס־האנפּעש" (וואָס באטײַט ניט נאָר „ווידוי", אָדער „דאָס מיסוואדע זײַן זיך", נאָר ביכלאל „אויסגיסן דאָס הארץ", „אויסדריקן טיפע געפילן", „הארץ־אויסגוס").

כ׳מיין אויך, אז עס זײַנען פאראן נאָך ווערטער, וועלכע מע וואָלט געקענט דורכלאָזן און אָנשטאָט זיי אויסברייטערן די לעקסיק און די גראמאטישע נויטווענדיקע קאָמענטארן. אזוינע זײַנען, לעמאָשל, „אונטערגעשמידטקײַט", „אונטערגעכאפּטער", „האלבראסעווער", „האקען", „הינערל", „היפּקע".

די נײַע אופלאגע וועט געבן א מעגלעכקײַט אויסצובעסערן אויך געוויסע אנדערע פארזעענע פעלערן (אָנשטאָט „אנטליִען" דארף זײַן „אנטלײַען"; „אנשוויגן" און „אנשלאָפן" דארפן שטיין נאָך „אנטשפרעכן"; דער באטײַט פון „געמבע" איז ניט „א הויך הילכיק קאָל", נאָר „פּיסק", „מאָרדע"; „הינדעלע" דארף שטיין נאָך „הינד"; אָנשטאָט „היין" [ז. 121] דארף זײַן „הען... הען").

אלע באמערקונגען לאָזן זיך לײַכט דיסקאָנטירן און די באמערקטע פעלערן — אויסבעסערן.

שימען סאנדלער

אָריגינעל און טאלאנטפול

צווישן די געציילטע אויסגאבעס, וואָס גייען ארויס אין ייִדיש יעדן יאָר פון איינע און די זעלבע שוין באוווּסטע אווטאָרן, איז אין 1986 דערשינען א זאמלונג לידער, וואָס האָט ארויסגערופן א לעבעדיקן אינטערעס בא די ליבהאָבער פון פּאָעזיע.

די דאָזיקע זאמלונג הייסט „נאָענטע ווײַטן", און דער אווטאָר אירער איז כאיִם גורעוויטש, איינער פון דער פּלעיאדע ייִדישע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך פארפעסטיקט אין דער ליטעראטור אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן. ער איז, קאָן מען זאָגן, דער טאלאנטפולסטער פון דער דאָזיקער פּלעיאדע.

אלס אָנפאנגער האָט מען גורעוויטשן געוווּסט נאָך אין דער צווייטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן. זײַנע ערשטע לידער, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין זשורנאל „שטערן" (מינסק), האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער אָריגינעלקײַט און עמאָציִאָנעלער אָנגעזעטיקטקײַט. איזי כאריק, וועלכער האָט אין ווײַסרוסלאנד אויסגעכאָוועט א גאנצע פּלעיאדע ייִדישע שרײַבער, האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אפן דאן נאָך יונגינקן כאיִם גורעוויטש. די האָפענונגען פון דעם גרויסן פּאָעט זײַנען מעקוייעם געוואָרן מיט א גרויסער פארשפּעטיקונג. דער דיכטערישער פאָדעם פון דעם טאלאנטפולן אָנפאנגער האָט צוליב באוווּסטע סיבעס זיך איבערגעריסן אָף ניט איין צענדליק יאָר. און אָט איז צו זײַן זיבעציקסטן געבורטסטאָג ארויס זײַן זאמלונג לידער, וואָס טראָגט ארײַן א באדײַטיקן צושטײַער אין דער ייִדישער דיכטונג.

עמעסע לעבעדיקע פּאָעזיע פארמאָגט, אויסער אלע אירע וויכטיקע קאָמפּאָנענטן, אויך איר באשטימטן אדרעס. סײַ אין איר גײַסט, סײַ אין אירע פארבן, סײַ אין דער טעמאטיק פילט זיך די ארומרינגלונג און דאָס אָרט, צו וועלכן דער פּאָעט איז צוגעבונדן, ווי אין ווײַסרוסלאנד זאָגט מען, מיט דער פּופּאָווינע, דאָס הייסט מיטן נאָפּלשנור.

כאיִם גורעוויטשעס דיכטונג פארמאָגט צוויי אזעלכע אדרעסן. דאָס איז די ווײַסרוסישע פּאָלעסיע, ווו ס׳זײַנען דורך זײַן קינדהײַט און די יוגנטיאָרן, און דער סיבירער קאנט, ווו ער געפינט זיך שוין ניט איין צענדליק יאָר און איז שוין אָרגאניש אײַנגעוואקסן דאָרטן, ווי עס פילט זיך אין זײַן שאַפונג. אליין דער דיכטער באשטעטיקט עס אין זײַן ליד „מײַן געמיט" מיט וועלכער ס׳ווערט געעפנט זײַן ביכל:

פון זייער לאנג פאראן א קלאל בא מיר,
וואָס כ׳וועל אים קיינמאָל ניט פארגעסן:

אויב א וויוגע — איז אזא ווי אין סיביר.
אויב א געוויטער — איז אזא ווי אין פּאַלעסיע.

אויב א וויוגע — איז מיט דער זעלבער קראַפט,
ווי אין צײַט פון ליבע בא א יונגער כּײַע.
אויב א געוויטער — איז דעם הימלשן לאַנדשאַפט.
א בוראַווע טאָן מיט שטעכנדיקן פײַער.

און די אונטערשטע שורע פון דער ליד איז: „פון שטילן וועטער אָפּהיטן זאָל גאָט". פאַרשטייט זיך, אז דאָס ווערט געמיינט אין איבערגעטראָגענעם זין. און טאקע, גלײַכגילטיקע פאָטאָגראַפישע פאַר־פיקסירונג וועט איר אין זײַנע לידער ניט טרעפן.

וואָס שײַעך דער טעמאַטיק, שפּיגלען זיך אָפּ אין גורעוויטשעס לידער די הויפּט־געשיכטלעכע עטאַפּן, וועלכע עס איז באַשערט געווען דורכצוטראָגן מענטשן פון זײַן דאָר. ווען די דאָזיקע טעמעס וואָלטן געמינערט געווען אין זײַן שאַפונג, וואָלט אזא דיכ־טונג קיין באַטרעף ניט געהאַט.

א באַדײַטנדיקער טייל לידער זײַנען געבויט אַף דער טעמאַטיק און עקזאָטיק פון סיביר. אגעוו, ציילן זיך איצט אָן דאָרטן ניט וויניק ייִדן. די מערהײַט פון זיי זײַנען די, וואָס האָבן זיך עוואַקויִרט אהין אין דער צײַט פון מילכאָמע. דאָרט האָבן זיי זיך אײַנגעוואָרצלט, זיך צעצווײַגט און נעמען אן אקטיוון אָנטייל אין דער בויונג פון דעם דאָזיקן קאַנט, וואָס פאַרמאָגט אומויסשעפּנדיקע רײַכטימער. אין דער ליד „דער סיבירער מאַטעריק" זאָגט דער דיכטער:

די, וואָס מיינען, אז אונדזער ערדקויל
אזוי קליין עס איז,
אז איבער אים ניט שווער גאָר מאַכן א שפּאַציר.

יענע האָבן דאָך פאַרגעסן אַף געוויס
וועגן דעם מאַטעריק, וואָס רופט זיך אָן סיביר.
מיט זײַנע אייגנאַרטיקע לאַנדשאַפטן,
מיט די אורוועלדער
און הארבע זאָנעס
איז ער אזוי אומענדלעך גרויס,
אז אפילע די באַרימטע אמאַזאָנקע
אנטקעגן אים זעט ווי א קאַרליק אויס.

דער דיכטער שטאָלצירט מיט די רײַכטימער פון סיביר, מיט אירע אומגעהײַערע וועלדער, וועלכע ווערן אין איינער א ליד אָנגערופן „גרינע לונגען", מיט די ווילע און איבערגעגעבענע צו דער ארבעט אײַנוווינער פון דעם דאָזיקן קאַנט, און צווישן זיי אויך ייִדן.

איבער דעם סיבירער טײַך אַף א „ראַקעטע"
שווימט א ייִד קיין מעגיאָן,
מיט א זעלטן לינדן וועטער
הייבט א נײַער טאָג זיך אָן.

און ווײַטער:

שווימט א ייִד, א העלד פון מי,
פון גליק עס שײַנען זײַנע אויגן,
ער האָט אין ערטער אָט אָ־די
פון טיומען די נאַפט־טראַסע געצויגן.

דער דיכטער איז אנציקט פון די סאָציאַלע ענ־דערונגען, וואָס דאָרט זײַנען פאָרגעקומען:

כ'האָב אַף מײַנע ליזשעס איבערן טאָל
געטאָן א פלי הײַנט, ווי א פײַל פון בויגן,
צו יענעם אָרט, וווּ ס'האָט אמאָל
זיך דער סיבירער טראַקט געצויגן.

און געווען כ'בין נײַגעריק אומענדלעך:
פונדערווײַטן אויסגעדאַכט האָט זיך,
אז צוויי שווארצע פלעקן אַף דעם שנײ
זײַנען די בענדלעך
פון אמאָליקע ארעסטאַנטסקע שיך...

נאָר ס'לאָזט זיך אויס, אז כ'בין געווען זיך טויע:
ניט קיין בענדלעך גאָר — צוויי שאָטנס
פון יענע היכוואָלטאָווע דראָטן,
וועלכע סיביר מיט שײַן עס פאָיען.

איינציײַטיק בענקט דער דיכטער נאָך דער ווײַס־רוסישער נאַטור, נאָך איר עקזאָטיק, נאָך זײַנע פרײַנט, וועלכע ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט, און אויך נאָך די, מיט וועלכע ס'וועט שוין ניט זײַן באַ־שערט צו טרעפן זיך. אים ציט צו זײַן געבורט־שטע־טעלע סטאַראָבין, וואָס:

כאָטש ס'איז ניט די זאָנע
פון קוראָרטן,

און כאָטש גאַנץ ווײַטלעך
פֿון סיביר...
דערפֿאַר אָבער
שטויסט מען אָן זיך דאָרטן
אַף כּידושים
אָן אַ שיר.

ווער קאָן אַזוי גאָך
מיט זײַן שײנקײַט
רײצן,
אין אַ װעלכן קאַנט
איז נאָך פֿאַראַן
אַזאַ פֿליגלדיקער אויצער,
ווי דער סטאַראָבינער
באָטשאָן.

דעם דיכטער ווילט זיך דאָרטן אין פּרימאַרגן דערהערן דאָס קאָל פֿון דער טורקלטויב און דאָס געזאַנג פֿון הענער אין באַגינען, אים כאַלעמען זיך די סטאַראָבינער באַרן, זאַפּטיקע און זיסע: דעם דאָרטיקן סיראָדאַי, וואָס איז בעסער פֿון אַלערליי באַלזאַמען. צו אים דערטראָגט זיך דער אַראָמאַט פֿון מיאַטע.

באַם שילדערן דאָס פֿאַרמילכאָמעדיקע שטעטל זײַנען באַם דיכטער די באַליבטסטע טיפּאַזשן די באַלעגאָלעס, באַלמעלאָכעס, אַרבעטספּעציקע פֿאַשעטע לײַט, וועלכע פּרעטענדירן ניט אַף יִיכעס. און כאָטש זיי זײַנען אַ ביסל פֿאַרגרעבט, זײַנען זיי ערלעך, גוטהאַרציק, פֿריילעך און מונטער. אײנצײַטיק פֿילט זיך אין זײַן דיכטונג אַ בענקשאַפֿט נאָכן אַלטן שטייגער, אַגעוו, וואָס האָט זיך פֿון נאָך דער מילכאָמע אַף אַזויפֿיל געביטן, אַז ס'איז ניטאָ שוין קימאַט קיין אונטערשייד צווישן אַ שטעטלדיקן מענטשן און אַ גרויסשטאָטישן. און די דאָזיקע בענקשאַפֿט איז אַ פֿאַרשטענדלעכע. מע האָט זיך דאָך געהאָדעוועט פֿון וויג אַף די יעסוידעס פֿון יענעם שטייגער־לעבן אין די שטעטלעך. און ס'איז געווען ענג איבערגעפּלאָכטן מיט דער קינדהײַט און פֿרײַער יונגט.

אַ זון פֿון אַ באַלעגאָלע, קומט דעם דיכטער אויס זייער אומנאַטירלעך:

ווען פֿאַרבײַ פֿעלדער, דופּטיקע און בלויע,
פֿירט מען אין מאַשינען פֿערד,
בענקען זייערע בלויע טלאָען
נאָך קילקײַט פֿון דער פֿרישער ערד.

און ווײַטער:

זיי קוקן מיט אַזאַ מין טײַנע,
מיט אַזאַ מין מענטשלעכן „האַלעמײַ?",
אַז כ'באַהאַלט די אויגן מײַנע,
ווען אַזאַ טראַנספּאָרט פֿאָרט פֿאַרבײַ.

אָפּן גאַנצן לעבן דריקט אומופֿהערלעך אָפּן דיכטערישן געוויסן די שוידערלעכע אומדערהערטע רעציכעס, וואָס די פֿאַשיסטן האָבן אָפּגעטאָן אין די צײַטווײַליק אָקופּירטע געגנטן. אים שטייען פֿאַר די אויגן די קרוויוּוים, די פֿרײַנט און באַקאַנטע, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן און אין די געטאָס:

צאַרטע כאַנעס, לייעס, איטקעס,
פֿאַרוואָס שווײַגט הײַנט אײַער געסל,
עפּשער האָט איר שוין פֿאַרגעסן,
ווי מע זינגט די „מאַרגאַריטקעס"
אין די שטעטלעך פֿון פּאָלעסיע?

שיינע־באַשעס, העניעס, סאָרעס,
וואָס אײַלט איר ניט אין פֿעלד שפּאַצירן,
איר ווילט גאָר ניט אין האָבער
און אין קאָרן
די זויבערלעכע פֿאַרטעכלעך פֿאַרלירן?

באַזונדערס ווייטיקדיק, בוילעט און הויכקינסטלעריש ווערט דעם דיכטערס צאַרן אויסגעדריקט אין דער ליד „אַרום דער ווונדערלעכער יאָדלע". ער שרײַט צו דער פּראָסטיקער נאַכט: ווו נעמט מען אַזאַ מין ווונדערלעכע יאָדלע, וועלכע זאָל מיט אירע נאָדלען זיך דערצײַען צו דער לעוואָנע? ענטפֿערט די טײַגע, אַז זי וועט געבן אַזאַ יאָדלע. האָט דער דיכטער זיך נאָך שטאַרקער צעשרײַען: ווו נעמט מען שטערנדלעך, צעגליטע, נײַע, זיי זאָלן ווי טראָפּנס פֿײַער קנאַקן אַף די צווײַגלעך גרינע פֿון דער ווונדערלעכער יאָדלע? האָט דער הימל געענטפֿערט, אַז ער וועט לײַען אַ זאַק מיט שטערנדלעך, שפּאָגלנײַע, און זאָל מען זיי אויסשיטן אַף די צווײַגלעך גרינע פֿון דער ווונדערלעכער יאָדלע. האָט זיך דער דיכטער מיטן גאַנצן קויעך צעשרײַען:

ווי מאַכט מען לעבעדיק אַצינדער
אַלע אומגעבראַכטע קינדער,
זיי זאָלן הײַנט אַ נאַכט אַ גאַנצע
קאַראַהאָדעווען און טאַנצן
אַרום דער ווונדערלעכער יאָדלע?

האָט געענטפֿערט טרויעריק די ערד:

ס'איז ניט באַשערט.
ס'איז ניט באַשערט,
ס'זאָלן זיך אופֿהייבן אַצינדער,
יענע אומגעבראַכטע קינדער.
אין קוואָרים אַף בעסוילעמס שטילע,
אין די טיפֿע, נאַסע גריבער
איז פֿון זייערע ביינדעלעך אַפֿילע
שוין קיין זייכער ניט פֿאַרבליבן...

שאַרפזיניק, אַפאָריסטיש און טרעפלעך זײַנען אויך גורעוויטשעס מיניאַטיור־לידער, וועלכע אנטהאלטן פיר — זעקס שורעס. אין יעדערער פון זיי ווערט אויסגעדריקט אזוי פיל, וואָס אן אנדערער וואָלט עס צעצויגן ווער ווייסט אף וויפל סטראָפעס. אָט זײַנען מוסטערן פון אזעלכע לידער:

אין בלויער הייך זיך קושן טויבן צוויי —
מיר דוכט, דאָס זײַנען שטײַפע קנוילכלעך שניי...
ס׳איז ניט געבוירן נאָך די זון אָט יענע,
וואָס זי צעשמעלצן וואָלט זיי קענען...

אָדער:

ווען א שטערנדל גליטשט אויס זיך פון די כמארעס
און אין מײַן צימער ליכטיקער עס ווערט,
דאכט שטענדיק אויס זיך, אז גאגארין
אף זײַן „פערדעלע״ אהיים צוריק זיך קערט.

דאָך טרעפן זיך צווישן די קורצע לידער אויך שוואכע. אָבער אזעלכע ציילן אָן אין ביכל בא צוויי־דרײַ און ניט מער. דאָך האָבן זיי ניט באדארפט זײַן. ארויסגייענדיק פון דעם, אז א לעפל דזעגעכץ קאָן קאליע מאכן א קײַפל האָניק.

ס׳טרעפן זיך אויך אייניקע דעקלאראטיווע לידער — פון די, וואָס צוליב דער אקטועלקײַט פון דער טעמע שטעלט מען זיי אין די זשורנאלן פון פאָרנט. נאָר אויך אין די דאָזיקע לידער פילט זיך ערטערווײַז גרויסע מײַסטערשאפט.

באזונדערס כאראקטעריזירט זיך גורעוויטשעס דיכטונג מיט איר עמאָציאָנעלער אָנגעזעטיקטקײַט. אין יעדער ליד זײַנען מאמעש בילד אף בילד, די מעטאפאָרן, עפּיטעטן און פארגלײַכונגען זײַנען אָריגינעלע, אומדערווארטע און טיילן זיך אויס מיט זייער פרישקײַט און הײַנטצײַטיקײַט. צום בײַשפּיל: א דערסאנטל בינען, און זייער זשומערײַ דערמאָנט, ווי עס וואָלט געזשומעט א טראנזיסטאָר. אָדער דער הימל דערמאָנט דעם דיכטער אן אקוואריום, וווּ די שטערנדלעך זײַנען רויג. ווען ס׳בליצט, דוכט זיך, אז אין דער הייך איז בא די קאָסמאָנאווטן א סעאנס פון אווטאָגען. א פויגלשער עסקאָרט יאָגט זיך נאָך א לײַנער, ווי זיי וואָלטן אין אים דערזען דעם האר פון זייער שייוועט. א בליץ דרייט אויס זיך, ווי א גימל, ווי ס׳וואָלט געטראָפן א קורצשלוס אין הימל. און אזוי איז מיט קינסטלערישע מיטלען אָנגעזעטיקט קימאט יעדער ליד.

ס׳איז קעדײַ אויך אָפּמערקן די איליוסטרירונג פון דעם ביכל, וואָס עס האָט מײַסטעריש אויסגעפילט דער קינסטלער יע. ר. סקאקאלסקי. א שאָד, וואָס דער טיראזש פונעם ביכל איז אינגאנצן 650 עקזעמפּליארן. לויט זײַן ווערטפולקײַט האָט עס פארדינט א מער ברייטערן טיראזש.

הירש רעלעס

ליטעראַרישער טאָגבוך

א שעפערישער אָוונט אין טשערנאָוויץ

די טשערנאָוויצער געזעלשאפט פון ייִדישער קולטור אפן נאָמען פון עליעזער שטיינבארג האָט דורכגעפירט א שעפערישן אָוונט לעקאָוועד דעם ייִדישן שרײַבער יויסעף בורגן.

אין זײַן ארויסטרעטונג האָט י. בורג דערציילט וועגן זײַן שעפערישער ביאָגראפיע. ער האָט געלייענט די נאָוועלע „עיכאָיאשוואָ״ — א באגעגעניש מיט אן אנטלאָפענעם פון דער וואַרשעווער געטאָ.

געפירט האָט דעם אָוונט דער פאָרזיצער פון דער אָרטיקער קולטור־געזעלשאפט לעאָניד פינקעל.

כ. ראַזענטאַל

שמועל גאָרדאָנס א נײַער בוך

דער מאָסקווער פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא״ גרייט שמועל גאָרדאָנס פראָזע־בוך „אויסדערוויילטס״, אין וועלכן עס גייען ארײַן איבערזעצונגען אף רוסיש פון די ווערק, וואָס דער שרײַבער האָט געשאפן אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן.

אין די ראָמאנען „פרילינג״ און „יאָרשים״, אין דער גרעסערער דערציילונג „מעכילע״, אין די דערציילונגען און נאָוועלעס זײַנען אָפּגעשפיגלט באדײַטנדיקע געשעענישן פונעם ביז־מילכאָמעדיקן און נאָכמילכאָמעדיקן פעריאָדן. די דערציילונג וועגן דער פארגאנגענהײַט איז אָרגאניש איבערגעפלאָכטן אין די דאָזיקע ווערק מיטן הײַנטיקן טאָג.

ס. קאָסטירקאָ

ציטאַטעס פון דער סאָוועטישער פּרעסע

יעדער סאָוועטישער מענטש דאַרף זיך פילן אינדערהיים אין אַ באַליבּיקן ווינקל פונעם לאַנד — אַנדערש איז דאָס ניט קיין לאַנד, אַנדערש זייַנען מיר ניט קיין פאָלק, און ס׳איז נישט קעדײַ צו רעדן ניט וועגן דעמאָקראַטיע, ניט וועגן סאָציאַליזם, ניט וועגן הומאַניזם.

אונדזער גרויס ברידערלעך הויז דאַרף זייַן אַ פעסטונג פון הומאַניזם, באַרעמהאַרציקייַט, קעגנזייַטיקער הילף און פאַרשטענדעניש. און יעדערער פון אונדז איז דאָ אַ היגער — אַ סאָוועטישער מענטש, אַ בירגער פונעם ראַטנפאַרבאַנד. פאַר אַריבער זיבעציק יאָר האָט אונדזער ערד אייַנגעזאַפּט פיל אונדזער געמיינזאַם בלוט, געמיינזאַמען שווייס, געמיינזאַמע טרערן... טאַקע צוליב דעם, קעדיי יעדערער זאָל זייַן פרייַ, רויִק, זיכער אין זיך אַליין, אין זייַן גלייַכבאַרעכטיקונג מיט אַלע מיטבירגער — פאַרן געזעץ, פאַרן אויסקלייַב, פאַר זייַנע מעגלעכקייַטן, פאַר זייַנע רעכט און פליכטן, — גראָד צוליב דעם איז פאָרגעקומען אונדזער רעוואָלוציע, און צוליב דעם האָבן מיר זיך פאַראייניקט אין אונדזער פאַרבאַנד.

(טאַטיאַנאַ איוואַנאָווא.
„קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ“,
28 אַפּרעל 1989)

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע איז מעגלעך בלויז אויף אַ נאַציאָנאַלן יסוד. אויב אַ מענטש טראָגט ניט אין זיך גאָרנישט נאַציאָנאַלס, אויב ער פילט ניט זייַן אָנגעהעריקייַט צו עפּעס אַ פאָלק, אויב ער טראָגט ניט אין זיך די טראַדיציעס, די מינהאָגים, דעם גענאָטיפ פון זייַן פאָלק, אויב אים איז, פּאַשעט גערעדט, אַלצייינס, ווער ער איז און וווּ ער איז, — קאָן ער בעפייַרעש ניט זייַן אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. אַזעלכע מענטשן זייַנען אַן ייִכעס, אַן שטאַם, זיי זייַנען, אַלס קלאַל, פּאַריִעס פון דער געזעלשאַפט, נאַווענאַדניקעס.

(קאַזאַכישער שרייַבער סאַבית דאָסאַנאָוו.
„פּראַוודאַ“, 3 אַפּרעל 1989)

עס ווערט שוין איצט קלאָר, אַז אַן אינטעליגענץ צו אַן אינטעליגענץ איז ניט גלייַך. לאָמיר אַ קוק טאָן דעם עמעס אין די אויגן: מיר האָבן זיך צעשפּליטערט, זיך צעשפּאָלטן, זיך אָפּגעגרענעצט איינער פונעם אַנדערן. און ווי עס זאָל ניט זייַן טרויעריק, אַלס יעסאָד פאַר אָט דער אָפּגעגרענעצטקייַט דינט אַזאַ שענדלעכע דערשייַנונג ווי נאַציאָנאַליזם, דערין אַנטיסעמיטיזם.

(רוסישע דיכטערן רימאַ קאַזאַקאָווא.
„פּראַוודאַ“, 3 אַפּרעל 1989)

זייער אָפט הער איך ניט בלויז פון יונגע מענטשן, נאָר אויך פון די באַיאָרטע לייַט, אַז ייִדיש איז פאַרגאַנגען. מע זאָגט נאָך דערבייַ, אַז ווידערופלעבן ייִדיש איז אומעגלעך. איך בין מיט זיי מאַסקים בלויז אין איין זאַך: יאָ, ייִדיש האָט פאַרלוירן זייַן סאָציאַלע וואָרט, נאָר די שפּראַך פון שאָלעם-אַליכעמען און מענדעלען לעבט דאָך! ווער האָט געזאָגט, אַז דאָס לאָשן פון מייַנע אָוועס איז אַ טויטע שפּראַך? מע שרייַבט דאָך, מע לייענט, מע רעדט...

אַוודאי, ייִדיש לעבט איבער איצט ניט די בעסטע צייַטן, און פון אונדז, דעם יונגן דאָר, איז אָפּהענגיק, צי וועט ייִדיש לעבן, צי ניט. און ס׳וואָלט זיך מיר זייער גלייבן, אַז די ייִדישע יונגע לייַט וועלן אָנהייבן פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייַט עס ליגט אויף זיי.

(וו. ריווקין, ש. ט. קויבישעוו.
„בירָאבידזשאַנער שטערן“, 16 מייַ 1989)

אויף אַ קאָנצערט פון דער גאָרקאָווער ייִדישער געזעלשאַפט

א בריוו פון קעשענעוו

דער אָנהייב פונעם וועג

ווער האָט געקאָנט גלייבן נאָך מיט געציילטע יאָרן צוריק, אז די קעשענעווער פארערער פון ייִדישער מוזיק וועלן דארפן אין איין אָוונט אויסקלײַבן צווישן צוויי קאָנצערט־לאָקאלן, ווו עס טרעטן אײַנצײַטיק ארויס ייִדישע קאָלעקטיוון? אין די פארגאנגענע פונעם אָנהייב יאָר עטלעכע כאדאָשים איז בוכשטעבלעך ניט געווען קיין וואָך, אז אין קעשענעוו און אין אנדערע שטעט פון מאָלדאוויע זאָלן ניט רופן צו זיך ייִדישע קאָנצערטן אָדער ספּעקטאקלען.

עס פרייט, פארשטייט זיך, וואָס מענטשן, בא וועלכע מע האָט אָפּגענומען אין סטאלינס צײַטן זייער קולטור, קאָנען, ענדלעך, שטילן דעם דאָרשט, צורירנדיק זיך צום קוואל פון דער פאָלקס־מוזיק, פון דעם אייגן־נאָענטן וואָרט אַף דער מוטערשפּראך. אין דער זעלבער צײַט מוז איך זאָגן, אז נאָך ביז כ'האָב באזוכט אייניקע קאָנצערטן האָבן מיר אויסגעזען מאָדנע די „מעליצעדיקע אפּישן" פון יענע קאָלעקטיוון, בא וועלכע עס איז אָפּוועזנד, דעליקאט געזאָגט, באשיידנקײַט, און זיי צייכענען זיך אויס מיט א שלעכטן געשמאק, צומאָל מיט עלעמענטארער אמעראצישקײַט. אזוי, לעמאָשל, האלט איך, אז דעם מאָסקווער זינגער וואדים מולערמאן איז נאָך צו פרי אָנצורופן זײַן קאָלעקטיוו „טעאטער פון ייִדישער ליד". א טעאטער איז דאָ, אָבער מיר הערן דאָרט ייִדישע לידער ביז גאָר ווייניק. וו. מולערמאן טרעט ארויס אלפּי קלאל מיט ייִדישער טעמאטיק אַף רוסיש, ער זינגט אויך אַף איווריט, אָבער אַף ייִדיש, אַף דער שפּראך פון שאָלעם־אלייכעמען און מיכאָעלסן, אַף דער שפּראך פון אונדזערע טאטעס און זיידעס, איז דער רעפּערטואר א ביז גאַר קנאפּער. נאָך דער צעגראָמירונג אין סאָף 40־ער, אָנהייב 50־ער יאָרן פון דער ייִדישער קולטור און דער פיזישער אויסראָטונג פון אירע בעסטע פאָרשטייער — שריפטשטעלער, טעאטער־טוער — איז בא אונדז אין לאנד אויסגעוואקסן ניט איין דאָר, וועלכער קען ניט די אייגענע שפּראך און ליטעראטור. דעריבער דארף די אכרײַעס פאר דער ווידערופלעבונג און באנײַונג ליגן אַף די מענטשן, וועלכע זײַנען איצט טעטיק אין דער ספערע פון ייִדישער קולטור.

פון אָט דעם שטאנדפּונקט פארדינט א לויב דער קאָלעקטיוו, וועלכן עס האָט געשאפן אין קעשענעוו אנע גינזבורג. סצענישער כיין, מוזיקאלישקײַט, אויסגעצייכנטע באהערשונג פון דער ייִדישער שפּראך מיצאד אָט דער עסטראדע־זינגערן און אקטריסע, וועלכע האלט אין מעשעך פון דעם גאנצן אָוונט דעם דויפעק פונעם קאָנצערט אין אירע הענט, — דאָס אלץ העלפט מיט דער פּאָפּולערקײַט פונעם קאָלעקטיוו אין דער הויפּט־שטאָט פון דער רעפּובליק און אין אנדערע אירע שטעט. און פונדעסטוועגן איז אין דעם הויכן נאָמען פונעם קאָלעקטיוו „וווּנדער" פאראן א בײַטאם פון איבעריקער זעלבסט־רעקלאַמע...

וואָס איז שײַעך דעם קאָלעקטיוו, וועלכן ס'האָט געשאפן אין קעשענעוו סאמסאָן קעמעלמאכער, האָט שוין די ערשטע אפישע דערשראָקן און אָפּגעשטויסן מיט איר אמעראצישקײַט. אָנשטאָט דעם ריכטיקן אויסדרוק „ייִדישע ליד" האָב איך איבערגעלייענט אַף דער אפישע דעם נאָמען פונעם אנסאמבל, צונויפגענומען אין איין וואָרט און דערצו נאָך מיט א פעלער — „ייִדישיליד". דאָ זײַנען, ווי מע זאָגט, קאָמענטארן איבעריק.

בייס דעם ערשטן באזוך פון דער מאָסקווער זינגערן אלעקסאנדרע גאָרעליק אין קעשענעוו האָט זיך איר אײַנגעגעבן צונויפזאמלען אַף אירע קאָנצערטן א היפּשע אאודיטאָריע. אָבער שוין דאן איז אָפּגעמערקט געוואָרן, אז ניט געקוקט אפן אינטערעסאנטן רעפּערטואר, אפן אויסגעצייכנטן באשטאנד פון די מוזיקאנטן־אינסטרומענטאליסטן, בעראָש מיטן באגאבטן פּיאניסט און קאָמפּאָזיטאָר, אווטאָר פון אָריגינעלע באארבעטונגען פון ייִדישע פאָלקסלידער וויקטאָר לענזאָן, איז דער שעפערישער פּאָטענציאל נאָך ניט גענוג רעאליזירט. עס גיט וועגן זיך צו וויסן די אָפּוועזנהײַט פון פּראָפעסיאָנעלער רעזשיסור, ניט־אָרגאניש איז די פּלאסטיק. עס קומט אוף א גדאנק, אז א סקרופּולעזע ארבעט מיטן רעזשיסער און א זאָרגזאמער אונטערקלײַב פונעם רעפּערטואר, אנטשפּרעכיק דער שעפערישער אינדיווידואליטעט פון דער אויספילערן, וואָס פארמאָגט סצענישן כיין, אקטיאָרישע באגאבטקײַט, קאָנען ברענגען זייערע פּרוכטן.

א מאָדנעם אײַנדרוק האָט איבערגעלאָזט נאָך איין מאָסקווער קאָלעקטיוו — דער טעאטער „ערמיטאזש", וואָס האָט באוויזן אין קעשענעוו די שטעלונג אַף רוסיש פון „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי". דער קאַמער־באשטאנד פון די אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאקל, די קאמער־סצענאָגראפיע (קינסטלער — וו. פּאַ־

מין), וועלכע גיט סימבאָליש איבער דאָס געשטאַלט פונעם שטעטל טונעיאַדעווקע און פון דעם גאַנצן ייִדישן וועלטל פונעם טכום־האַמוישעוו, זײַנען ניט צוגעפּאַסט צום ריזיקן פּאַלאַץ „אָקטאָמבריע“, אַף וועמענס קאָלאָסאַלער בינע ס׳זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען סײַ די סצענאָגראַפיע, סײַ די פינף אַקטיאָרן, סײַ די עצעם קאַמער־אַטמאָספער פון דער וווּנדערלעכער דערציילונג פון מענדעלע מויכער־ספאָרימען וועגן דעם ייִדישן דאָן קיכאָט און זײַן געטרײַען פרײַנט סענדערל. פאַרדראָסן האָט אויך די שפּראַך פונעם ספּעקטאַקל — אַ געמיש פון ייִדיש, איווריט און רוסיש. אויב דער ספּעקטאַקל איז שוין געמאָלדן אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש, דאַרף מען אָפּהיטן די טרײַשאַפט פונעם טעקסט און די ריינקײַט פונעם שפּראַך־סטיל, ביפּראַט נאָך, אַז דער טעאַטער „ערמיטאַזש“ איז אַ באַוווּסטער רוסישער טעאַטער.

אַלע געדענקען די אויסגעצייכנטע פאָרשטעלונג פון „טעוויע דער מילכיקער“ מיט מיכאַיִל אוליאַנאָוון אין דער הויפּט־ראָל אין דער צענטראַלער טעלעוויזיע. פאַראַיאָרן האָט גאַסטראָלירט אין קעשענעוו דער טעאַטער פון טביליסי, וועלכער האָט באַוויזן דאָס מיוזיקל „דער פידלער אַפן דאַך“ אַף גרוזיניש, — דאָס אַלץ האָט געבראַכט אַ געפיל פון פרייד: די שאַפונג פונעם גרויסן ייִדישן שרײַבשטעלער קלינגט אַף פאַרשיידענע לעשוינעס. ווען דו הערסט אָבער פּראָזעס אַף ייִדיש, וועלכע ווערן גלײַך איבערגעכאַזערט מיט אַן אַקצענט אַף רוסיש, נעמסטו דאָס אויף, ווי אַ ביליקן פלירט מיט דעם צושויער.

עס קומט אויס צו באַדויערן, וואָס דער סצעניש און וואָקאַליש באַגאַבטער אַרטיסט יעווגעני גערטשאַקאָוו (ביניאָמין), דער פּלאַסטישער געניאַדי כראַפּונאָוו (מענדעלע), זייערע קאָלעגן אַלעקסאַנדער פּאָזשאַראָוו (סענדערל), נאַטאַליע מאַרטקאָוויטש (זעלדע), לידיאַ טשערנאָווא (ריקל־לייע) האָבן מאַכמעס דער יאָגעניש פונעם טעאַטער נאָך רעקלאַמע אַף ייִדישער טעמאַטיק (אַנדערש איז שווער צו דערקלערן די אָרענדע פונעם זאַל „אָקטאָמבריע“ פאַר אַ קאַמער־ספּעקטאַקל) געליטן אין קעשענעוו אַ פיאַסקאָ, פאַרלוירן בײַ אונדז דאָס פּובליקום.

מע קאָן מיר דערווידערן, אַז ס׳איז נאָך ניט געקומען די צײַט צו „וואַרפן שטיינער“, מע דאַרף זײַן צופרידן, וואָס די ייִדישע קולטור האָט אויפגעהערט צו שווײַגן און די ייִדישע טעמע איז געוואָרן כאַשעוו אַף אַנדערש־שפּראַכיקע טעאַטער־בינעס. ס׳איז אָבער ווײַט ניט קיין אַקאַדעמישע פראַגע, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג עס וועט גיין די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג — צי אונדזער קולטור און איר טעמאַטיק וועלן פאַרבלײַבן אַרום די טישן פון כאַסענעס, וועלכע זײַנען אין משך פון פיל יאָרן געווען ערטערווײַז דער איינציקער „קאָנצערט־זאַל“ פאַר דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מוזיק, און די ייִדישע יוגנט האָט דאָרט באַקומען איר „עסטעטישע דערציִונג“, אָדער די ייִדן, וועלכע האָבן געגעבן דער וועלט אַזויפיל גרויסע שרײַבער, מוזיקאַנטן, זינגער, אַקטיאָרן, וועלן אויפהייבן זייער אייגענע קולטור אַפן געהעריקן ניוואָ. וועגן דעם דאַרף מען טראַכטן שוין הײַנט.

אין דעם פּראַט האָבן געשטאַרקט דעם גלויבן און די האָפענונג די קאָנצערטן אין מאָלדאַוויע פון דער סאָליסטקע פון דער מאָסקווער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע מאַרינע בוכינאַ און פונעם פּיאַניסט דאַוויד אַשקענאַזי. אָן טומל און געקנאַל פון דער עלעקטראָן־אַפּאַראַטור, האָבנדיק אין רעשוס די שטים און דעם ראָיאַל, האָט זיך די דאָזיקע אויספירער אײַנגעגעבן צו באַצויבערן די ייִדישע אַודיטאָריע אין קעשענעוו, טיראַספּאָל, אָרגייעוו, בענדערי — אומעטום, ווו זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן. אין יעסאָד פון זייער דערפאָלג ליגן צוויי „אַלטע“ און אייביק פעסטע אין דער קונסט אַטריבוטן — טאַלאַנט און הויכער פּראָפעסיאָנאַליזם. און אויב טאַלאַנט איז, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט געזאָגט, „ווי געלט, ווען ער איז דאָ, דעמלט איז ער דאָ“, שטאַמט מאַרינע בוכינעס פּראָפעסיאָנאַליזם פון אַן אויסגעצייכנטער וואָקאַלער שול, וועלכע זי האָט באַקומען אינעם ראָסטאָווער קונסט־אינסטיטוט. זי זינגט, באַגלײַך מיט ייִדישע לידער, אויך מײַרעוו־אייראָפּעיִשע און רוסישע קלאַסיק, אָפּערע־אַריִעס און ראָמאַנסן. איר גרויסע, שיינע שטים, די אַקטיאָרישע באַגאַבונג, וועלכע זי האָט געשליפן אין די יאָרן פון איר אַרבעט אינעם ייִדישן מוזיקאַלישן קאַמער־טעאַטער, דערמעגלעכן צו שאַפן וואָקאַל־טעאַטראַלע מיניאַטיורן, אין וועלכע עס זעען זיך כאַראַקטערן — אַ שטעטלש מיידל אַ ברען, אַ כיטרער ראָוו, אַן אָרעם ייִנגעלע, וואָס פאַרקויפט פּאַפּיראָסן... און נאָך איין אייגנשאַפט ווילט זיך אָפּמערקן בײַ מ. בוכינאַ — דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן קאָלאָריט. דאָס אַנטפּלעקט זיך בוילעטער אין די „סצענקעס“ „וואַרנעטשקעס“, „רעבעניו“, „מעכוטענעסטע“. אין די ליירישע לידער — „אַ ייִדישע מאַמע“, „די גיטאַרע“, „קינדער־יאָרן“ — לייגט זי אַרײַן איר גאַנצע נעשאָמע.

אָן שום סאָפעק, אַז דאָס דראַמאַטיש באַזיניקטע זינגען, די גלענצנדיקע ייִדישע שפּראַך זײַנען בײַ מ. בוכינאַ אַ רעזולטאַט פון דער לער בײַם דערפאַרענעם פּעדאַגאָג־רעפּעטיטאָר מאַריִע קאָטליאַראָווע, אַן אַקטריסע פונעם געוועזענעם מאָסקווער גאָסעט. אַזוי אַז דער זינגערן האָט אָפּגעגליקט צוויי מאָל. דער מוזיקאַלער לערער אירער און מיטאַוווּטאָר פונעם קאָנצערט איז דער פּיאַניסט דאַוויד אַשקענאַזי — אַ גרויסער מײַסטער, וועלכער פאַרמאָגט באַגאַבונג פון אימפּראָוויזאַציע, און דאָס העלפט אים צו שאַפן די אילוזיע, אַז אונטער די פינגער פונעם אויספירער איז אָט איצט, אין איין רעגע געשאַפן געוואָרן די מוזיק.

צוליב אָביעקטיווקײַט דאַרף מען זאָגן אויך וועגן די בלויזן אין דער פּראָגראַם. אַזוי, לעמאָשל, איז פאַראַן אַ געוויסע בעקיוונדיקײַט אין די קאָקעטישע אויסרופן אין די פינאַלן פון אַ סאַך לידער. איך מיין, אַז צום סאָף פונעם קאָנצערט וואָלט מען געקאָנט אויסזינגען עפּעס מער „פרישס“, איידער „לאָמיר אַלע אינײַנעם“, ביפּראַט נאָך, אַז דער נאָמען פון דער פּראָגראַם „שאָלעם־אַלייכעם“ איז אין ערגעץ ניט פונאַנדערגעשפּילט געוואָרן און האָט געגעבן אַ געלעגנהײַט פאַר אַן אָריגינעלער לייזונג פונעם פינאַל.

אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן, באַווײַזן מאַרינע בוכינעס קאָנצערטן, אַז זי איז אַ פּרוכטבאַרע אָנטיילנעמערן אינעם פּראָצעס פון דער אויפלעבונג פון

עס זינגט אנע גינזבורג

דער ייִדישער פּראָפעסיאָנעלער קונסט אין אונדזער לאַנד.

ביז איצט איז אינעם ארטיקל געגאנגען א רייד הויפּטזאכלעך וועגן די מאָסקווער גאסטראָליאָרן. אָבער בא אונדז אין מאָלדאוויע לעבט און ארבעט דאָך א היפּשער אָטריאַד קאָמפּאָזיטאָרן, שריפטשטע־לער, ארטיסטן, מוזיקאנטן, וועלכער קאָן ארייַנטראָגן א מערקבארן צושטייַער אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור אין די מאסשטאבן ניט בלויז פון דער רעפּובליק, נאָר אויך פונעם גאנצן לאנד. אלס באשטעטיקונג קאָן איך זיך פארופן אָף דעם ליטערעריש־מוזיקאלישן אָוונט, געווידמעט דעם 130־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אליכעמען, וועל־כער איז פאָרגעקומען אין קעשענעוו אינעם לאָקאל פון דעם שרייַבער־פארבאנד. אָט ווו עס איז געווען א יאָמטעוו פון ייִדיש! אפן אָוונט האָט די אקטריסע יעווגעניִע זלאטאיא, פונעם פארמילכאָמעדיקן פּראָ־פעסיאָנעלן ייִדישן טעאטער, וועלכע איז געווען זייער פּאָפּולער אין בעסאראביע און אין בוקאָווינע, גלענצנדיק אויסגעפילט שאָלעם־אליכעמס מאָנאָלאָג „בערל־אייַזיק”, די ייִדישע פּראָזאיִקער יעכיִעל שרייַבמאן און באָריס סאנדלער, די פּאָעטן מישע לעמסטער און מיכאיִל פעלזענבאום האָבן פאָרגע־לייענט זייערע ווערק, די יונגע זינגערן, די ארויס־לאָזניצע פון דער מאָלדאווישער קאָנסערוואטאָריע. כאזינא האָט געזונגען ייִדישע פאָלקסלידער אין דער טאלאנטפולער באארבעטונג פונעם קאָמפּאָזיטאָר וו. ביטקין. איז דאָס דען ניט קיין גרייטער ליטע־ראריש־מוזיקאלישער קאָנצערט אונטערן דעוויז „דאָס היימישע וואָרט, די היימישע ניגונים”?

עס ווילט זיך גלייבן, אז מיט דער גרינדונג אין מאָלדאוויע פון דער געזעלשאפט פאר ייִדישער קול־טור וועט די אופלעבונג פון אונדזער אוראלטער קולטור גיין אין דער רעפּובליק מער אינטענסיוו און וועט פארנעמען א ווירדיק אָרט אין דער פּיל־פארביקער פּאליטרע פון די נאציאָנאלע קולטורן.

סערגיי בענגעלסדאָרף,
מוזיקאלישער קריטיקער,
מיטגליד פון דער פארוואלטונג
פון דער ייִדישער קולטור־געזעל־
שאפט אין דער מאָלדאווישער
סאָוועטן־רעפּובליק

דער אנסאמבל „ייִדישע ליד”

פּראָפ. נ. מ. ניקאָלסקי

דאָס אוראַלטע פֿאָלק ייִסראָעל

12. אף די טײַכן פון באָוול

דער גאָלעס-באָוול האָט שפּעטער אויסגעוויזן די בני-יעהודע ווי א שווערע און טרויעריקע צײַט. דערמאָנענדיק זיך אָן ציוין, האָבן זיי געוויינט, ניט געקענט זינגען, פרייליכע זמירות און אפילע טפילע טאָן צו גאָט אין א פרעמד לאַנד. יאַהווע איז פארבליבן דאָרט, אין דעם ווײַטן פּאַטערלאַנד; דער קויהען יעכעזקל, איינער פון די, וועלכע זײַנען פארטריבן געוואָרן אין געפענקעניש, האָט פאר־זיכערט, אז ער האָט געזען, ווי יאַהווע האָט זיך פאר דעם כורבן פון יערושאָלאַיִם געזעצט אף די קרויוים, וועלכע זײַנען געווען איבער זײַן אָרן, און איז איבערגעפלויגן אפן שכייניש בארג, און דאָרט איז ער פארבליבן, ביז זײַנע דינער וועלן זיך ניט אומקערן פון גאָלעס און וועלן ניט אָפּבויען צוריק זײַן וווינאָרט, אהין איז אויך אף א וווּנדערלעכן אויפן איבערגעטראָגן געוואָרן דער אָרן פון יאַהווע, וועלכער איז אלפּי נעס פארשוווּנדן געוואָרן בעשאַס יערושאָלאַיִם האָט געברענט: דער אָרן איז פארבאָרגן אין דעם דאָזיקן בארג, און ווען ס'וועלן אָנקומען די לעצטע טעג פון דער וועלט, וועט ער זיך צוריק אנטפּלעקן איינייִנעם מיט יאַהווע, קעדיי צו מישפּעטן אלע פעלקער. יעדן טאָג פלעגן די פארטריבענע מיספּאַלעל זײַן צו יאַהווע: „האָב ראַכמאָנעס אף מיר, יאַהווע, מיט דײַן גרויסן גנאָד, און ריייניק אָפּ מײַנע זינד צוליב דײַנע גרויסע כסידים“. און מיט א ביטאָכן אף דער קומענדיקער אויסלייזונג פון געפענקעניש האָבן די פארטריבענע באַמיט זיך צוצופּאַסן צו דער נײַער סוויווע, אין וועלכער ס'איז זיי אויסגעקומען צו לעבן.

די ערשטע האָבן זיך צוגעוווינט צו דער נײַער לאַגע די יערושאָלאַיִמער סאָכרים. באָוול איז געווען א גרויסע מעלוכע, אין אלע עקן פון דער מעלוכע פלעגן ארומפאָרן האַנדל-קאַראַוואַנען, וועלכע פלעגן זיך, ווי אין א קניפּל, צונויפֿקומען אין באָוול, דער דעמאָלטיקער הויפּט-שטאָט פון דער וועלט. נאָך פאר נעוווכאַדנעצערן איז שוין באָוול געווען א רײַכע שטאָט, נאָר אין זײַנע צײַטן האָט ער זיך פארבויט און פארפּוצט מיט גאָר א באַזונדער פּראַכט, די דאָזיקע הויפּט-שטאָט פלעגט צוציִען צו זיך סכוירעס פון אלע לענדער, און אין באָוול גופע פלעגט אויך אויסגעארבעט ווערן א גאַנץ היפּשע צאָל טײַערע כפייצים, וועלכע פלעגן זיך דערנאָך פארשפּרייטן איבער דער גאַנצער

פּאָרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 1—7, 1989.

וועלט. די פאַרטריבענע פון יעהודע סאָכרים איז נאָר געווען פאַרבאָטן זיך אומצוקערן קיין יעהודע, נאָר זיי האָבן געמעגט פרײַ ארומפאָרן און האנדלען איבערן גאנצן שעטעך פון דער קאַלאָסאַלער מעלוכע און זיי האָבן עס טאקע געטאָן. אייניקע זײַנען פאַרבליבן אין באָוול; אנדערע האָבן איבער־געוואנדערט קיין נינווע, עקבאטאנע, שושען, מיצראַיִם. סײַ אין באָוול, סײַ אין די איבעריקע שטעט, אין וועלכע זיי האָבן זיך באזעצט, האָבן זיי געזוכט זיך האלטן אינײַנעם, העלפן איינער דעם צווייטן אין זייערע געשעפטן און זיך צונויפקלײַבן צוזאמען טפילע טאָן צו גאָט. די דאָזיקע קאָלאָניעס פון די יידישע סאָכרים זײַנען דאָס געווען דער אָנהייב פון דער יידישער צעזייונג, פון דער „דיאַספּאָרע“, ווי ס'האָבן געהייסן אין גריכיש די יידישע קאָלאָניעס, צעשפּרייטע איבער דער גאנצער וועלט.

נאָר סאָכרים זײַנען צווישן די פאַרטריבענע געווען לעפּיערעך ווינציק. דעם גאנצן אָל פון גאָ־לעס איז אויסגעקומען צו לײַדן די „גיבויריי כאַיל“ און די קויהאַנים — דעם גרעסטן טייל פון די בניי־יעהודע, וועלכע זײַנען פאַרטריבן געוואָרן קיין באָוול, ווײַל זיי זײַנען דאָך געווען די הארן און פירער פון דער אומגעקומענער מעלוכע. די סאָרים און הויף־לײַט פון מאַלכעס יעהודע האָבן זיך גיך צוגעפּאסט צו דער נײַער סוויווע. אייניקע פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט פאַר דעם קיניג פון באָוול און האָבן באקומען דערפאַר וויכטיקע שטעלעס; אנדערע, וועמען ס'האָט זיך אײַנגעגעבן מאַצל זײַן פון כורבן נאָר א טייל אפילע פון זייער פאַרמעגן, האָבן זיך צוזאמען מיט די סאָכרים גענומען האנדלען. נאָר שווערער פון אַלעמען איז געווען די לאַגע פון די קויהאַנים. פאַרטריבן פון ירושאַלאַיִם, האָבן זיי מער ניט געקענט פאַרנעמען זיך מיט זייער פריערדיקער באשעפטיקונג, פאַר־נעמען זיך מיט א נײַער ארבעט האָט זיך זיי ניט געוואָלט, און דער גרעסטער טייל פון די קויהאַנים האָט ראַק געטרוימט וועגן דעם, וויאַזוי זיך צוריק אומקערן אין דער אַלטער היים, אפּדאָסנײַ אויס־בויען דעם בייס־האַמיקדעש פון יאַהווע, אײַנפירן צוריק די אווידע, נאָר אַזוי, אז זיי זאָלן שוין מער ניט האָבן קיין קעגנער.

האָפנדיק, אז וועןס'ניט־איז וועט דאָך מעקוייעם ווערן די נעוויע פון יירמעיאָהו, האָבן די קויהאַנים צווישן זיך געלעבט אין אן ענגן קרײַז און האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם, וואָס זיי פלעגן ברענגען אין אָרדענונג, ארײַנטראָגן טיקונים און מעמאַלע זײַן די אַלע צערעמאָניעס און מינהאָגים, וועלכע זײַנען געווען אָנגענומען בא דער אווידע אין בייס־האַמיקדעש אין ירושאַלאַיִם. צווישן זיך גופע האָבן זיי ניט אַלע קויהאַנים געהאַלטן פאַר גלײַכע: זיי האָבן געזאָגט, אז עמעסע הויפּט־קויהא־נים וועלן זײַן אין דער צוקונפט נאָר די, וואָס שטאַמען פון דעם ערשטן קויהען פון בייס־האַמיקדעש, פון צאָדעקן, ווײַל נאָר די קויהאַנים זײַנען געבליבן די גאנצע צײַט טרײַ צו יאַהווע. און די איבע־ריקע קויהאַנים פון שיוועט לייווי, וועלכע האָבן געדינט אנדערע געטער אָדער אויף די באָמעס, די וועלן דאַרפן מער ניט העלפן די עמעסע קויהאַנים. דעם געדאַנק האָט ארויסגעזאָגט איינער פון די ירושאַלאַיִמער קויהאַנים, יעכעזקל, ער פלעגט זיך ארויסשטעלן פאַר א נאָווי, דערציילנדיק, אז אים באווײַזט זיך שטענדיק יאַהווע אין אן אויסערגעוויינלעכער סוויווע, זיצנדיק אויף מוירעדיקע באשעפענישן — האַלב־מענטשן, האַלב־כײַעס, און ארומגערינגלט מיט א וואונדערבאַרן כאַיל; ער האָט אָנגעשריבן א סייפער, אין וועלכן ער דערציילט וועגן זײַנע זעונגען. יאַהווע האָט אים אַזוי דער־קלערט, פאַרוואָס ער האָט כאָרעוו געמאַכט ירושאַלאַיִם, יעהודע און יישׂראָעל. זיי זײַנען כאָרעוו געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געהיט דעם געזעץ, לויט וועלכן מע דאַרף דינען ראַק יאַהווע אַליין און נאָר אין ירושאַלאַיִם. איצטער זײַנען יעהודע און יישׂראָעל געגליכן צו טויטע ווײַסע ביינער, נאָר יאַהווע וועט זיי לעבעדיק מאַכן, און דאַן וועלן זיי זיך צוריק אומקערן אין לאַנד, וואָס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן, און אויב זיי וועלן דאָרט אײַנאָרדענען זייער לעבן אַזוי ווי ס'ווײַזט אָן יאַהווע דורך יעכעזקלען, וועלן זיי מער קיינמאָל ניט אומקומען און זיי וועלן אונטערטעניק מאַכן אַלע פעלקער פון דער ערד.

דעם געדאַנק, אז בייס דער אויפלעבונג פון יעהודע וועט מען מוזן אײַנאָרדענען א מעלוכע פון קויהאַנים, האָבן די קויהאַנים געזוכט אײַנצופלאַנצן אין פאָלק אויך דורך אנדערע ספאָרים. פון די לעגענדעס וועגן די שאָפטים און די ערשטע קיניגן און פון די כראָניקעס, וואָס זײַנען געפירט געוואָרן פון די קיניגן פון יעהודע און יישׂראָעל, האָבן זיי געשאַפן דרײַ גרויסע ספאָרים פון טאַנאַך: „שאָפטים“ און „מעלאָכים“. לייענענדיק די דאָזיקע ספאָרים, האָבן די בניי־יעהודע אין גאָלעס ניט־ווילנדיק אָנגעהויבן דענקען, אז קעדיי אויסצומײַדן אין דער צוקונפט גאָטס שטראָף, איז דאָ ראַק איין טרופע: טפילע טאָן נאָר צו יאַהווע און ברענגען אים קאָרבאָנעס ראַק אין בייס־האַמיקדעש אין ירושאַלאַיִם. די קויהאַנים האָבן צוגעטראַכט נאָך א מיטל, וויאַזוי צו אנטוויקלען אין די יידן דאָס געפיל פון איבערגעגעבנקײַט צו יאַהווע און צו זײַנע דינער. זיי האָבן אָנגעהויבן צונויפקלײַבן די יידן אויף טפילעס־פאַרזאַמלונגען; אויף די פאַרזאַמלונגען פלעגן זיי פאָרלייענען פאַר די פאַרזאַמלטע די טוירע, שטיקלעך פון דער געשיכטע, מיט דערקלערונגען און זינגען מיזמוירים פון טילים. אַזעלכע פאַרזאַמלונגען האָט מען אײַנגיכן אָנגעהויבן מאַכן ניט נאָר אין באָוול, נאָר אויך אין די איבעריקע שטעט, אין וועלכע ס'זײַנען געווען יידישע קאָלאָניעס. זיי פלעגן אפילע פאָרקומען אין

ספּעציעלע הײַזער, װעלכע האָבן געהײסן קנעסעס, פֿאַרזאַמלונג, אין גריכיש סינאַגאָגעס. ביסלעכװײַז האָבן זיך די דאָזיקע באַטעהאַקנעסעס פֿון אַן אָרט פֿאַר פֿאַרזאַמלונגען, שמועסן און דראָשעס פֿאַרװאַנדלט אין א בײט־טפֿילע, װוּ ס'פֿלעגן זיך צונויפֿקלײַבן די ייִדן, װעלכע האָבן געלעבט אין דער פֿרעמד און האָבן ניט געהאַט קײן מעגלעכקײַט צו קומען אין בײס־האַמיקדעש אין יערושאָלאַיִם.

און דער טאָג פֿון באַפֿרײַונג האָט זיך אַלץ דערנעענטערט; שוין ניט װײַט איז געװען דער טאָג, װען ס'האָט געזאָלט מעקוים װערן דער אכזאַריעסדיקער װוּנטש: „פֿאַרפֿלוכטע טאָכטער פֿון באָװל! װויל איז צו דעם, װער ס'װעט נעמען דײַנע קלײנע קינדער און װעט זײ צעקלאַפּן אָן א שטײן!" די מידיער, װאָס זײַנען נאָך ניט לאַנג געװען פֿארײנס מיט די באָװלים און האָבן געהאָלפֿן נעװוּכאַדנעצערן פֿאַרניכטן די מאַכט פֿון די אַשורישע קיניגן, זײַנען איצט געװאָרן סאָנים פֿון די באָװלים (כשאָדים). בא די פּערסן, א ברידערלעך פֿאָלק פֿון די מידיער, איז אופֿגעשטאַנען א טאַלאַנטפֿולער פֿירער, קירעש, װעלכער האָט זיך אָפּגעטײלט פֿון באָװל, האָט אײַנגענומען קימאַט גאַנץ קלײן־אַזיע און האָט זיך געגרײט צו אַן אַנטשײדענעם קאַמף מיט באָװל. די ייִדן האָבן געלײגט גרױסע האָפֿענונגען אױף קירעשן און האָבן אים געהאָלפֿן מיט װאָס נאָר ס'איז מעגלעך געװען, װי ס'האָבן אים אױך געהאָלפֿן די איבעריקע פֿעלקער, װעלכע זײַנען געװען ניט צופֿרידן מיט דער מעמשאָלע פֿון באָװל.

די ייִדן אין יענע צײַטן, צעשפּרײטע איבער דער גאַנצער װעלט, האָבן געלעבט אין װױלטיק און האָבן מאַצליעך געװען אין אַלע זײערע געשעפֿטן; זײ האָבן געהאַלטן, אַז דאָס העלפֿט זײ יאַהװע און דעריבער האָבן זײ געמײנט, אַז ער איז מיט זײ אין דער גאַנצער װעלט און פֿאַרװאַלטעט, הײסט עס, מיט דער גאַנצער װעלט. און איצטער, װען נאָענט איז שױן געװען די צײַט פֿון באַפֿרײַונג, האָט די גאַנצע פֿאַרגאַנגענע געשיכטע מיט אירע לײדן אָנגעהױבן אױסװײַזן זײ װי א שרעקלעכער כאָלעם. ייִסראָעל האָט געליטן און זיך געפּײַניקט, נאָר איצטער װעט ער באַלױנט װערן, ער װעט ניט נאָר אַלײן געהאָלפֿן װערן, נאָר ער װעט ברענגען דערצו, אַז אַלע פֿעלקער װעלן אױך אָנהײבן גלײבן אין יאַהװע, און װעט געװעלטיקן איבער זײ.

אין 539־טן זײַנען קירעשעס כאַיאָלעס אונטער גאָבריס אָנפֿירונג איבערגעגאַנגען די גרענעצן פֿון באָװל. א גרױסער טומל האָט זיך אופֿגעהױבן אין באָװל. ס'איז באַשטימט געװאָרן א טאָג אױף טפֿילע טאָן צו די געטער אין אַלע שטעט. ניט פֿאַרלאָזנדיק זיך אױף די געפֿליגלטע פֿיגורן, די װעכטער פֿון די טױערן, האָט מען אין באָװל אַרױסגעטראָגן פֿון אַלע טעמפּלען אױפֿן פּלאַץ די געטער מאַרדוק, דעם באַשיצער פֿון באָװל, און נאַבו, דעם באַשיצער פֿון די סאָכרים און רײַזנדע, און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿלעגט טפֿילע טאָן פֿאַר זײערע באַגילדעטע סטאַטועס. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די אײַנװױנער פֿון אַנדערע שטעט: איטלעכע שטאָט האָט געהאַט איר גאָט־באַשיצער, צו װעלכן מע פֿלעגט זיך איצט װענדן מיט הײסע טפֿילעס און װעלכן מע פֿלעגט ברענגען אָן א צאָל קאָרבאָנעס אױף די פּלעצער און גאַסן, װוּ ס'פֿלעגן זיך צונויפֿקלײַבן גרױסע מאַסן מענטשן. די אײַנװױנער פֿון ערידו האָבן געבעטן צו זײער גאָט עא, די אײַנװױנער פֿון אור — זײער גאָט סין, פֿון סיפּאַר — שעמעש אאַז. מע האָט גערעכנט, אַז די פּערסן זײַנען גלײַך צו די װילדע מידיער, װעלכע האָבן נאָך מיט א קורצער צײַט צוריק געהאָלפֿן נעװוּכאַדנעצערן קעגן די אַשורים.

נאַבאַנעד, דער לעצטער קיניג פֿון באָװל, איז מיט זײַן כאַיל אַרױסגעטראָטן קעגן גאָברי; נאָר די ייִדישע אָנהענגער פֿון קירעשן האָבן מער ניט װי געלאַכט אין זיך. זײ זײַנען געװען זיכער, אַז נאַבאַנעד װעט ניט קענען בײַקומען די פּערסן. און זײ האָבן זיך ניט אָפּגענאַרט: נאַבאַנעד האָט געליטן א מאַפּאָלע, ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿענקעניש און אין קײטן האָט מען אים אַװעקגעשיקט צו קירעשן, באָװל איז געבליבן אָן א קיניג און אָן כאַיל; אַלע טפֿילעס און קאָרבאָנעס האָבן ניט געהאָלפֿן. איצטער איז שױן געװען אומזיסט יעדער פּרוּװ זיך צו פֿאַרטײדיקן, און אַז גאָבריס כאַיל האָט זיך באַװיזן פֿאַר די מױערן פֿון דער גרױסער שטאָט, האָבן די אײַנװױנער ניט געװאַגט זיך צו פֿאַרשפּאַרן אין שטאָט און באַלאַגערט װערן. עמעס, באָװל איז געװען אַרומגערינגלט מיט דיקע מױערן, אױף אַזױפֿיל דיקע, אַז אױף דעם אײבערשטן אױבנאױף פֿון דעם מױער זײַנען געװען אױסגעבױט הײַזלעך, װוּ ס'האָבן געלעבט די װעכטער; אַזעלכע דיקע מױערן איז שװער געװען דורכצוברעכן און אַרײַנדרינגען אין שטאָט. נאָר די צאָרע איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס אין באָװל איז געבליבן צו װײניק כאַיל צו פֿאַרטײדיקן די מױערן, און די קלײנע צאָל זעלנער, װאָס זײַנען פֿאַרבליבן, האָט ניט געקענט שטערן אײַנצונעמען די שטאָט. און די באָװלים האָבן באַשלאָסן זיך אונטערגעבן דעם זיגער, און ניט אַרײַנברענגען אים אין צאָרן מיט זײער אומניצלעכן װידערשטאַנד. דער פּערסישער קריגס־אָנפֿירער איז אַרײַנגעטראָטן אין באָװל, און אים האָבן באַגריסט די זעלבע קױהאַנים און זקײנים פֿון שטאָט, װעלכע האָבן אָקאָרשט צוליב אים אופֿגעהױבן אַזא מעהומע צװישן די געטער.



מע רעכנט, אז אין דעם אויהעל זײַנען געבראַכט צו קווורע עסטער־האמאלקע און מאָרדעכײַ

קוירעשן האָט שטאַרק געלוינט אומצוקערן אין זייערע פרײַערדיקע לענדער די אַלע פאַרטריבענע, וועלכע ס'האָבן פאַרטריבן די אַשורישע און באַווּלישע קיניגן. זײַן מעלוכע איז נאָך געווען א יונגע, אין דער אופריכטיקײַט פון די באַוולים האָט ער ניט זייער געטרויט. און פאַר אים איז זייער וויכטיק געווען צו האָבן אױף זײַן צאַד אַלע גרויסע און קליינע פעלקער, וועלכע האָבן געליטן פון דער אַשורישער און באַוולשער מעלוכע. ער האָט געקענט זײַן זיכער, אַז אַט די אַלע פעלקער וועלן אים געוויס העלפן, אויב נאָר די באַוולים וועלן פרוּוון אַראָפּוואַרפן זײַן הערשאַפט. דעריבער האָט ער גלײַך נאָכדעם, ווי ער האָט אײַנגענומען באַוול, אָנגעהויבן דערלויבן די אויסוואַנדערער פון פאַרשיידענע לענדער זיך אומצוקערן צוריק אין זייער אַלטער היים. אויך פאַר די ייִדן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַזאַ פאַראָרדענונג.

די דערלויבעניש האָבן ניט אַלע אויסגעניצט. אויסגעניצט האָבן זי קודעמקאָל די קויהאַנים און לייווים; זיי האָבן אויסגעבעטן בא קוירעשן א דערלויבעניש מיטצונעמען א טייל פון די הייליקע קיילים, וועלכע נעוווּכאַדנעצער האָט אַרויסגעפירט פון בייס־האַמיקדעש, און זיי האָבן גענומען אױף זיך אָנצופירן מיט דער איבערוואַנדערונג. אַכוץ די קויהאַנים און לייווים, האָבן זיך אומגעקערט אייניקע פירשטלעכע מישפּאָכעס פון יעהודע און ביניאָמין.

קעדיי צו באַנײַען יערושאָלאַיִם און דעם בייס־האַמיקדעש, האָט מען זיך גענייטיקט אין גרויסע געלט־מיטלען: די מיטלען האָבן זיך גענומען פון די נעדאָוועס, וועלכע ס'האָבן געגעבן די ייִדן, וועלכע זײַנען געפאָרן קיין יערושאָלאַיִם; נאָר כוץ דעם, האָבן אויך אַלע איבעריקע ייִדן, וואָס האָבן ניט געוואָלט וואַרפן זייערע געשעפטן און פאָרן אין א לאַנד, וו דאָס לעבן איז זיי אינגאַנצן אומבאַקאַנט געווען, האָבן דאָך געשיקט געלט און כפייצים פאַר די איבערוואַנדערער; פון די נעדאָוועס האָט זיך צונויפגעקליבן איבער 61.000 דראַכמאָנים גאָלד און 5.000 ליטרעס זילבער. אונטער דער אָנפירונג פונעם פירשט זערובאָוועל פון דאָווידס מישפּאָכע און פון קויהען יעהוישוע, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם קויהען גאָדל צאָדעק, און דעם קיניגלעכן באַפולמעכטיקטן שעשבעצאַר האָבן זיך די איבערוואַנדערער געלאָזט אין זייער ווײַטן וועג, זיי זײַנען געגאַנגען טיילנווײַז: קאַראַוואַנען פון קעמלען, פערד, אייזלען און מויל־אייזלען זײַנען איינער נאָך דעם אַנדערן געגאַנגען קיין פּאַלעסטינע. אינגאַנצן זײַנען אוועק, ווי ס'ווערט אויסגערעכנט אין טאַנאַך, 42.360 פרײַע מענטשן; נאָר אַזוי ווי דאָס זײַנען אַלץ געווען מעיוכאָסים און פאַרמעגלעכע מענטשן, האָבן זיי אויך מיטגענומען זייערע קנעכט אין א צאָל פון 7.337. די מענטשן זײַנען געפאָרן אױף קעמלען און פערד; אױף די אייזלען און מויל־אייזלען האָט מען געפירט די הויז־כפייצים און עסנוואַרג. דאָס איז געווען אַן עמעסע פעלקער־איבערוואַנדערונג. מיט יעדן טריט זײַנען אַלץ ווײַטער אױף אַהינטער פאַרבליבן די טײַכן פון באָוול און אַלץ נעענטער פלעגן זיי אָנקומען צום אומפאַרגעסלעכן ציוין, וו ס'האָט גערוט דער גרויסער יאַהווע, וועלכער איז גרויס געוואָרן פאַר אַלע פעלקער.

13. עזראַ און נעכעמיע

די פריילעכע כאַלוימעס פון די איבערוואַנדערער זײַנען צעשטערייט געוואָרן, ווי א רויך, ווי נאָר די רײַזנדע זײַנען געקומען צו זייער ענדציל. פאַר די פופציק יאָר, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין גאָלעס, זײַנען פאָרגעקומען פיל ענדערונגען אין זייער אַלטן פאָטערלאַנד. די איבערוואַנדערער האָבן געטראָפן גאָר אומבאַקאַנטע פּענעמער, וועלכע האָבן גערעדט אױף אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך. אױף דעם אָרט, וו ס'איז אַמאָליקע יאָרן געשטאַנען דאָס שיינע שאָמרוין, זײַנען שוין לאַנג פאַרשווּנדן געוואָרן דיווירקלעכע בניי־עפראַיִם; אַנשטאָט זיי האָט דאָ געלעבט עפּעס א געמישט פאָלק פון די רעשטן פון עפראַיִם און די אַשורישע אויסוואַנדערער. אין פרײַערדיקער מאַלכעס־יעהודע איז די לאַגע נאָך ערגער געווען. דער רעשט פון די ייִדן ערדאַרבעטער, וועלכער האָט איבערגעלעבט דעם כורבן, האָט זיך געטוליעט אַרום די כורוועס פון יערושאָלאַיִם; נאָר די אָנגעקומענע האָבן קוים געקענט פאַרשטיין די שפּראַך פון זייערע ברידער און זיי האָבן באַמערקט, אַז אויך זיי, אַזוי ווי די

שאָמרוינים, האָבן שוין אופגעהערט צו זײַן עכטע בנײ־יעהודע: איינער האָט געהאַט א פרוי פון די בנײ־אַדאָם, וועלכע האָבן איצט פאַרנומען דעם גאַנצן דאָרעם־טייל פון יעהודע. דאָס באַרגיקע לאַנד, ווו ס׳האָט אַמאָל אזוי געשעמט דאָוויד מיט זײַנע גוורעס; דער צווייטער האָט געהאַט א פרוי פון די בנײ־אַמוין, וועלכע האָבן פאַר דער צײַט דערלאַנגט אריבערצוגײן דעם יאַרדן און זיך באַזעצן אין מיזרעך־טייל פון יעהודע, ארום די כורוועס פון אוראַלטן יעריכאָ. אויך די שפּראַך, אויף וועלכער ס׳האָבן גערעדט די ברידער פון די איבערוואַנדערער, איז ווייניק־וואָס ענלעך געווען צו דער אַמאָליקער שפּראַך פון ייִסראָעל, צו דער שפּראַך פון די נעוויִים און פאָעטן פון דער גאָלדענער טקופע פון ייִדישן לעבן און ליטעראַטור. דער פּאָשעטער האַמוין האָט גערעדט אויף א געמישטער שפּראַך: צוזאַמען מיט העברעיִשע ווערטער פלעגט ער באַניצן אויך אראַבישע און אַמאָל גאָר ארמישע ווערטער. און די רײַכערע און געבילדעטערע שיכטן האָבן גערעדט אויף דער ארמישער שפּראַך, וועלכע איז אַרײַנגעדרונגען אהער פון דאַמעסעק; עמעס, די דאָזיקע שפּראַך איז זייער ענלעך צו העברעיִש, נאָר די איבערוואַנדערער האָט ווײ געטאָן דאָס האַרץ, ווען זיי האָבן געזען, אז אין זייער פאָטערלאַנד איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן זייער מוטער־שפּראַך, וועלכע זיי האָבן אזוי געזען אײַנצוהאַלטן אין דער פרעמד.

נײַע פּענעמער, נײַע שפּראַכן, נאָר דאָך ניט אינגאַנצן האָט מען דאָ פאַרגעסן דעם אַלטן גאָט. וועגן יאַהווע האָט מען נאָך געדענקט און מע פלעגט אים ברענגען קאָרבאָנעס, לויט די אַלטע מינהאָגים, נאָר מע האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון אַנדערע געטער אויך. נאָר דאָס איז שוין אויך געווען א טרייסט פאַר די קויהאַנים, און ווען מע האָט אָפּגערייניקט פון אונטער די כורוועס פון בייס־האַמיקדעש, פון אונטער דעם מיסט און גראָז דעם אַלטן הייליקן שטיין און אויסגעבויט אויף אים א צײַטווײַליקן מיזבייעך, האָט זיך צום ערשטן מאָל ברענגען דעם קאָרבן צונויפגעקליבן א גרויסער אוילעם, נאָר פאַר די קויהאַנים איז קלאָר געווען, אז מע וועט דאַרפן אָפּגעבן א סאַך מי און האָבן פיל געדולד, קעדיי צו גרינדן אזא רעליגיִעזע אידע, וועגן וועלכער זיי האָבן געטרוימט פון יעכעזקלס צײַטן, אזא אידע, אין וועלכער זיי זאָלן האָבן די אויבערהאַנט און ווו זיי זאָלן קאָנען לעבן אָן זאָרגן און דײַגעס וועגן דעם מאָרגעדיקן טאָג.

די קויהאַנים האָבן זיך באַזעצט אין יערושאָלאַיִם, ווו זיי האָבן אויסגעבויט פאַר זיך נײַע הײַזער. די איבערוואַנדערער פון די וועלטלעכע מישפּאָכעס האָבן זיך צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע טיילן פון דער געוועזענער מאַלכעס־יעהודע, דערהויפּט צו צאָפן־צו פון יערושאָלאַיִם. פרײַע ערד איז געווען דורכויס א סאַך, ווײַל נאָך דעם כורבן פון נעוווכאַדנעצערן איז דאָס לאַנד פאַרוויסטעט געוואָרן, און די באַפעלקערונג האָט זיך נאָך ניט פאַרמערט אויף אזויפיל, אז זי זאָל דערגײן ביז איר פריִערדיקער צאָל. די איבערוואַנדערער האָבן זיך פאַרכאַפּט גרויסע נאַכלעס און האָבן זיך אָנגעהויבן גרויס האַלטן מיט די פאַרבליבענע פון יעהודע: זיי פלעגן זאָגן, אז נאָר די פאַרטריבענע, די בנײ־האַגוילע, בילדן די אידע פון יאַהווע, און דער, וואָס קאָן ניט דערווײַזן, אז ער שטאַמט פון די פאַרטריבענע, דעם פלעגט מען ניט אַרײַנטראָגן אין די צעטלען פון דער נײַער אידע: ווען די אָרטיקע אײַנוווינער האָבן פאָרגעלייגט זייער הילף באַם בויען דעם בייס־האַמיקדעש, האָט זיי זערובאָווועל מיט שטאָלץ געענטפערט: „מיר וועלן אַליין בויען דאָס הויז פון יאַהווע, דעם גאָט פון ייִסראָעל”. נאָר דאָס האָט פונדעסטוועגן ניט געשטערט די אָנגעקומענע זיך מיסכאַטן זײַן מיט אזעלכע מעיוכאָסים און היוכע באַאַמטע, ווי זיי אַליין, וועלכע האָבן געלעבט אין שאָמרוין און טיילווײַז אין יעהודע.

די קויהאַנים איז דאָס שטאַרק ניט געפעלן געווען; נאָך מער איז זיי ניט געפעלן דאָס, וואָס דער וועלטלעכער טייל פון די איבערוואַנדערער, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשיידענע טיילן פון יעהודע, האָבן זיך גאָר ניט געײַלט צו בויען דעם בייס־האַמיקדעש. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער פערסישער קיניג האָט באַפוילן זײַנע פאַרוואַלטערס פון מעעווער־לענאַהאַר־געגנט, ווי ס׳האָט דאַן געהייסן דאָס גאַנצע לאַנד הינטער די טײַכן פּראַט און כידעקעל, ארויסגעבן די קויהאַנים פון די קיניגלעכע האַכנאָסעס און גיטער אַלע נייטיקע מיטלען און מאַטעריאַלן צום ביניען, איז די ארבעט געגאַנגען זייער לאַנגזאַם און איין צײַט האָט זי זיך גאָר געהאַט אָפּגעשטעלט. דאָס איז פאָרגעקומען צוליב א טריקעניש, וועלכע האָט געדויערט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד: די טריקעניש האָט ארויסגערופן אומגערעטענישן, און די דאָזיקע צאָרע האָט גאָר אינגאַנצן אָפּגעקילט דעם אוילעם.

די דאָזיקע אָפּהאַלטעניש איז שטאַרק ניט געפעלן געווען די קויהאַנים. אָן דעם בייס־האַמיקדעש איז זיי שווער געווען צו קעמפן פאַר דער רעליגיע פון איין־און־אייציקן יאַהווע, און ס׳איז אויך שווער געווען צו לעבן, ווײַל זיי זײַנען געוווינט געווען צו לעבן פון די קאָרבאָנעס: ניטאָ קיין בייס־האַמיקדעש, ברענגט מען ווייניק קאָרבאָנעס, און די האַכנאָסעס זײַנען קליין. פאַריינס מיט די קויהאַנים איז געווען זערובאָווועל. ער האָט געכאָלעמט וועגן אײַנשטעלן צוריק דעם טראָן פון זײַנע אורעלטערן און האָט געהאָפט, אז די קויהאַנים וועלן אים שטיצן. און זערובאָווועל מיטן קויהען גאָדל יעהוישוע האָבן זיך צונויפגערעדט צוזאַמען אָנהייבן אן אגיטאַציע, אז מע זאָל וואָס גיכער

בויען דעם בית־המיקדעש. קעדיי צו ווירקן אפֿן פֿאָלק, האָבן זיי ארויסגעשטעלט צוויי נעווײִם, כאגא און זכאריע, וועלכע האָבן געהאלטן מוסער־רעדעס. די דאָזיקע נעווײִם האָבן צוגעגרייט א באָדן פֿאר זערובאָוועלן, ער זאָל קאָנען ווערן א קיניג. האגאם מע האָט איצט אָנגעהויבן א סאך שנעלער צו בויען דעם בית־המיקדעש, נאָר זערובאָוועלס טרוימערײַען און האָפֿענונגען זײַנען דאָך ניט מעקוייעם געוואָרן. מע האָט געבויט ניט נאָר דעם בית־המיקדעש, ארום אים האָט מען אויך אָנגעהויבן בויען א וואנט. דאָס האָט באמערקט דער פּערסישער פּארוואלטער מיט דער געגנט, האָט געגעבן צו וויסן פֿון דעם דעם קיניג און האָט מיט געוואלט צײַטווײַליק אָפּגעהאלטן די ארבעט. מע האָט אפּסנײַ אָנגעהויבן זיך מישטאדל זײַן באם קיניג דארײַוש, מע האָט אויסגעזוכט קוירעשעס פֿאראָרדענונג, אין וועלכער ער דערלויבט צו בויען דעם בית־המיקדעש, און דארײַוש האָט דער־לויבט צו פֿארענדיקן דעם בית־המיקדעש, נאָר זערובאָוועל האָט זיך שוין געמוזט אָפּזאָגן פֿון זײַן פּרווו ווידער אופֿצושטעלן דאָס קיניגרײַך פֿון דאָווידן. העכסט צופֿרידן זײַנען מער ניט געווען ווי יעהוישוע און זײַנע כאווירים. אין 516־טן יאָר איז דער צווייטער בית־המיקדעש פֿארענדיקט און פֿײַערלעך געהייליקט געוואָרן; די קויהאנים האָבן צום כאנוקאס בית־המיקדעש פֿארפּאסט א פֿײַערלעכן לויב־געזאנג, וועלכער שילדערט דעם פֿײַערלעכן ארײַנטריט פֿון יאהווע אין זײַן באנײַט וווינאָרט: „הייבט זיך אין דער הייך, די טויערן פֿון דער אייביקײַט, עס זאָל קענען ארײַנגיין דער קיניג פֿון קאָוועד! נאָר ווער איז עס דער קיניג פֿון קאָוועד? דאָס איז דער גאָט פֿון צוואָעס, דער מעכטיקער גיבער, ער איז עס דער קיניג פֿון קאָוועד!" מיט געזאנג פֿון לויב־לידער, באם שפּילן אין טרומייטן, צימבלען און פּויקן האָט מען געבראכט א גרויסע צאָל קאָרבאָנעס. הונדערט רינדער, צוויי הונדערט שאָפּבאָקן, פֿיר הונדערט שעפּסן און צוועלף ציגנבעק, לויט דער צאָל פֿון די שוואָ־טים, האָט מען געבראכט פֿאר א קאָרבן כאטאאס; נאָכן כאנוקאס בית־המיקדעש זײַנען די קויהא־נים אײַנגעטיילט געוואָרן אין מישמוירים און ס׳איז אײַנגעשטעלט געוואָרן א באשטימטער סיידער, ווי סע שטייט געשריבן אין געזעץ.

נאָר די זקיינים, וועלכע האָבן נאָך געזען דעם ערשטן בית, האָבן איצטער געשאָקלט מיט די קעפּ. דער נײַער בית אין פֿארגלײַך מיטן ערשטן האָט אויסגעוויזן אזוי אָרעם און ניט־היימלעך, און אויף דעם אָרט פֿון אָרן אין הינטערשטן סוידעספּולן טייל פֿון בית־המיקדעש איז איצט געווען פּוסט. מע האָט געהאָפֿט, אז מיט א נעס וועט דער אָרן צוריק אהער קומען, נאָר אזא נעס איז, פֿארשטייט זיך, ניט געשען. די קויהאנים האָבן דערקלערט דאָס, וואָס דער אָרן קומט ניט צוריק, דערמיט, וואָס יאהווע איז געוואָרן אומדערגרייכבאר גרויס פֿאר זײַן זינדיק פֿאָלק. ניט נאָר דאָס פֿאָלק, נאָר אפֿילע די נעווײִם זײַנען ניט מעסוגל אים צו זען; זכאריע איז ארײַנגעדרונגען אין אלע סוידעס פֿונעם הימל, און יאהווע האָט ער אויך ניט געזען און האָט גערעדט נאָר מיט א מאלעך, און דעריבער שיקט מער ניט יאהווע זײַן אָרן, און די מענטשן זעען אים מער נישט, נאָר דער קויהען גאָדל מעג איין מאָל אין יאָר ארײַנגיין אין דעם אָרט, ווו ס׳דארף זיך געפֿינען דער אָרן; דער אָרן וועט זיך צוריק באווײַזן דאָרט נאָר פֿארן טאָג פֿון לעצטן מישפּעט, און ווען דער קויהען גאָדל וועט אים דערזען, וועט עס הייסן, אז אלע זינד פֿונעם פֿאָלק זײַנען פֿארגעבן, און דעם נאָמען פֿון יאהווע, האָבן געזאָגט די קויהאנים, טאָר מען מער ניט ארויסריידן: די זינדיקע ליפּן טאָרן ניט דערמאָנען זײַן נאָמען. און פֿון דער צײַט אָן האָט מען אָנגעהויבן פֿארבײַטן באם לייענען דאָס וואָרט „יאהווע" מיטן וואָרט „אדוינוי".

דער בית־המיקדעש איז געווען געבויט ווי דער אלטער. פֿארן בית־המיקדעש איז איצט, ווי אויך פֿריִער, געווען א גרויסער הויף, ווו ס׳איז געשטאנען א מיזבייעך פֿאר די אוילעס. אויף דעם הויף פֿלעגט מען ארײַנלאָזן אלעמען, וואָס פֿלעגן קומען אין בית־המיקדעש טפֿילע טאָן און ברענ־גען א קאָרבן. ווײַטער, אין בית־המיקדעש גופֿע, זײַנען געווען צוויי העלפֿטן, אויך אזוי ווי פֿריִער; די ערשטע העלפֿט, וועלכע מע האָט אָנגעהויבן רופֿן קוידעש, איז געווען פֿארמאכט פֿאר פּאָשעטע מענטשן. אהין האָבן געהאט א צוטריט נאָר די קויהאנים און לייווים. דאָ זײַנען געווען קימאט די זעלבע קיילים, ווי אין שלוימעס בית־המיקדעש, נאָר זיי זײַנען געווען א סאך קלענערע און פּאָ־שעטערע, ס׳זײַנען נאָר ניט געווען די קופּערנע זײַלן מיט די סוידעסדיקע אופּשריפֿטן, מיט וועלכע די פֿיניקיישע מײַסטערס האָבן פֿארפּוצט שלוימעס בית־המיקדעש; אָנשטאָט צען מענוירעס איז געווען מער ניט ווי איינע מיט זיבן לעמפּלעך, לויט דער צאָל פֿון גאָטס אויגן, מיט וועלכע ער קוקט ארום די וועלט; אזויווי זכאריע, אזוי האָבן אויך די קויהאנים, וועלכע האָבן אָנגעפֿירט מיטן בויען דעם בית־המיקדעש, פֿארשטאנען אונטער די זיבן אויגן די זיבן גרויסע הימלשע לײַכטערס. אָנשטאָט דעם קופּערנעם יאם איז געווען א קליינער וואשבעקן. נאָר דער טיש מיטן לעכעם־האפּאָנים איז געווען אזא, ווי אין ערשטן בית־המיקדעש, נאָך דעם קוידעש איז געגאנגען דער קוידעש קדאָשים, ווי ס׳האָט איצט געהייסן דער אמאָליקער דוויר, נאָר איצט איז דאָרט, לײדער, געווען פּוסט.

דער בייס־המיקדעש האָט אויסגעוויזן אַרעמער און כּישעכדיקער פאַרן ערשטן, אָבער די אָרדענונג איז דאָ געווען א שטרענגערע. שלוימעס בייס־המיקדעש איז געווען א קיניגלעכע הייליקײַט; דער באַלעבאָס איז געווען דער קיניג, און די קויהאַנים זײַנען געווען זײַנע געהאָרכזאַמע באַדינער. דער קיניג פלעגט זיי באַשטימען און אָפּשאַפן, דער קיניג פלעגט באַשטימען, ווער פון זיי זאָל זײַן דער קויהען גאָדל. דער קיניג פלעגט זײַן שטענדיק אין בייס־המיקדעש, אין אַלע זײַנע טיילן, אים פלעגט שטענדיק באַגלייטן זײַן פראַכטפולע סוויטע; אין די יאָמטויווים פלעגן זיך דאָרט צונויפקלײַבן טויזנטער מענטשן. אין בייס־המיקדעש פלעגט מען אַרײַנלאָזן סײַ מענער, סײַ פרויען; ס'זײַנען פאַראַן אפילע אָנווײַזונגען, אַז אין בייס־המיקדעש זײַנען אפילע געווען פרויען־קויהאַנים; יעדער, ווער ס'האָט געוואָלט באַקומען א דירעקטע אַנטפּלעקונג פון יאַהווע, האָט געקענט פאַרבלײַבן נעכטיקן אין בייס־המיקדעש, און דעם כאַלעם, וואָס ער פלעגט דאָ גיין, פלעגט ער האַלטן פאַר א נעוווּע פון גאָט. גאָר אַנדערש איז געווען איצטער.

די באַלעבאַטים זײַנען געווען די קויהאַנים, די קינדס־קינדער פון די קויהאַנים פונעם ערשטן בייס־המיקדעש, זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי שטאַמען אַלע פון איין מישפּאָכע און געפירט זייער אָפּשטאַמונג פון צאַדעקן, דעם ערשטן קויהען גאָדל אין בייס־המיקדעש אין יערושאָלאַים. דער ערשטער צווישן זיי איז געווען דער קויהען גאָדל יעהוישוע. נאָך זכאַריעס זעונג האָט ער געהאַלטן, אַז גאָט אַליין האָט אים באַשטימט פאַר א קויהען גאָדל. און נאָך אים פלעגט זײַן שטעל און כשיוועס איבערגיין בעיערושע צו זײַנע זין און אוריינקלעך. די איבעריקע מישפּאָכעס פון די קויהאַנים, וועלכע זײַנען גאַנץ געבליבן פאַר דער צײַט פון גאָלעס, האָט מען אויך צוגעלאָזן צו דער אַווידע אין בייס־המיקדעש, נאָר זיי האָבן שוין געמוזט זײַן אונטער די הויפּט־קויהאַנים, צאַדעקס אָפּשטאַמער, וועלכע זיי האָבן געמוזט אָפּגעבן א צענטכיילעק פון זייערע האַכנאָסעס. זיי האָבן באַקומען זייער אמאָליקן נאָמען לייווים, ווי ס'האָבן געהייסן פאַרן גאָלעס די קויהאַנים פון די באָמעס און פון אַנדערע פּראָווינציעלע הייליקײַטן. די קויהאַנים און די לייווים האָבן איצט געבילדעט א באַזונדערן שטאַנד פון גײַסטלעכע, וועלכער האָט זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע וועלטלעכע מענטשן. זיי פלעגן זאָגן, אַז זיי, די דינער פון גאָט, וואָס טוען טפילע פאַרן גאַנצן פאָלק, דאַרף מען אָפּגעבן באַזונדער גרויס קאָוועד, און אויף אויסצוהאַלטן זיי און דעם בייס־המיקדעש דאַרף דאָס פאָלק צאָלן א צענטכיילעק פון זײַנע האַכנאָסעס. די קליי־קוידעש האָבן אָנגעהויבן שטאַרק אַכטונג געבן, אַז די וועלטלעכע מענטשן זאָלן זיך ניט מישן אין די איניאָנים פון בייס־המיקדעש. וואָס שטרענגער ס'וועט זײַן פאַרבאָטן דער אַרײַנגאַנג אין בייס־המיקדעש, אַלץ מער אַכטונג און מוירע פאַרן בייס־המיקדעש און פאַר יאַהווע. און ווי ס'איז אויסגעבויט געוואָרן דער נײַער בייס־המיקדעש, האָבן די קויהאַנים טאַקע פאַרנומען גאָר א באַזונדערע לאַגע אין יערושאָלאַים און יעהודע.

נאָר דאָס לעבן איז ניט מיטאַמאָל אַוועק אַזוי, ווי ס'האָט זיך געוואָלט די קויהאַנים, און די וועלטלעכע באַפעלקערונג, סײַ די אָרעמע און סײַ די מעיוכאָסים, איז נאָכגעגאַנגען נאָך די קויהאַנים אָן כיישעק. ניט קוקנדיק אויף די נעוויִעס פון כאַגאַ און זכאַריע, איז די דאַכקעס ניט קלענער געוואָרן. אַזוי ווי פריִער, פלעגט זיך אין לאַנד אָפט טרעפן א הונגער און, כאָטש דעם, זײַנען די קיניגלעכע אָפּצאָלונגען פון יאָר צו יאָר אַלץ גרעסער געוואָרן. די אָרעמעלײַט האָבן אויך איצטער, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, זיך געמוזט ווענדן נאָך הילף צו די רײַכע, לײַען בא זיי און פאַרזעצן בא זיי זייערע פעלדער און ווײַנגערטנער, כדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער און ניט רוּינירט ווערן פון די קיניגלעכע מעיוכאָסים, מיט וואָס צו באַצאָלן איז ניט געווען, פאַר די כויווס האָט מען געמוזט ווערן קנעכט פון די מעלאָווס.

פון אַמאָליקע יאָרן איז נאָך געווען א געזעץ, וועלכער איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אין די צײַטן פון ייִרמעיאָהו, אַז מע זאָל אָפּן זיבעטן יאָר באַפרײַען די באַצאָלן־אומפעיִקע באַלכויווס; נאָר די רײַכע און די מעיוכאָסים האָבן ניט אָפּגעהיט דעם דאָזיקן געזעץ, ענטפערנדיק: ווו איז ער, דער געזעץ? איצטער זײַנען גילטיק די קיניגלעכע געזעצן, און די אַלטע האָבן פאַרלוירן זייער קראַפט. ווען די קויהאַנים פלעגן פאָדערן מייסער, פלעגן די מעיוכאָסים זייער ניט גערן עס געבן אָדער פלעגן גאָרנישט ניט געבן; די קויהאַנים פלעגן זאָגן, אַז זיי באַגאַנווענען דערמיט יאַהווע, אַז גאָט וועט זיי דערפאַר שטראָפן, אַז ער וועט זיי פאַרברענען ווי שטרוי און נישט איבערלאָזן פון זיי ניט קיין וואָרצלען, ניט קיין צווײַגן, נאָר דאָס האָט קנאַפּ וואָס געווירקט. די גוטבאַזיצער פלעגן זיך מיסקאָרעוו און מיסכאַטן זײַן מיט פרעמדע און אַנדערשגלויביקע סאָרים פון די בניי־האַמוין, בניי־אָדאָם און פון די אַרמים; די דאָזיקע היסקאָרוועס איז שטאַרק ניט געפעלן געווען די קויהאַנים, ווײַל די, וואָס פלעגן זיך מיסכאַטן זײַן מיט מענטשן פון אַן אַנדער גלויבן, פלעגן אינגאַנצן פאַרגעסן אָן בייס־המיקדעש און פלעגן אפילע אָנהייבן דינען די געטער פון זייערע פרויען. און די קויהאַנים האָבן ווידער אָנגעהויבן זוכן מיטלען, וויאַזוי צו צווינגען די בניי־יעהודע, אַז זיי זאָלן זיך אונטערוואַרפן אונטערן געזעץ פון יאַהווע.

די קויהאַנים האָבן זיך קוידעמקאָל באַרעכנט, אַז ס׳איז טאַקע נישטאָ איצט אַזאַ געשריבענער געזעץ, וועלכן אַלע בנײ־יעהודע זאָלן זײַן מעכויעוו אָפּצוהיטן, עמעס, די קויהאַנים האָבן געהאַט די טוירע פון יאָשיִאָהו, זיי האָבן אויך געהאַט אַנדערע ספאָרים, אין וועלכע ס׳זײַנען פאַר דער צײַט פון גאָלעס פאַרשריבן געוואָרן פיל כוקים. נאָר אָט די אַלע געזעצן האָבן ניט געהאַט קיין קראַפט אַן אַ קיניגלעכער פאַראָרדענונג; ס׳האָט אָפּגעהענגט בלויז פון גוטן ווילן פון פאָלק פאָלגן אָדער ניט פאָלגן די קויהאַנים; דאָס ניט פאָלגן האָט זיך פאַר קיין פאַרברעכן ניט גערעכנט, אויסער דעם, זײַנען די אַלע געזעצן צעוואָרפן אין פאַרשיידענע ספאָרים, זיי זײַנען ניט געבראַכט געוואָרן אין קיין סיידער און זײַנען ניט אַלעמען באַקאַנט געווען.

די קויהאַנים פון יערושאָלאַיִם האָבן געפילט, אַז מע מוז צוציִען אויף זייער צאַד דעם קיניג, ער זאָל זיי העלפן, ער זאָל מיט זײַן מאַכט באַשטעטיקן דעם געזעץ, וועלכן די קויהאַנים וועלן צוזאַ־מענשטעלן און וועלן באַשליסן אײַנצופירן, נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן צו טראַכטן, וואָס פאַר א געזעץ דאַרף עס זײַן. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער געזעץ זאָל באַשטימען ניט נאָר דעם סיידער פון דער אַווידע, זאָל געבן ניט נאָר טיקונים אין עמונע־זאַכן און זאָל באַשטימען די כויוו־גאָבן פאַר די קויהאַנים; זיי האָט זיך געוואָלט, אַז דער געזעץ זאָל איבערגעבן אין זייערע הענט נאָר די מאַכט, זיי זאָלן מישפּעטן און פאַרוואַלטן מיט גאַנץ יעהודע; זיי האָבן געדענקט אויף אַזאַ אויפן: אויף דער ערד האָט מער יעהודע קיין קיניג ניט, פאַרבליבן איז נאָר זייער קיניג אין הימל, יאַהווע; און מיר, קויהאַנים, זײַנען דאָך, אַזוי צו זאָגן, די שעליכים פון דעם דאָזיקן הימלשן קיניג, ווײַל יאַהווע אַליין האָט באַשטימט יאָשיִאָהון פאַר א קויהען גאָדל. זיי האָט זיך געוואָלט, אַז דער קומענדיקער געזעץ זאָל זײַן אַזוי הייליק און אַלטערטימלעך, ווי דער סייפער־האַבריט אָדער סייפער־האַטוירע פון יאָשי־יאָהון, וועגן וועלכע מע האָט דערציילט, אַז זיי האָט יאַהווע אַליין געגעבן דורך מוישען, ווען די בנײ־ייִסראָעל האָבן געוואַנדערט איבערן מידבער, הייסט עס, אַז ס׳איז ניט קיין גרינגע זאַך געווען, צונויפשטעלן אַזאַ מין געזעץ האָט ניט איטלעכער געקענט. צווישן די קויהאַנים פון יערושאָלאַיִם, וועלכע זײַנען געווען פאַרנומען מיט פּראַקטישע איניאָנים, מיט פאַרוואַלטן מיטן בײס־האַמיקדעש און מיט דער אַווידע, זײַנען געווען ווייניק געלערנטע מענטשן. די געלערנטע ייִדן זײַנען געווען צע־שפּרייט אין באָוול, מיצראַיִם, דאָרט, ווו ס׳זײַנען געווען גרויסע ביבליאָטעקן, ווו מע האָט געקענט זיך פאַרנעמען מיט אויספאָרשונגען.

אין באָוול האָט גראָדע געלעבט דאַן אַזאַ מענטש, אין וועלכן ס׳האָבן זיך גענייטיקט די קוי־האַנים פון יערושאָלאַיִם. דאָס איז געווען עזרא, וועלכער האָט געפירט זײַן אָפּשטאַמונג פון דעם



די שטעט, ווו מע פלעגט אָנצינדן פײַערן, קעדיי מוידיִע זײַן וועגן דעם, אַז עס קומט אָן ראָשכוידעש

קויהען גאָדל צאַדעק. פאַרוואָס איז ער פאַרבליבן אין באָוול און האָט זיך נאָך ביז איצט ניט אומגעקערט פון גאָלעס, ווייסן מיר ניט; מיסטאמע האָט ער פאַרנומען עפּעס א גרויסע שטעלע באם הויף פון פּערסישן קיניג, אזוי ווי זײַן פרײַנט און מיטאַרבעטער נעכעמיע. עזרא איז געווען א סויפער, דאָס הייסט, א מענטש, וואָס האָט געוווּסט די ספאָרים, א געלערנטער; ער האָט געוווּסט אַלע געזעצן פון ייִסראָעל, און עזרא האָט מיט דער הילף פון די קויהאַנים און אנדערע סאָפרים צוזאמענגעשטעלט די טוירע מוישע, דעם סייפער־האַטוירע, ווי ער הייסט בא די ייִדן, דאָס הייסט, די ערשטע פינף ספאָרים פונעם טאנאַך, דעם כומעש. צוזאמענגעשטעלט האָט ער דעם סייפער לויט די פריִערדיקע געזעצן פון ייִסראָעל און לויט די געזעצן, וואָס זײַנען פאַרשריבן געוואָרן אין גאָלעס; ס׳פאַרשטייט זיך, מיט א סאַך שינויִם, א סאַך האָט ער דורכגעלאָזן און א סאַך מויסעף געווען; ער האָט אויך אויסגעניצט די ספאָרים, אין וועלכע ס׳ווערט דערציילט די אוראַלטע געשיכטע פון דער וועלטבאשאפונג און פון דעם פאָלק ייִסראָעל, קעדיי צו דערציילן, ווען און וויאזוי זײַנען געגעבן געוואָרן די דאָזיקע געזעצן. דערנאָך האָט עזרא געקראָגן באם קיניג אַרטאַכשאַכסטא (אַרטאַקסערקס) א דערלויבעניש אָפּצופאָרן קיין יעהודע מיט אַלע קויהאַנים, לייווים און פּאָשעטע מענטשן, וועלכע וועלן מאַסקים זײַן צו פאָרן מיט אים, און האָט אויך זיך דערשלאָגן אזא פאַראָרדענונג: עזרא ווערט געשיקט פון קיניג און פון זײַן ראַט פון זיבן ווי א קיניגלעכער באפולמעכטיקטער, קעדיי צו מאכן א רעוויזיע איבערן לאַנד יעהודע אפן גרונט פונעם געזעץ פון זײַן גאָט און קעדיי צו באשטימען שאָפטים און פאַרוואַלטערס אין יעהודע, וועלכע זאָלן קענען דעם געזעץ פון גאָט פון די בניי־יעהודע; איטלעכער, וואָס וועט ניט פאָלגן די געזעצן פון עזראס גאָט און פון קיניג, מוז געמישפּעט און באַשטראָפט ווערן מיט טויט אָדער פאַרטריבן, שטראָפירט אָדער אַרײַנגעזעצט ווערן אין טפיסע; און די פּערסישע פאַרוואַלטערס מוזן גלײַך אַרויסגעבן אַלץ, וואָס עזרא וועט פאָדערן, און העלפן אים, מיט וואָס נאָר ס׳וועט זײַן מעגלעך, און זיי טאָרן פון הײַנטיקן טאָג אָן ניט פאָדערן קיינע קיניגלעכע אָפּצאָלונגען פון די קויהאַנים, לייווים און אַלע איבעריקע, וואָס דינען באם בייס־האמיקדעש. אויסער דעם, האָט דער קיניג אַליין געגעבן מאַטאָנעס אָף צו באפּוצן דעם בייס־האמיקדעש און צוצוגעבן אים א שענערן און פּרעכטיקערן אויסזען.

מיט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג איז עזרא, וועלכער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם סייפער־האַטוירע פון מוישע, אוועקגעפאָרן קיין יערושאָלאַיִם; מיט אים איז מיטגעפאָרן א נײַע פּאַרטיע איבערוואַנדערער, וועלכע איז באשטאַנען קימאַט אויסשליסלעך פון קויהאַנים און לייווים. אָנגעקומען קיין יעהודע, האָט עזרא איבערגעגעבן די קיניגלעכע פאַרוואַלטערס די קיניגלעכע פאַראָרדענונג און איז גלײַך צוגעטראָטן צום אײַנפירן דעם נײַעם געזעץ. דאָס איז געווען אין 458־טן יאָר.

קוידעמקאָל האָט עזרא אָנגעהויבן פאָדערן, אז די בניי־יעהודע זאָלן זיך פולשטענדיק אָפּזונדערן פון אַלע איבעריקע פעלקער. אז ער האָט זיך דערוווּסט, אז ביז איצט פלעגן גאַנץ פרײַ געשלאָסן ווערן געמישטע שידוכים, האָט ער געפאָדערט, אז ס׳זאָלן זיך גלײַך אופהערן אָט די פאַרברעכנס קעגן געזעץ. מע האָט צונויפגערופן די גאַנצע אײדע אָף א פאַרזאַמלונג. אַלע, אויב זיי ווילן נאָר ניט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער אײדע פון די בניי־ייִסראָעל, האָבן געמוזט קומען. אז דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט, איז עזרא אופגעשטאַנען און האָט געזאָגט: „איר האָט געפעלשט אין גאָט דערמיט, וואָס איר האָט זיך גענומען פרעמדע פרויען און מיט דעם האָט איר פאַרמערט די זינד פון ייִסראָעל, טוט טשוווע צו יאַהווע, אײַער גאָט, טוט זײַן ווילן און שיידט זיך אָפּ פון די פעלקער פון לאַנד און פון די היידנישע פרויען". די פאַרזאַמלטע האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן; ניט קוקנדיק אָף דער רעגנדיקער הארבסטצײַט, האָבן זיי געמוזט פיל מאָל גיין און פאָרן קיין יערושאָלאַיִם, ביז ס׳האָט זיך ניט פאַרענדיקט די אויספאָרשונג, ווער ס׳האָט כאַסענע געהאַט מיט א ניט־ייִדישער פרוי; די דאָזיקע אַלע זיווּגים זײַנען באָטל געוואָרן; די מענער האָבן געמוזט אוועקוואַרפן זייערע פרויען און קינדער און אָף לעהאַבאָ מיט זיי קיין מאגע אומאַסע ניט האָבן. און קעדיי בעסער אײַנצוהיטן די בניי־יעהודע פון יעדן ניסאָיען, האָט עזרא אַרומגעצאַמט יערושאָלאַיִם מיט א הויכער וואַנט און האָט פאַרבאָטן פרעמדע אַרײַנצודרינגען אין שטאָט; איצט האָט מען אויסגעבויט א מויער אויך אין דאָרעם־זײַט אין דער לעגן פון דעם טאָל הייִנאָם, וווּ ס׳איז פאַרן גאָלעס ניט געווען קיין קאָמפּאַקטער מויער.

עזראס שטרענגע אײַנפירונגען האָבן גלײַך אַרויסגערופן אומרוען. פאַר פיל מענטשן איז דאָך ניט אזוי לײַכט געווען זיך צעשיידן מיט זייערע פרויען און קינדער, צעשטערן זייער גאַנצן פאַמיליענלעבן; בא פיל איז געבליבן בעסער צו לײַדן פון עזראס און דעם קיניגס צאָרן, איידער אָפּצוטאָן אזא אַכזאָריעסדיקע זאַך. און די אנדערשגלויביקע זײַנען אויך געוואָרן אופגערעגט. זיי האָבן ניט נאָר ראַכמאָנעס געהאַט אָף זייערע טעכטער, וועלכע האָבן געליטן פון עזראס געזעץ. דער פאַרבאָט אַרײַנצודרינגען אין יערושאָלאַיִם האָט געקענט זיי אינגאַנצן רויִנירן, ווײַל פיל פון זיי האָבן געהאַט מיט די אײַנוווינער פון יערושאָלאַיִם קאָלערליי געשעפטן, און עזרא האָט זיך גלײַך איבערצײַגט, אז די זאַך איז ניט אזוי פּאָשעט, ווי ער האָט געמיינט, אין מויער האָט מען דורכגעבראָכן לעכער, דורך

וועלכע מ'האָט געקענט אַרײַנדרינגען אין שטאָט, אויסמײַדנדיק די וועכטער, וועלכע זײַנען געשטאַנען בײַ די טויערן. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז די טויערן פֿון ירושלאַיִם זײַנען גאָר פֿאַרברענט: בײַ דער נאַכט האָט זיי עמעצער אונטערגעצונדן און דעם שולדיקן האָט מען ניט געפֿונען. פֿיל מענער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיידן זיך מיט זייערע פֿרויען און קינדער; די קיניגלעכע פֿאַרוואַלטערס האָבן עזראַן ניט מיטגעפֿילט און אים ניט געשטיצט, מע האָט געמוזט צום צווייטן מאָל זיך ווענדן צום קיניג.

דער קיניג האָט געהאַט אַ סאָר־האַמאַשקים פֿון די בני־יהודה, נעכעמיע. מע האָט זיך געווענדט צו אים און געבעטן, ער זאָל אויסניצן זײַן גאַנצע ווירקונג אויפֿן קיניג לעטיוועס עזראַס איניען. נעכעמיע האָט אָנגעהויבן זיך מישטאַדל צו זײַן און האָט געקראָגן בײַם קיניג אַ פֿאַראָרדענונג, אין וועלכער ס'ווערט באַפֿוילן נעכעמיען אויסצובויען מויערן און טויערן אַרום דעם בייס־האַמיקדעש, און נעכעמיע גופֿא ווערט באַשטימט פֿאַר אַ פֿאַרוואַלטער פֿון געגנט יהודה. אַז נעכעמיע איז געקומען צו פֿאָרן קיין ירושלאַיִם, האָט ער גערופֿן אויף מוז־אַרבעט די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון יהודה, קעדיי צוריק אויסצובויען די מויערן און טויערן; אַז פֿיל האָבן זיך אָפּגעזאָגט, אָנווײַזנדיק, אַז זיי זײַנען געוואָרן קנעכט פֿאַר זייערע כויוועס און קענען ניט אַוועקגיין פֿון זייערע האַרן, האָט נעכעמיע באַפֿוילן צו באַפֿרײַען אַלע קנעכט, וועלכע האָבן אָפּגעדינט זיבן יאָר, אַזוי ווי ס'האָט געדאַרפֿט זײַן לויט דער טוירע; לעסאָף האָט ער געמאַכט אַ ציילונג פֿון אַלע בני־יהודה, קעדיי צו וויסן, ווער ס'איז מעכויעוו זיך אונטערצוּוואַרפֿן די קויהאַנים פֿון בייס־האַמיקדעש און ברענגען זיי גאָבן. נעכעמיעס דאָזיקע טעטיקײַט האָט אויך אויפֿגערעגט קעגן אים פֿיל פֿון די מעיוכעסדיקע בני־יהודה און פֿון די פֿרעמדע פֿעלקער; מע האָט אַפֿילע געמאַסערט אים צום קיניג, אַז ער וויל זיך דערקלערן פֿאַר אַ קיניג. נאָר נעכעמיען האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַרעכטיקן זיך פֿאַרן קיניג און האָט ווײַטער געטאָן זײַן אַרבעט. איצטער איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז ניט צו מאַכן און מע מוז זיך אונטערגעבן. עזרא און נעכעמיע האָבן מער קיין ווידערשטאַנד ניט באַגעגנט און זיי האָבן באַשלאָסן פֿאַרענדיקן די זאַך מיט אַ פֿײַערלעכער פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון דער סייפֿער־האַטוירע און מיט אַ שוווּע צום נײַעם געזעץ.

דער טערמין צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם געזעץ און צו ברענגען די שוווּע איז באַשטימט געוואָרן אין 444־טן יאָר צום האַרבסט־יאָמטעוו סוקעס, צו וועלכן ס'קלײַבט זיך געוויינלעך צונויף אין ירושלאַיִם אַ גרויסע צאָל מענטשן. די שעליכים, וועלכע עזרא און נעכעמיע האָבן פֿאַנאַנדערגעשיקט, האָבן נאָך באַצײַטנס, מיט עטלעכע טעג פֿאַרן יאָמטעוו, צונויפֿגעקליבן דאָס פֿאָלק קיין ירושלאַיִם, קעדיי צו פֿאַרעפֿנטלעכן די טוירע. די סייפֿער־האַטוירע, וואָס עזרא האָט מיטגעבראַכט פֿון באָוול, איז געווען זייער אַ גרויסע, מע האָט זי ניט געקענט פֿאַרעפֿנטלעכן אויפֿן געוויינלעכן אויפֿן, ווי מע פֿלעגט טאָן אַמאָל, דאָס הייסט אויסקריצן די געזעצן אויף שטיינערנע טאָוולען און אויסשטעלן די טאָוולען אויפֿן הויפּט־פּלאַץ פֿון ירושלאַיִם. דעריבער האָט מען צונויפֿגערופֿן אַ ספּעציעלע פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג קיין ירושלאַיִם בײַ די וואַסער־טויערן. דאָס פֿאָלק האָט זיך צונויפֿגעקליבן באַגינען; אויפֿן פּלאַץ איז געווען אײַנגעאָרדנט אַ בימע, אויף וועלכע ס'האָט זיך געשטעלט דער סויפֿער עזרא, האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט די מעגילע, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט, און האָט אָנגעהויבן לייענען. געלייענט האָט ער פֿון באַגינען ביז האַלבן טאָג און נאָכדעם, ווי ער האָט פֿאַרענדיקט דאָס לייענען, האָט ער אויפֿגעהויבן די מעגילע און האָט געבענטשט מיט איר דאָס פֿאָלק; אַלע זײַנען געפֿאַלן צו דער ערד פֿאַר דער טוירע פֿון יאַהווע און האָבן געוויינט. נאָכדעם ווי עזרא האָט איבערגעלייענט די טוירע, האָט מען זי ווידעראַמאָל געלייענט. די לייווים האָבן צעטיילט דאָס פֿאָלק אויף קליינע גרופּעס און האָבן פֿאַר זיי געלייענט די וויכטיקסטע פֿראַגמענטן פֿון דער טוירע, דערקלערט זיי, קעדיי אַלע זאָלן פֿאַרשטיין, וואָס מע האָט געלייענט. דערנאָך האָט מען געפּײַערט דעם יאָמטעוו סוקעס לויטן נײַעם געזעץ אַזוי, ווי מע האָט אים נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געפּײַערט, דורכויס האָט מען געמאַכט סוקעס פֿון צווײַגן פֿון אייל־בערטן־ביימער, אויף די דעכער פֿון די הײַזער, אין די הויפֿן, אויף די פּלעצער: דאָס איז גאָר אַן אויסערגעוויינלעכער יאָמטעוו, וועלכער האָט פֿאַרשאַפֿט גרויס סימכע דעם פֿאָלק. דער יאָמטעוו האָט זיך געענדיקט, און מע האָט ווידער צונויפֿגערופֿן אַ פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג צוליב דעם סאַמע פֿײַערלעכן אַקט: צו שווערן דער טוירע.

דאָס פֿאָלק האָט געשווירן מינדלעך, ער האָט געשווירן, אַז אויף לעהאַבאָ וועט עס קיין מאַגעאומאַסע ניט האָבן מיט די געצנדינער, וועלכע האָבן אַמאָל פֿאַרפּירט זײַנע אָוועס, ווי ס'שטייט געשריבן אין דער טוירע; מעהאַיוים וועהאָלאָ וועט זיך קיין זון און קיין טאָכטער פֿון יהודה ניט מיסכאַטן זײַן מיט זיי, דאָס פֿאָלק האָט געשווירן, אַז עס וועט הייליק אָפּהיטן די שאַבאָסים און יאָמטויווים, אַז עס וועט הייליק היטן דעם געזעץ וועגן דעם זיבעטן יאָר (שמיטע), ווען מע דאַרף באַפֿרײַען אַלע יידישע קנעכט. דאָס פֿאָלק האָט געשווירן ברענגען אין דער צײַט אַלע קאָרבאָנעס, וואָס מען מוז מאַקריוו זײַן יעדן טאָג, שאַבעס, ראָשכוידעש און יאָמטעוו, אַלע אוילעס און דעם קאָרבן טאָמיד, און צאָלן אין בייס־האַמיקדעש פֿאַר די קאָרבאָנעס און צאָלן אויף אויסצוהאַלטן דעם

בייס־האמיקדעש א דריטל שעקל א יאָר פון יעדן מענטשן. לעסאָף האָט דאָס פאָלק געשווירן, אז פון היינט אָן וועט עס שטרענג אָפּהיטן דעם געזעץ וועגן ברענגען פאר גאָט די ביקורים פונעם ברויט, ווייַן און אייל, די ביקורים פון פי און פון די מענטשן, אז עס וועט פּינקטלעך צאָלן מייסער די לייווים. ס׳איז פארבליבן אָפּטאָן נאָך איין זאך. יערושאָלאַיִם איז נאָך ביז איצט געווען ווייניק פארבויט און באפעלקערט; די קויהאַנים איז אויסגעקומען צו לעבן אין א לידיקער שטאָט, וואָס איז געווען שטארק ניט היימלעך און וואָס האָט געגעבן ווייניק אינטערעס. עזרא און נעכעמיע האָבן געהייסן וואַרפן גוירל, אז א צענטכיילעך פונעם פאָלק זאָל זיך באזעצן אַף שטענדיק אין יערושאָלאַיִם. מע האָט אזוי געטאָן, אין יערושאָלאַיִם זייַנען געוואָרן מער מענטשן, און זי איז טאקע געוואָרן די עמעסע הויפּט־שטאָט פון יעהודע.

נאָך סוקעס 444־טן יאָר האָבן די בניי־יעהודע אָנגעהויבן לעבן לויטן נייַעם געזעץ, הא̇גאַם ניט מיטאמאָל האָט מען אים גלייַך דורכויס אָנגעהויבן שטרענג אָפּהיטן, ניט קוקנדיק אַף די געגעבענע שוווּעס. נעכעמיען איז נאָך א לאנגע צייַט אויסגעקומען צו קעמפן מיט דעם, וואָס מע האָט אָפּט איוווער געווען אַף דעם געזעץ וועגן אָפּזונדערן זיך פון די געצנדינער, וועגן שאבעס־רו, וועגן דעם, אז מע זאָל אקוראט און צו דער צייַט ברענגען די אָפּצאָלונגען אַף אויסצוהאלטן די קויהאַנים, לייווים און דעם בייס־האמיקדעש. נאָר דאָך האָט איצט די איידע אין יעהודע באקומען אירע גרונט־געזעצן, איר היילִיקע קאָנסטיטוציע. פריִער האָבן די בניי־יעהודע געבילדעט א מעלוכע, איצטער א קויהאַנישע איידע. דער איבער־האר איז געווען דער פערסישער קיניג, וועלכן זיי האָבן געמוזט צאָלן צינש. נאָר אין די אינווייניקסטע איניאָנים האָבן פארוואלטעט די קויהאַנים פון בייס־האמיקדעש אין יערו־שאָלאַיִם. די קויהאַנים האָבן איצט געמישפּעט און באשטראָפט דאָס פאָלק אין נאָמען פון מוישעס טוירע, וועלכע איז געגעבן געוואָרן פון גאָט אליין; זיי פלעגן זאָגן, אז דורך זיי געוועלטיקט יאַהווע אליין, און זייער רעגירונג איז אין טאָך אריַין די רעגירונג פון יאַהווע אליין, א טעאָקראטיע. לאָמיר זשע זיך באקאנען, וואָס איז עס געווען פאר א טוירע און צי איז לייַכט געווען צו לעבן לויט דער דאָזיקער טוירע.

(פאָרזעצונג קומט)

פאָטאָ־פאַקט

כאזאָנים פון יִיסראָעל, פשא און קאנאדע בעשאס די גאסטראָלן אין ראטנפארבאנד, וועלכע זייַנען פאָרגעקומען סאָף יון אין מאָסקווע, לענינגראד, אָדעס און קיִעוו.

פאָטאָ. — א. סאָרקין

repressions. The August issue includes articles about Hirsh Bril, Chaim Gildin, Zorakh Grinberg.

Hirsh Bril (1901-1937)—publicist, member of the editorial board of the "Yungvald" ("Young Growth") magazine, editor of the "Pioner" magazine, was subjected to repression in 1937.

Chaim Gildin (1884-1944)—poet, participant of the civil war. He published several collections of poems and stories singing the romanticism of socialist building.

Zorakh Grinberg (1887-?)—public figure and publicist, worked in the Jewish Commissariat. An active figure in Jewish education, he engaged, in the 1920s-1930s, in social and pedagogical work. During the Great Patriotic War of 1941-1944 he was a member of the Jewish anti-Fascist Committee.

The current issue carries reviews by Moisei Margolin (Moscow) treating of Chaim Melamud's new book 'The Unforgettable", by Shimon Sandler (Tiraspol) examining the concise Yiddish-Russian Dictionary, supplement to the first four "Sovietish Heimland" 1989 issues, and by Hirsh Reles (Minsk) surveying Chaim Gurevich' book of poems "The Near Far-Off".

The magazine continues the publication of Sholom Aleichem's novel "Bloody Joke" (See issues 7-12, 1988, and 1-7, 1989).

The "Jewissh History" section carries new chapters of professor N. M. Nikolsky's book "The Ancient Israel People", dealing with the end of the Babylonian captivity.

The magazine furnishes information on Jewish life in the USSR.

Supplement to issues Nos 7—8
"Yungvald" N1

פאָטאָ־כראָניק

אין מאָסקווע און אין קיִעוו איז מיט גרויס דערפאָלג ארויסגעטראָטן דער ייִנגלעך־כאָר פון דער לאָנדאָנער ייִדישער זינגליד־שול, מיט וועלכער עס פירט אָן איגאל סאלעק.

פאָטאָ — א. סאָרקין

RÉSUMÉ

"Sovietisch Heimland" ("Soviet Homeland")
No 8, August 1989

The current issue contains the drama "Itsik Vitenberg" by Yakov Yosade (Vilnius). Its action unfolds in the Vilna ghetto in 1943 when the leader of the anti-fascist underground, Itsik Vitenberg, was confronted with a tragic alternative —either to preserve his life or to postpone, at the cost of his life, extermination of the entire ghetto. In corroboration of this historical fact the magazine quotes an extract from the book "The Vilna Ghetto" by the famous Jewish writer Avrom Sutskever ("Der Emes", Moscow, 1946).

Modern Jewish poetry is represented by the poems of Lipe Heller (Minsk) and Boris Mogilner (Moscow). The issue features the poems from the literary heritage of the Soviet Jewish poet Yakov Shternberg (1890-1973), accompanied with the reminiscences of Motl Polyansky (Kishinev) and Manya Landman (Moscow) about Ya. Shternberg.

Issue No 8 carries new chapters of the autobiographical novel "Hard Years" by Hershl Polyanker (Kiev) (See Nos 4 and 6, 1989), and the travel notes by Andrei Ostalsky (Moscow), entitled "Seven Days in Israel".

The magazine publishes the historic report, in Yiddish translation, N. S. Khrushchev made at the 20th Congress of the Communist Party of the Soviet Union (to be concluded in the next issue).

The current issue offers a variety of articles on literary criticism and bibliography. In his article entitled "Researcher, Critic, Fighter", Zalman Libinzon (Gorky) deals wit hthe prominent literary and public figure Isaak Nusinov (1889-1950) whose centenary is being commemorated this year. I. Nusinov was born in the town of Chernikhov, not far from Zhitomir. On finishing, as an external student, a gymnasium in Warsaw, he joined the workers' movement to become an active member. After the defeat of the 1905 Revolution he spent 12 years in emigration — in Switzerland and Italy. In his return to Russia, in 1917, he joined the Bolshevik Party, in 1919. Isaak Nusinov devoted thirty years of his life (from 1918 to 1948) to Jewish literature, writing numerous works on the history and theory of literature and engaging in pedagogical activity. In 1949 he was arrested, on a false charge, together with other great figures of the Jewish culture, to die in prison in 1950.

Usher Spektor (Moscow) tells of the fate of Isaak Babel's last works, one of which—the autobiographical novel "The History of my Pigeon-Loft" was, as the author managed to establish, turned out, in Yiddish translation, by "Der Emes" Publishers, after the writer's arrest on May 15, 1939.

Associated with these materials is the section "Our Memorial" which speaks of the Jewish literary men and public figures who fell victim during the stalinist

К этим материалам примыкают публикации под рубрикой «К нашему мемориалу», рассказывающие о жертвах сталинщины — еврейских литераторах и общественных деятелях. В восьмом номере журнала помещены статьи о Гирше Бриле, Хаиме Гильдине, Зорахе Гринберге.

Гирш Бриль (1901—1937) — публицист, член редколлегии журнала «Юнгвалд» («Молодая поросль»), редактор журнала «Пионер». Репрессирован в 1937 году.

Хаим Гильдин (1884—1944) — поэт, участник гражданской войны. Он опубликовал несколько поэтических сборников и прозаических произведений. В своих книгах воспевал романтику социалистического строительства.

Зорах Гринберг (1887—?) — общественный деятель, публицист. Работал в Еврейском комиссариате. Активный деятель еврейского народного образования. В 20—30-е годы занимался общественной и педагогической работой, во время Великой отечественной войны был членом Еврейского антифашистского комитета.

В восьмом номере журнала публикуются рецензии Моисея Марголина (Москва) на новую книгу Хаима Меламуда «Незабываемое», Шимена Сандлера (Тирасполь) о кратком идиш-русском словаре, вышедшем в виде приложения к первым четырем номерам «Советиш геймланд» за 1989 год и Гирша Релеса (Минск) о книге стихов Хаима Гуревича «Далекое — близкое».

Журнал продолжает публикацию романа Шолом-Алейхема «Кровавая шутка» (начало см. в номерах 7—12 за 1988 и 1—7 за 1989 год).

Под рубрикой «Еврейская история» журнал продолжает печатать книгу проф. Н. М. Никольского «Древний народ израиль». Очередные главы посвящены периоду возвращения из вавилонского плена.

Журнал информирует читателей о новостях еврейской жизни в СССР.

Приложение к №№ 7—8
«Юнгвалд» № 1

טיקן־טאָעס

דעם אונטערשריפט אונטער דער פאָטאָגראַפיע אפן זײַטל 137 אינעם אַפּרעל־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאר ה. י. דארף מען לייענען אזוי: „אין אזא שטוב איז געבוירן געוואָרן ע. רינגעלבליום“.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 8, август, 1989

В номере публикуется драма Якова Иосаде (Вильнюс) «Ицик Витенберг». Действие пьесы разворачивается в 1943 году в Виленском гетто. В ценрте ее — судьба руководителя антифашистского подполья Ицика Витенберга, оказавшегося перед трагическим выбором — сохранить свою жизнь или отсрочить ценой своей жизни уничтожение всего гетто. В качестве исторической справки приведен отрывок из книги известного еврейского писателя Аврома Суцкевера «Виленское гетто» (Москва, «Дэр Эмес», 1946).

Современную еврейскую поэзию представляют стихотворные циклы Липы Геллера (Минск) и Бориса Могильнера (Москва). В номере печатается также цикл стихов из литературного наследия советского еврейского поэта Якова Штернберга (1890—1973). В этой публикации примыкают воспоминания Мотла Полянского (Кишинев) и Мани Ландман (Москва) о Я. Штернберге.

Журнал печатает дальнейшие главы автобиографической повести Гершла Полянкера (Киев) «Трудные годы) (начало см. в №№4 и 6 за 1989) и путевые заметки Андрея Остальского (Москва) «Семь дней в Израиле».

Читатель сможет познакомиться с текстом исторического доклада Н. С. Хрущева на XX съезде КПСС в переводе на еврейский язык (конец публикации — в следующем номере).

Широко представлены в этом номере «Советиш геймланд» статьи и заметки по литературоведению и библиографии. Залман Либинзон (Горький) в статье «Исследователь, критик, борец» рассказывает о видном литературном и общественном деятеле Исааке Нусинове (1889—1950), столетие которого отмечается в этом году. И. Нусинов родился в местечке Чернихов, недалеко от Житомира. Закончив экстерном Варшавскую гимназию, он активно включился в рабочее движение. После поражения революции 1905 года провел 12 лет в эмиграции — в Швейцарии и Италии. Вернулся в Россию в 1917, вступил в партию большевиков (1919). Тридцать лет (с 1918 по 1948) Исаак Нусинов посвятил еврейской литературе. Он был автором многочисленных работ по истории и теории литературы, занимался педагогической деятельностью. В 1949 он был арестован по ложному обвинению вместе с другими крупными деятелями еврейской культуры, умер в тюрьме в 1950.

Ушер Спектор (Москва) рассказывает о судьбе последних работ Исаака Бабеля. Автору удалось, в частности, установить, что одна из них — автобиографическая повесть «История моей голубятни» — вышла в издательстве «Дэр Эмес» в переводе на идиш уже после ареста писателя 15 мая 1939 года.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. **ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон, Х. Меламуд,
Б. Могильнер, Г. Полянкер, Б. Сандлер,
А. Тверской, И. Шрайбман,
И. Шустер, Г. Эстрайх (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 928-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
В. Соколова, Н. Завадская
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.05.89. Подписано к печати 25.07.89. Формат 70X108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 1513.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
В/О «Совэкспорткнига» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
121019, Москва, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1989

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Цена 70 коп.
70821
issn 0134—4315

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Я. Иосаде. Ицик Витенберг (пьеса).

Стихи Л. Геллера, Б. Могильнера.

Я. Штернберг (1890—1973). **Из литературного наследия.** М. Полянский, М. Ландман. Воспоминания о Я. Штернберге.

Г. Полянкер. Трудные годы (повесть, продолжение).

О культе личности и его последствиях: Доклад Н. С. Хрущева XX съезду КПСС.

Литературная критика. Библиография. З. Либинзон. Исследователь, критик, борец (к 100-летию со дня рождения И. Нусинова). У. Спектор. Исаак Бабель. К истории его последних книг.

К нашему мемориалу. Г. Бриль (1901—1937), Х. Гильдин (1884—1944), З. Гринберг (1887—?).

Короткие рецензии. М. Марголин. Творческое богатство (о книге Х. Меламуда «Незабываемое»). Ш. Сандлер. Важная и своевременная работа (о «Кратком идиш-русском словаре»). Г. Релес. Самобытно и талантливо (о поэтическом сборнике Х. Гуревича «Далекое — близкое»).

Еврейская история. Н. М. Никольский. Древний народ израиль (продолжение).

Новости еврейской культуры.

Резюме на русском и английском языке.

1989

№ 8